STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06660

OYFN SHAYDVEG

Golde Gutman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גאָלדע גוטמאַן (קדימער)

אויפן שיידוועג

ראָמאַן

●

בוענאָס־איירעס — 1958

פון גאַנצן האַרצן ווידמע איך דאָס בוך פאַר
מיין איבערגעגעבענער פריינדין און חברטע,

סאָניע סניטקאָווסקי (ריאָ — בראַזיל)

אַ באַזונדערן דאַנק פאַר מיינע לאַנדסלייט,
פאַר זייער האַרציקייט, בשעת איך האָב מיך
געפינען צווישן זיי. דאָס איז:

צילי כאַכאַמאָוויטש
שרה כאַכאַמאָוויטש
זשעני גיסערמאַן
(ניטעראָי, בראַזיל)

חווה־רחל בוזאַק
יאַנקעלע פוסטילניק
גדליהו גרוזמאַן
(ריאָ דע זשאַנעיראָ)

גאָלדע גוטמאַן (קרימער)

ווען חוהלע האָט געעפֿנט די אויגן, איז שוין די גאָלדענע זון געשטאַנען הינטערן פֿענצטער און געדופֿן, געהייסן אויפֿשטיין און זיך נעמען צו איר געוויינלעכן טאָג אַרבעט אין פּעטערס שטוב. חוהלע האָט אָפּגעגעגעצט און אָפּגעצויגן אויף זיך דאָס לאַנגע ראָזע נאַכטהעמד מיט קרוזשעוועס אַרום די טיפֿע אויסשניטן פֿון האַלדז מיט די הענט. זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם ריח פֿון ריינקייט פֿון ווייס־באַצויגענעם דיוואַן אין ווינקל פֿון גרויסן פּירעקיקן זאַל.

אין זאַל איז געווען האַמעטנע שטיל און קיל. דער לאַנגער דעמבענער טיש און די צוועלף געבעטע שטולן אַרום אים, די גרויסע דריי־שפּיגלדיקע שאַפֿע מיט דעם קרעדענץ, אַ באַשטעלטן מיט ניקלנע און גלעזערנע חפֿצים, דער באַפֿרענדזלטער פּאָרהאַנג פֿון שווערן רויטן זייד איבער דעם ברייטן פֿענצטער צו דער גאַס און דער הענגלאָמפּ מיט צוועלף מנורהלעך, וועלכער איז געהאַנגען איבערן טיש — אַלץ האָט געוועקט אין איר סיי דרך־ארץ און סיי דעם געפֿיל פֿון עלנט און איינזאַמקייט און אויך ענדלאָזע בענקשאַפֿט אַהיים צו איר בעסאַראַבישן דערפֿל, פֿון וועלכן דער רייכער פּעטער האָט זי אַהערגעבראַכט.

אירע גרויסע אויגן, ווי שטילע ברוינע טויבן אין גאָלדענע שטייגן, האָבן זיך געריסן אין דער ווייטקייט ווי איבערצובריכן די אייזערנע קראַטעס פֿון פֿענצטער, און זי, חוהלע, זאָל זיך דאַן אויפֿהייבן און אַוועקפֿליען אַהיים, צוריק צום טאַטן מיט דער מאַמען און ברודער איציקל, וועלכע זענען געשטאַנען פֿאַר אירע אויגן און האָבן זי געדופֿן, געצויגן צוריק. אָבער כדי צו דערשטיקן אין זיך דעם אימפּעט, וואָס האָט ווי אַ קוואַל אַרויסגעשלאָגן פֿון איר לייב־און־לעבן און האָט זי געטריבן צו באַגיין אַ עוולה קעגן דעם פּעטער מיט דער מומען, האָט חוהלע געפּרוּווט אַנווענדן דעם שכל אָנשטאָט דעם געפֿיל:

— ניין! אַ מענטש טאָר זיך נישט לאָזן אַראָפּפֿירן פֿון גלייכן וועג...

מען קען גאָר'נישט זאָגן, אַז איר איז דאָ, חלילה, שלעכט. די מומע רוזשע איז אַ שרייערקע, אָבער אין האַרצן איז זי דאָך אַ שטיקל מענטש. די מומע האָט דאָך איר געגעבן אַ גאַנצן נדן... צוויי נאַכטהעמדער ווי די בעכערס, איינס אַ ווייס, איינס אַ רויטס, אָבער ביידע זיידענע... וויי־וויי! און קליידלעך פון איר טאַטער רבקהלע און אַ קאָסטיומל פון ווייסן סאַטין מיט אַ רויטן קאָלנער און רויטע מאַנקעטן. זי, חווהלע, האָט די מלבושים איבערגענייט, געמאַכט אַ ביסעלע באַקוועמער, לענגער, און זיי פּאַסן איר, מלא חן...

ווען אירע חברטעס פון דער גרדוניה זעען די נאַכטהעמדער, וואָלטן זיי זיכער געמיינט, אַז עס זענען פּעניוואַרן. דעם טאַטנס שכנה, רויזע די מילכיקערן, האָט טאַקע אַזוינע געניצט אַלס קליידל. זי האָט זיי געטראָגן אויף חתונות און בריתן און זיי אויך געליִען די ווייבער פון דערפל זיך אויסצופּוצן אויף שמחות. רויזע האָט די העמדער געקראָגן צוגעשיקט פון איר טאַכטער צעסל, אין אַמעריקע.

ווען די טאַכטער פון אַמעריקע האָט דערזען אויפן בילד די אויסגע־פּוצטע מאַמע, האָט זי איר געשריבן, אַז אין אַמעריקע איז אַזאַ מלבוש — אַ נאַכטהעמד... און די מאַמע זאָל זיך נישט ערגערן. אין אַ צווייט פּעקל וועט מען איר אַרויסשיקן קליידער, אמתע אַמעריקאַנער מלבושים...

די מומע רוזשע האָט איר אויך געגעבן צוויי רידיקולן און שיך. וויי־וויי! אפשר דריי פּאָר. זיי קוועטשן אַ ביסל אין די פינגער, אָבער חווהלע וועט זיי צעשטופּן. וואָסי, עס וואַלגערט זיך געלט?... אַז דער פעטער וועט איר געבן אויף נייע שיך, וועט זי דאָס געלט אַפּשיקן צו דער מאַמען. זאָל די מאַמע נישט וויסן, אַז איר קינד איז טרויעריק און וויינט צען מאָל אַ טאָג.

ניט די מאַמע און ניט די מומע מיטן פעטער, וויסן, אַז איר, חווהלעס, יאַשטשיק מיט די היימישע זאַכן, שטייט אָט־אָ־דאָ אונטער דעם דיוואַן, און זי געפינט אין זיי אַ טרייסט. ווען זי וועט חתונה האָבן און ווערן אַ גבירנטע וועט זי דעם יאַשטשיק מיט די זאַכן באַהאַלטן אויפן בוידעם, באַהאַלטן ווי אַן אייביקן אָנדענק.

די מאַמע האָט זיך, נעבעך, פאַרליִען, פאַרבאָרגט און האָט מיטגעגעבן דעם קינד אַ שטיקל אויסשטייער. זעקס נייע העמדער פון געלער לייוונט, דריי מיט אַרבעלעך, דריי אויסגעשניטענע און מיט סקלאַדקעלעך און מיט בלענדעלעך, וואָס די מאַמע אַליין האָט אויסגעהעקלט פון ווייסן גאַרן.

די מאַמע האָט איר אויך אויפגענייט דריי אונטער־קליידלעך פון רויטן ציץ מיט ווייסע פּאַסיקלעך, אונטערקליידלעך מיט שלאַרקעס און מיט שליי־

קעס, פיר פאַר אונטערהויזן, צוויי פון געלער לייוונט און צוויי פון רויטער בומעזייקע. די הויזן זענען לאַנגע, צום אַריינלאָזן אין די וואָלענע זאָקן, וועלכע די מאַמע האָט איר מיטגעגעבן צום נוצן אין די קעלטן.

אַ גאַטס עבירה וואָס דאָ וועט זי, חוהלע, ניט דאַרפן נוצן די היימישע הויזן, אַ שאָד.

די מומע רוזשע האָט איר געגעבן זיידענע הייזעלעך פון איר טאָכטער רבקהלע, אָבער זיי האָבן נישט דעם חן און נישט דעם אויסשניט ווי די היימישע. זיי געפעלן איר בעסער. זיי זענען פאַרמאַכט פון ביידע זייטן... שטאַרק זענען זיי — פאַר לאַ מוערטע!...

די גויאישע לייוונט שמעקט מיט דאַרפישקייט, מיט געלער זייף און מיט באַליגע פון די פריש־געשייערטע ערדן אין טאַטנס שטיבעלע.

אָבער נישט אַלץ האָט די מומע באַפוילן צו באַגראָבן אין יאַשטשיק: — האָט חוהלע דערלייכטערט אָפּגעזיפּצט. — זי, חוהלע, האָט נאָך אַ ווייס גאַרעסן שאַלעכל מיט זיידענע פראַנדזן און צוויי יופּקעלעך פון בלויען ציץ מיט ווייסע פּינטעלעך, צוויי קאָפּטעלעך פון ראָזן באַטיסט, און אַ זשאַקעטל פון פּליוש. דאָס זשאַקעטל האָט די מאַמע איבערגעגעבן פון דער באָבע צייטלס חתונה־ראַזעוועלקע. דאָס אַנדערע זשאַקעטל איז איבערגעגעבן פון דער מאַמעס אַ רעטאַנדע. און דערצו איז עס נאָך אונטערגעשלאָגן מיט אַ בייער וואַטעוועקע. אַ, ווען זי האָט אין דער היים אָנצוטאָן אַזאַ זשאַקעטל, אַ!...

די חברטעס פון דער גרדוניה האָבן איר מיטגעגעבן אַ תפילין־זעקל פון רויטן פּליוש, אויסגעניית מיט געלן שטעך, מיט זייד און אַ טישטעכל פון שפּאַגאַט — איינצודעקן די שבתדיקע קוילעטשן, האָבן זיי איר מיטגעגעבן. נו, האָט זי די טייערע מתנות באַהאַלטן אין יאַשטשיק... ווען זי וועט, מיט דעם אייבערשטנס הילף, ווערן אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך, וועט זי זיי נוצן, זי וועט לעבן ווי איר געפעלט און נישט ווי די מומע וויל...

טע־טע! — האָט זי געסמאַקעט מיט דער צונג. — זאָלן זיי מיינען, אַז זי, חוהלע, איז אַ קאַלב, זאָלן זיי...

דאָ עסט מען דאָך קוילעטשן אינדערוואָכן... קוילעטשן מיט מאָן און מיט זיסע ראָזשינקעס, ווי עס וואָלט געווען פורים. און די מאַמע זאָל לעבן און זיין געזונט, זי האָט געמיינט, אַז אַמעריקע איז אַ ווילדעניש... אַך! ווי זי האָט עס נעבעך אַריינגעוויינט אין יאַשטשיק ביים צונויפלייגן די בייע און די געפּרעסטע זאַכעלעך. אַך ווי אַלץ האָט עס דאַן אויסגעזען פול מיט דערוואַרטונג, פול מיט בענקשאַפט...

— חוהלע, קינד מיינס! — האָט די מאַמע געגאָסן מיט ריטשקעס

טרערן. — מיר שיקן דיך אַוועק אין אַ לאַנד, וואָס האָט אַ מיאוסן נאָמען אויף דער וועלט... און דו ביסט אַ כשר קעלבעלע... זאָלסט זען, ווי גאָט איז דיר ליב, נישט צו ווערן קיין פאַני־בראַט מיט קיין אומבאַקאַנטע מוזשטשי־נעס... נישט אויף דער שיף און נישט אין ביניזערעס... זאָלסט נישט טאָן קיין שפּאַן אָן דער פּאָזוואָלעניע פון דער מומען מיטן פעטער. זאָג זיי דאַרטן, מיין קינד, אַז מיר וועלן זיי אייביק דאַנקען און בענטשן פאַרן אַראָפּנעמען אונדז דעם האָרב פון די פּלייצעס... און אַז דו, מיין טייער קינד, וועסט, מיט דעם אייבערשטנס הילף, קריגן דיך באַשערטן און ווערן באַגליקט — בעט איך דיך — דו זאָלסט זיי באַצאָלן ביז איין פּרוטה...

— און פאַרגעס נישט, חוהלע, אָפּצוהיטן דעם יאַשטשיק!... מיין גאַנץ פאַרמעגן האָב איך אַהין אַריינגעלייגט און אויך מיין האַרץ מיט מיינע ברכות פאַר דיינעטוועגן. אויף די סטאַנציעס גייען אום קאַרמאַנטשיקעס, אַזוינע מאַנספּאַרשוינען, און נאַרן אָפּ די יונגע מיידלעך, זיי זאָגן צו גאָל־דענע גליקן און דאָס טעלערל פון הימל... ווייַ איז דער מאַמען פאַר דיר!... געדענק, חוהלע!...

צי זי געדענקט?... נישקשה, די מאַמע האָט זיך געמעגט פאַרלאָזן אויף איר קינד. זי, חוהלע, פילט נאָך ביז איצט דעם ריח פון דער מאַמעס הענט, וואָס שמעקן נאָך מיט ווייצענע קלייען און מיטן ריח פון טאַטנס טאַבאַק־פּושקע... אויך דעם ריח פון דעם מולטער מיט דער דייזשקע, וואָס שטייט דאָרטן צווישן אויוון. יאָ! עס איז געווען שיין אויפצושטיין דאַנערשטיק ביינאַכט און קוקן ווי די לבנה האָט זיך געצונדן אויפן בלויען הימל. עס איז געווען שיין!... און אַזוי שטיל, אַז דער אָטעם האָט זיך איר איבער־געהאַקט.

איצט וואָלט זי נאָר וועלן אַ קוק־טאָן אויפן דאָרף, אויף דער טשערעדע און אויפן וואַלד, ווו די מיידלעך פון דער גרדוניה קומען זיך ווידער צונויף. מען רעדט וועגן פאָרן קיין ציון און ווערן ערד־אַרבעטער. זיי מיינען, אַז זי, חוהלע, האָט דאָ גרויס אוספּייעט און האָט שוין פאַרגעסן אין אירע חבר־טעס און חברים. און וואָס טוט איצט דער טאַטע, די מאַמע מיט איציקלען? מען זאָגט דאָך, אַז ווען דאָ איז טאָג איז דאָרטן נאַכט. טפו! אָן איבערגע־קערטע וועלט, דאָס אַמעריקע!...

זיי וויסן גאָרנישט, אַז זי, חוהלע, וועט פאָרן צוריק. זי וויל נישט בלייבן דאָ... זי וויל נישט קיין זיידענע מייטקעס... און נישט קיין זיידענע קליידלעך. זי דאַרף עס נישט.

אָט מיט דעם דאַזיקן גלויבן, אַז זי וועט פאָרן צוריק, איז חוהלע אַראָפּ

פון איר געלעגער, מיט די פויסטן געווישט דעם שלאָף פון די אויגן און געגעניצט. זי האָט מיט אַ פוס אָנגעטאָפּט איר קעסטל מיט די זאַכן און פאַרטראַכט געקוקט צו דער טיר. דורך די צענומענע פאַרהאַנגען זענען אַריינגעפאַלן פאַסן זון ווי רויטע און געלע שאַרפּעס פון זייד. די פאַסן האָבן זיך געבראָכן און צעשפּליטערטע ווי קייקעלעך גאָלד און קוועקזילבער, זע־נען זיי געפאַלן אויף איר געטאָקטן יונגן בוזים מיטן אַנטבלויזטן קרעפּטיקן האַלדז־און־נאַקן. זי האָט צונויפגענומען אירע געדיכטע, קורצע ברוינע האָר, און ווי אַ קוטשמעלע זיי שטייף אויסגעלייגט אַרום איר קליין פּנימל מיט דעם אומעטיקן שמייכל. זי האָט אָנגעטאָן אַ געבלימטן זיידענעם כאַלאַט מיט אַ לאַנגן שלעפּ, און זי האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן פאַרהאַנג, אי־בערן ברייטן פענצטער, עס אויפגעמאַכט און אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

די גאַס איז איר אַנטקעגנגעקומען אַ העלע, אַ צעשיינטע און אַ פולע מיט באַוועגונג. מענטשן זענען איילנדיק געגאַנגען הין־און־צוריק. ביים טראָטואַר פאַרנט, לעבן פּעטערס קלייט, זענען געשטאַנען וועגעלעך מיט סחורה, און די מומע רוזשע אינעם ברייטן גרויסן פאַרטוך מיט די טיפע קעשענעס איז געשטאַנען לעבן אַ גרויסער וואָג ביי דער טיר און האָט געוואויגן פולע זעק מיט בליי, אייזן און שטיקלעך בראָנדז. זי איז געווען אומרויק, די מומע, און האָט אַלעמאָל אונטערגערוקט די האַרנאָדלען, וועלכע האָבן זיך אַרויסגערוקט פון אירע שוואַרץ־גרויען לויזע האָר־קוגעלעך, זי האָט עפּעס גערעדט ווי צו זיך אַליין.

עס איז אַרויסגעקומען פון הינטערהויף דער יונגער שלאַנקער מילך־פירער, אָנגעטאָן אין אַ ווייס קאַפּטל מיט אַ ברייטן גאַרטל, אַ באַשלאַגענעם מיט קופּערנע מטבעות. ער האָט אַוועקגעשטעלט לעבן דער וואָג די גרויסע בלעך מיט מילך, און האָט געוואַרט די מומע זאָל אים באַצאָלן. דערווייל האָט ער אויסגעפייפט אַ פאַרבענקטן ניגון פון אַ טאַנגאָ און האָט ווויליונגע־ריש קאָקעטירט מיט זיינע שוואַרצע וואָנצעלעך, צורעכטמאַכנדיק אויף אַ זייט פון גלאַטפאַרקעמטן קאָפּ זיין „באַינע“. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אַרויפ־געשיינט צעשמייכלטע צו חוהלען.

— וואָס מאַכט די גרינע שיינהייט? — האָט ער איר געשיקט אַ לופט־קוש.

— די מומע האָט אים צוגעוואָרפן אַ זייטיקן קוק, האָט גיך אַרויס־גענומען אַ מטבע פון דער טיפער קעשענע אין פאַרטוך און האָט זי אים דערלאַנגט, זאָגנדיק מיט אַ ברוגזן טאָן:

— גיי, כּואַן, און זוך דיר נישט קיין צרות... מיין עליאַס האָט פיינט די דאָזיקע שטיק!...

דער מילך־פירער איז אוועק צו אַ שכנישער שטוב, און חוהלע האָט אים נאָכגעפאָכעט מיט דער האַנט:

— לאַ ריוועדעריי!

און צום שוואַרץ־הויטיקן פּאָליציאַנט אויפן ראָג:

— בין דעמיניאַצאַ דאָמנולי!

דער פּאָליציאַנט האָט זיך פאַרנייגט, געצויגן פאַר איר דאָס היטל, און היימיש געשמייכלט מיט זיינע ווייסע גרויסע ציין:

— אַ גוט־מאָרגן דיר, גריבינקע שיינהייט!...

— דער דאָזיקער זשאַנדאַר איז דאָך גאָר אַ דימענט פון אַ מענטשן! — האָט חוהלע ענגער צוגעפּעגענומען אַרום זיך די פאַלעס פון דעם געפּאַסטן שלאַפראָק. יאָ, יאָ, זי האָט שוין אַמאָל אויף שטום־לשון גערעדט מיט אים, ווען ער איז אַריינגעקומען אין קלייט און מיט סיאָמען געטרונקען אַ מאַטע. זי האָט אַפילו אָנגערירט זיין ווייס פּאָליציי־הענטל און ער האָט זיך נישט געבייזערט. ער האָט נאָר געשמייכלט מיט זיינע גוטע ווייכע שוואַרצע אויגן. דער סאָטסקע און דער סטראַזשניק אין איר דערפל וואָלטן געמעגט קומען אַהער און זיך אויסלערנען שמייכלען... זיך אויסלערנען זיין מענטשן, און נישט קיין „יאָ טעבע דאַמס!"...

זי האָט עס שוין געשריבן צו אירע חברטעס פון דער גרדוניה און צו דער מאַמען.

זי ווייסט גאָרנישט, פאַרוואָס סיאָמע מיט דער מומע רוזשען ווילן נישט ליידן, ווען זי גריסט זיך מיטן סטראַזשניק און מיטן מילך־פירער. די מומע און סיאָמע זאָגן, ס'איז נישט שיין צו זיין אַ פּאַני־בראַט מיט פרעמדע מוזשטשינעס. אָבער זי, חוהלע, גייט דאָך נישט אַרויס קיין איין שפּאַן נאָך דער טיר. וואָסי, פון אויבערשטן שטאָק און פון אָפענעם פענצטער טאָר מען אויך נישט זיין צוגעלאָזן צו מענטשן? ווי־ווי! ווער קען עס דען לעבן ווי אין אַ פושקע פון סאַרדעלן? אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן פון אַזאַ פאַר־שפּאַרעניש! עס איז דאָך ווי אין אַן אָסטראָג, נישט דאָ געדאַכט!...

אין דער היים גייען יינגלעך מיט מיידלעך אין וואַלד אַריין, און קיינעם פעלט גאָרנישט אין מורא צו האָבן!... איין מאָל נאָר האָט איר אברהמל דעם סטעלמאַכס אַ קוש־געטאָן אין דער פאַטילניצע, איז זי דאָן שיער גע־

שטאַרבן פון שרעק — טאָמער, חלילה, איז זי געבליבן טראָגעדיק... זעקס חדשים האָט זי געליטן, און אַלע ביינאַכט האָט זי געטאַפּט דעם בויך, צי ווערט ער טאַקע גרעסער... דאַנקען גאָט! איצט ווייסט זי שוין, אַז פון אַ קוש ווערט מען נישט טראָגעדיק... אָבער סיאָמע סמייעט נישט זי אָנצו־רירן!... ער ווייסט שוין, אַז נישט דאָ איז זיין אָרט!... ער ווייסט, דער ספּריטנער ליטוואַק!... און דאָס געפעלט איר. זי איז גאָרנישט אַזאַ קעלבל ווי די מומע מיינט, ניין...

זי האָט איבערגעטראָגן אירע בליקן צו די צוויי שורות טעלער־ביימלעך מיט די טראָלדן ווי פון סאַמעט און באַגאָסענע מיט זון ווי מיט זילבערנע מטבעות. דאָס וואַרעמע ווינטל האָט זיי געהוידעט הין־און־צוריק און געוואַשן זייערע בלעטער.

חוהלע האָט אַריינגעזיפצט אין זיך:

— אוי, עס זעט דאָך אויס ווי אַ ווינקל אין איר דערפל... עס וואָלט געווען אַזוי גוט, ווען זי קען אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך איצט אין דער היים. אָ, דאָרט איז דאָך איצט נאַכט. די מיידלעך מיט די יינגלעך פון דער גרדוניה מוזן אַוודאי זיצן אין וועלדל הינטערן דערפל און רעדן וועגן פאָרן קיין ציון, און זאָגן אַוודאי, אַז חוהלע האָט שוין חתונה געהאַט מיט אַ רייכן אַמעריקאַניעץ... אַז חוהלע האָט נישט געהאַלטן איר צוזאָג צו פאָרן קיין ציון. טאַקע באַלד ווי נאָר זי וועט קריגן אַ סומע געלט ביים רייכן פעטער אין אַרגענטינע.

— אַוודאי האָבן זיי רעכט! — האָט חוהלע ביטער געזיפצט. — אָבער די צייט וועט שוין אַלץ אויספירן... די מומע זאָגט דאָך טאַקע: „די צייט טראָגט די יאָרן ווי דער ווינט די שטרוי. און וואָס די צייט טוט אויף אין איין שעה, וועט עס דער מענטש נישט צוטראַכטן אין אַ שאָק מיט יאָרן”...

איין זאַך ווייסט נישט די קלוגע מומע רוזשע: די גרינע ווערט פאַר־קוילט אויס בענקעניש אַהיים.

ס'איז אָנגעקומען דער בעקער מיט אַ קויש ברויט אָנגעהאַנגען אויף דער האַנט, און מיט דער אַנדערער האָט ער אַ פאַכע־געטאָן צו חוהלען און זיין טונקל־הויטיק פּנים האָט אויפגעשיינט:

— אַ גוט־מאָרגן דיר, גרינע שיינהייט!... ווער איז דער גליקלעכער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דיין פאַרשיכורט האַרץ?... וועמען זוכן דיינע רויזן־אויגן? איך וואָלט וועלן זיין אַ פערל און באַצירן דיין זיס הערצעלע.

— גיין אַרייך, חוהטשע! — האָט די מומע אומגעדולדיק אַרויפ־

געשריִען צו איר. — וויפל מאָל דאַרף מען דיך וואָרענען?... זע ווי דער יונג פרעסט דיך אויף, זע!...

האָט זיך חוהלע אויסגעדרייט מיט דעם רוקן צו דער מומען, און אירע אויגן, ווי צוויי פאַרבלאָנדזשעטע טויבן, זענען געוואָרן פול מיט טרערן, און אין האַרצן האָט עס ווידער גענאָגט און נאָך שטאַרקער געצויגן צוריק אַהיים. אירע גרעבלעכע ראָזע ליפּן האָבן זיך געקרימט ווי צום וויינען.

— פאַרוואָס זעט מען דאָ נישט קיין אמתע אַמעריקאַנצעס?

צוריק מיט אַ יאָר איז צו זיי אין דערפל אַראָפּגעקומען אַ רייכער אַמעריקאַניעץ, אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק. ער איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ ווייסן געפּאַסטן אַנצוג און מיט אַ גילדענער שפּילקע אונטערן זיידע־נעם האַלדז־טוך. ער האָט געטראָגן ווייסע שיך מיט שמאָלע געלע שפּיצן, שיך פון אַמעריקאַנער פאַסאָן.

ער האָט געגומען דאָס שענסטע מיידל פון דער גרדוניה און איז מיט איר אַוועק קיין נעוויאָרק. נו, אַוודאי האָבן איר אַלע מיידלעך מקנא געווען. ער האָט אַפילו געזאָגט איר מאַמען, אַז אַזוינע מיידלעך ווי זי, חוהלע, וואָלטן אין אַמעריקע געוואָרן אויפגעריכטע. מען וואָלט פון איר געמאַכט אַן ערשטע פּרימאַדאָנע אין ביאָגראַף... אָבער פון זאָגן ביז טאָן איז אַ ווייטער און שווערער מהלך... — האָט חוהלע אומבאַהאָלפן געקוקט אויף אירע שיינע ווייסע הענטלעך מיט די חן־גריבעלעך און די לאַנגע, געטאָקטע פינגער.

יאָ! היינט וועט זי שרייבן אַהיים. דאָ ווייסט מען גאָרנישט, ווער עס איז אַן אמתער אַמעריקאַניעץ. אַלע מוזשטשינעס טראָגן דאָ ווייסע שיכ־לעך מיט לאַקירטע שוואַרצע שפּיצן און געפּאַסטע קאָסטיומלעך מיט שטרוי־נע קאַפּעליושן, אַזוינע ווי עס טראָגן אין דער היים די ליאַכעס. זי אַליין ווייסט גאָרנישט, צי דאָס איז טאָקע די שטאָט אַמעריקע, נאָך וועלכער אַלע ביי איר אין דערפל בענקען. מיידלעך דערציילן דאָרט וווּנדערלעכע גע־שיכטעס וועגן דער גרויסאַרטיקער אַמעריקע און זינגען וועגן איר לידלעך; און זי, חוהלע, וואָלט זיי אַוועקגעשענקט צען אַמעריקעס, יאָ! יאָ! זיס איז די היימישע ערד, זיס און געשמאַק.

חוהלע איז צוגעגאַנגען צו דער אַלטער פּיאַנע אין אַ ווינקל, האָט אַ פּיר געטאָן מיט די פינגער איבער די קלאַווישן און האָט אונטערגעברומט די ווערטער פון אַ לידל, וואָס זי מיט אירע חברטעס פלעגן, גייענדיק אין וועלדל, אויסזינגען:

דאָס לאַנד אין אַמעריקע איז גוט,
ווייל יידן שלאָגט מען דאָרטן ניט.
נעמט אייך צונויף, ברידערלעך און שוועסטערלעך,
קיין אַמעריקע מוזן מיר גיין.

שווימען איבער טייכן, איבער ימען,
מיר ווילן מער נישט ליידן פון פּאָגראָמען...
מיר וועלן בויען בריקן און שאָסייען,
בויען פּאַלאַצן מיט שטיבער,

לייגן שטיין אויף שטיין.
מיר ווילן אַרבעטן און זינגען לידער:
אויס מיט פּאָגראָמען,
אויס מיט געוויין!...

זי האָט אויפגעהערט זינגען און זינלאָז געפּויקט מיט די פינגער איבער די קלאַווישן.

ווען די קלאַנגען פון דער פּיאַנע זענען זיך ווי אַרבעס צעפלויגן איבערן זאַל, האָט זיך חוהלע דערשראָקן, טאָמער קומט די מומע און צעשרייט זיך.

— אוי, מאַמע! עס שפּרינגט מיר אַרויס דאָס האַרץ. די מומע רוזשע איז אַזוי סערדיאָזנע, אַזוי אָנגעבלאָזן, ווי עמיצער וואָלט איר, חלילה, קאַליע געמאַכט דעם באָרשטש. זי, חוהלע, וואָלט אַריינגעוואָרפן אַ קערבל אין דער „רבי מאיר בעל הנס"־פּושקע, אַז די מומע זאָל זיך באַנעמען צו איר אַ ביסעלע וואַרעמער... עס ווייזט אויס, די מומע האָט קיין מאָל נישט געבענקט נאָך קיינעם... זי האָט אַ האַרץ ווי פון טשעגון.

זי האָט זיך אַ וואָרף־געטאָן אויפן דיוואַן און פאַרטראַכטערהייט אַרומגעטאַפּט די ווייסע קנאָפּקעס אַרום דעם טיפן גרינעם פּליוש. זי האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. די עטלעכע טעג, וואָס זי איז געווען אין רייכן פּעטערס שטוב, זענען איר געווען שווער און פול מיט קוריאָזן.

— ווי רייך עס מוזן זיין דער פּעטער מיט דער מומען! אַזאַ דיוואַן מוז ווערט זיין אַ הרודע מיט גאָלד! אין דער היים וואָלט מען אַזאַ שיינעם זאַל באַמאָלן מיט גילדענע בלעטער אויף די ווענט, געהאַלטן פאַר אַ קאַסאַ מאַראַ און נישט פאַר אַ שלאָפצימער... און דאָך איז דאָ אַלץ וואָכעדיק. אָ, עס איז אינטערעסאַנט צו שוועבן אין אַזאַ ראַסקאָש, אָבער אין דער היים איז אַלץ שענער, בעסער.

אין דער היים שמעקט מיט שבת און מיט שבועות... אַך, אַך!... — האָט

זי זיך אָנגעבויגן און איינגעזאַפּט דעם ריח פון קעסטל מיט אירע זאַכן. — אַ, עס שמעקט, אַ מחיה!...

נאָר פון פעטערל האָלט זי — אַ וועלט. ווען נישט ער, וואָלט זי דאָ אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. דער טרויער איז אַ מסוכהנער וואָרעם... יאָ, יאָ! זיי דאָ ווייסן גאָרנישט...

— אוי, די מומע גייט! ווײ!...

חווהלע האָט זיך אויסגעגלייכט און האַסטיק אַרונטערגערוקט דאָס קעסטל אַזש ביז צו דער וואַנט. זי האָט אַן איבערגערעשטע, ווי עמיצער וואָלט זי געכאַפּט ביי אַ גנבה, אָנגעהויבן קעמען די האָר, אונטערברומענ־דיק אַ דין פאַרבענקט ניגונדל.

אַריינגעקומען איז גאָר דער פעטער. אַ הויכער, ברייטפּלייציקער ייִד, מיט האַרטע קאַרבן אויפן ברייטן און פון זון פאַרברענטן פּנים, און מיט קליינע מילך־ווייסע אויגן, רויקע, גוטע, מיט בלויע רעמעלעך, ווי אויגן פון אַ טויב.

— שוין אויפגעשטאַנען? — האָט דער פעטער געפרעגט און זי אַריינ־גענומען אין זיינע לאַנגע, געטרייע הענט, זי צוגעדריקט צו זיין ברייטן, געניוג פעסטן ברוסטקאַסטן און אַריינגעקוקט אין איר פאַרשעמט דערשראָקן פּנים.

— וואָס איז דאָס איילעניש, דו גרינע אוגערקע מיינע? וואָסי, חווהלע, דער בעטלער איז שוין אויפן פינפטן דאָרף, אָדער דו דאַרפסט, חלילה, לויפן אין פאַבריק?...

זי האָט זיך איינגעגראָבן אין אים און געזיפצט. דער פעטער איז גע־וואָרן גערירט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, גלעטנדיק זי איבער דער פּלייצע.

— יאָ, דאָס קינד איז טריסטע... פּאָברעסיטאָ!... דער פעטער ווייסט, וואָס עס נעסטעוועט אין איר הערצל, און ער וועט נישט לאָזן, זי זאָל, נעבעך, סטראַדאַיען אומזיסט און אומנישט. ער וועט זי מאַכן פריילעך, זי וועט ביי אים ווערן ווי אַ טאַנצנדיקע ציג, אַט דער קליינער מזיק מיט די גאָלדענע אייגעלעך.

— זאָל נאָר די מומע רוזשע ווערן אַ ביסל ווייכער... זאָל זי פאַרשטיין, אַז דער ריח פון היימישן דלות איז איינגעפונדעוועט אין דעם קינדס ביינד־לעך און עס ציט זי, נעבעך, צוריק. און זי ווייסט גאָרנישט, דאָס בידנע קינד, ווי שיין זי ווערט דאָ... פון טאָג צו טאָג ווערט זי מיר צעוואָקסן ווי אַ זיסער פּורים־קוילעטש... זי ווערט מיר אַ מויד אין זיבן פּאָלעס. הלוואַי אויף זיין רבקהלען געזאָגט געוואָרן, אַן חווהלעס שאָדן!...

— װאָס װאָלט חװהלע געװען אויסגעזעסן אין קעניג קאַרלס מדינה? זיין רוזשע, דער צלם־קאָפּ, פאַרשטייט אַ געשעפט, אָבער תמיד אויף איר אייגענעם קאַפּריזנעם שטייגער, תמיד מיטן אונטערשלאַק אַרויף...

חװהלע װייסט עס נאָך נישט. און ער װיל נישט אָנהייבן מיטן װייב, װייל עס װעט װערן אַ מעשה אָן אַן עק און אָן אַ סוף... זי האָט ליב צו יאָדען... אָבער ער אַליין איז דאָך אויך נישט קיין לעמעשקע. ער װעט זיך אַן עצה געבן... ער װעט זי באַאַרבעטן, זיין ספּילטשעװע ליטװעטשקע, אַזש עס װעט גיין אַ רויך!...

אמת, זיין װייב איז אַ גרויסע אויסטויגערן!... אַ פרוי מיט אַן אָפענעם קאָפּ אויף די פּלייצעס. זי האָט אים געהאָלפן װערן אַ מענטש מיט מענטשן צוגלייך... זי האָלט אָבער צופיל די װאָזשקעס אין האַנט, אָבער עס איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך, שוין צופיל אַריינגעקראָכן און עס איז נישטאָ קיין װעג אויף צוריק... יאָ, יאָ! אַ װייבערישע מלוכה איז װי אַ מצבה אויפן מאַגנס באַגראָבענעם שטאָלץ... און די גרינגע פלימעניצע איז אַ מבינטע אויף אַ טשאַד, און אים ברענט עס ביז אין דער זיבעטער ריפּ. זאָל זי כאָטש נישט שרייבן אַהיים צו זיין געטרייען ברודער הערש־יאָסל...

חװלה האָט אויפגעהויבן צו אים די בליקן װי צװיי הונגעריקע טויבן, און אַ ליבשאָפט צום פעטער האָט פאַרפלייצט איר האַרץ. אין דער װייכקייט פון זיינע אויגן דערקענט זי, אַז ער האָט געטראַכט װעגן איר, װעגן הוצאות צום שיקן זי צוריק, װי ער האָט עס איר צוגעזאָגט און ער װעט אַװדאי האַלטן װאָרט, דער געטרייער פעטער עלי.

— פעטער! — האָט זי נישט דרייסט איבערגעריסן די שטילקייט. — װען װעט איר שוין גיין מיט מיר אין קאָנטאָר?... איך װיל פאָרן אַהיים!... אַז נישט, װיל איך פאָרן קיין ציון, צו דער גרדוניה...

— אַזוי פיינט האָסטו דאָס שיינע אַרגענטינע? — האָט איר דער פע־טער אַריינגעשמייכלט אין פּנים.

— עס איז דאָך בוענאָס איירעס! — האָט חװהלע אויסגערופן פאַר־װוּנדערט.

— נו, גוט! זאָל זיין װי דו זאָגסט! — האָט דער פעטער גוטמוטיק געלאַכט און בגנבה אַ קוק געטאָן צו דער טיר, װי ער װאָלט מורא געהאָט פאַר עמיצן. — איך װיל, חװטשע — נו, מיין טייערע פלימעניצע, דו זאָלסט זיין ביי מיר נאָך אַ פּאָר חדשים, און װען דו װעסט, מיטן אייבערשטנס הילף, קומען צוריק אַהיים, זאָלסטו כאָטש האָבן װאָס צו דערציילן און נאָך װאָס צו בענקען אַהער!... און זאָלסט מיר נישט אַרומגיין אַזוי טריסטע! — האָט ער

מיטן פינגער זי געוואָרנט. — מיינע שכנים מיינען, אַז דיר איז, חלילה, שלעכט ביי מיר. זיי פרעגן מיך, פאַרוואָס דו גייסט מיר אַרום ווי אַ... באָק, ווי אַ נעבעכיקע.

— אוי, פעטער! אין אַמעריקע רעדט מען אַזוינע רייד?... — האָט זי פאַרצויגן אירע געשמאַקע ליפּן, געמאַכט פון זיי אַ רינגעלע און פאַרשעמט אַראָפּגעקוקט צו די שפּיצן פון אירע ווייסע זיידענע שטעקשיכלעך אויף די באָרוועסע פיס. — הם, הם! דאָ וויסט מען אויך, וואָס עס קאָכט זיך ביי יענעם אין טעפּל?... אַבי אין דער היים זאָגט מען, אַז אין אַמעריקע וווינען טויזנט שכנים אין איין דוואָר, און זיי קענען זיך אַפילו נישט...

— מיר וווינען דאָך אָבער נישט אין קיין דוואָר, — האָט דער פעטער אָנגעקוואָלן פון זיין פלימעניצעס נאַיִוויטעט און זיך געפרייט מיט דעם, וואָס זי האָט אים אַריינגעפירט צוריק אין זיין אַלטער היימישער וועלט, אַ וועלט, וואָס איז אים נאָך אַלץ געווען איינגעבאַקן אין האַרצן. ער האָט געוואָלט, אַז די פלימעניצע זאָל פילן זיין דאַנקבאַרקייט, זי זאָל זיך מער צובינדן צו אים, צו איר נייער היים און זי זאָל אויפהערן וויינען און בעטן מען זאָל זי אָפּשיקן צוריק, אָדער גאָר צו אירע חברים אין דער גרדוניה פון ציון...

ער האָט פּאַוואָלינקע אַרויסגעצויגן אַ פּאַפּירן צענערל פון קעשענע און עס אַריינגערוקט אין מאַנקעט פון איר שלאָפראָק:

— נעם, וועסט האָבן אויף ראַסכאָדן, קליינע מיינע. דו האָסט מיך איצט צורעכטגעמאַכט, מיך אָפּגעשאָכטן ביזן ביין!... אָ, יאָרן, יאָרן מיינע, וואָס איז פון אייך געוואָרן, וויי!

זי האָט צוריק אַרויסגעצויגן דאָס קנאַקעדיקע פּאַפּירל, עס געצערטלט צווישן אירע פינגער. זי האָט געקנייטשט דעם שטערן, און אַראָפּגערעדט צום דיל:

— עס איז צופיל אויף ראַסכאָדן... און וואָס וועט אויף דעם זאָגן די מומע רוזשע, אַ?... זי אַרבעט דאָך ווי אַן אייזל, נאָך וואָס?...

— שווייג, שווייג, דו גרינע אוגערקע! — זענען אים געקומען טרערן אין די אויגן — אַ לעבעדיקער מענטש מוז האָבן אַן אייגענעם גראָשן... ערגעץ שטייט געשריבן, אַז אַן אָרעמאַן איז, נעבעך, געגליכן צו אַ טויטן... און ביי מיר, מיין זיס מאַמעליטשקעלע מיט סמעטענע, ביי מיר! — האָט ער ווילינגעריש אַ קלאַפּ געטאָן מיט צוויי פינגער אינדערלופטן, — זעט עס זיך אָן, ווי ביי אַ גוטן יידן אַ האָר אויפן ט...

— אוי, אוי! — האָט זי אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין מויל און

געוואָרן רויט ווי אַ בוריק. — עס איז נישט שיין, פּעטערל, פּע!... מיין טאַטע זאָל לעבן, האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעבראַכט פון מויל אַזאַ לשון...

— נעם צו, און שווייג, אויב דו ווילסט נישט איך זאָל מאַכן פון דיר אַ וואַרניטשקע מיט קאַשע און מיט גריוון!... — האָט ער גוטמוטיק געלאַכט און איר אַ קניפּ געטאָן אין באַק. קעלבל!...

— עס איז דאָך אָבער צופיל געלט! — האָט חוהלע אַריינגעקוקט אין פּעטערס צעשמייכלט פּנים. — די מאַמע וואָלט פאַר דעם געקענט קויפן אַ זעקל פּאַפּעשוינע מעל מיט אַ פוד רעטשקע און צען פוד קאַרטאָפליעס אויפן ווינטער... פּעטערל! איך וויל גיין אַרבעטן, איך וויל פאַרדינען!... איך וויל מאַכן געלט און פאָרן וווהין מיין האַרץ גלוסט.

— מיר זאָל זיין פאַר דיינע כשרע ביינדעלעך! — האָט ער זי אויפגע־הויבן אין דער לופטן און צוריק אַראָפּגעשטעלט אויפן דיל. — ווי קומען היינטיקע קינדער צו דיר, חוהטשעניו, פּויערל מיינס! מיין שכל באַנעמט עס גאָרנישט!... ווי, ווי!... אַזוי קליין און עס האָט אַזוי פיל ווילן, אַזוי פיל באַגער צו ווערן אַ מענטש.

ער איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, געאָטעמט שווער און זיפצנדיק געטראַכט: — זאָל דאָס קינד נישט וויסן, וואָס עס געסטעוועט ביי אים אין האַרצן... אַ טאַטע טאָר נישט זאָגן דעם אמת, וועגן זיינע קינדער... אָבער חוהלעס אַ טרערעלע רירט אים ביזן סאַמע האַרצן, און עס וועט אים שוין קאָסטן רבי־געלט: זיין ברודער הערש־יאָסל, דער אוטשאָני יעוורעי, וועט אויפגעריכט ווערן. ער וועט שוין האָבן אויף רעטשקע מיט קאַרטאָפּליעס און פּאַסטראָמע פון גענדז און פון אינדיקעס...

אַריינגעמענדיק חוהלעס קאָפּ אין זיינע הענט האָט ער ווייך געזאָגט:

— קום, פּויערל, מיטן פּעטער אָפּטרינקען און נעמען עפּעס אין מויל. דאַן וועסטו מיר אָפּשרייבן אַ בריוועלע און וועסט דיר פאַרדינען אַ פּאָר פּעזעס, וועלן זיי דאָרט האָבן אויף ראָסכאָד... אָבער פּסך שיין, שאַ! — האָט ער געוואָרנט מיט אַ פינגער. — שאַ!...

דער פּעטער מיט דער פלימעניצע זענען אַוועק אין עסצימער און מאַריאַ, די שוואַרצע דינסט מיט די שמאָלע הייסע אויגן, האָט זיי דערלאַנגט קאַווע מיט מילך און סאַנדוויטשן פון כאַמאָן מיט שווייצאַרישן קעז. דער פּעטער איז געזעסן אַנטקעגן דער פלימעניצע און צווישן איין ביס און דעם אַנדערן האָט ער אַריינגעקוקט אין איר פאַרטראַכט פּנים און גערעדט:

— קאַטשע אַריין, חוהטשעניו, אויף וואָס די וועלט שטייט! דער פּעטער עליאָס וועט, מיטן אייבערשטנס הילף, נישט ווערן אָרעמער!... נו, וואָס

זאָגסטו צו דעם סאַנדוויטשל? זיי דאַרטן האָבן אויך אַזאַ גוטס?... און דו בענקסט צוריק צו דעם דלות, אַ? האָסטו שכל, חוהלע?...

— נאָכן טאַטן מיט דער מאַמען און נאָך איציקלען בענק איך! — האָט זי טרויעריק געענטפערט. — איך בענק נאָך דער קו און נאָכן הונט, און נאָך...

— גענוג! — האָט ער אומרויִק אַרויפגערוקט אויפן קאָפּ די אַכט־קאַנטיקע יאַרמעלקע, און אַרויפגעקאַטשעט די אַרבל פון דעם גרויען קיי־קענעם העמד. — גענוג! פריילעך, לעבעדיק דאַרף מען זיין! שפּיי אויס די טריסטעסע, וועסטו עפענען די אויגן און וועסט דערזען וואָס אַמעריקע איז!... די שטיינער פון דער ערד דאַרפן מיר דאָ קושן! דו הערסט, חוהלע?!

ער האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ העפט, טינט און פעדער, זיך צוגעבויגן צו דער פלימעניצע און אַריינגערעדט אין איר געבויגענעם קאָפּ:

— איצט, חוהטשעניו, נעם דיך צו דער אַרבעט און דו פאַרדינסט דיר אַ פינפערל... טו אַ שרייב, חוהטשעניו, אַז זיי זאָלן דאָרטן טאַנצן ווי די צאַפּעס!... — האָט ער דערביי אַרויסגענומען אַ פּאַפּירן פינפערל און עס אַרונטערגערוקט אונטערן העפט. — נו, צום ערשטן לאָז זיי דאָרטן גריסן!... וואָס שמייכלסטו דו, וואַרעמע לעמעשקע מיט קעז?... איך אַליין האָב שוין לאַנג נישט געהאַלטן אַ פען אין די הענט! — האָט דער פעטער מיטן שפּיץ פון זיין צונג געפירט איבער זיינע גראָבע פיין־געטאָקטע ליפּן. — וואַרט אַ רגעלע! דוכט זיך, איך האָב עס שוין געפּאַקט... אָט ווי איך פלעג אַמאָל אַ פּאַק־טאָן דעם זשערבעץ און אים צוקלאַפּן אַ פּאָדקאָווע!... עס איז געווען שיין. חוהטשעלע!... עס האָט מיך אָנגעפילט מיט שטאָלץ און מיט גבורה...

— פעטער עלי! — האָט זי צערטלעך געגלעט זיין שווערע אויסגע־האָרעוועטע האַנט. — לאָזט מיך! באַמיט אייך נישט צו טראַכטן! איך אַליין וועל טאָלקעווען!... איך ווייס וואָס מען דאַרף שרייבן!...

— וואָס קוקסטו אַזוי לעקעשעוואַטע? ביסט אַ קינדעלע און נישט מער.

— די ציגן זאָלן אַזוי וויסן, ווי צו שפּרינגען אין קרויט! — האָט ער איר אַ קניפּ געטאָן אין באַק. — נו, שרייב דעם טאַטן דיינעם, דעם בידנעם מלמד, שרייב, גרינע אוגערקע מיינע, אַז דאָ אין אַמעריקע, אַ גאָלדן לאַנד, געזונט און שטאַרק זאָל עס מיר זיין. אָמן סלה! קושן דאַרף מען די ערד און די מצבות פון די גרויסע אַרגענטינער... דו ווייסט דען, חוהטשעניו, וואָס פאַר אַ נשמות זיי האָבן געהאַט?... — האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט צוויי פינגער אין דער לופטן און אַ מאָדנע שיין האָט אויפגעבליצט אין זיינע

פיכט־געוואָרענע אויגן. — איך האָב געלייענט די ביכלעך. מיין נישט, אַז איך בין טאַקע אַזאַ פּראָסטאַק...

— פעטער! דאָ איז דאָך נישט אַמעריקע, נאָר גאָר בינעזערעס! — האָט חוהלע אויסגערופן פאַרוווּנדערט.

— דו פאַרלאָז דיך נאָר אויף דיין פעטער! — האָט ער אויסגערופן צעפלאַמט און צוגעלייגט אַ פויסט צו זיין ברוסט. — דאָ, חוהטשעניו, טוט זיך אָפּ אויף טיש און אויף בענק, און דו האָסט נישט וועמען צו דערציילן... עס איז נישט ווי דאָרטן! דו טראַכסט אַוודאי, מיין קינד, אַז איך בין געוואָרן אַ פאַלנער אַמעריקאַניעץ און דערצו נאָך — אַ גוי גמור... איז עס נישט ווי דו מיינסט. זאָג זיי, אַז דער פעטער עלי, זאָל געזונט זיין, איז אַ ייִד!... דאָ זענען פאַראַן ייִדישע סאָסיעדאַדן, ייִדישע תלמוד־תורהס און ייִדישע קלויזן מיט שולן, ייִדישע שקאָלעס פאַר קינדער און אַ ייִדישער שפּיטאָל מיט ייִדישע דאָקטוירים און ייִדישע קראַנקע, קיין בייז אויג! און אַ קאָמיסיאָן איז דאָ. און מען זוכט כבוד, קיין בייז אויג!... און מען קריגט זיך און מען ליובעט זיך אויף ייִדיש... און זאָג זיי דאָרט, חוהטשעניו! — האָט ער גע־פּירט מיטן פינגער איבער דער ווייסער צעראַטע אויפן טיש. — זאָג! דאָ זענען אַלע ייִדן — ייִדן! נישטאָ קיין אייביקע טשינאַוווניקעס! אַ מכה! — האָט ער געהויבן אַ פויסט קעגן איר. — דאָ דאַרף מער נאָר האָבן אַן אָפענע האַנט און אַן אָפענע קעשענע, דאַן ביסטו, פּנחס בן אליעזר, פאַרסט אויף דער קאַנקע און פייפסט אויף זייער טאַטנס פּרעסטאַטן!...

— און זאָג זיי!... — האָבן זיינע אויגן געבלאַנדזשעט ערגעץ וווּיט־ווייט, און אַ באַנגיק שמייכעלע האָט זיך געשלאָסן אַרום זיין ברייט מויל. — זאָג, אַמעריקאַנער קינדער זענען ניט ווי איך און ווי דיין טאַטע זענען געווען... די היזיקע זענען גראַמאָטנע, גרויסע וויסערס, אָבער זיי פייפן אויפן טאַטן מיט דער מאַמען און אויך אויף ייִדיש... און נאָר מען שלעפט, און נאָר מען נאָגט... און דאָס דווקא אויף ייִדיש, ווייל עס לוינט זיי!...

חוהלען האָט זיך אָנגעהויבן מישן אין קאָפּ, דאָס דערפל, טאַטע־מאַמע און איצל האָבן זיך באַוויזן אויף דער פריזבע הינטערן שטיבל מיט די ניי־דעריקע פענצטערלעך. זי האָט שוין מער נישט געהערט דעם פעטערס רייד און האָט געשריבן: — טייערע זיסע מאַמעניו און ליבער האַרציקער טאַטעניו, און גאָלדן ברודערל, איציקל, מיר זאָל זיין פאַר אייערע כשרע ביינערלעך! פאַר אייערע קעפּעלעך. אָמן סלה!...

— צום ערשטן, מיינע טייערינקע, זאָלט איר וויסן, אַז נעכטן האָב איך אייך געשיקט אַ בריוועלע פון צוועלף בייגעלעך פּאַפּיר. קיין ענטפער

האָב איך נאָך נישט, און עס קערט זיך מיר איבער דער קאָפּ פון טראַכטן און פון אויסלייגן אַלצדינג נאָר צום שלעכטן... איין גאָט ווייסט, ווי שטאַרק איך בין אייך מקנא, וואָס איר זענט אינדערהיים און איר קענט זען די לאַנ־קעס און דעם טייך מיטן וואַלד. און די קי מיט דעם קעלבל, און די צויג מיט אירע הינטלעך... אוי, וויי.

— און איך קען אייך שרייבן, אַז אַמעריקע איז נישט בינעזערעס, און עס איז נישט אַזאַ שטאָט ווי מיר אַלע האָבן זיך פאַרגעשטעלט. דאָ וואַלגערן זיך נישט אין די גאַסן נישט קיין בריליאַנטן און נישט קיין דימענטן. אויך נישט קיין יונגעלייט ווי יענער אַמעריקאַניעץ מיטן ווייסן קאָסטיומל און מיט די לאַקירטע נאַסקעס פון די שפּיציקע שמאָלע שיכעלעך.

— קיין קאַרעטעס מיט אַכט פערד און מיט ווייסע זיידענע וואָזשקעס האָב איך דאָ אויך נישט געזען. קיין פּאַלאַצן פון קרישטאָל — אויך נישט! אַלע גרינע מיידלעך מוזן אַרבעטן אין פאַבריק... ווען איך קען שניידעריי, שיט איך דאָ אָן פעסלעך מיט גאָלד... איך וואָלט אייך אַלעמען גליקלעך געמאַכט, און איך וואָלט מיר געלאָזט אויף הוצאות...

— אַנו! וויז וואָס דו האָסט דאָרט אָנגעמאַכט! מיניסטער־קאָפּ מיינער!

— האָט דער פעטער אַריינגעקוקט אין העפט. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן ברעג טיש און האָט זיך צעקלאָגט:

— אַהיים! אַהיים וויל איך, פעטער עלי!... אַהיים, אָדער קיין ציון!...

ער האָט געקוקט אויף איר און ביטער און באַנגיק צוגעשאָקלט מיטן ווייסן קאָפּ און געשמייכלט:

— וועסט דיך צוגעווינען, מיטן אייבערשטנס הילף! וועסט איבער־ברענגען, איבערטערפּען!... אַלע גרינע ווערן צעריסן פון בענקשאַפט, ווען אָבער זיי פאַסמאַקעווען דעם טעם פון דעם דאָזיקן גאָלדענעם לאַנד, וועסטו זיי נישט פאַרטרייבן פון דאַנען. געדענק עס גוט.

***

אויף מאָרגן איז געווען זונטיק, און די מומע האָט פאַרבעטן אירע קינדער אויף אָנבייסן. האָט זיך חוהלע געגרייט אויפצונעמען די געסט. זי האָט זיך אויסגעפּוצט אין דעם געקליבענעם קליידל פון בלויען ציץ, מיטן קאָפּטל פון ראָזעווען באַטיסט מיט אַ ווייס קעלנערל און מיט ווייסע מאַנזשעטלעך. איר יונג שטייף לייב האָט זיך אויסגעטיילט פון דינעם קאָפּטל, און די בריסטלעך האָבן ווי געפּענטעטע פייגל זיך געריסן אויף אַרויף. די האָר ווי אַ ברוין קוטשמעלע מיט אַ שוואַרצן שלייף פון הינטן

האָבן אַרומגענומען דאָס אומעטיקע פּנים. זי איז געווען אומרויִק און זיך געשראָקן פאַר די געסט. אַלץ אין איר האָט זיך געבונטעוועט:

— זיי האָבן אַ לשון, וואָס איז איר נאָך פרעמד. — האָט חוהלע אַרײַנגעקוקט אין דעם גרויסן שפּיגל פון דער שאַפע. — די מומע רוזשע רעדט מיט די קינדער פון דער גרינער פּלימעניצע, פון דעם יאַשטשיק מיט אירע טייערע וועשטשעס!... דער יאַשטשיק איז ביי דער מומען ווי אַ ביין אין האַלדז... אָבער זי, חוהלע, וועט נישט נאָכגעבן! בלוט וועט זיך גיסן, טאָמער וועט עמיצער סמייען אָנצורירן עפּעס פון דעם יאַשטשיק... זאָלן זיי רעדן, זאָלן זיי שפּעטן און לאַכן, זי וועט נישט נאָכגעבן.

זי איז אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן. מיט אַ האַנט־באַוועגונג האָט זי געגריסט דעם פּאָליציאַנט אויפן ראָג, און ער האָט צו איר אַ פּאַכע געטאָן מיט דעם ווייסן שטעקעלע: שיינע, גרינינקע, אַרעמענקע! ס'בענקט נאָכן פּאַפּי... עס מאַכט נישט, דו וועסט דיך צוגעוווינען.

די גאַס איז געווען אויסגעהוילט פון טומל און פון פרייד. אַ שטילקייט האָט אַראָפּגעקוקט פון די שטיבער, די דינע ביימלעך פון ביידע זייטן זענען געווען איינגעטונקען אין זון, וואָס האָט געשרפעט ווי אַ קאַלכאויוון. חוהלע האָט געשלונגען די הייסע לופט און אַ נישט־גוטסקייט, אַן אומווילן האָט שווער געדריקט אויף איר געמיט.

דערווייל האָט מאַריאַ די דינסט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון זאַל און גערופן:

— זאָל די סעניאָריטאַ אַרײַנגיין אין עסצימער. די געסט וואַרטן...

— בין איך גליקלעך ווי דער ראַבער קאַטער!... — האָט איר חוהלע געענטפערט אין יידיש און מיט אַן אומצופרידענער מינע אויף דעם רויטגעוואָרענעם פּנים, איז זי אַוועק צו די געסט.

דער מומעס זון, דער דאָקטער, האָט זיך אויפגעהויבן און האָט איר איידל דערלאַנגט די האַנט. חוהלע איז געוואָרן נאָך רויטער און באַלד בלייך, ווי זי וואָלט געשטאַנען פאַר אַ ריכטער, וועלכער דאַרף זי משפּטן:

— אָ, וואָס מאַכט עפּעס שמעון? — האָט זי מיט האַרץ־קלאַפּעניש אַראָפּגערעדט צום דיל. — שוין אַזוי לאַנג נישט געווען דאָ!...

דער דאָקטער האָט זי אַוועקגעזעצט לעבן זיך אויף אַ לאַנגער שמאָלער באַנק ביים טיש און האָט זי באַטראַכט מיט זיינע קליינע, שוואַרצע און פלינקע אויגן. זיין קליין פּנים מיט די ענערגישע שמאָלע ליפּן האָבן אויסגעדריקט באַוווּנדערונג. אים איז געווען צום האַרצן דער קוזינעס דאָרפישקייט. עס האָט געשמעקט פון איר ווי פון אַ יונג צוויט־ביימל, געשמעקט

מיט געזונט און מיט ערלעכקייט. עפּעס אַ נייער טיפּ מענטש איז געזעסן לעבן אים. ער האָט געוואָלט וויסן צי עס געפעלט איר די נייע היים און מורא געהאַט זי צו פרעגן.

— דערציייל מיר עפּעס פון דיין לעבן דאָ אין מיין טאַטנס שטוב! — האָט ער נאָך אַ לענגערן קוקן אין אירע אויגן אַ זאָג געטאָן אין אַ צעבראָ־כענעם יידיש און האַלב אין שפּאַניש, און אַ גלעט געטאָן אירע הענט. — זאָג, געפעלט דיר אַרגענטינע?, אָדער דו בענקסט נאָך אַלץ נאָך דער רומע־נישער טיראַניע?

— איך וויל פאָרן אַהיים!... דער דאָקטער שטעלט זיך נישט פאָר, וואָס אַזוינס איך לעב דאָ איבער.

חוהלע האָט געקוקט צו דער קיך־טיר, מורא געהאַט, אַז די מומע וועט אַריינקומען און הערן אַז זי קלאָגט שוין ווידער. אַריינגעקומען איז אָבער כּאַסינטאַ, דעם דאָקטערס ווייבל. אַ קליינע, אַ דאַרע, מיט שפּיציקע בריסט־לעך און מיט אַ קאָפּ בלאָנדע לאָקן און שוואַרץ־געפאַרבטע ווינעס, מיט גרויסע בלויען אויגן, פולע מיט יוגנט־גלאַנץ, מיט פרייד.

זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן געדעקטן טיש אַ שיסל מיט קאַלטע פּרוכטן, וואָס זי האָט געבראַכט פון אייזקאַסטן אין קיך און היימיש אונטער־געטראָגן דער גרינגער אירע דינע רויט־געפאַרבטע ליפּן:

— טו אַ קוש!...

איז חוהלע ווידער געוואָרן רויט און האָט פאַרשעמט געשמייכלט:

— ביי אייך קושט מען זיך ווי טויבן און מען בייסט זיך ווי די הינטלעך!...

— וואָס האָט זי געזאָגט? — האָט כּאַסינטאַ אונטערגעטענצלט אויף די הויכע קנאַפּל פון אירע ווייסע שיכלעך און געשמייכלט.

— זי האָט פיינט זיך צו קושן!... — האָט דער מאַן דיין געשמייכלט, קוקנדיק אויף חוהלען. — זי איז שיין, אָבער גאָרנישט דיפּלאָמאַטיש. דאָס טויג נישט!...

כּאַסינטאַ האָט אַ קוועטש געטאָן מיט אַן אויג־ווינקל און אים פאַרשייט אַ קניפּ־געטאָן אין באַק. זי האָט צוריק אַריינגעטענצלט אין קיך העלפן דער שוויגער. חוהלע האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט און אַריינ־געזיפצט אין זיך:

— יאָ! שמעון, איר שוועסטערקינד, זעט אויס ווי אַן אמתער אַמערי־קאַניעץ. עס פּאַסט אים דאָס ווייסע שטאַלטנע קאָסטיומל און די שיך מיט די לאַקירטע נאָסקעס... און סיאָמע ווי איז?... וואָסי, דער מומע רוזשען

שטייט נישט אָן זיין אויסזען?... נו, ער האָט טאָקע אַ פּנים פון אָן ערשט־געקומענעם. אָבער דער פעטער עלי מיט דער מומע רוזשען זעען אויך נישט אויס ווי אמתע אַמעריקאַנצעס... די שניר ווידער דרייט זיך צופיל אויפן קנאַפּל. אַוודאי מעג זי האָבן אַ פּאַריסענע באַזדרע. ווען איר מאַן קומט קיין בעסאַראַביע, וואָלט מען אים אָפּגעגילדט... און דערצו נאָך געגעבן אַ מויד, אַ פּאַרשוין און נישט אַ ווייבל מיט געלע קנוידערן, אַ ווייבל וואָס איז הויט־און־ביין. אַוודאי וועט זי, חוהלע, נישט קענען צוקומען צו אַזאַ שידוך, ווייל זי קען נישט די פוילע שטיק... זי איז אַ פּשוט מיידל.

און ווו איז דער פעטער עלי? אָן אים איז דאָ סקוטשנע. די דאָזיקע מענטשן זענען אָן פרייד. זיי זענען ווי צוגעשניטענע ברעטער, און חוהלע האָט ליב מענטשן מיט צעפלאָכטענע הערצער, ווי עס איז דער פעטער, דער טאַטע און די יוגנט פון דער גרדוניה. יענע לאַכן, וויינען פון גאַנצן האַרצן. און אפשר איז זי, חוהלע, צופיל טרויעריק?

דער פעטער איז אַרויפגעקומען און געפירט מיט זיך זיין אייניקל, — אַ דאַר יינגעלע פון אַ יאָר אַכט. דאָס קינד האָט געהאַלטן אין די הענטלעך אַ גרויסן באַלעם, וואָס דער זיידע האָט אים געקויפט, אַ באַלעם פון רויטע גומי מיט געלע און גרינע רייפעלעך. דאָס קינד איז געווען איינגעטונקען אין שווייס און אין שטויב. קענטיק, ער האָט שוין געכאַפּט אַ שפּיל אין זיידנס היגטערהויף. ער האָט אַ וואָרף־געטאָן דעם באַלעם צו חוהלען. עס איז געוואָרן אַ געלעכטער.

דער זיידע האָט אָנגעקלאַפּט אין דער קיך־טיר און די שנור איז אַרויס־געקומען. דערזען איר פאַרשוויצט קינד, האָט זי אים אָנגענומען פאַרן הענטל און אַריינגעפירט אין באַדצימער.

חוהלע איז געוואָרן אומעטיקער און זיך געשעמט אויפצוהייבן די אויגן. דער באַלעם איז געלעגן אויפן ברעג טיש, לעבן איר.

דער פעטער, מיט דער אַכט־קאַנטיקער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, האָט אַרויסגענומען פון נייעם אייזקאַסטן צוויי פלעשער ביר, זיי אויפגעעפנט און אָנגעגאָסן אין הויכע געשליפענע גלעזער. ער האָט אויסגעטאָן דאָס לאַנגע שבתדיקע רעקל, אָנגעצויגן די שלייקעס איבערן ווייסן העמד מיטן ווייסן קאָלנער זאָגנדיק:

— חוהלע, דאָס קינד האָט דיך ליב און דו דאַרפסט אים אויך ליב האָבן. מיין יידענע וויל ניט אַנדערש, נאָר איך זאָל זיין אַ היינט־וועלטיקער... איך זאָל טראָגן דעם כאָמוט און דאָס ציימל, און איך האָב עס פיינט. —

האָט ער געמאַכט אַן אומצופרידענע מינע, צעשפּילעט דעם קאָלנער פון העמד און באַלד אָ זאָג־געטאָן אין וואָלעכיש:

— יעשט פּרימאַס, היי פּאַטאַ!... און דו, שימעלע, וואָס ביסטו אַזוי פּי־לאָזאָפיש? — האָט ער זיך ברייט צעשמייכלט. — וואָסי, די מענטשן ווילן נישט קרענקען? נו, וועסטו קומען צום טאַטן!... אָסור, צי עס וועט דיר דאָ עפּעס אויספעלן.

דער זון האָט אויפגעהויבן דאָס פולע גלאָז:

— פאַר דער מאַמעס געזונט!...

דער פעטער האָט אונטערגעטראָגן דער גריבער אָ גלאָז מיט ביר. דערווייל האָט די שנור צוריקגעבראַכט דאָס קינד אַן אויסגעבאָדענעס און אין אַ לאַנג דין נאַכטהעמד.

חוהלע האָט זיך צעשמייכלט:

— אוי, די אַמעריקאַנצעס זענען צעדרייטע; שוין אינמיטן העלן טאָג טוט מען זיך אָן אַ נאַכטהעמד.

דאָס קינד האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם באַלעם און אים ווידער אַ וואָרף געטאָן צו איר.

— נאָ, דו גרינע!...

זי האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּילן מיטן קינד. זי האָט דעם באַלעם געוואָרפן לינקס און רעכטס, דורך די אָרעמס און אים צוריק אויפ־געכאַפּט. עס איז געוואָרן אַ געלעכטער. דער פעטער האָט געקראָגן אַ פייכט־קייט אין די אויגן. ער האָט געפּאַטשט בראַוואָ.

די שנור האָט זיך אונטערגעטענצלט אַזוי, אַז די טיפע פאַלדן פון איר זיידן קלייד האָבן זיך אויפגעמאַכט ווי אַ פעכער און געשוווּמען אַרום אירע שמאָלע היפטן.

— מיט אַ קינד מאַכט נישט קיין שפּאַס, ער איז אַזוי אויך גענוג נערוויאָסע... — האָט זי אַ וואָרן געטאָן סיי מיט אַ פינגער און סיי מיט אירע גרויסע אויגן.

דער פעטער האָט חוהלען אַ קניפּ געטאָן אין דער באַק און צופרידן געשמייכלט:

— גיב צוריק די מינדזשע!... וואָס ווייסן זיי, די היזיקע צוועקלעך, וואָס!... מאַך דיר נישט קיין שלעכט בלוט, חוהלע.

דערווייל איז אָריינגעקומען זיין ווייב מיט דער דינסט. דער מומעס פלינקע אייגעלעך זענען אומגעלאָפן פון איינעם צום אַנדערן און זיך לסוף אָפּגעשטעלט אויף דער גרינער. די פלימעניצע איז געוואָרן ערנסט. זי האָט

אַוועקגעלייגט דעם באַלעם לעבן איר קוזין און האָט זיך אַוועקגעזעצט. דאָס קינד האָט ווידער געכאַפּט דעם באַלעם און אים געוואָרפן צו דער באָבען.

זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ טאַץ מיט אַ געפילטן אינדיק מיט פאַרברוינטע האַלבע קאַרטאָפליעס, און מאַריאַ די דינסט האָט צוגע־בראַכט אַ גרויסע שיסל מיט רייז־קנישעס און פון קאַשע מיט גריוון, גע־פילטע פיש און אַ סאַלאַט פון אַלערליי גרינסן.

רוזשע האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון געקאַרבטן שטערן און אומ־רויק פאַררוקט די האָר־נאָדלען צווישן די לויזע האָר־קוגעלעך. זי האָט אָנגעהויבן אויסטיילן פּאָרציעס. דער זון האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער מאַמעס געשמאַקן מיטאָג. די מאַמע האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן אים און אירע פלינקע שוואַרצע אייגעלעך האָבן געשיינט און געקוואָלן:

— קיין בייז אויג! שימעלע עסט מיט אַפּעטיט. וואָס דען, דער מאַמעס אַרבעט ווערט נישט אָפּגעשאַצט? גילדן זונעלע מיינס!... און צום אייניקל:

— וואַרט, דו ווילדער איינער!

עס איז געוואָרן אַ געפּעכט פון זילבערנע מעסער־גאָפּל, סיפּאָנעס מיט די פלעשער פון טייערסטן ווייַן אין הויכע זילבערנע כלים האָבן זיך געשפּיגלט אין דער זון, וואָס האָט זיך דורכגעריסן צווישן די קרוינען פון איינציקן ברייט־צעוואַקסענעם בוים הינטערן ברייט־צעפּראַלטן פענצטער.

רוזשע האָט צוגעלייגט דעם אַ שטיקעלע פלייש, דעם אַ קנישעק אָדער אַ געברוינטע קאַרטאָפל. איבערהויפּט האָט זי אָפּט צוגעלייגט אַ געשמאַק שטיקל פלייש אין די טעלערס פון זון און פון אייניקל.

דער זון האָט בגנבה אַ קוק־געטאָן צו דער מאַמען: יאָ, זי איז קראַנק. זי וועט שטאַרבן ערגעץ צווישן די שטיקלעך בלעך מיט בליי...

— עסט קינדערלעך, און זאָל עס אייך ווויל באַקומען! אַ מכה דער מאַמען פאַר אייך! — האָט די מומע נישט געקאָנטליידן דעם זונס פאַר־טראַכטקייט.

— מיר גוסטעט נישט, ווען די מאַמע שעלט! — האָט דער זון גע־ווישט די פעטקייט אַרום מויל און געשלונגען די ווערטער. — עס קאַמאָ יאַכנע!...

— עס זאָל דיר טאַקע אָנגיין, קדישל, וואָס די מאַמע ווינטשט דיר...

די שנור האָט אויפגעשטעקט אויפן גאָפּל אַ שטיק פולקע, עס אויפ־געהויבן אין דער לופטן און דערנאָך צוגעטראָגן צום מויל:

— די שוויגער מיך נישט בעטן עסן. איך נעם, עס אַליין!...

— דו זעסט, קיין בייז אויג, אויס ווי אַ זאַטער מענטש.

— דו האָסט ליב דעם מאַנס ווייב!... ווויל איז צו דיר!... — האָבן אירע פלינקע אייגעלעך אַ לויער געטאָן אויף דער שנור און זיך איבערגעטראָגן צום מאַן:

— עליאָס! צעקיי גוט. היט מיר אָפּ די לעבער!... און דו, חוּוהטשע, קענסט נאָך אַלץ נישט האַלטן מעסער־גאָפּל אין די הענט, אַ?...

דער מאַן האָט אויפגעהויבן צו איר די בליקן, שטילע און מאַנענדיקע, און האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין עסן, וואַרפנדיק אַ זייטיקן קורצן קוק צו זיין פלימעניצע. זי האָט געשניטן קליינע שטיקעלעך פון האַרטן שטיק איננ־דיק און מורא געהאַט, טאָמער, חלילה, וועלן די אַמעריקאַנצעס אָפּחוזקן פון איר האַלטונג, ווי די מומע האָט עס שוין געטאָן טויזנט מאָל און דווקא אין דער אָנוועזנהייט פון אירע קינדער.

— די פלימעניצע איז אַן אוצר, אַ שטילע טויב!... — האָט עליאָס אָנגעשטעלט אויף איר דעם שמייכל אַרום זיינע גראָבע ליפּן. זיין שנורעלע דרייט זיך צופיל אויפן קאַרעק. ווּעמען וויל זי עס דאָ איבערכיטרעווען, ווּעמען? זי איז געראָטן אין דער שוויגער. אומעטום וויל זי זיין די ערשטע, די בעסטע און די טאָן־געבערן. די וועלט איז איר צו ענג און צו ווינציק... און די גרינע חוּוהלע איז אַ מבין אויף אַ טשאַד... אוי, איז זי אַ מבין!... זיין ברודער, הערש־יאָסל מיט די ביינער. יענער האָט אויך פּויעריש גע־שוויגן, האָט מען געמיינט, ער איז אַ בלאַסטאָמאָט, אָבער דער אמת האָט זיך תמיד באַוויזן אין צייט...

חוּוהלע האָט געשוויצט און מיט גאָפּל־מעסער געררוקט דאָס פלייש אויפן טעלער פון טייערסטן פּאָרצעלאַן און אַלע מאָל אַ קוק געטאָן, דאָ צום פעטער און דאָ צו דער מומען.

— ווי, ווי! ווען זי שעמט זיך נישט, נעמט זי און עסט מיט די הענט... די מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט, אַז די בייער מעג מען נעמען אַן אַ גאָפּל... אָבער זיי דאָ, זענען סאַמע פּאַניענקעס, און זי וויל נישט אויסגע־לאַכט ווערן... ווען נישט דער פעטער, וואָלט זי גאָר אַוועק פון טיש... וואָס איז עס פאַר אַ גדולה אויף זיי?

דער פעטער האָט צו איר געשמייכלט, ער האָט געפילט, אַז די גרינע איז שוין ווידער אומצופרידן מיט עפּעס.

— יאָ! דער געלערנטער ברודער, הערש־יאָסל, האָט שוין מער אוס־פּייעט פון אים, דעם רייכן דאָן עליאָס... יאָ! אַ זון אַ דאָקטער איז טאָקע

אַ גרויסער כבוד פאַר אַ טאַטן, אָבער דער זון האָט זיך פון אים דערווייטערט, ער האָט זיך זיין אייגענע געזעלשאַפט. און צום טאַטן קומט מען איינמאָל אין אַ חודש, אָפּצועסן אַ היימישן אָנבייסן... מען טוט אַ טובה... און רבקהלע, דאָס איינציקע טעכטערל, איז אויך נישט בעסער! יעדע איז צופיל פאַרטאָן מיטן פאָרן אויף דאַטשעס און לויפן צו די שניידערקעס מעסטן קליידער מיט מאַנטלען. נאָר מען פוצט זיך פאַר דעם מאַן, נאָר מען וויל געפעלן, אויסנעמען... דער איידעם איז טאַקע אַ יונגערמאַן, אַ פאַרשוין! און אַ דאָק־טער דערצו! ער איז אַ זון פון געצע דעם פופיק, און דאָס וויל נישט אַרויס־רעדן קיין ייִדיש וואָרט, און האָט פיינט גרינע. זיי, די גרינע, וויסן נישט ווי צו לעבן — זאָגט דאָס יונגע דאָקטערל. — די גרינע זענען פאַרגרעבט און געשמאַקלאָז, זיי זענען נישט דערצויגן... איז טאַקע בעסער, וואָס זיי פאָרן נישט אַרויס איינעם מיט די קינדער...

אָבער די חוהלע איז פאַרליבט אין אירע בידנע טאַטע־מאַמע. אַ גליק, בנאמנות.

דעם איידעמס חוזק האָט ער, עליאָס, נישט פאַרגעסן ביז דעם היינטיקן טאָג!... — האָבן זיך אָפּגעלייגט פאַרשעמטע שמייכלען אַרום די ברייטע האַרטע קאַרבן הינטער די לויזלעכע באַקן: — וואָס וויסן זיי, די היינטיקע קינדער, די געלערנטע? זיי זענען דאָך געקומען אויף אַלעם גרייטן. טאַטע־מאַמע האָבן געהאָרעוועט ווי די אייזלען, מען האָט נישט געהאַט קיין טאָג און ניט קיין נאַכט, מען האָט אַריינגעלייגט דעם גאַנצן קעז אין איין וואָרעניק, און עס האָט נישט געטויגט. איצט זענען זיי, די גרויסע צעלייגערס, קאָפּ־מענטשן... געצע דעם שניידערס זון ווייסט ווי אַזוי צו לעבן... אויף דאַטשע פאָרט ער אין אַ קאַטש, און דווקא אויפן שווערס חשבון, און ער שעמט זיך זיכער מיט דעם וואָס דער שווער איז אַ פּראָסטאַק און דער פּראָסטאַק פאָרט נאָך יאַקאָס אין דעם אַלטן צעטרייסלטן קאַטש, ווי אין אַ בודע, און קיינער האָט אים נאָך דערפאַר, חלילה, נישט געזאָגט קיין שלעכט וואָרט, און אויך נישט געשיקט קיין טיעראַ דע פועגאָ...

און אַ שטוב — אַ גן־עדן, אַ ווילטאָג, האָט דער טאַטע, דער געווע־זענער קאַוואַל, געקויפט דעם איינציקן טעכטערל מיט איר מאַן, געצע פו־פיקס זון. אָבער אַ ביסעלע ליבשאַפט, אַ ביסעלע אָנערקענונג האָט מען נישט פאַר טאַטע־מאַמע. נישקשה, די אַלטע פערד, די גרינע חיות, זענען געוווינט צו שלעפּן... זיי האָבן נישט קיין חוש פאַר אַ בעסער לעבן!... איז נישטאָ פאַרוואָס זיי צו דאַנקען, פאַרוואָס זיי צו אָנערקענען...

דער זון מיט דער טאָכטער זענען געראָטן אין דער מאַמען, עס זאָל

פעלן אַ האָר!... זיי האָבן נישט קיין צייט צו טראַכטן וועגן די מיטמענטשן!... נאָר זיי בויען פּלענער, לופטשיפן... און ווען עמיצער פּרוווט, חלילה, זיי צוריקהאַלטן, וואָלטן זיי איינגעוואַליעט די וועלט און געגאַנגען איבער מענטשן, אַבי אויסצופירן זייער קאַפּריז...

און רבקהלע, זיין איינציק אויג אין קאָפּ, האָט נישט געקענט אָפּלייגן דאָס פאָרן קיין מאַר דעל פּלאַטאַ און קומען צום אָנבייסן, צוטיילן אַ ביסל פאַרגעניגן דער נאַרישער מאַמען?... ער פון זיין זייט איז איר מוחל. ער פייפט אויף איר טאַטנס פּרעסטאַטן!... נאָר רוזשע, זיין ווייב, וועט עס שוין אויסקרענקען. ער דערקענט עס שוין אין איר אומרו, אין דער פייכטקייט, וואָס טוקט זיך אין אירע פלינקע אייגעלעך...

עס גייט איר אויס דאָס חיות, אַז חוהלע זאָל דווקא הערן און באַוווּנדערן רבקהלעס שפּילן אויפן פּאָרטעפּיאַן, כדי זי זאָל שרייבן אַהיים און דערציילן, ווי אַזוי די מומע רוזשע האָט דערצויגן אירע קינדער. זי האָט ליב אָנערקענונג, דאָס ווייב זיינס, און די קינדער גיבן איר מכות מיט קדחות... פאַרקערט. זיי נוצן דווקא אויס דער מאַמעס קריכן אונטער זייערע נעגל. דערפאַר האָט מען רבקהלען געמוזט קויפן צו דער חתונה אַ נייעם און דווקא אַן ערשט־קלאַסיקן פּאָרטעפּיאַן. אַנדערש האָט ער נישט געוואָלט, דאָס יונגע דאָקטערל, דעם שניידערס בנאָק!... ווען מען גיט נישט נאָך, וואָלט זיך, חלילה, געשפּאָלטן דער דאַשעק. רבקהלע האָט נישט געוואָלט גיין אין ציוויל... ווען נישט רוזשע, וואָלטן זיי דען אויסגעפירט? נישט, חלילה, ווייל ער זשאַלעוועט די פאַרדריפּעטע פּאָר פּעזעס... נישט אין געלט גייט עס אים, נאָר אין מאָראַל, אין מענטשלעכקייט...

עלי דער קאָוואַל איז געבליבן אַ פּשוטער ייִד מיט אַ ריין האַרץ. ער איז נישט קיין מאַלפּע, נישט קיין פּאַפּוגאַי, און ער האָט פיינט נאָכצומאַכן און נאָכצומאַכן אַלע נאַרישע קונצשטיק פון די נעכטיקע קבצעדראַניקעס, אַ רוח אין זייער טאַטנס פּרעסטאַטן!...

זיין רוזשע שטייט אויף די קני, פּאַלט כורעים פאַר אירע געלערנטע יורשים. זי טוט אַלץ אין דער וועלט, אַבי די קינדער זאָלן זיין צופרידן, ווייל אַזוי פירט זיך עס הייַנטיקע צייטן, אַלע טאַנצן אויפן שטריקל, אַלע, חוץ אים, עלי דעם געוועזענעם קאָוואַל.

צוליב דער מאַמעס נאָכגיביקייט הערן זיי נישט אויף צו קוועטשן, צו שלעפן, ווי עס וואָלט געווען אַ קרעניצע און נישט קיין שווער־פאַרהאָרעוועטע געלטער. און די מאַמע וויל עס נישט וויסן! זי וויל איבעריאָגן, אי־

בערשטייגן אַלעמען, אַלע ווייבער פון איר קלאַס. אָבער דאָס וועט איר קאָסטן צו טייער, דער קלוגער ליטוועטשקע זיינער!

ביי אים וואָלט די חברה געגאַנגען גלייך, זיי וואָלטן געטראַכט און זיך באַנומען ווי גלייכע מענטשן! עס וואָלט געווען ווויל צו זיי און ווויל צו טאַטע־מאַמע. ער, עליאַס, וואָלט דאַן געפייפט אויף דער וועלט און גע־פאָרן אויף דער קאַנקע!...

דאָס איידעמל, געצי פּופּיקס זון, איז אַ גאַנצער „יאַ טעבע דאַם״, אַ חכם, אַ געלערנטער. אָבער פּופּציק אלפים נדן האָט ער געמאָנט... און גע־צע פּופּיק האָט נישט געטרויט דעם מחותן. ער האָט געפאָדערט, מען זאָל קלאַפּן און ציילן איידער מען שרייבט די תנאים...

ער, עלי קאָוואַל איז געשפּרונגען פון דער הויט און ווען ניט זיין ווייב וואָלט ער שוין אויסגעפּרוווט דעם דאָקטערלס ליבשאַפט צו זיין רבקהלען, זיין איינציקן אויג אין קאָפּ.

ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן און די געדאַנקען זענען ווי זלידנע פליגן אָנגעפלויגן אין זיין מוח.

— עליאַס! — האָט רוזשע אַ קלאַפּ־געטאָן מיטן גאָפּל אין זיין טעלער

— וואָסי, די שיפן זענען דיר אונטערגעגאַנגען?... אָדער דו האָסט נישט אויסצוצאָלן דעם נדן פאַר דער טאָכטערס וועגן?...

— טאָקע וועגן דיין טאָכטער האָב איך איצט געטראַכט! — האָט ער אויפגעהויבן צו איר אַ צעשמייכלט פּנים, אָפּרוקנדיק אין אַ זייט דעם טעלער מיט די צעקייטע ביינדלעך. — דיין בת־יחידה מיט דיין געראָטן איידעמל, די קרוין פון דיין צלם־קאָפּ, האָבן נישט געקענט בלייבן נאָך אויף אַ פּאָר טעג? וואָסי, דער ים מיט דער רולעטע וואָלטן אַנטלאָפן?... ווו האָט מען זיך עס אויסגעלערנט צו לעבן אַזוי ברייט, ווו! ?...

— הער אויף צו זוכן! — האָט דאָס ווייב אַ וואָרן געטאָן מיטן פינגער און האָט אַריינגערוקט די האָרנאָדלען אין די לויז־געוואָרענע קוגעלעך. — אַ טאַטע זאָל עס נאָר זוכן חסרונות!... — די היץ שרפעט און רבקהלע מיטן שווערן בויך — אַ מכה דער מאַמען פאַר איר — מוז דאָך האָב פרישן וואָזדוך...

— מסוכן אין באָד!... — האָט דער מאַן אַרויפגערוקט אויפן קאָפּ די אַכט־קאַנטיקע יאַרמעלקע און מיטן זוים פון דעם ווייסן טישטוך אָפּגע־ווישט די ריטשקעס שווייס פון פּנים. רוזשע האָט מיטן גאָפּל אַ קלאַפּ געטאָן איבער זיינע פינגער:

— עלי!...

און די שנור האָט אַריינגעשמייכלט אין האַלב־אויסגעליידיקטן טעלער.
ער האָט גלייכגילטיק אַריינגערעדט אין איר צערודערט פּנים:

— די היך ברענט טאַקע, און דו, מיין ווייב, טאָפּעסט דיך, שמעלצסט דיך מער ווי איין טאָג, און ווערסט יאַקאָס נישט צעלעכצט ביז צום ביין... און די קינדער דיינע וואָלטן, מיט גאָטס הילף, אויך געבליבן לעבן... נישקשה! ווען מען טראַכט באָר נישט וועגן הולטאַיעוועס...

— געָנוג! — האָט אים רוזשע איבערגעשלאָגן. זי האָט נישט געוואָלט דער מאַן זאָל אָנרירן דער טאָכטערס כבוד אין דער אָנוועזנהייט פון דער שנור.

עליאַס האָט מיט די פינגער אָנגעהויבן קלאַפּן אויפן ברעג טיש און אונטערגעברומט אַ ווייך, חסידיש ניגונדל. זיין ווייב האָט גיך אָנגעהויבן צו־נויפנעמען די ליידיקע טעלער און אויסשטעלן קליינע טעלערלעך מיט קאָמ־פּאָט און מיט טאָרט. אין איר האָט געזאָדן די רוגזה און דער פאַרדרוס אויפן מאַן. זי האָט אים שוין טויזנט מאָל געוואָרנט צו האַלטן דאָס מויל... וואָסי? זי ווייסט דען נישט, אַז קינדער באַגייען אַמאָל אַן עוולה?... אַ מכה דאַרפן עס פרעמדע וויסן!... זינט די גרינע איז געקומען, איז עליאַס געוואָרן עפּעס צו פילבאַר... וואָס וויל ער, אַז רבקהלע זאָל ווערן אַזאַ כשר בהמהלע ווי זיין פלימעניצע איז?... רבקהלע איז אַ געלערנט קינד, אַן איידלס, אַ מכה דער מאַמען פאַר איר!...

זי, חוהטשע, איז שוין מער נישט קיין גאַסט. זי איז שוין דאָ באַלד אַ חודש צייט. זי ווינקט שוין צום וויזשילאַנט אויף דער סקינע און צום לעטשעראָ, און צום פּאַנאַדעראָ... זי איז גאָרנישט אַזאַ אומשולדיק קעלבל, ווי דער פעטער מיינט...

וואָסי, רבקהלע מיט איר מאַן האָבן נישט פאַרבעטן צו זיך די גרינע? זיי האָבן איר נישט געגעבן אַ גאָלדן פינגערל אַ מתנה? און איר איידעמל, איר טייער קינד, האָט נישט געפירט די גרינע אויסקוקן די שטאָט? געפירט זי אין פּאַלערמאָ און אין ביאָגראַף!

וואָסי, עס וואַלגערט זיך דאָ געלט אין די גאַסן? עס איז איר אָנגעקומען גרינג, דער גרינער חיה! נישקשה, לייט וויסן, ווער רוזשע מיט אירע טייערע קינדערלעך זענען! נאָר דער טאַטע וויל עס נישט וויסן.

חוהלע האָט אַרויסגעפילט דער מומעס כעס און דעם פעטערס באַ־ליידיקונג. זי האָט זיך געשעמט פאַרן קוזין מיט זיין ווייב. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט. אויך דאָס אייניקל האָט זיך צעלאַכט.

— ווייַ־ווייַ! דער פעטער עלי גייט שוין ווידער אָפּ מיט בלוט צוליב

זיך גרינער פלימעניצע!... ווען זי וואָלט נישט מורא געהאַט פאַר דער מור־מען, וואָלט זי איצט אַרויסגעלאָפן פון עסצימער און וואָלט זיך גוט אויס־געוויינט איבערן יאַשטשיק מיט אירע זאַכן... דאָרט איז פאַרשטעקט דער ריח פון דער מאַמעס הענט און פון טאַטנס ספרים. אין יאַשטשיק ליגן אַלע אירע סודות, איר נשמה... די מומע טאָר וועגן דעם נישט וויסן. זי קען ווערן ברוגז און אַרויסוואַרפן דעם יאַשטשיק מיט די זאַכן. דאַן וואָלט זי, חוהלע, זיך געקוילעט אָדער אַרויסגעשפרונגען דורכן פענצטער... און נאָך דעם וואָלטן די גאַזעטן געשריבן, אַז זי האָט זיך דערהרגעט צוליב אַ חתן... זיי אַלע אין דעם אַמעריקע האַלטן פון זיך צופיל.

— זאָל די מומע נישט מיינען, אַז זי טוט דער גרינער אַ קעלבערנע טובה... נישקשה! זי, חוהלע, איז נישט קיין אַנלייגערן. זי פּירט די שטוב, פּרעסט און קראַכמעלט דעם פעטערס אויבער־העמדער. זי צירעוועט זיינע שקאַרפּעטן, פּרעסט דער מומעס שטאַלטנע כאַלאַטלעך, קאָפּטלעך און פאַר־טוכער. אַ ביסל כאַלאַטן מיט קליידלעך האָט עס די מומע! און אַזוינע שיינע: פון ברוך, סאַטין און פּאָפּלין. זי טראָגט זיי קיינמאָל נישט. זיי הענגען אין דער שאַפע און שמעקן פון ריינקייט, אָבער דער רוח ווייס פון זיי הנאה האָבן!... הויט און ביין, שיבלאָ לאַפּולקע! איז די מומע רוזשע... און עס גיט קוקעס, הערשט און קאָמאַנדעוועט!... יאָ, סיאָמע, דער מומעס אָנגע־שטעלטער, איז גערעכט. ער האָט עס איר, חוהלען, שוין אַ סך מאָל געזאָגט, כמעט הינטער דער מומעס פּלייצעס:

— חידוש זיך נישט, חוהטשע, אויף דיין מומע רוזשעס איילעניש, אויף איר געלט־גייציקייט. נאָ דיר אַ זעקסער פאַר איר ליטווישן צלם־קאָפּ... זי וועט פּגרן ווי אַ הונט, און אירע קינדערלעך וועלן זיך רייסן אי־בער דער רייכער ירושה... אָבער נישט נאָר די מומע איז אַזאַ איינריי־סערן!... דאָ איז אַזאַ סיסטעם פון לעבן. דיין מומע איז אַן אויסטויגערן, זי ווייסט עס, האַלט זי זיך דעריבער גרויס. אָבער אַלע גייען דאָ אַרום ווי אויף אַ שטריק. איין שלעכטער שפּאַן, איין וואַקל, און דו פאַלסט אַרונטער פון דיין גדולה און בלייבסט אויפן מיסט. מען טרעט אויף דיר ווי אויף אַן איוורניק...

— דאָ, חוהטשע, מוז מען זיין אויף דער וואַך. דאָ מוז מען קענען געבן אַ גלעט איבערן קעפּל און איבעררהאַקן די הענט, וועלכע ווילן דיך אַראָפּוואַרפן פון דיין גדולה. און ווען מען דראַפּעט זיך אַרויף אויף אַ גלייכן וועג, מוז מען זיך האַלטן מיט ציין און מיט נעגל, ווען נישט, ביסטו אַ פאַרלוירענער... יאָ חוהטשע, מען דאַרף זיך פאַרשטאָפּן די אויערן, דאָס

האַרץ, און לויפן ווייטער, ווייטער. אָט ווי עס לויפט דיין קלוגע מומע רוזשע...

יאָ, סיאָמע איז געַרעכט. אָבער דאָ איז אַ לאַנד פון אַלדאָס גוטס. אַפילו דער היגער פּאָליציסט איז ניט ווי דער זשאַנדאַר, אָדער סטראַזשניק, פון איר דאָרף. דאָ זענען אַלע מענטשן — מענטשן... אָבער זי, חוהלע, וויל נישט זיין גלייך מיט אַלע... עס אַרט איר נישט צו זיין פון די קלענסטע, פון די אָרעמסטע אין איר דערפל, צווישן די קינדער פון דער גרדוניה, אַבי נאָר צו זיין דאָרטן... אין דער היים איז איר געווען גוט און ווויל, ווי אין דער מאַמעס בויך, און זי האָט עס גאַרנישט געוווסט ווי אָפּצושאַצן... יאָ! זי וועט גיין אַרבעטן און נאָכדעם וועט זי פאָרן צוריק... צוריק!

פּאַר אירע אויגן האָט זיך ווידער צעגרינט דאָס דערפל, און זי האָט אויפגעציטערט, פאַרגעסנדיק אויף אַ ווײַלע ווו זי האָט זיך געפונען. זי האָט געפּרווט צעשניידן דאָס האַרטע שטיקל אינדיק. האָט עס אויך אַרויסגעגליטשט פון אונטער דעם גאָפּל, איז אונטערגעשפּרונגען אין דער לופטן און אַריינגעפאַלן צוריק אין טעלער. די געלע, פּעטע פליסיקייט האָט זיך צעשפּריצט און פאַרפלעקט דעם דאָקטערס שניי־ווייס העמד...

— אוי, מומע, איך וועל מיך קוילען! — האָט חוהלע געבראָכן די פינגער פון די הענט. — איך בין נישט שולדיק... דער אינדיק איז דאָך עלטער פון מיין באָבע צייטל!...

אַרום טיש איז געוואָרן אומרויק. חוהלע האָט געפילט אויף זיך דער מומעס בליקן. חוהלע האָט זיך געשעמט, אירע פאַרטרערטע אויגן, ווי צוויי צעשראָקענע טויבן, זענען צוגעפאַלן צום פעטער. ער האָט באַנגיק גע־שמייכלט: — נו, נו! עס איז גאַרנישט! עס איז אַ גוטער סימן, חוהלע! עס וועלן זיין שמחות ביי יידן!...

רוזשע האָט אים צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק. זי האָט האָט גיך איינגע־טונקען אין וואַסער דעם שפּיץ פון דער ווייסער סערוועטקע און אָנגעהויבן ווישן, רייבן דעם פלעק אויפן זונס העמד. די שנור, וועלכע איז די גאַנצע צייט געווען אויפמערקזאַם צום שטילן געפּעכט צווישן שווער און שוויגער, האָט ברוגזלעך פאַרצויגן אירע ליפּן. זי האָט צוגענומען די סערוועטקע פון דער שוויגערס הענט און זי אַוועקגעוואָרפן אויפן טיש, זאָגנדיק צו חוהלען:

— האָב נישט מורא, גרינינקע. דעם העמד וועט שאַטן אַ סך ווינציקער ווי דער שוויגער... מאָרגן וועל איך עס געבן אין וועשעריי און דעם פלעק וועט מען אַרויסנעמען. אָבער די שוויגער וועט זיך אַזוי גיך נישט אויסהיילן פון אירע אומזיסטע ערגערנישן...

דערביי האָט זי מיט צוויי פינגער גענומען אַ שטיקל טאָרט און עס צוגעטראָגן צו חוהלעס מויל: — עס, און זאָל דיך נישט אַרן, וואָס דאָ קומט פאָר!... דו ביסט ווערט מער פון צען העמדער. דו ביסט אַ יונגע, שמעקעדיקע פלאַנץ...

— בראַוואָ!... — האָט עליאַס אַ פּאַטש געטאָן מיט די שווערע הענט. — מיין שנור הייבט אָן צו גיין אויף אַ וועג... און דו, חוהלע, — האָט ער איר אַ קניפּ געטאָן אין דער פאַרפלאַמטער באַק — פייף אויף דער וועלט און פאָר אויף דער קאַנקע. מיר זענען אין אַ פריי לאַנד און נישט אין קעניג קאַרלס סעגוראַנצע...

ער האָט אָנגעהויבן זינגען דעם ניגון פון „אַ חזן, אַ שיכור״, און צוגעקלאַפּט מיט די פינגער אויפן טיש. די שנור האָט אונטערגעכאַפּט דעם ניגון. זי האָט געקענט דעם שווערס שטימונגען און איז תמיד געווען אויף זיין זייט. בלויז איר מאַן, איז געווען גלייכגילטיק. ער האָט רויק געלעקט און געזופּט די געשמאַקע ביינדלעך פון דער מאַמעס אָנבייסן און פאַרביסן מיט שטיקלעך טאָרט. זיינע באַקן זענען געוואָרן פאַרביק און די אויגן זענען פאַרצויגן געוואָרן מיט שלאָף.

רוזשע האָט כסדר אונטערגערוקט די האָרנאָדלען אין די לויז־געוואָרענע האָר־קוגעלעך און געהאַט טענות צו איר מאַן: — טויזנט יאָר וועט ער לעבן, דער ווייסער לונג־און־לעבער!... אַ נייער שאַליאַפּין! נאָר עס זינגט מיר, נאָר עס טרילערט!...

חוהלע האָט געזען, אַז דער פעטער האָט געהאַלטן פאַרזשמורעט די אויגן, זיך געהוידעט הין־און־צוריק און זיין שטים איז געוואָרן טיפער, האַרציקער, ווי ער וואָלט זיך אויסגעטענהט מיט זיך אַליין, און אומעטיק געשמייכלט, כאַפּנדיק פון צייט־צו־צייט אַ זייטיקן קוק צו דער שטיל־געוואָרענער פלימעניצע, וואָס האָט אומניחהדיק געקייט קליינע שטיקלעך טאָרט און איז נאָך אַלץ געווען צערודערט און פאַרשעמט.

— דער דאָקטער, — האָט זי געטראַכט, — האָט גאָרנישט וועגן וואָס צו רעדן מיטן פעטער און מיט דער מומען?... — תמיד, ווען ער קומט אַהער, איז ער פאַרטאָן אין עסן אָדער אין לייענען... וואָס זשע, קעגן אייגענע טאַטע־מאַמע האַלטן זיי זיך אויך גרויס?... זי הייבט עס גאָרנישט אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דעם פעטערס קינדער זענען אַזוי פאַרליבט אין זיך!... וואָסי, עס זענען נישטאָ קיין שענערע און בעסערע פון זיי?... זאָלן זיי פאָרן אין איר דערפל און זאָלן זיי אָנקוקן די מיידלעך און די יינגלעך פון דער גרדוניה... יענע זענען אַזוי קערנדיק און נאַזיו, אָוואָ!...

— חוהלע! — האָט איר דער פעטער אַ קניפּ געטאָן אין באַק. — רעד עפּעס מיט דיין קוזין. ווייז אים, זיס לעמעשקעלע מיינס, ווער מיר זענען!...

— און דו, שימעלע, — האָט ער זיך געווענדט צום זון, — מעגסט זי אויסהערן, די גרינע. אָסור, צי זי וועט ווערן פאַרשעמט. דאָרט, אין איר דערפל, איז אַ דאָקטער אַ גאַנצער יאַ טעבע דאַם!... אָבער דאָ, דאָ זענען זיי פאַראַן אויף דער מאה. אַמעריקע זאָל לעבן! אַמעריקע מאַכט פון אַ פלעדערוויש — אַ קוימענקערער...

— קוק אים נאָר אָן, דעם בעסאַראַבער מאַמעליגע! — האָט רוזשע דערשטיקט אין זיך דעם פאַרדרוס, הלמאי דער טאַטע גיט נישט אָפּ געבוג כבוד דעם איינציקן זון, דעם דאָקטערל אירן, זאָל זיין געזונט און שטאַרק. זאָל ער, דער מאַן אירער, פּרוון לערנען און ווערן אַזאַ ווי איר שימעלע!... זאָל ער אויך אַרייך צווישן דער מאה, דער גרויסער צעלייגער אירער!... ווען נישט זי, די געטרייע מאַמע, וואָס שטאַמט פון אַ שיינער משפּחה, אַ משפּחה פון געלערנטע, פון גרויסן יחוס, וואָלט שימעלע געוואָרן אַ דאָקטער?... זי איז געזעסן לעבן אים האַלבע נעכט, געהיט ער זאָל נישט איינשלאָפן. זי האָט אים צוגעהאָלפן מאַכן די „דעבערעס"... זי האָט געלערנט גלייך מיט אים, געציטערט פאַר זיין טיטל...

און כדי צו דערמאָנען דעם זון, אַז זי האָט אַ גרויסן חלק אין זיין בילדונג, האָט זי אָנגעשטעלט אויף אים די פלינקע, שוין אַ ביסל מידע, אויגן:

— געדענקסט, שימעלע, די ווייסע שטייפע גוואַרדאַפּאַלוועלעך?... די ווייסע שיכעלעך, וואָס די מאַמע האָט דיר צוגעגרייט ביים בעט? נאָך אַ טאָג קאַטאַרזשנער אַרבעט, האָט די מאַמע געזאָרגט פאַר אירע קינדערלעך, בעת דער געטרייער טאַטע האָט געכראָפּעט. און איצט האָט ער דאָקטוירים אַזש אויף דער מאה!... אַ, שימעלע?

— אַוודאי געדענק איך! — האָט דער דאָקטער ענדלעך איבערגעריסן דאָס שווייגן. ער האָט אָפּגערוקט דעם טעלער מיט די ביינדעלעך, אָפּגעווישט דאָס מויל, פאַררויכערט אַ ציגאַר און אַרויסגעלאָזט דעם רויך דורך אַ ווינקל פון די צונויפגעצויגענע ליפּן. ער האָט דערביי געקוקט אויף דער מאַמען און געשמייכלט.

— מאַך בעסער אַ שוואַרצע קאַווע און גענוג מיט די טענות. איך האָב עס פיינט!... — און ער האָט פאַרצויגן די אויגנדעקלעך, ווי ער וואָלט גע־

וואָלט שלאָפֿן. — די אַלטע איז קראַנק... — האָט עס אין אים אַ רודער־גענאָן.

— מאַריאַ! — האָט רוזשע אַריינגעשריִען אין דער קיך אַריין. — די קינדער ווילן קאַווע! מאַריאַ!

— וואָס עפּעס נאָר די קינדער? — האָט עליאָס געשמייכלט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צום זון, אַרויפגעלייגט די שווערע הענט אויף זיינע שמאָלע, טרוקענע אַקסלען און אַריבערגעקוקט איבער אים, אַזוי אַז זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט:

— שימעלע! דאָקטערל מיינס! — האָט דער טאַטע געזאָגט. — רעד עפּעס מיט דיין שוועסטערקינד! רעד אַ ייִדיש וואָרט!... זאָל חוהלע הערן, זאָל זי שרייבן אַ היים, צו מיין ברודער הערש־יאָסל, געזונט און שטאַרק זאָל ער מיר זיין! ער איז אַ מענטש מיט אַ קאָפּ, מיט אַ וואַרעם האַרץ! אָבער צו פּרנסה קומט עס נישט! — האָט ער אומעטיק געשמייכלט. — אוי רבונו של־עולם! אוי, אוי!...

חוהלען האָט עס אַ ריס־געטאָן אין האַרצן; האָט זי אַריינגערעדט אין טעלער:

— אָבער מיין טאַטע איז צופֿרידן... די מאַמע זאָגט, אַז אַ פֿונט מזל איז שטאַרקער פֿון אַ פּוד גאָלד, און אַז אַ צופֿרידן פֿאַמיליע־לעבן האָט מער ווערט ווי צען פּוד ברילִיאַנטן. מיין טאַטע איז אַ שיינער ייִד!...

די מומע האָט זיך אַרויסגעכאַפּט:

— רש״י מיט חומש האָבן נאָך קיינעם נישט געשאַדט צו אַ שידוך!... קענטעניש איז אוודאי אַ באַלזאַם פֿאַרן האַרצן, אָבער פּרנסה, אויסהאַלטן אַ ווייב און לערנען קינדער, שטייט ביי מיר העכער פֿון אַלע שיינע פֿילאָ־זאָפֿיעס... אַ מענטש, חוהטשע, דאַרף זיין אַן אויסטויגער... ווער עס פֿאַר־לאָזט זיך אויף ניסים און אויף גאָטס גענאָד, דער וועט בלייבן אָפּגענאַרט...

דער זון האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפֿן פֿאַרענטש פֿון בענקל, און אומווילִיק אויסגעהערט דער מאַמעס רייד. ער איז שוין געווען מיד פֿון אירע טענות... עליאָס האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

— אוי, חוהטשע, האָבן מיר דאָ געפּינצטערט און געשקלאַפּט!... — האָט די מומע ווייטער גערעדט, ווישנדיק אומרויִק די פֿייכטקייט פֿון מויל, און וואַרפֿנדיק ווייכע שטיקלעך פֿלייש פֿון איין באַק צו דער אַנדערער. — אוי האָבן מיר געקאַרגט! געשפּאָרט און געלייגט אַ סענט צו אַ סענט. וויפֿל מאָל האָב איך נישט געגעסן קיין פּרוכט, קיין שטיקעלע קעז מיט פּוטער, כּדי די קינדערלעך זאָלן בעסער זיין זאַט!... מיט בלוט און מיט שווייס איז

פאַרהאָרעוועט געוואָרן יעדער טאָלער!... — האָט דאָס צײַנלאָזע מײַלכל אונ־טערגעציטערט און די פלינקע אייגעלעך זענען ווי היישעריקן געלאָפן פון איינעם צום אַנדערן. — ווען נישט איך, וואָלט היינט מיין שימעלע געווען אַ קאָמבאַלאַטשניק, און מיין רבקהלע — אַ שניידערן, און נישט קיין פּראָ־פעסאָרשע פון פאָרטעפּיאַן... אוי האָב איך מיך סאַקריפיקירט!...

עליאַס האָט ברייטער אויפגעמאַכט די אויגן־דעקלעך, באַטראַכט זיין ווייבס פּנים און אַריינגעזיפצט אין זיך, שמייכלענדיק ביטער:

— אַ יחוס אין באָד!... די געלערנטע קינדער פּייפן אויף איר טאַטנס פּרעסטאַזש, און זי שמעלצט זיך אין נחת און וויקלט זיך אין זייער יחוס, מ׳שטיינס־געזאָגט!... און אַז זיין, עליס, מאַמע האָט ניט געקענט קלאַפּן אויפן פאָרטעפּיאַן, איז זי דען נישט געווען אַ כשרע יידישע טאָכטער?... און אַז זיין טאַטע האָט ניט געקענט שיקן די קינדער אין „ווערזיטעט", איז וואָס?... איז אים דען געווען שלעכט דעם ערלעכן, דאָרפישן יידן?... האָט ער דען נישט אויסגעפּאַשעט זעקס זין ווי די ביקעס און פיר טעכטער ווי שיינע קאָראַלסקע טעלעצעס? און אַלע זענען זיי געלאָפן ווי די דאָמאָוויקעס ווען דער טאַטע אָדער די מאַמע האָבן עפּעס באַפוילן! אַ מלוכה איז עס געווען, אַ קעניגרייך!...

ער האָט אַ פּיר־געטאָן מיטן פינגער איבערן האַלדז און געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— דו זעסט, שימעלע, קדיש מיינער? ביז אַהער זענען מיר געגאַנגען אין בלוט פאַר טאַטע־מאַמעס וועגן... און אָן רעקלאַמע, אָן איינבעטעניש, דו הערסט? דו שלאָפסט, אָדער דו רויכערסט?...

— עלי, עליאַס! — האָט דאָס ווייב אַ קלאַפּ געטאָן איין גאָפּל אינעם אַנדערן און זיך צעוויגט אויפן געזעס.

— באַסטאַ! באַסטאַ! וויעכאַ! — האָט דער דאָקטער זיך אָנגערופן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן גאָלדענעם האַנטזייגער, און געזאָגט צו דער מאַמען:

— נעם בעסער דעם אַלטן און פאָרט זיך אַ ביסל דורך צום ים!... דו זעסט אויס שלעכט!

— גאָט האָט דיין מאַמען געגעבן טערענאָס, — האָט עליאַס זיך אָנ־גערופן מיט אַ שמייכל, — נו! מוז זי דאָך אַלע טאָג צופאָרן זען, וואָס די לינדזשעראָס מאַכן דאָרט... אויך ביינאַכט קען זי נישט שלאָפן. איר האָב־און־גוטס ווערט דאָך פאַרדריפּעט!

רוזשע האָט פאַרביסן אַ פינגער און אויף שטום־לשון אים געהייסן שווייגן און נישט אַרויסברענגען פון געדולד איר שימעלען, איר דאָקטערל.

אָבער אין איר האָט עס געררודערט פון כעס. עס איז אים אָנגעקומען גרינג, דעם מאַן אירן, ווען זי פּאָלגט אים, וואָלטן זיי געבליבן נאַרישע קאַמבאַ־לאַטשניקעס... סאָסיעדאַדן ליגן אים אין זינען... ער איז אַ קהל־טעפּל, אַ וועלט־פאַרזאָרגער און נישט מער... און קינדער מוזן עס וויסן... זיי מוזן...

— מאַמע! טראַכט נישט אַזוי פיל!... — האָט דער זון אַריינגעקוקט אין אירע אויגן. — זע בעסער ווי די זון שיינט, זע!... דאַרפסט אַרויספאָרן, זיך אויסרוען.

און כדי צופרידן צו שטעלן טאַטע־מאַמע און צו מאַכן אַ סוף צו דער אָנגעצויגנקייט, האָט ער זיך געווענדט צו זיין קינד:

— דווידקעלע! דעקלאַמיר נאָר דאָס יידישע לידעלע, וואָס די מאַמע האָט דיך אויסגעלערנט. וואַמאַס, וואַמאָס, שעם דיך נישט!... זאָל דיין פרימאַ הערן, זאָלן זיידע־באָבע זען, אַז דו ביסט אַ גוט יידיש יינגעלע!...

חוהלע האָט געשמייכלט פון זיין יידיש געמישט מיט שפּאַניש, אָבער די מומע איז געווען צופרידן.

— אדרבא! — האָט דער זיידע אויפגעשיינט. — וואָסי, איך צאָל דען נישט פאַר אים אין דער בעסטער תלמוד־תורה? איך בין דען נישט אַ סאָסיאָ האָנאָראַריאָ?...

— נאָר אַ סאָסיאָ ? — צו מיר קומען זיי נישט מאָנען, די שנאָרערס!... נאָר צו אים!... ביי אים שלעפּט מען. אים איז אַלץ אָנגעקומען גרינג!...

— זאָג, דווידקעלע, זאָג! — האָט עליאָס אַ קוש געטאָן דעם אייניקלס קעפּעלע. — און זאָל די באָבע רוזשע וויסן, אַז אירע פאַרדריפּעטע פאַר טאָלער גייען נישט פאַרלוירן. און דו וועסט נאָך קריגן ביי מיר אַ ביסיק־לעטל אויף צוויי גומענע רעדער מיט אַ מעשענעם פּופּיק...

ער האָט אויפגעהויבן דאָס קינד און עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. דאָס יינגעלע איז געוואָרן רויט און בלייך, פון שרעק אָנגעבלאָזן די בעקעלעך און געזויגן די שפּיצן פון זיינע פינגערלעך. די נייגעריקע בליקן פון די שטוביקע האָבן אים געמוטיקט. האָט ער צעפּירט מיט די שמאָלע הענטלעך, זיך אויסגעגלייכט, אַרויסגעשטעלט דעם בויך, און האָט אָנגעהויבן מיט אַ דין, דערשראָקן שטימעלע:

— דער „מאָע" האָט געזאָגט — די טאַטע איז אַ גוטער... זי וועט קויפן שיכעלעך, וויכינקע ווי פּוטער... און די זיידע מיט די באָבע — האָבן ליב מאַראַנצן — און דודעלע דאָס אייניקל — האָט ליב טאַנצן...

— בראַוואָ! — איז געוואָרן אַ פּאַטשעריי, און דער זיידע האָט אויפּ־געהויבן דאָס אייניקל און אים אַרויפגעזעצט צו זיך אויף די אַקסלען. —

בראַוואָ, דודקעלע, האָסט געוווּנען דעם ביסיקלעט און דו האָסט אים דיר כשר פאַרדינט, — דאָס מזל אויף שונא ישׂראל!...

און צו חוהלען:

— ווייז דו, גרינע אוגערקע, וואָס דו קענסט...

חוהלע איז געוואָרן אומרויִק און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

דער פעטער האָט נישט נאָכגעגעבן, און אויך דעם דאָקטערס ווייב איז צוגעשטאַנען:

— זאָל די פּרימאַ דעקלאַמירן! דער שווער זאָגט, אַז חוהלע איז אַ פּאָעטיסאַ. זי שרייבט לידלעך און שיקט זיי אַהיים...

חוהלעס אויגן, ווי צוויי געבונדענע טויבן, זענען געוואָרן אומעטיק. זי האָט פאַרשעמט געשמייכלט און שטיל, ווי פאַר זיך אַליין אָנגעהויבן:

„ביים פענצטער פון מיין צימער,
וואַקסן ביימלעך צוויי,
רעדן טו איך צו די ביימער
און איך זינג צו זיי,
און איך זינג צו זיי:

— ביימער גרינע, ביימער שטילע,
גיט מיר אַ ביסעלע פרייד,
שטילט איין די בענקשאַפט אין מיין האַרצן,
שטילט איין די פּיין, די לייד,
שטילט איין די פּיין, די לייד!...

ביימער גרינע, ביימער שטילע!
זעט מיין אומעט און מיין פּיין!
ביימער ווען אייביק בליען
און פריינטלעך צו מיר זיין,
און פריינטלעך צו מיר זיין!...“

זי איז געבליבן שטיל און געשמייכלט: — איך האָב שוין פאַרגעסן. עס איז מיר אַרויס פון קאָפּ...

דער דאָקטער האָט איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ, און געזאָגט אין אַ צעבראָכענעם יידיש:

— עס איז געווען האַרציק... דו דאַרפסט זיך לערנען, חוהלע, דו דאַרפסט!...

און זיין ווייב האָט צוגעגעבן:

— איך וויל, די גרינע פרימאַ זאָל קומען צו אונדז טרינקען מאַטע און זאָל מיך אויסלערנען מאַכן פונטאַ קרוס...

— זאָג נאָך עפּעס אַ שטיקעלע! — האָט עליאַס אַ קניפּ געטאָן חווהלען אין בעקל. — זאָלן זיי זען, ווען מיין ברודער, הערש־יאָסל, האָט מיר אַהער געשיקט.

— אַז דער פעטער וועט מיר פּאָזוואָליען, וועל איך אַהערברענגען דעם טעטראַד מיט מיינע לידלעך... — האָט חווהלע אַראָפּגערעדט צום טיש.

— גיי, גיי, און קום באַלד צוריק!

ווען חווהלע איז אַרויסגעגאַנגען האָט זיך די שנור אָנגערופן:

— איך האָב רחמנות אויף דעם מיידל. זי זעט נישט אויס צו זיין קיין גרויסע חכמה. אָבער אַ קינד, אַ גוט און ערלעך מיידל איז זי...

— אַ ביטערער עקשן, אַ פּויער איז עס, אַ דיבוק! — האָט רוזשע פאַרדריסלעך פאַרצויגן די ליפּן. — און איך וועל זי איבערמאַכן!... איך וועל!...

— הער זי נישט, שנורל מיינס! — האָט עליאַס געשמייכלט. — חווהלע איז אַ בריה און אַ געטרייע נשמה. זי דאַרף, נעבעך, האָבן אַ מענטשן, וואָס זאָל זי פאַרשטיין...

— נו, האָט זי דאָך דעם געטרייען פעטער! — האָט רוזשע בייסיק געשמייכלט און אים אָפּגעגאָסן מיט אַ פלינקן בליק. סאָסיעדאַדן ליגן אים אין זינען...

— באַסטאַ, באַסטאַ! — האָט דער דאָקטער אויסגערופן.

מאַריאַ האָט אַריינגעבראַכט אַ שוואַרצע טאַץ מיט ווייסע טעפּעלעך קאַווע און ווייסע שעלעכלעך, און רוזשע האָט גיך אַראָפּגענומען דאָס געפעס פון טיש, אונטערבורטשענדיק אומצופרידן: — די גרינע חיה פאַרשטערט מיר דאָס לעבן און די פרייד...

ווען מען האָט אָפּגעטרונקען די קאַווע האָט די שנור זיך געווענדט צו דער שוויגער:

— קומט, ווען מיר אַהערברענגען די פּרימאַ. זי מוז אַוודאי זיין ברוגז...

רוזשע האָט זי אַרומגענומען מיט איר פלינקן בליק, אַ פולן מיט איינפאַל און איז אַוועק אין זאַל, פירנדיק די שנור פאַרן מינדסטן פינגערל. זיי האָבן געטראָפן חווהלען זיצנדיק אין אַ ווינקל און אַריינוויינענדיק אין אַפּעצעם קעסטל מיט אירע זאַכן: — מאַמע, מאַמעניו! איך וויל אַהיים, אַהיים, אַהיים!...

— פּאַרוואָס וויינט די פּרימאַ? — האָט די שנור דערשראָקן אויס־געדופן.

אָנשטאָט אַן ענטפער, איז רוזשע גיך ווי אַ פויגל צוגעשפּרונגען צו חוועלען און אַ ריס־געטאָן דאָס קעסטל פון אירע הענט און עס געוואָלט אַרויסוואַרפן דורכן אָפענעם פענצטער.

חוועלע איז אויפגעשפּרונגען, צוגעפאַלן צו רוזשען און אַרויסגעריסן דאָס קעסטל, שרייענדיק נישט מיט איר קול:

— טוט עס נישט! איך וועל עס נישט אויסהאַלטן!...

אויף אירע קולות איז אָנגעלאָפן דער פעטער און נאָך אים דער דאָק־טער מיטן קינד. זייערע אויגן זענען צוגעפאַלן צו איר, אָבער חוועלע האָט זיי נישט געזען. זי איז געשטאַנען אין מיטן פון זאַל אַ בלייכע, אַ דערשראָ־קענע און געדריקט צו זיך דאָס קעסטל מיט די מלבושים און גערעדט דורך ריטשקעס טרערן:

— איך וויל אַהיים, אַהיים, אַהיים!...

***

חוועלע האָט געשטאַמט פון אַ קליין דערפל אין בעסאַראַביע. איר טאַטע האָט געהאַט אַ נידעריק שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך און מיט קליינע פענצטערלעך, געזונקענע ביז דער פריזבע. ווינטער האָט דער דאַך גע־פוילט אונטערן שניי, און זומער זיך געבאַקן אונטער דער ברענענדיקער זון און אַ נאַסע פּאַרע האָט זיך ווי אַ גרויער וואָלקן אויפגעהויבן פון דאַך און געשפּרייט אַ שווערן ריח פון צעפוילונג.

אַרום שטיבל איז געווען דער גאָרטן. דאָרט זענען געוואַקסן גרויסע רויטע פּאָמידאָרן, מאַיס און גרויע בלויע קרויטן. עס זענען אויך געווען עטלעכע ווינשל־ און קאַרשן־ביימלעך און איניקע עפּל־ און באַרן־ביימער, באַלאָדענע מיט פרוכטן, ווי גאָלדענע בעכערס מיט האָניק און מיט אַלטן בעסאַראַבער וויין.

די זון האָט דאָרטן גערוט און געוואַרעמט די פעטע בוימלדיקע ערד און זיך אַריינגעגאָסן אין די גרינע לאָנקעס הינטערן שטיבל און זיי איינ־געדעקט ווי מיט זיידענע פּעכערס.

חוועלעס טאַטע האָט אויך געהאַט אַן אייגענע קו און אַ צוויי ציגן מיט אַ צאַפּ, אַ הונט מיט שטילע אומעטיקע אויגן און צוויי שאָף.

חוועלע מיט איר צווילינג־ברודער, איציקל, זענען געווען שטילע דאָר־

פישע קינדער. זיי זענען געוואַקסן מער אין סאָד מיטן גאָרטן ווי אין טאַטע־מאַמעס שטיבל. זיי האָבן ליב געהאַט די בהמות, די לאַנקעס און די שטילקייט.

זייער טאַטע, הערש־יאָסל דער מלמד, איז געווען אַ הויכער און גע־בויגענער ייִד מיט אַ שוואַרץ־גרויע שפּיציקער באָרד און מיט אומעטיקע אויגן, רויטלעכע פון אָנשטרענגען זיי ביים צופּיל לייענען. די מאַמע איז געווען אַ שטילע ייִדענע מיט אַ געקעסטלטער פאַטשיילע אויף דעם אייביק־הכנעהדיק געבויגענעם קאָפּ, און מיט ברוינע אויגן, ווי שטילע טויבן, מיט לאַנגע הענט, וועלכע האָבן תמיד געאַקערט, געזייט, געקנעטן ברויט און געמאַכט הייוון. זי האָט געבאַקן און געקאָכט, געשייערט די גרויסע ערדענע טעפּ און געפּרעגלט אויפן ווינטער קאָמפּאָטן פון גוטעס, פון עפּל און באַרן, און פּאָווידלעס פון שוואַרצע אונגאַרישע פלוימען און פון טשערקעסעס.

די מאַמע האָט מען גערופן איידל די אשת־חיל, איידל די כשרה נשמה.

ווען דער טאַטע פלעגט גאַנץ פרי, נאָכן דאַווענען, אַוועק אין דאָרפישן חדר לערנען מיט די קינדער פון די צען ייִדן, וועלכע האָבן דאָרט געוווינט, פלעגט די מאַמע אַוועקפירן די בהמות אין טשערעדע און חוהלע מיט איציקלען פלעגן אַוועק צום נאָענטן טייכל כאַפּן פישעלעך.

ביים טייכל איז געווען קיל. די געל־קעפּלדיקע רויזעלעך ווי אָפענע זאָנטיקלעך אויף די גרינע גראָזן, זענען געווען באַגאָסן מיט אַ בלייכער ראָסע, און די צעשראָקענע זשאַבעס זענען געשפּרונגען צוריק אין טייכל.

כוואַליעס, ווי דינע זילבערנע רייפלעך, האָבן זיך געוויגט און האָבן געגלעט די ווייסע שטיינער ביים זוים, און דאָס איינציקע שיפל, וואָס איז געווען צוגעאַנקערט צו אַ סלופּ.

חוהלע מיט איציקלען פלעגן אין די לאַנגע פויערישע סטאַנעס צו־שווימען צום שיפל, זיך באַקוועם אַוועקזעצן און מיט די הענטלעך כאַפּן שמאָלע ווייסע פישעלעך, וועלכע פלעגן דאָרט אַרומשווימען אין די טויזנ־טער. ווען זיי פלעגן קומען אַהיים און ברענגען דער מאַמען אַן אייזערן קעסעלע מיט פישעלעך, פלעגט די מאַמע פּריִער פון אַלץ אַראָפּשלעפּן פון די קינדער די נאַסע העמדלעך און רעדן צו זיי מיט אַ טאָן פון זאָרג און בושה:

— דו, חוהלע, ביסט דאָך שוין אַ פאָלנער מענטש. אַ מיידל אין דיינע יאָרן דאַרף אָנטאָן אַן אונטער־רעקל און נישט גיין צום טייך ווי עס גייט אַ שיקסע!... דו לויפסט ווי אַ נאַרישע קאָזע, תמיד ביסטו איינע אַליין...

— און פאַרוואָס מעג איציקל?...

— איציקל איז דאָך אַ זכר... — האָט די מאַמע געשמייכלט. — דייַ ברודערל וועט שוין איצט גיין מיטן טאַטן אינײַנעם. ער דאַרף לערנען תורה.

חוהלע האָט זיך אָבער געוווּנדערט; זי איז נישט געווען אַליין. די זון איז געווען צעשאָטן איבער די לאָנקעס, איבערן גאָרטן, און האָט ווי גאָלדענע אויערינגען זיך געוויגט צווישן די בלעטער אויף די צווייגן. עס האָט געשמעקט מיט זשיוויצע, מיט שבועותדיקער גרינקייט, מיט ערד און מיט פּוטער... מער האָט זי קיינעם נישט באַדאַרפט.

אַ סך מאָל איז די מאַמע אַוועק צ־פוס אין שטעטל אָפּטראָגן צו די רייכע באַלעבאָסטעס די טאָרבעס מיט אויסגעפּליקטע פעדערן אין די לאַנגע וואָלענע זאַקן, וואָס זי פלעגט אויסשטריקן טוצנווייז. דאַן איז חוהלע געוואָרן די באַלעבאָסטע. זי האָט אויסגעשלאָגן פּוטער, אָפּגעוואַרעמט קעז און צוגעגרייט אַ מאַמעליגע מיט מילך. ווען דער טאַטע מיט איציקלען זענען געקומען אַהיים איז דער טיש שוין געווען גרייט.

אין די אויפדערנאַכטן איז דער גאָרטן און דער סאָד געווען אַרומגענומען מיט אַ בלויער קילקייט. די לבנה, ווי אַ ליכטיק טויזנט־יאָריק פּנים האָט אַראָפּגעקוקט פון טיפן הימל און זיך געבאָדן און געשפּיגלט אין די קילע, לויטערע וועלעכלעך פון נידעריקן קרעניטשקעלע צווישן די ביימער. חוהלע האָט צונויפגעקליבן אין פאַרטוך אַריין די עפּל און באַרן, וואָס זענען איבערן טאָג אַראָפּגעפאַלן, זי האָט זיי צעשניטן און אויף אַ גרויסער ברעט הינטער דער שטוב געלייגט טריקענען.

דערנאָך האָט זי אויסגעמאָלקן די קו, וואָס איז צוזאַמען מיט די ציגן און צוויי שאָף אַהיימגעקומען פון טשערעדע. זי האָט פאַר זייערטוועגן פאַרפאַרעט קלייען, און ביי דעם ליכט פון דער לבנה געגאַנגען צוגרייטן דאָס עסן. אויף אַ פּירקאַנטיק ווייס ברעטעלע אויפן אַלטן שוואַרצן טיש אַוועקגעלייגט אַ גרויס ראָזעווע ברויט, וואָס די מאַמע האָט אויסגעבאַקן אויף אַ גאַנצער וואָך, אַוועקגעשטעלט פיר ערדענע שיסעלעך מיט ווייסן פרישן קעז מיט סמעטענע און פיר גלעזער מיט שוימיקער מילך.

דער טאַטע מיט איציקלען זענען געזעסן אויבנאָן, און אַריינקוקנדיק אין אַ ספר געוואָרט אויף דער מאַמען. אין שטיבל האָט געשמעקט מיט פריש־געשמירטער ערד, באַשאָטן מיט געלן זאַמד און פון דרויסן זענען אַריינגעפאַלן רויטלעכע שטראַלן און ריחות פון איבערגעצייטיקטע פרוכטן און די קלאַנגען פון אַ דאַינע.

די מאַמע איז אָנגעקומען אַ באַלאָדענע מיט פּעקלעך און אַ פאַר־

שטויבטע. זי האָט זיך אָפּגעוואַשן און אַוועקגעזעצט צום טיש. צווישן איין ביסן און דעם צווייטן פלעגט זי אויפהייבן דאָס באַזאָרגטע פּנים און זאָגן צום מאַן:

— אַ סך פון די שטאָטישע ייִדן שיקן אַוועק זייערע קינדער צו קרובים אין אַמעריקע. וואָס זאָגסטו צו דעם, הערש־יאָסל?...

— און וואָס איז אונדז שלעכט דאָ? — פלעגט דער טאַטע אַ זיפץ טאָן און פאַרטראַכטערהייט צופּן די שפּיצן פון זיין באָרד און זיי נאָכדעם צוטראָגן צו די ליפּן און זיי קייען.

— אונדזער ישובֿל איז אַ קליינס. דערפאַר אָבער אַ קערנדיקס... די יוגנט לערנט זיך... זי איז אַ געזונטע...

נאָך דעם האָט דער טאַטע געגלעט איציקלען איבערן בלאָנדן קעפּל און אַריינגערעדט אין זיינע בלויע לעבעדיקע אויגן:

— מיר זענען נישט אַליין. מיר האָבן ליב דאָס דאָרף, די ערד... נישט אַזוי, זון מיינער?

— ייִדן זענען תמיד אַליין!... — פלעגט די מאַמע ענטפערן, און אירע לאַנגע הענט פלעגן אַרומנעמען חוהלען. — מיר זענען אין אַ גרויס פּאָדערהויז פון אַ גרויסן וואָקזאַל, מאַן מיינער! און די, וואָס פירן די פּאָיעזדן, זיי פאַרשטייען אונדז נישט. מיר זענען פון די ערשטע צו כאַפּן די פּעטש און די לעצטע אַריינגעלאָזט צו ווערן אין פּאָיעזד...

— נו, וועלן מיר אַליין איינשפּאַנען און אויסשפּאַנען די פערד פון אונדזער וואָגן!... — איז דעם טאַטנס אויסגעווייקט לאַנג פּנים געוואָרן מילד — מיר וועלן וויזן אונדזער יוגנט דעם וועג צום לעבן. מיר אַליין וועלן פאַר זיי אויפמאַכן טיר און טויער. אונדזערע גוייִשע שכנים וועלן אַמאָל מוזן פאַרשטיין, אַז תורה איז שטאַרקער פון אַ מעסער און פון אַ ביקס... ווען אַלע משוגענע און רשעותדיקע הערשער וועלן שוין פון לאַנג זיין נישט מער ווי אַ ביסל שימל, וועט משהס תורה נאָך אַלץ לערנען די וועלט צו זיין מענטשן...

— און איך זאָג דיר, הערש־יאָסל, אַז מען דאַרף נעמען די טאָרבע און אָפּציִען פון דאַנען!... די קינדער ווערן עלטער, עס איז נישט קיין תכלית צו וואַרטן ביז קין וועט אויפהייבן די האַק...

— ווייסיך, אַ ייִדענע פלאַפּלט!... — פלעגט דער טאַטע אַ מאַך־טאָן מיט דער האַנט און אונטערברומען אַ חסידיש ניגונדל. — נישט איין משוגענער גוי האָט שוין געוואָלט מיר זאָלן ווערן אויס דאָרפסלייט און ער

האָט קראַפּירט, און מיר זענען דאָ ווייטער געבליבן... און זיי וועלן ווידער קראַפּירן און וועלן ווידער אונטערגיין... און מיר וועלן — לעבן, לעבן.

אָט אָ־די טענות האָבן זיך געלייגט שווער אויף חוהלעס געמיט און געוועקט אין איר פאַנטאַזיע און נייגער: יאָ. ווען זי וועט ווערן אַ גרויסע וועט זי פאָרן אין דער ווייטער וועלט. זי וועט ווערן אַ זינגערין, אָדער גאָר אַ פּאָרזאָגערין אין דער ווייבערישער שול... אָבער זי וועט קומען צוריק אין דאָרף! ווו איז דען אַזוי שיין ווי אין וועלדל? סיידן עס וועט זיך פאַרליבן אין איר אַ זון פון די ראָטשילדס. ער וועט זי נעמען אין זיין רייכן טאַטנס פּאַלאַץ... דאַן וועט זי דאָך מוזן בלייבן מיט אים! די מאַמע זאָגט: — מיט אַן אייגענעם מאַן מוז מען גיין אַפילו ביז צום סמבטיון... אַפילו ביז קיעוו!...

ווען חוהלע איז געוואָרן עלטער, האָט איר אַ מיידל פון דאָרף געבראַכט אַ ביכל וועגן איינעם אַ גאָרדאָן... אַ ייִד, וועלכער לערנט מען זאָל פאָרן קיין ציון און דאָרט ווערן ערד־אַרבעטער...

אין דערפל איז שוין געווען אַ גרופּע גאָרדאָניסטן. איז חוהלע דאָרט געוואָרן אַ מיטגליד. אָבער טאַטע־מאַמע האָבן נישט געוואָלט זי זאָל פאָרן איינע אַליין און ווערן אַן ערד־אַרבעטערן אין ציון... קוזאָס גזלנים האָבן זיך באַוויזן אין דערפל, האָבן געררייצט דעם היימישן וואָלאַד. איז געוואָרן שווער צו לעבן צווישן גויים.

איינמאָל ווען חוהלע איז געבליבן אַליין אין גאָרטן, זענען איר באַפאַלן אַ כאָפּטע שקצים מיט שיקסלעך: זאָל די זשידאָנקע קושן דעם צלם און זאָגן, אַז די זשידאָנעס זענען שדים, שווינדלער און גנבים!... זאָל זי פאָלגן, אַז נישט וועלן מיר זי דערטרונקען!...

חוהלע האָט זיך געווערט. האָבן זיי זי אָנגענומען פאַר די האָר און אַריינגערוקט אין נידעריקן קרעניטשקעלע, עטלעכע מאָל זי אונטערגעטונקען ביז צום האַלדז, זי אויפגעהויבן און ווידער געפּאָדערט זי זאָל נאָכגעבן...

זי האָט געשריִען, גערופן הילף און מיט די נעגל זיך איינגעשטאָכן אין פנים פון איר שכנס זונדל, ניקאָלאַי דעם שיכור. ווען עס קומען נישט אָן דער טאַטע מיט איציקלען, איז אויס מיט איר לעבן.

זינט דעמאָלט האָט זי אָנגעוואָרן דעם צוטרוי צו אירע נישט־ייִדישע חברטעס. זי איז געוואָרן נאָך מער פאַרטראַכט און פאַרשלאָסן אין זיך. זי האָט זיך געשעמט צו קוקן אין טאַטע־מאַמעס אויגן: זיי האָבן דאָך געוווּסט, אַז מען האָט איר געריסן די האָר פון קאָפּ און געשפּיגן אין פנים.

— יאָ, די מאַמע איז גערעכט: ייִדן זענען תמיד אַליין!... — האָט עס

אין איר געוויטיקט. — ייִדן זענען קליין אין צאָל און אַרומגערינגלט מיט ווילדע חיות... מיט אַ שנאה, וואָס איז שטאַרקער אַפילו פון טויט. אָבער זי, חוהלען, וועט מען מער נישט שטופּן אין דער קרעניצע, מער נישט שפּייען אין פּנים אַריין...

איז חוהלע געוואַקסן ווי איינס פון די ביימלעך אין טאַטנס גאָרטן, און צוזאַמען מיט איר איז מיטגעוואָקסן דער באַגער אַוועקצופאָרן פון דער היים. דער טאַטע האָט געשריבן צו זיין רייכן ברודער אין אַרגענטינע, אים אויסגעלויבט דאָס איינציקע אויג אין קאָפּ און געשיקט איר בילד, און דער פעטער האָט געשיקט אַ שיפסקאַרטע.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך געפרייט, אָבער אויך געזיפצט און געקרעכצט. זיי זענען געוואָרן ווייס ווי טויבן און אומעטיק. חוהלע האָט זיי צוגעשווירן צו זיין אַ געטרייע טאָכטער און זיי צו העלפן. זי האָט אויך צוגעזאָגט, אַז אויב זי וועט נעמען אַ רייכן מאַן, וועט זי אים איבעררעדן און פאָרן מיט אים קיין ציון..., און פון דאָרט וועט זי ערשט קענען העלפן אַנטוויקלען די גרדוניה אין איר דערפל... מיט איין וואָרט: זי וועט און וועט...

אָבער דאָ איז אַלץ אַזוי אַנדערש פון דעם, וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט. האָט חוהלע אין די נעכט געוויינט אין איר קישן אַריין... דאָ איז נישטאָ קיין גרדוניה, עס איז נישטאָ קיין וואַלד און קיין לאָנקעס, ווי היבטערן טאַטנס שטוב. נישטאָ די קו מיט די ציגן און מיט די שאָף. נישטאָ קיין גאָרטן, נישט די היימישע לבנה, נישט קיין דאָינע. גאָרנישט.

אין רייכן פעטערס גרויסע צימערן איז קאַלט און טרויעריק. סיאָמע האָט איר צוגעזאָגט צו פירן זי צו די לאַנדסלייט און ער טוט עס נישט, ווייל ער איז אייפערזיכטיק... ער וויל נישט זי זאָל זיך טרעפן מיט נייע מענטשן... ווייל ער איז אַן אַלטער בחור און אַ במאוסער... דאָך האָט זי רחמנות אויף אים: ער איז, נעבעך, אַ קיילעכיקער יתום און האָט דאָ קיינעם נישט... זי וועט אים בעטן, ער זאָל פועלן ביים פעטער אויף אַ שיפסקאַרטע פאַר איר אויף צוריקצופאָרן. אויב נישט, וועט זי דאָ אויסגיין ווי אַ ליכט. טאַטע־מאַמע און איציקל וועלן עס גאָרנישט אויסהאַלטן... זיי ווייסן גאָרנישט וואָס זי, חוהלע, טראַכט, וויפל טרערן זי פאַרגיסט אַלע טאָג... און אַלע נאַכט, ביז זי ווערט אַנטשלאָפן.

יאָ. סיאָמע איז געווען דער איינציקער מענטש אין פעטערס שטוב, וועלכער האָט געוווסט פון איר בענקשאַפט אַהיים, ווייל ער אַליין איז שיער אומגעקומען אויס בענקשאַפט.

ער איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר זעקס־און־צוואַנציק, אַ הויכער, אַ

שמאָלער מיט אַן עטוואָס איינגעפאַלענער ברוסט. זיין פּנים איז געווען שמאָל־ביינערדיק מיט אַ קליין האָרביקל אויף דער עכט יידישלעך־לענגלעכער נאָז. ער האָט געהאַט שמאָלע, רויטלעכע ברעמען און שיטערע לאַנגע רויטע וויִעס. אויך זיינע שיטערע האָר פון קאָפּ זענען געווען רויט און אויסגע־קראָכן ביי די שלייפן און אויפן שאַרבן.

סיאָמע האָט געקענט גרינגלעך סיי דער מומע רוזשעס כאַראַקטער און סיי אַלע ווינקעלעך פון קלייט און די הינטער־שטיבלעך מיט אַלטן בראַנדז, גומענע רעדער פון אויטאָמאָבילן, באַטאַרייעס און בלעך מיט צינק, שמאָלע רינעס און אייזערנע רערן. ער פלעגט העלפן די אַרבעטער איבערקלייבן, אויסכאַרטירן דאָס אַלטוואַרג. ער איז אויך געווען אַ גוטער מעכאַניקער, געקענט צענעמען אַן אַלטן אויטאָמאָביל, אים דורכטרייבערן, ווי מען פלעגט אין דער היים טרייבערן אַ בהמה און אַרויסנעמען יעדן טריפהנעם אָדער און דריזל.

ער האָט געהאַט אַ דורכדרינגלעכן האַרטן בליק, אַ באַשטימטן און אַ ווייט־זעעוודיקן. ער איז אָבער געווען אַ שווייגער, פאַרביסענער, און נאָר אין באַשטימטע רגעס פלעגט עס פון אים אַרויסברומען און דאַן האָט מען געמוזט נאָכקומען זיין באַפעל...

אין די פאַרנאַכטן, ווען אין קלייט איז געוואָרן שטילער און רוזשע פלעגט אים דערלאַנגען אַ מאַטע מיט סאַנדוויטשן פון כאַמאַן מיט קעז, פלעגט ער אויף גיך אָפּעסן און אָפּטרינקען, און באַלד נאָכדעם זיך אַרונטערדוקן אונטער אַ צעקלאַפּטן, צעבראָכענעם אויטאָמאָביל, וועלכן די באַלעבאַטים האָבן אָפּגעקויפט פאַר קליינגעלט, און ליגנדיק מיט דעם פּנים אויף אַרויף קלאַפּן מיטן העמערל און אויספּרווון די שוואַכע ערטער, ווי אַ דאָקטער פּרוווט אויס דאָס האַרץ און די לונגען פון אַ קראַנקן.

דערביי פלעגט ער רעדן צו זיך אַליין, און זיין האַרטער בליק האָט זיך געריסן פון צווישן די צונויפגעצויגענע רויטלעכע וויִעס ווי דינע פאַרהענגלעך:

— עט, עט, עט! עקשן דיך נישט, שרייפּעלע! קריך נישט אַוועק!... ביי מיר וועסטו ווערן ווייכער, וועסטו נאָכגעבן, ווייל סיאָמע איז אַ געבראָטענער ליטוואַק, מיט סיאָמען שפּילט מען זיך נישט!... סיאָמע האָט פיינט קאָפּ־ריזעלעך!...

ער האָט אויך צוגעהאָלפן רוזשען פירן דאָס געשעפט, די געשעפט־ביכער און זי האָט ביי אים תמיד געפרעגט עצות ביים קויפן פּלעצער אָדער ביים מאַכן פּלענער צו בויען. סיאָמע איז תמיד געווען פאַרהאַוועט, פאַרטאָן

אין אַרבעט און פֿאַרשמירט מיט בוימל, מיט סמאָלע. די ביינערדיקע פֿינגער און דאָס קיילעכדיקע היטעלע אויפֿן קאָפּ, גלאַנציק, שוואַרץ ווי גומי... דער גאַרטל אַרום דער געפּלעקטער, אַלטער מאַמעלוקע האָט פֿאַרצויגן זיין שמאָל גופֿל. ער האָט אויסגעזען קאָמיש.

רוזשע האָט אים געגעבן אַ צימערל אין איינעם פֿון אירע אַלטע הינטערשטיבלעך, צווישן בערג מיט אַלטוואַרג, און סיאָמע האָט זיך דאָרט איינגעאָרדנט. אין די אויפֿדערנאַכטן, ווען ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, פֿלעגט ער ליגן אויף זיין שמאָל אייזערן בעטל ביים פֿענצטער און לייענען אַ צייטונג אָדער אַ זשורנאַל. ער האָט דעמאָלט נישט געפֿילט די אומריינע לופֿט און נישט געזען די שטיקער גומי און בראַנדז, וואָס האָבן אָנגעפֿילט דאָס צימערל ביז דער סטעליע...

סיאָמע האָט ליב געהאַט צו וויסן וועגן אַלע רייסערייען צווישן די לאַנדסלייט און גלאַט יידן, וועלכע מוזן זיך קריגן. ער פֿלעגט לאַכן פֿון פֿאַר־טיי־לייט, וועלכע האָבן אויף די צייטונגען געגלויבט זייערע אויפֿטוען, זייערע אידייען און אַרונטערגעריסן די קעגנער, זיי געזידלט און אָנגערופֿן מיט די ערגסטע נעמען. ער פֿלעגט לאַכן און רעדן צו זיך:

— די פֿאַרטיי־פֿירער שטייען ווי אַן אייזערנע וואַנט צווישן די גרינע יידן!... די דאָזיקע לייזאַקעס רוקן אַריין אַ מעסער אין רוקן פֿון די גרינע און די וווּנד וועט זיין אַ טיפֿע... און אַ קללה פֿאַר דעם ישוב...

— סיאָמען וועלן זיי פֿאַר דער נאָז נישט פֿירן!... — פֿלעגט ער אַוועק־וואַרפֿן די צייטונג, זיך פֿאַרקוקן אויף דער סטעליע און טראַכטן: — בלויז אַרבעט און אויסדויער איז דער איינציקער גרויסער אמת און דער פֿונדאַ־מענט פֿון מענטשנס גליק... עס זענען אים שוין נמאס צו הערן די דאָזיקע פּלאַפּלערייען ווי פֿון קליין־שטעטלדיקע מאַרק־ווייבער... מיט וואָס פֿאַר אַ ביישפּילן גייט מען אַרויס צום פּשוטן מענטשן, אַ?... וואָס מיינען זיי זיך, די קלוגצעטשקע רייד־דרייערס, אַ?... ביי סיאָמען וועלן זיי נישט אַרויסקריגן קיין איין פּרוטה. פֿאַר זיינעטוועגן האָבן זיי נישט קיין גייסט און נישט קיין קרישקע ברויט... זאָלן זיי בויען שלעסער אין דער לופֿטן!... זאָלן זיי זיך זידלען, שרייען, שעלטן און איינרייסן דעם יאַשטשיק!... ער, סיאָמע, איז אַ מענטש מיט אַן אייגענעם וועג אין לעבן. ער וועט אָנקלייבן אַ לייטישע פֿאַר טאָלער און פֿאָרן אַהיים. דאָרט איז דאָ קדושה, ריינקייט, און דאָ איז אַלץ פּוסט, אויפֿגעבלאָזן ווי אַן איטערדיקער בלאָטער...

— רוזשקע, דער ליטווישער צלם־קאָפּ, טויג זיך אויס. אָבער זי מיינט, אַז גאָט האָט איר געשיקט אַ יאָלד, אַ סיאָמע, וואָס וועט איר אייביק

דינען, אייביק זיין איר פערדל!... אָבער זי וועט עס אַמאָל אויסשפייען מיט בלוט, כאָטש זי קויפט אים אַמאָל אַ מתנה און מאַכט אַ טאָרט אַלע יאָר צו זיין געבורטסטאָג, און זי מיט איר מאַן טרינקען דערביי אַ לחיים און ווינטשעווען אים לאַנגע יאָרן... יאָ, זיי טוען עס כדי אים איינצוהאַלטן און אָפּיאָלדעווען!... אָבער עס וועט זיי קאָסטן טייער, די אויפגעקומענע גבירים! אָן אים וועלן זיי דאָ פּלאַצן ווי אַ זייפנבלאָז און ער וועט זיך אויפהייבן ווי אַ פויגל און וועט אַוועק אין דעם קליינעם שטעטל אין זיין האַרציקער זיי־סער ליטע, ער וועט אַוועק צו שוועסטער, צו ברידער, צו אַלץ וואָס איז זיינס, זיין פלייש, זיין בלוט...

אַזוי האָט ער געטראַכט און געהאָפט גאַנצע צען יאָר זינט ער איז אַהער געקומען. ערשט ווען חוהלע איז געקומען קיין אַרגענטינע, האָט ער ליב געקראָגן דאָס לאַנד, די שטאָט און די מענטשן. אַפילו די צייטונגען און די רייסערייען פון די פּאַרטייליט זענען אים שוין מער נישט געווען דער־ווידער... ער האָט אויפגעהערט טראַכטן וועגן אַהיימפאָרן... ער פלעגט חווה־לען ברענגען אַ ביכל צום לייענען, אַ זשורנאַל, און ביים דערלאַנגען האָט ער צינויפגעצויגן זיינע רויטלעכע וויִעס, ווי דינינקע פאַרהאַנגלעך און זיך איינעסן אין איר מיט זיינע בליקן און גערעדט ווי צו אַ קינד:

— דאָ, חוהלע, איז אַ לאַנד פון מילך און האָניק... דאָ איז נישט קעניג קאַרלס שעכטהויז, און נישט דאָס לאַנד פון די ליטווישע תלינים. דו, חוהלע, ביסט געקומען צו אַ רייכן פעטער, דאַרפסטו האָבן שכל... דיין מומע איז נישט קיין שלעכטע. איך קען זי שוין אַריבער אַ צענדליק יאָרן... דו זאָלסט איר נאָר נאָכגעבן, וועסטו ווערן די קרוין פון איר קאָפּ.

חוהלע האָט אים געקוקט אין מויל און האָט געפילט, אַז ער איז איר אַ פריינד. זיין עלנט האָט זיך צונויפגעבונדן מיט אירן, און ווען זי פלעגט שוין מער נישט קענען איבערטראָגן די בענקשאַפט אַהיים, פלעגט זי אַרויפגיין צו אים, זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן און זיך גוט אויסוויינען. ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן צורוימען זיין פאַרוואָרלאָזט צימערל, אַרויס־טראָגן פון דאָרט דאָס אַלטוואַרג און אויסגעוואָשן דעם דיל, אים געמאַכט געל און גלאַט ווי אָפּגעהובלעוועט. זי האָט אויפגעהאַנגען אויפן פענצטער אַ ווייס אויסגעניייט פאַרהאַנגל און געמאַכט אַ פּאָליצע פאַר די צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער, וואָס האָבן זיך שטענדיק געוואַלגערט אויפן דיל. פון אָן אַלטן ליילעך, וואָס די מומע האָט איר געגעבן האָט זי אויפגענייט ציכלעך און באַצויגן סיאָמעס צוויי קישעלעך, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים.

זי האָט געפּרעסט און געקראַכמעלט זיינע אַלטע ליילעכער, די העמדער און געצירעוועט זיינע זאָקן. דערפאַר פלעגט איר סיאָמע פירן שפּאַצירן אין פּאַלערמאָ אָדער גיין מיט איר אין אַ ביליקן קינאָ. חוהלע האָט אים קיינמאָל נישט געלאָזט אויסגעבן פאַר אירטוועגן אַ סענט. דער פעטער האָט איר תמיד געגעבן געגנוג טאַשנגעלט און ער פלעגט זאָגן צו סיאָמען:

— העי, דו ליטוואַק געבראָטענער! ס'איז אַ גרויסער כבוד פאַר דיר צו גולאַיען מיט מיין פּלימעניצע... זאָלסט זי מיר אָפּהיטן, אַז נישט וועסטו האָבן ביי מיר אַ שוואַרצן סוף!...

כיאָמע האָט געשוויגן. אין אים האָט געשטורעמט פרייד און האָפענונג, זיך געריסן פון זיין איינגעפּאַלענעם ברוסטקאַסטן:

— וואַרט, וואַרט! סיאָמע וועט אייך אַלעמען אַרויסשטעלן צען פייגן!... סיאָמע איז אַ ליטוואַק, אַ צלם־קאָפּ!...

איין מאָל איז סיאָמע אַוועק אין צענטער איינצוהאַנדלען אַ לייטיש מלבוש, כדי זיך אַ ביסל אויסצופּוצן און חוהלע זאָל אויפהערן קוקן אויף אים ווי אויף אַן אָרעמאַן, ווי אויף איינעם, וואָס האָט נישט קיין חוש צום לעבן... ער זעט, ווי דאָס גרינע קעלבל וואַרפט אייגעלעך אויף די עלעגאַנטע יונגעלייט. דאַכט זיך, אַז עס ווייסט נישט ווי זיך איבערצוצלמען, אָבער עס האָט אַ חוש, אַ שנאַפּערל!... עס מוז זיין אַ האַרב פּעפערל, אָבער סיאָמע וועט עס איינבייסן. ער וועט!...

אַזוי אַ טראַכטנדיק האָט ער פאַוואָליע און באַזאַכט, מיט ביידע הענט פאַרלייגט אויף הינטן, אַרומשפּאַצירט צווישן קלייטן מיט אַלטע מלבושים. די זון האָט געשיינט און מענטשן האָבן זיך געאיילט הין־און־צוריק, זעענען אַריין אין די גאָלד־געשעפטן, געקויפט און אַרומגעקוקט בראָשן מיט ברי־ליאַנטלעך און בראַסלעטן מיט גאָלדענע זייגערלעך. סיאָמע האָט דורך זיינע צונויפגעצויגענע רויטלעכע וויִעס אַלץ געזען, געוויגן און געמאָסטן, אַזוי ווי די צירונגס־הענדלער האָבן געוויגן אויף זייערע קליינע שעלעכלעך די גראַמען גאָלד.

דעם מענטשנס לעבן ליגט תמיד ווי אויף אַ וואָג מיט אַ דין שוואַך צינגעלע!... — האָט סיאָמע פילאָזאָפירט. — אָט די דאָזיקע גאָלדהענדלער האָבן געגנוג געאַרבעט ביז זיי זענען געקומען צו אַזאַ גדולה... געלט איז אַ קלעפּיקע קראַנקייט, וואָס ווייסט נישט פון קיין יחוס, פון קיין איבערקליי־בעניש... אָבער קעפּ אויף די פּלייצעס האָבן זיי, אָט די דאָזיקע זשידלאַקעס... רוזשקע מיט די ביינער, עס זאָל פעלן אַ האָר!...

— יאָ, מען מוז זיך אָװעקגעבן מיטן גאַנצן לײב־און־לעבן און מיט דער גאַנצער נשמה, דאַן װערט מען אַ לײט!... — האָט אים רוזשקע, די קלוגע ליטװאַטשקע, נישט אײן מאָל געזאָגט און אים געלערנט װי צו מאַכן אַ טאָלער. — דאַן עליאַס איז אַ קהלשע טעפּל, די סאָסיעדאַדן זענען זײן װײב און זײנע קינדער. פון אים, דאַן עליאַסן, איז נישטאָ װאָס צו לערנען. ער איז אַ טויגעניכץ...

אַװדאי איז רוזשקע גערעכט! און ער, סיאָמע, האָט פײנט שװיצערס און פּוסטע רעדלדרײער. ער װיל נישט זײן קײן פּרעזידענט פון אַ שולכל, פון אַ סאָסיעדאַד... ער װיל בעסער געפעלן דעם גרינעם אוגערקעלע און װערן פּרעזידענט פון אַן אײגן הײמעלע... ער, סיאָמע, װעט האָבן אַ מאַכלדיק װײבעלע און מאַכלדיקע קינדערלעך... חװהטשע איז נישט קײן איבערגע־שפּיצטע און נישט קײן אויסגעשפּילטע און דאָס איז זײער גוט. זי איז װי געבוירן צו זײן אַ מאַמע, צו זײן אַ װײבל — אַ פּוכענע פּערענע, און ער האָט עס ליב... עס יוירט פון איר מיט דאָרפישקײט, מיט ברײטקײט, װעלכע ער האָט ביז איצט בײ קײן אַנדער מײדל נישט געטראָפן. די ליטװאַטשקעס זענען צו קלוג, צו איבערגעשפּיצט, און ער האָט זײ שוין גענוג, די מאַנס־בילשע קעפּ און סוחרישע װײבעלעך!...

און די היזיקע טשװעקלעך טויגן אינגאַנצן אויף טויזנט כפּרות. אויס־געדאַרט, אַרומגעטעשעט — הויט און בײן, און דרײען זיך אויף דעם קאַריק, שנאַלן זיך אין פּופּיק, דרײען מיט די נעזלעך, שנורעװען און מאַכן שטיק... מיט די געפּאַרבטע ליפּעלעך, נדן װילן זײ גאַר! אַ רײכע הײם מיט אַ דינסט און מיט אַ ראַדיאָ, מיט אַ קאָטש אַפילו אויך, און צװײ כועגאָס מעבל, מיט שפּיגלען און מיט טײערע פּאַרהאַנגען, מיט טעפּיכער... אַלץ װיל עס, דאָס היזיקע טשװעקל. און װאָס װעסטו קריגן בײ איר?... גאַרניט!...

דערצו מוז נאָך דער יאָלד טאַנצן פּאָקסטראָט, רומבאָ און אַ טאַנגעלע, אַז טאַנצן זאָל עס זײ אין די פּוסטע קעפּ!... בײ אים װעלן זײ שוין קײן הצלחה נישט האָבן, די טשעװקלעך! בײ אים װעלן זײ קריגן מכות מיט קדחות...

חװהטשע אָבער איז אַ הײמיש קינד. זי װײסט נישט פון קײן שמד־שטיק. די מומע נעמט איר אַרויס די נשמה. זי איז זיך צופּיל צעלאָפן, די ביטערע ליטװאַטשקע, און עס װעט אַ רוח אין אירע פּאַרדאָסטע יאָרן! שמחהלע װעט זיך אַן עצה געבן מיט איר!...

נאָר אַרבעטן, נאָר אויסדויער, און דו װעסט אַלץ אײנבײסן, אײנבײגן

און צופאַסן צו דיין ווילן... — האָבן זיך זיינע האַרטע בליקן געריסן פון די רויטלעכע וויַעס און געלאָפן ערגעץ ווייט, ווייט!...

חוההטשע האָט אָנגעצונדן זיין האַרץ, זיין בלוט, און ער וועט ווידער קאַרגן, שפּאָרן אַ סענט נאָך סענט פאַר אירטוועגן. ער האָט פיינט סוחרישע ווייבער. זיי פירן דעם מאַן פאַר דער נאָז... עליאַס מיט זיין ליטוועטשקע זענען פאַר אים אַ לעבעדיקער שפּיגל. איצט אָ, ווען דאָס גרינע אוגערקעלע איז נאָך נאַיוו, דאַרף מען אַרויפלייגן אויף איר אַן אייזערן ציימל, וועט זי נישט בריקעווען... עס וועט נישט וועלן ווערן קיין מאָדערנע דאַמע... סיאָמע האָט עס פיינט תכלית שנאה...

אַזוי פאַרטראַכט און מיט די הענט פאַרלייגט אויף הינטן האָט סיאָמע דורכגעשניטן איין צענטער גאַס נאָך דער אַנדערער, איז געבליבן שטיין אויפן ראָג פון קאַריענטעס און ליבערטאַד און האָט נייגעריק און מיט ביטול באַטראַכט די גרויסע קאַפעען מיט צעפראַלטע טירן און פענצטער. זיך צוגעקוקט ווי קונים זענען אַריין און אַרויס, אַנדערע זענען געזעסן אויף די טראָטואַרן אַרום הויכע קיילעכדיקע טישעלעך און דורך הויכע רערלעך געצויגן קאָקטייל פון די געשליפענע באָקאַלן. אַנדערע האָבן גע־טרונקען קאַלטן שוימיקן ביר אָדער געגעסן אייזקרעם...

סיאָמע איז געוועזן דורשטיק. די היץ האָט זיך געקלעפּט צו זיין פאַר־שוויצט לייב, געקלעפּט ווי הייסער פלאַסטער און אַרויסגעצויגן פון אים דאָס חיות. ער איז געוועזן מיד פון גיין צופוס ביז אין צענטער, כדי איינצושפּאָרן די צען סענט טראַמוויי־געלט. אָבער זיך אַוועקזעצן לעבן אַ טישל און עפּעס טרינקען האָט ער אויך נישט געקענט פועלן ביי זיך. ער האָט מיט דער סלינע באַנעצט דעם טרוקענעם האַלדז און מיט דער צונג באַלעקט די טרוקענע ליפּן. מיטן קויטיקן נאָזטיכל האָט ער געווישט די ריטשקעס שוויס פון דעם פּנים און פון האַלדז.

ניין! סיאָמע איז נישט קיין הולטאַי!... ער וועט זיך נישט נאָכגעבן די שמד... ער איז אויך נישט קיין היזיק טשוועקל. זיי לאָזן דאָ איבער די שוואַכע פאַרדינסטן, און דער „רוסאָ", דער יאָלד, ברענגט זיי אין שטוב אַריין פון אַלדאַס־גוטס און זיי גיבן אים דערפאַר אַ שפּיי אין פּנים... סיאָמען וועט מען אין פּנים נישט שפּייען!... אַפילו רוזשע די ליטוועטשקע ווייסט עס, און זי וועט מוזן געבן אַ הוספה. זי וועט! סיאָמען וועט קיינער נישט אַרייננאַרן, נישט איבעררעדן און נישט פירן אין באָד אַריין!... ער איז נישט קיין היזיקער טשוואָק!...

ער האָט זיך אויסגעגלייכט און איז פּאַוואָלינקע אַריין אין קאַפע,

האָט זיך העפּלעך פֿאַרנויגט און געבעטן ביים קעלנער אַ גלאָז וואַסער. ווען ער האָט אויסגעטרונקען האָט ער מחיהדיק אָפּגעאָטעמט, געדאַנקט און איז איילנדיק אַרויס צוריק. דאַן איז ער געגאַנגען צו דער גאַס ליבערטאַד, זיך געדרייט צווישן צוויי שורות יידישע קליטן מיט גרויסע פענצטער און מיט שילדלעך איבער די אָפענע טירן: „קאָמפּראַ אי ווענטאַ" (קויף און פֿאַרקויף).

אין די קליטן און איבער די אָפענע טירן האָבן געהאַנגען אַלטע אויס־געפּרעסטע רעקלעך, הויזנס, ווייסע זשילעטן מיט שוואַרצע אויפגעשפּאַל־טענע סורדוטן, אין קעסטלעך מיט גלעזערנע שויבן זענען געווען אויסגע־שטעלט אַלטע זיידענע און סאַמעטענע דאַמען־שיך, געלע און שוואַרצע לאַקירטע מענער־שיך, גראָבע סאָלדאַטסקע שטיוול, ווייסע לייכטע פּגר־שיך. אַ רויט־געפאַרבטע אַלטע „פּאָנטשאָ". אין די שוי־פענצטער האָבן געהאַנגען אַלטע זאַנטיקעס און שטעקעלעך מיט העלפאַנד־ביינערנע קעפּלעך, גיטאַ־רעס און אַלטע פידלען; אַ קלאַרנעט מיט פּערלמוטערנע קנעפּלעך, און גרויסע מעשענע טעצלעך אויסגעלייגט מיט אַלטע דאַמען־ און מענער־זייגערלעך, קופּערנע מעדאַלן און פֿאַרצייטיקע מטבעות; אַלטע כינעזישע וואַזעס, פֿאַר־שטויבטע, פֿאַרצעלייענע בלומען־טעפּ פון פּערסישן סטיל, אַ שאַך־ברעט מיט צעבראָכענע ביינערנע פיגורן, גאָלדענע צלמלעך מיט אַן אויסגע־קריצטן יויזל אויף זיי, גרויסע קיילעכדיקע קופּערנע אויערינגען, אַ לאַנגער צאָן פון אַ העלפאַנט, קליינע און גרויסע הייליקע בתולות מיט פֿאַרשמאַכטע הונגעריקע פּנימער... אַלץ איז געווען פֿאַרשטויבט און אַ שווערער, שטיקנ־דיקער ריח האָט זיך געטראָגן פון דאָרטן...

אין די אָפענע טירן און אויף די טראָטואַרן זענען געשטאַנען די באַ־לעבאַטים פון די געשעפטן, יידן מיט בערדלעך און אָן בערד, טרוקענע לאַ־טוטניקעס און דיקע פֿאַרפונדעוועטע סוחרים.

— קומט אַריין, קויפט עפּעס ביליק און גוט! — קויפט, קויפט! — האָבן זיי גערופן די פֿאַרבייגייער.

עס איז פֿאַרביי אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, אַ מאַן מיט ברייטע טריקאָ־טענע הויזן אין די הויכע שטיוול אַריינגעלאָזט און אַ ברייטן שטרויענעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ. מיטביידע הענט אויפן הינטן האָט ער געשפּאַנט פון פענצטער צו פענצטער און באַטראַכט די סחורה. ער האָט געקלאַפּט מיט דער צונויפגעלייגטער בייטש איבער זיין הויכן, גלאַנציקן שטיוול, און געקוקט, געקוקט, גערעכנט און געשמייכלט אומצוטרוילעך. פון אַ געשעפט איז אַרויסגעקומען אַ נידעריק פֿאַרשוינדל מיט שמאָלע שוואַרצע אויגן ווי־

טרוקענע מאַסלינעס, ער האָט אַ נעם־געטאָן דעם פויער אונטערן אָרעם און האָט אים אַריינגעפירט אינעווייניק.

סיאָמע איז זיי נאָכגעגאַנגען, נישט אַזוי ווי איינצוהאַנדלען עפּעס נאָר מער אויס נייגיר: זען ווי מען באַאַרבעט דעם יאָלד.

דער יונגערמאַן האָט גערעדט מיט דעם פויער און האָט אים דערביי אָנגעמאָסטן אַ שוואַרצן סורדוט מיט אַ לאַנגן שפּאַלט פון הינטן. אין דער זעלבער צייט האָט דער באַלעבאָס, אַן עלטערער אַראַבער מיט ברייטע לאַנגע וואָנצעס, איינגעטענהט מיט סיאָמען. ער האָט אַראָפּגענומען פון הענגער איין מלבוש נאָכן אַנדערן, אָנצוגן פון אַלערליי קאָלירן און שטאָפן. סיאָמע האָט זיך נישט געאײַלט, ער האָט דורכגעקוקט און דורכגעטאַפּט יעדן אָנצוג באַזונדער. צום סוף האָט ער אָפּגעקליבן צוויי: אַ בלויען און אַ ברוינעם פון אַ דינעם טראָפּיקאַל און איז אַרונטער הינטער דעם שפּאַנישן ווענטל זיי אָנצומעסטן.

ער האָט זיך לאַנג געדרייט פאַרן אַלטן פאַרשטויבטן שפּיגל מיט געלע און גרויע פלעקן, האָט אָפּגעצויגן דעם קאָלנער פון רעקל, די פּאָלעס, און האָט מיט די לאַנגע פינגער אַרומגעטאַפּט די הויזן, אויסגעגלעט דעם פאַרבראָך. יאָ! ער זעט איצט אויס ווי אַן עכטער אַמעריקאַניעץ, פון די, וועגן וועלכע דאָס גרינע אוגערקעלע האָט שוין עטלעכע מאָל גערעדט. ער וועט איר שוין דערציילן די מעשה. ער וועט...

סיאָמע האָט זיך געדרייט פאַרן שפּיגל און דער עלטערער אַראַבער האָט זיך מיטגעדרייט מיט אים. ער האָט תמיד צוגעהאַלטן אַ שטיק פון הינטערשטן קאָלנער, אַזוי, אַז אַ שטיק פון דער פּלייצע פון דעם אויסגעצויגענעם מלבוש איז תמיד געבליבן אין זיין געניטער האַנט, און סיאָמע האָט זיך נישט געגעבן קיין רעכענונג, און די אָנצוגן האָבן צו אים גערעדט און אים צוגעזאָגט דעם גרעסטן דערפאָלג. ער איז געוואָרן צעוואַרעמט און באַפליגלט פון זיינע האָפענונגען.

דער אַראַבער האָט געהאַלטן אין איין אַריינרעדן אין סיאָמעס פאַרזשמורעטע אויגן־דעקלעך. ער האָט גערעדט מיט האַרץ, מיט נשמה:

— זע, פּייסאַנאָ, ווי שיין עס פּאַסט דיר. וואַרף שוין אַוועק די היימישע אָנצוגן!... זיי זענען נישט מאָדערן. איך וועל דיך באַהאַנדלען ווי אַן אייגענעם!... מיר זענען דאָך אָרעמעלייט. מיין ווייב איז קראַנק אויף קאַנסער. איך וויל ליקווידירן און אַוועקפאָרן מיט איר צוריק אַהיים...

סיאָמע איז געבליבן קאַלט, נישט נאָכגיביק. ער האָט ווייטער געטאַפּט די אָפּגעקליבענע אָנצוגן אויפן פאַרקויף־טיש. יאָ. די סחורה געפעלט אים,

אָבער אים, סיאָמען, דעם ליטווישן צלם־קאָפּ, וועט מען נישט באַארבעטן!... יענעם יאָלד וועסטו שוין אַריינשטעקן אין די שוואַרצע תכריכים, זע ווי ער דרייט זיך אום, דער יאָלד, ווי אַ נאַר אומגעוואַשן... אָרעמער דאָרפס־מענטש! אומעטום ביסטו פון די ערשטע אומשולדיקע קרבנות!...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך געלאָזט צו דער טיר. דער אַלטער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אַקסל און געשלעפּט אויף צוריק, גערעדט מיט די הענט, מיט די שוואַרצע, צעווײנטע אויגן און מיט די וואָנצעס. ער שווערט אים ביי דער גרויסקייט פון אַללאַ און ביים געזונט פון זיין אומגליקלעך וויב מיט די קליינע קינדערלעך, אַז ער דערלייגט צו דעם מסחר... ער איז אַן עלטערער מענטש, און ווייסט, ווי אַזוי אַ יונ־גערמאַן דאַרף אויסזען. עס גייט אים אין לעבן, סיאָמע זאָל אויסטאָן דאָס אַלטע שמאָלע אַנצוגל. עס פּאַסט נישט אויסצוזען אַזוי נעבעכדיק!... די היי־זיקע טשוועקלעך חוזקן שוין גענוג פון די גרינע... פון די ייִדן... מיר מוזן זיי וויזן, אַז מיר זענען נישט קיין מיזעראַבלע, אַז מיר ווייסן, ווי אַזוי צו לעבן און ווי אַזוי זיך אָנצוטאָן ווי מענטשן...

סיאָמע האָט אים אָנגעקוקט דורך די פאַרצויגענע וויִעס: — אוי, איז עס אַ שישקע! אַ ברען!... יאָ! מען קען פון אים אַרויס אָן זייטן!...

ער האָט פּאַמעלעך אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּעקעלע איינציקע פּעזעס זיי אויסגעגלעט, צונויפגעלייגט און איבערגעציילט. איין מאָל און נאָך אַמאָל. בשעת דער באַלעבאָס האָט געמאַכט אַ פּעקל אין אַ ניי פּאַפּיר און עס פאַרבונדן מיט אַן עלעגאַנטן רויטן פאָדים, האָט סיאָמע געווישט דעם שווייס פון פּנים און לייכטער אָפּגעאָטעמט. יאָ! איצט וועט די גרינע אוגער־קעלע זען, אַז סיאָמע איז אַן אמתער אַמעריקאַניעץ, אַזאַ, ווי ער איז געוועזן אַמאָל אין איר דאָרף און אַלע מיידן זענען געוועזן פאַר אים די כפּרה, אים נאָכגעלאָפן...

— אָט דער אַלטער, — האָבן זיינע מחשבות אים געזאָגט, — איז אַ סוחר אַ בראַנד און אַ שווינדלער, אַ געבוירענער קאַמבאַלאַטשניק און דער־צו אַ שנאָרער... ער טויג זיך אויס צום געשעפט. אָבער אים, סיאָמען, האָט ער נישט באַאַרבעט. סיאָמע האָט זיך איינגעהאַנדלט די גרויסע מציאה — צוויי אַנצוגן פאַר צוואַנציק טאָלער...

אַהיים איז סיאָמע געקומען כמעט פאַרנאַכט. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט שטיקער וואָלקנס פון דער איבערגעבערענטער זון, וואָלקנס ווי קוטשערן פון רויטע וועלף. אַ וואָרעם ווינטל איז אומגעלאָפן איבער דער ברייטער גאַס און געוואַשן די דינע יונגע ביימעלעך לעבן די ווייסע נייע

שטיבלעך מיט רויטע שפּיציקע דעכער פון טשערעפּ. סיאָמע איז געוועזן מיד. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטיינערנער באַנק ביי דער טיר פון זיין באַלעבאָס קלייט, געווישט דעם שוויס פון פּנים, פון האַלדז און נייגעריק און מיט הנאה זיך צוגעקוקט ווי אַזוי רוזשע האָט זיך געקאָכט און זיך בשום אופן נישט געקענט קיין עצה געבן...

זי האָט געשלעפּט שרייפּעלעך פון די טיפע קעשענעס פון איר גרויצן פאַרטעך, האָט זיי אויסגעלייגט אויפן פּאַרקויפּטיש און אַלע ווילע גערעדט צו איר מאַן מיט דער אַכט־קאַנטיקער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ:

— עלי! זאָג נישט קיין מקח. דער ערל וועט נותנען... און וווּ איז סיאָמקע? ווער האָט עס אים געגעבן פּערמיסאָ אַוועקצוגיין אויף אַזוי לאַנג?...

זי האָט צאָרנדיק אונטערגערוקט די האָרשפּילקעס אין די לויז־געוואָרענע האָר־קוגעלעך, האָט אַרויסגעשלעפּט פון פּאַרקויפּטיש אַ שופלאָד מיט שרייפּעלעך, געזוכט, גענישטערט און האָט אויפגעהויבן צום מאַן אירע דורכדרינגלעכע אייגעלעך:

— סאָסיעדאַדן ליגן אים אין קאָפּ! און דאָס געשעפט פירט דער ליט־וואַק!... ער איז דאָ באַלעבאָס. גיי און קלאַפּ דיר קאָפּ־אָן־וואַנט!... איך קען מיך דאָ נישט אָפּזוכן...

דער מאַן האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו איר, און בשעת דער קונה האָט אַליין געזוכט צווישן די שרויפן, האָט ער, עליאָס, געברומט דעם ניגון פון „אַ חזן, אַ שיכור".

סיאָמען איז געוואָרן ליכטיק אין קאָפּ: — יאָ, זיי וועלן געבן אַ הוספה... אָן אים וועלן זיי דאָ ליגן ביין איילן אין דער אדמה!... און דאָס גרינע אוגערקעלע וועט אים זיין מזלדיק... פּוטער־קיכעלע דו מיינס! געשמאַק הערינגל מיט בולבעלעך!...

ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ זייטיק גענגעלע שנעל דורכגע־לאָפן דעם שמאָלן אַריינגאַנג פון קלייט צו זיין צימערל. חוהלע איז אים אַנגעקומען אַנטקעגן און מיט אויפגערוימטקייט, ווי עס וואָלט אים געדראָט אַ געפאַר, אויסגערופן:

— סיאָמע! גיי גיכער אַריין אין קלייט! די מומע רוזשע איז בייז!...

זי האָט זיך אומגעקערט צוריק און זיך אַוועקגעזעצט אויפן זוים פון בעטל, וווּ עס איז געשטאַנען אַ קוישל מיט זאָקן צום צירעווען און זיך גע־נומען צו דער אַרבעט.

— מיך האָט די מומע צוגעבונדן דאָ, ווי מען בינדט צו אַ הונט אויף דער קייט, איך זאָל אַרויסקוקן און היטן מען זאָל נישט גנבענען... — האָט

זי אַריינגערעדט אין דעם זאַק, וואָס איז געווען אָנגעצויגן אויף איר פויסטל.
— נו, זיץ איך דאָ, קוק און טראַכט...

סיאָמע האָט אָוועקגעלייגט לעבן איר דאָס פעקל, עס אויפגעבונדן און איר געוויזן די נייע אָנצוגן. זי האָט זיי באַקוקט, באַטאַפּט און צופרידן געזאָגט: — יאָ, זיי זענען שיין. איך וויל, אַז דו זאָלסט זיי אָנמעסטן, זען ווי זיי פּאַסן דיר!...

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן, און סיאָמע האָט אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דעם אַלטן אָנצוג און אָנגעטאָן דעם נייעם.

— טו אַ קוק, חוהטשו!...

— וויי! — האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט. די הויזן גרייכן דאָך דיר ביז צום פּופּיק!... און דער קאָלנער פון רעקל?... אַ ווייטיק איז מיר! מען האָט דיך באַשווינדלט!...

סיאָמע איז געוואָרן רויט. די ליפּן האָבן ביי אים אָנגעהויבן ציטערן, און זיינע האַרטע בליקן זענען געוואָרן מעסערדיק־שאַרף. ער האָט זיך אָנ־געקוקט אין אַלטן שטיק שפּיגל אויף דער וואַנט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַט, וועל איך אַראָפּפאָרן און מאַכן פון דעם שנאָרער קרעפּל־פליישל... אַזאַ פּיפּיקער שווינדלער!... ער האָט מיר פאַרביטן די סחורה!...

— לאָז אָפּ, סיאָמעטשקע! ערגער דיך נישט! — האָט חוהלע אַרומגע־טאַפּט אויף אים דאָס רעקל און צום ערשטן מאָל אים אויפגעהערט אירצן.
— די סחורה איז אַ גוטע, אַזוינס ווי אַזעלכעס!... און איך וועל די קאָסטיו־מען צורעכטמאַכן, אַז זיי וועלן שיינען, נאָר אויף אַרויסצושטעלן אויף דער וויסטאַווע!...

— ניין! איך גיי שוין צוריק!... סיאָמען, דעם ליטווישן צלם־קאָפּ מאַכט מען נישט צום נאַר...

— גיי נישט! — האָט זי אָנגעשטעלט אויף אים די אויגן. — די מומע איז אין כעס, און איך בין דאָס כפּרה־הינדל... איך בין טראָוועדיק... אויבן איז מיר פּוסט, און דאָ — איז מיר וויסט...

סיאָמעס כעס איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן ווי אַ קאָרטן־שטיבל. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל און געפרעגט:

— ווילסט, איך זאָל בלייבן מיט דיר? — וועל איך דיר נאָכגעבן. איך וויל דו זאָלסט זיין גליקלעך, חוהטשעלע!... אָדער ווילסטו איך זאָל גיין אין קלייט?

— סיאָמע! איך וויל פאָרן אַהיים! — האָט זי אומעטיק אַריינגערעדט

אין דער צירעווקע און פּאַוואָליענקע געצויגן דאָס נעדעלע מיטן גראָבן פּאָ־דים. — איך וועל דאָ אויסגיין ווי אַ ליכט...

— פּ־ש־ש־ש־ש! — האָט ער אונטערגעהויבן איר פּנים. — דו שפּילסט דיך מיט פייער, חוההשע... וואָס וועסטו טאָן ביים אָרעמען טאַטן? וועסט פּאַשען די שאָף מיט די ציגן? וואָס דערוואַרט דיך דאָרטן, אַ?...

— דאָרט בין איך געווען גליקלעך! — האָט זי גערעדט מיט טרערן אין איר קול. — איך וויל אַהיים!...

— דאָ וועסטו זיין גליקלעכער! — האָט ער אַריינגעקוקט טיף אין אירע אויגן, און זיין האַרץ האָט געהאַמערט. — דו וועסט בענקען צוריק אַהער, און עס וועט זיין צו שפּעט... ווער עס באַטרעט איינמאָל די ערד דאָ, קען שוין מער נישט לעבן אָן איר...

חווהלע האָט געטראַכט, זיך געשוקלט, און שפּעטער זיך אָנגערופן:

— יעדער מענטש מוז אַוודאי בענקען נאָך עפּעס... נישט אַזוי סיאָמע? און אַז מען בענקט איז מען אומרויק און טראָווערדיק, און איך קאָן עס נישט אויסהאַלטן!...

— דו ביסט ווי מיין שוועסטער!... — האָט עס פון אים אַרויסגעצי־טערט. — ווען חוץ דיר האָב איך דאָ?... רוזשקע מיינט, אַז זי וועט לעבן אייביק, זי וועט זיך מאַכן אַ פּאַלאַץ פון שרויפן מיט שרייפעלעך, באַטאַרייעס און גומענע רעדער!... און איך ווער דערשטיקט און דערדריקט סיי פון איר גוטסקייט און סיי פון אירע שיגעונות...

— פּאַרוואָס־זשע, סיאָמע, האַלטסטו זיך דאָ? דו ביסט דאָך נישט קיין גרינער און נישט קיין מיידל?...

— לאָז צורו! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און האָט דערוויל נישט באַמערקט ווי די הויזן האָבן זיך פּאַוואָליענקע אָנגעהויבן אַראָפּצורוקן פון זיינע שמאָלע היפּטן. — דאָ, חוההשע, מוז מען זיין פּראַק־טיש... נוצן דעם גראָדן שכל... — האָט ער פּאַרצויגן די רויטלעכע וויִעס און זיין האַרטער בליק האָט זיך איינגעביסן אין איר קינדיש פּנימל. — מען טאָר דאָ נישט זיין ראָמאַנטיש. דאָ איז עס אַ גרויסער חסרון...

— האַרצוויייטיק און טראָוועך איז נישט קיין ראָמאַנטישקייט!... דו וועסט עס נישט פּאַרשטיין קיינמאָל!... — האָבן טרערן פּאַרגאָסן אירע אויגן...

סיאָמע האָט זיך געכאַפּט, אַז זיין האַרטקייט האָט אָנגערירט איר נשמה און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר און אָנגעהויבן ווייך אַריינצורעדן אין איר געבויגענעם קאָפּ און פּאַוואָלינקע צוריק פּאַרצויגן דעם גאַרטל אַרום די הויזן:

— ווייך נישט, חוהטשע! עס זענען אַ שאָד דיינע שיינע אויגן!... איך אַליין האָב גענוג טרערן פאַרגאָסן אין דעם דאָזיקן הקדש און נאַס־געמאַכט דאָס קישעלע צוקאָפּנס, און קיינער האָט מיך נישט געפרעגט, וואָס עס איז מיט מיר... דאָ איז מען קאַלט צו עמיצנס טרערן... גלייב עס מיר, חוהטשע... דאָ זענען ראָמאַנטיק מיט בענקשאַפט לוקסוס־אַרטיקלען, און קיינער צאָלט נישט פאַר זיי קיין גוטן פרייז... — האָט ער אָנגענומען איר קליין ווייס הענטל און געפירט מיט דעם איבער זיין פּנים:

— חוהטשע! אָן דיר איז מיין לעבן קיין לעבן נישט! עס האָט נישט די ווערט קיין צעבראָכענעם דרייער...

זי האָט פּאַוואָלינקע אַרויסגעצויגן איר האַנט פון זיינער און געוואָרן רויט ווי פייער. אַ געפיל פון רחמנות צו אים האָט פאַרפלייצט איר האַרץ.

— איך גיי נישט פאַרקויפן מיינע געפילן... און וועל מיך מער נישט באַקלאָגן!... — האָט זי גערעדט ווי צו זיך אַליין. — האָסט גענוג, סיאָמע, דיינע אייגענע דאגהס.

— וואָס פעלט דיר אייך, חוהטשע?!... — האָט עס אים אויפגעהויבן פון אָרט, און די מורא פאַר אירע באַליידיקטע געפילן האָט אים געשטיקט אין האַלדז און צערודערט דעם מאַרך פון זיינע ביינער.

— איך וויל דיך נאָר וואָרענען! — האָט ער אויסגערופן. — וואָרענען און צוגרייטן צום לעבן... דו ביסט נאָך אַ קינד, חוהלע! דאָ זוכט מען נישט די נשמה, די ערלעכקייט פונעם מענטשן. דאָ מוז מען קענען נאַרן, בלאָפן און טראָגן אַ מאַסקע אויפן פּנים. דאַן געפינט מען פריינט. מויל־מלאכה און נישט מער!...

— דערפאַר וויל איך פאָרן צוריק! — האָט זי געווישט די אויגן. — דאָ וועל איך שטאַרבן פון טראָוער!...

— אַ מענטש, חוהטשעלע, מוז האָבן אַן אָפן אויג און נישט נאָר אַן אָפן האַרץ!... — האָט סיאָמע געגלעט אירע האָר. — אַ מענטש מוז אָפּשאַצן, ווער עס איז אים אַן אמתער פריינד, וואָס איז גרייט אויף די גרעסטע קרבנות...

זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף זיינע פינגער מיט די שוואַרצע רעמע־לעך בלאָטע אונטער די האַרטע צעקרומטע נעגל. זי האָט געהאַט אַ געפיל, ווי סיאָמע וואָלט געווען איר טאַטע, אָדער אַן עלטערער ברודער און זי דאַרף אים אָפּגעבן כבוד, דאַרף אים שאַנעווען, ווייל ער איז עלנט און איינזאַם.

זי האָט זיך אָנגערופן:

— פּאַרוואָס, סיאָמעטשקע, האָסטו ביז איצט נישט חתונה געהאַט? ביז ווען דענקסטו צו סיווּ'ען? ווער וועט דיך נעמען פּאַר אַ חתן, ווען דו וועסט ווערן ווי אַ האָן מיט לאַנגע שפּאָריניעס?...

— דאָס קומט פון צופיל קלייבן, חווהטשעלע!... — האָט ער געקוואָלן פון איר ערלעכקייט און פון איר שפּראַך, וואָס האָט געוועקט אין אים שפּאַ־סיקן חוזק, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז בלויז ליטע, זיין היימלאַנד, איז דאָס אָרט פון יידישן לשון, קולטור און וויסן.

— יאָ! ווען מען איז צופיל ראָמאַנטיש, פּאַרזיצט מען... — האָט ער צוגעגעבן באַדייטונגספול. — און אפשר האָב איך גאָר געוואַרט אויף מיין זיווּג... אויף מיין באַשערטער...

— דו האָסט שוין איצט געקענט האָבן אַ ווייב מיט אייגענע קינ־דערלעך!...

— ניין, חווהטשע! עס איז נישט ווי דו מיינסט. — האָט ער זאַכלעך און ערנסט געפירט מיט אַ פינגער איבער איר ווייס הענטל. — פריער פון אַלץ מוז מען דאָך קענען ווי געהעריק וואָספיטעווען אַ סימעיסטוואַ... איצט, גאָט צו דאַנקען, קען איך עס. איצט דאַרף איך נאָר מען זאָל מיך ליב האָבן... אוי, בין איך איינזאַם, חווהטשעלע!... איך וועל זיין אַ געטרייער מאַן און אַ ברודער און אַ חבר, און אַלץ וואָס אַ ווייב וועט דאַרפן... אַ טאַטע וועל איך איר זיין!...

— פּאַרוואָס, סיאָמע, פירסטו מיך נישט אין דער גרדוניה? — האָט חווהלע פּאַרצויגן דאָס קורצע קאַרטאָפל־נעזעלע אירס, און ווידער אָנגעהויבן צירעווען דעם זאַק...

— איצט האָב איך שוין שיינע מלבושים, און איך וועל גיין מיט דיר אַפילו אין פייער אַריין!... — האָט סיאָמע אויפגעהויבן איר קאָפּ און אַריינ־געקוקט אין אירע פּאַרוויינטע אויגן. — זאָג, וואָס דו ווילסט, און איך וועל דיר אַלצדינג נאָכגעבן. אַלץ, חווהטשעלע, ווען האָב איך דען חוץ דיר?...

— איך וויל, דו זאָלסט פּאָרן מיט מיר קויפן אַ שיפסקאַרטע, און דו וועסט זי צוביסלעך אויסצאָלן...

און זי האָט אַרויסגעשלעפּט פון בוזים די צען פּעזעס, וואָס דער פעטער האָט איר געגעבן אויף אויסגאַבן און זיי אָוועקגעלייגט אויף זיין קני.

— אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב. מיין גאַנץ פּאַרמעגן. נעם עס צו, וועסטו עס האָבן צושטייער...

ער האָט זיך צעלאַכט:

— בעסער, חוותשעל, אַ קוועטש צו טאָן דעם פעטער... ער וועט געבן געלט אויף צו שיקן דיין טאַטן. ער וועט זיי אַריבערנעמען אַהער. איי, וועלן מיר זיין גליקלעך!... דאָ איז נישט קעניג קאַרלס מדינה. דאָ איז אַ גאָלדן לאַנד!... — האָט ער צוגעגעבן, צולייגנדיק די האַנט צו זיין איינגעפאַלענעם ברוסטקאַסטן. — חוהלע, חוותשעלע!... רעד מער נישט וועגן פאָרן אַהיים; יידן דאַרפן אַפּציִען פון דאָרט. און וואָס גיכער, אַלץ געזונטער וועט עס זיין פאַר זיי...

***

רוזשע האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע פון איר טאָכטער רבקהלע אין מאַר־דעל־פּלאַטאַ. זי האָט די טעלעגראַמע איבערגעלייענט איינמאָל, אַ צווייט מאָל, אויפגעהויבן צום מאַן אירע פלינקע אויגן, אויגן ווי דערשראָקענע פייגל און זיך צעוויגט קעגן אים אַהין־און־צוריק:

— עליאָס! רבקהלע וויל איך זאָל אַרויספאָרן צו איר. מאַרגאַריטקעלע מאָזלטו!... אַזוי, עליאָס, זאָגט זיך אין דער טעלעגראַמע.

עליאָס האָט דערלאַנגט דעם קונה אַ פעקל מיט שרייפּלעך און רויִק געענטפערט רוזשען:

— נו, וואָס איז דאָ פאַראַן צו טראַכטן? מע מאַכט די וואַליזע און מע פאָרט צו...

— עלי! קאַלטער לונג־און־לעבער! וואָס ביסטו אַזוי רויִק? דאָס קינד דאַרף מיך האָבן לעבן זיך, אַ ווייטיק איז דער מאַמען!...

— וואָס זשע ווילסטו נאָך פון מיר?! — האָט ער זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ רויִקן שמייכל. — ווילסט איך זאָל זיך אַוועקלייגן און מאָזלען און פּאָקן? וועל איך דיר צוליב טאָן, און לאָז מיך אַרויס פון געשעפט!...

— מאַרגאַריטקעלע האָט אַן אַנגינע אין העלדזל און אַ כריפּ אין הערצל!... דיר וואָלט עס אַוודאי נישט געשאַדט!... האָט זי געזייט צווישן די צונויפגעצויגענע ליפּן. — דיר ליגן אין זינען ניגונימלעך... סאָסיעדאַדעס!... און איך ווער פאַרשרפהט פון צרות.

דער קונה האָט באַצאָלט, קוקנדיק פאַרחידושט אויף די צעררייצטע באַלעבאַטים פון גרויסן געשעפט. עליאָס האָט זיך פאַרטיפט איבער אַ צייטונג און אונטערגעברומט אַ ווייך טרויעריק ניגונדל, און האָט אַראָפּגערוקט ביז די אויגן די אַכט־קאַנטיקע יאַרמעלקע אויפן קאָפּ.

רוזשע האָט רחמנות געקראָגן אויף זיך אַליין, קוקנדיק אויף דעם מאַנס ברייטע פּלייצע און זיין געווען יונגטלעכן קאַרק, וועלכע האָבן געחוזקט פון

איר טראַגיש ווערן און פון איר באַגער זיך צו קריגן. זי האָט גיך אויס־געטאָן דאָס ברייטע פאַרטוך, אונטערגערוקט די האָרשפּילקעס צווישן די לויזע קוגעלעך, געזיפצט און געטראַכט:

— זע, ווי דאָס זיצט! אַן אייזערנע זאַך! אַ בעסאַראַבער אייזל, אַ גוי!... ער האָט זיך אויף ווּעמען אָנצושפּאַרן... דאָס אויסגעמאַרדעוועטע ווייב איז צוגעבונדן צו דער וויסטער פּרנסה, אומשטיינס געזאָגט!... זי וועט אים שוין ווייזן, וואָס אַ מאַמע הייסט! עס מוז נעמען אַ סוף צו אַזאַ לעבן, צו אַזאַ יאָגעניש!... זי וועט אויסטאָן די הויזן און זיי אים צווואַרפן איניינעם מיט הכל־בכל... זי וועט בלייבן מיט די טייערע קינדערלעך, אַ מכה דער מאַמען פאַר זיי... יאָ, שימעלע, איר דאָקטערל, איז טאַקע גערעכט. די מאַמע האָט שוין גענוג געאַרבעט. איצט דאַרף זי לעבן, געניסן און גאַסטירן די האָרע־וואַניע, און נישט וואַרטן, אַז די שנור מיטן איידעם זאָלן בלייבן אירע יורשים...

— סיאָמע! סיאָמקע! — האָט זי זיך צעוויגט אַנטקעגן פענצטערל פון הינטער־שטיבל, ווו סיאָמע האָט געכאַפּט אַ דרימל, — וואָס האָסטו זיך דאַרטן פאַרשטעקט? אויף מיר ברענט די הויט, מיין איינציק אויג אין קאָפּ דאַרף מיך האָבן, און ער זיצט דאָרט און ליובעט זיך מיט דער גרינער אוגערקע!...

— אַ שאָד, וואָס נאָר די הויט ברענט אויף איר!... — האָט דער מאַן אַריינגערעדט אין דער צייטונג. — דאָס פּיסקל האָט שוין לאַנג געדאַרפט ווערן אַן אויסגעלאָשענע האָלאָוועשקע!...

סיאָמע איז אַרויסגעקומען צו איר און נאָך אים — חוהלע מיטן קוישן שקאַרפּעטן אין דער האַנט. זי איז געווען צעטומלט און רויט פון בושה, ווייל זי איז געזעסן אין ווינקל פון סיאָמעס שטיבל.

— שמחהלע! — האָט די באַלעבאָסטע אַרויפגעלייגט איר טרוקענע האַנט אויף זיין שמאָלן אַקסל. — איך מוז שוין צופּאַרן צו מיינע קינדער. ווייל איך, דו זאָלסט מיר אָפּהיטן מיין בלוט, מיין האָרעוואַניע... איך וועל עס דיר אייביק געדענקען!... זי האָט אים אַרומגענומען מיט איר בליק ווי צוזאָגנדיק עפּעס. — מיין סדומניק, מיין קאַלטער גזלן, האָט דאָך אין זינען נאָר די סאָסיעדאַדן זיינע מיט די גאַזעטן... און דו, חוהטשע, מאַך נישט אַזאַ נעבעכדיק פּנים!... — האָט זי געוואָרנט מיט אַ פינגער. — שטיי נישט אַזוי ווי אַ בהמה!... לויף אַרויף אויבן און גרייט מיר צו די וואַליכעס!...

חוהלע איז אַרויסגעלאָפן און די מומע האָט איר נאָכגעשריען:

— לייג מיר אַריין אַ פּאָר שטעקשיך, אַ נאַכטהעמד און אַ דריי באָמ־באַטשעס!...

— און דו, סיאָמע, גיי ברענג דעם קאָטש פון גאַראַזש! — האָט עליאַס אויסגעטאָן די יאַרמעלקע און זי מיט אַ זיפץ אַריינגערוקט אין קעשענע. — גיס אַריין נאַפט! שטיי נישט!...

רוזשע האָט צוגעוואָרפן צום מאַן אַ וויינענדיקן בליק און איז גיך אַרויפגעלאָפן צו דער פלימעניצע.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און רוזשע איז אַראָפּגעלאָפן צוריק, אָנ־געטאָן אין אַ ברווינעם רעגנמאַנטל מיט אַ גאַרטל אַרום שמאָלן טאַליעכל און מיט אַ קיילעכיק היטעלע אויף אַ זייט פון קאָפּ. חוהלע האָט איר נאָכ־געטראָגן אַ קליין לעדערן רענצל, אַן אַלטן זאַנטיק און אַ געבלימטע פאַטשיי־לע פון זייד מיט דינע פרענדזעלעך.

אין דעם איז אויך סיאָמע אָנגעקומען פון גאַראַזש, איז אים רוזשע אַנטקעגנגעלאָפן. איר קליין געשניצט פאַרפודערט פנימל און די צוגעפאַרבטע ליפּן האָבן זיך יסורימדיק געקרעמפּט. עס האָט פון איר אַרויסגעשריען:

— שמחהלע! דו ביסט מיין איינציקער פריינט... דיר געטרוי איך מיין פאַרמעגן. דו זאָלסט מיר פאַרשרייבן דאָס לייזעכץ און די אויסגאַבן... זאָלסט האַלטן אַן אויג אויף מיין אַלטן, דו הערסט, צלם־קאָפּ מיינער!...

— זייט רויק, רוזשקע!... פאַרלאָזט זיך אויף מיר!...

— און דו, סדומניק, זאָלסט האַלטן אַן אויג אויף דיין פלימעניצע! — האָט זי אַ קוק געטאָן צום מאַן. — זי רעדט צופיל מיטן סטראַזשניק... זאָלסט זי נישט לאָזן אַליין!... פאַרשטייסט!

— זאָלסט, סיאָמעלע, נישט אַרויסלאָזן קיין קונה... אייל דיך נישט מיט די פרייזן!... סחורה וועט שטייגן, די פּעזע פאַלט!... — דו הערסט?...

דער מאַן האָט גענומען דאָס רענצעלע, עס אַרויסגעטראָגן און אַוועק־געלייגט אין הינטערשטן טייל פון אויטאָמאָביל. ער האָט זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט ביים רעדל און אַרויסגעשריען דורכן אָפענעם פענצטער־ל:

— רוזשע! גיכער, גיכער, דו וועסט פאַרשפעטיקן דעם פּאָיעזד!...

רוזשע איז אַרויס פון קלייט, מיטפירנדיק סיאָמען אונטערן אָרעם און געבנדיק אים באַפעלן, אים געבעטן און צוגעזאָגט: — וועסט נישט האָבן קיין חרטה!... רוזשע איז דיין פריינט, דיין מאַמע!...

סיאָמע האָט געשוויגן, ביז זי איז איינגעשטיגן אין אויטאָמאָביל, זיך אַוועקגעזעצט לעבן מאַן און ווייטער אַריינגערעדט אין סיאָמען.

עליאַס האָט צוגערופן די פּלימעניצע, וואָס איז געבליבן שטיין פון ווייטנס און האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

— פון וועמען טראַכסטו איצט, חוהלע? וואָסי, די שיפן זענען דיר אונטערגעגאַנגען? און דער מומען דאַרף מען נישט באַגלייטן, דו גרינע אוגערקע!...

חוהלע איז געוואָרן רויט, איז אַריין אין אויטאָמאָביל און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער מומע. סיאָמע האָט פאַרמאַכט דאָס טירל פון אויטאָמאָביל.

— זייט רויק, רוזשע!... און גריסט דאָרט רבקהלען!...

שכנים, וואָס זענען געשטאַנען אויף די באַלקאָנען און האָבן נאָכגעקוקט דעם אויטאָמאָבילטשיקל, וואָס האָט זוי אַ הונט אויף דריי פיס אַוועקגעהינקט, געכריפּעט און געבלאָזן... זיי האָבן געשמייכלט און אויף שטום־לשון, איבערגעוווּנקען זיך און געחוזקט פון רוזשעס הולך.

אין צענטער איז געווען דושנע. די היץ איז געווען אַ פּייכטע און מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעהאַנגענע אַקסלען און ווי פאַר־חלומטע. טראַמווייען האָבן מיט אַ געקלימפּער געשניטן די אָנגעברענטע אייזערנע שינעס און אויסגעקלאַפּט פון זיי רויטע און בלויע פייער־שפּריצן. אַרבעטער אין שוואַרצע שטריקענע שיך אויף די באָרוועסע פיס האָבן זיך נאָכגעהאַנגען ביי די אָפענע טירן און פענצטער פון די טראַמווייען.

חוהלע האָט געקוקט און זיך געחידושט. א־א, דאָס איז אויך אַמעריקע? ווייַ־ווייַ! אַ וועלט מיט קבצנים!... אַבי זי האָט געמיינט, אַז אַלע האָבן דאָ אייגענע אויטאָמאָבילן, שטיבער, פּלעצער, אָט אַזוי ווי די מומע רוזשע האָט!... און איר איז עס נאָך ווינציק... ווען זי, חוהלע, איז רייך, וואָלט זי זיך געשעמט צו פאָרן אין אַזאַ צעפּאָרענעם קאַטש...

אוי! עמיצער פון די מענטשן קען נאָך, חלילה, אַראָפּפאַלן!... עס פאַלט איר אַרויס דאָס האַרץ!... אָט אַ־די מענטשן וואָלטן נישט געלאַכט פון איר יאַשטשיק מיט די טייערע זאַכן. זיי אַליין זענען, נעבעך, אָפּגעריסן, אָט ווי איר טאַטע מיט דער מאַמען. אָבער זי האָט נישט אויסגעפירט, די מומע!... ערשט היינט, ווען סיאָמע איז אַוועק איינקויפן רי סחורה, האָט זי, חוהלע, ווידער אַריינגעווייַנט אין יאַשטשיק און אויסגעקושט אירע מלבושים, איז איר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן, ווי זי וואָלט זיך אויסגעוויינט ביי תשליך אָדער סליחות...

דאָס אויטאָמאָבילטשיקל האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט אין געדרענג פון וועגענער מיט פערד.

צו דער סטאַנציע איז מען אָנגעקומען אַ ביסל שפּעטלעך. מענטשן מיט וואַליזעס און פּעקלעך אין די הענט האָבן זיך געאײַלט צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ. טרעגער האָבן אויף צוויי־רעדערדיקע פלאַכע וועגעלעך געפירט צום צוג גרויסע פּעק מיט קאַסטנס סחורה און רענצלעך.

רוזשע האָט זיך געאײַלט. זי איז גיך אַרײַן צווישן עולם און ווי אַ לייכטע וועווערקע זיך דורכגעבראָכן אַ וועג און אַוועק פאָרויס. זי האָט זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט אויף צוריק און מיט דער האַנט גערופן דעם מאַן מיט דער פּלימעניצע.

— גיכער, גיכער! דער פּאַיעזד גייט אַוועק!...

חוהלע האָט זיך געהאַלטן אָן פעטערס אָרעם, און בשעת ער האָט זיך שווערלעך דורכגערוקט אין געדרענג און געהאַלטן פאַר זיך דאָס קליינע רענצל, האָט חוהלע געקוקט אין אַלע זײַטן, געזוכט באַקאַנטע, לאַנדסלײַט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז מענטשן קוקן איר נאָך, זוכן זי, צום אָפּנעמען אַ גרוס פון דער היים.

די שאַרפע באַן־סיגנאַלן און דאָס פאָכען מיט די טיכעלעך פון די מענטשן אין די אָפענע פענצטער און טירן פון די וואַגאָנען און אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָבן איר דערמאָנט אין איר אַוועקפאָרן... ווען טאַטע־מאַמע מיט איציקלען זענען געבליבן שטיין ווי אבלים אויפן בוקאַרעשטער וואָקזאַל, איר נאָכגעפאָכעט מיט די טיכעלעך און האָבן דערבײַ געגאָסן מיט ביטערע טרערן...

אויך חוהלען זענען געקומען טרערן אין די אויגן: אוי, מאַמע, איציקל!

די מומע האָט זיך דערווײַל אַרויפגעכאַפּט אויף דער באַן און האָט צו איר אַרויסגעשריִען דורכן פענצטער:

— חוה, חוהטשע! וואָהין קוקסטו אַזוי פאַרטראַכט, גרינע חיה! קאַלב!... מען וועט דיך דאָ פאַרשלעפּן ווו דער פעפער וואַקסט. לאָז נישט אָפּ דעם פעטערס אָרעם.

— אַ רוח אין דײַנע יאָרן!... — האָט דער פעטער געווישט דעם שווייס פון פּנים. אַ פּיסקל האָט דאָס, ווי אויף שרײַפּלעך!... פּאַר און זיץ דאָרט עטלעכע טעג! — האָט ער איר דורכן פענצטער דערלאַנגט דאָס רענצל. — גריס דאָרט דעם עולם, רוזשע, און שיק מיר אַ טעלעגראַמע!... רו זיך דאָרט אויס אַ ביסל!...

רוזשעס אויגן זענען געוואָרן פלינקער, ווייכער און פול מיט וואָרנונג.

די באַן־סיגנאַלן זענען געוואָרן האַסטיקער און דער עולם — אומרויִקער. די וועכטער האָבן געפאָכעט מיט רויטע טיכלעך, און די באַן האָט גע־

רירט, געקלאַפּט אויף די שינעס און באַלד — גיכער, גיכער. זיך אַריינגעדרייט צווישן קנופּן מיט שינעס, און ווי אַ גרויע בייכיקע שלאַנג אַוועקגעצויגן אונטערן געדיכטן רויכיקן נעפּל.

עליאַס האָט אַרומגענומען דער פלימעניצעס אַקסלען ווי ער פלעגט אַמאָל אַרומנעמען אַ חברישן פויער ביים אַרויסגיין פון שענקל, און, ווי אַן אויסגעלייזטער פון אַ שטראָף, האָט ער זי אַוועקגעפירט צום אויטאָמאָביל־טשיקל, זיך אַוועקגעזעצט ביים רעדל, זי לעבן אים, און ער האָט זי אַוועקגעפירט אין צענטער אין אַ רייכן קאַפע.

רוזשעס בליק איז אים נאָכגעגאַנגען און אויך איר וואָרענונג, „אַז סיאָמע זאָל היטן „איר פאַרמעגן" האָט אים געקלונגען אין די אויערן... גוט! זאָל ער דאָרט באַלעבאַטעווען, דער ליטוואַק!... און ער, עלי מיט זיין פלימעניצע, וועלן אָפּאַטעמען אַ ביסל פרייער... אַ ביסל פאַרגעסן אין רוזשעס משוגעתן... זי, זיין ליטוועטשקע, וועט זיך נישט פאַרגינען פאָרן אַמאָל מיטן מאַן ערגעץ פאַרברענגען...

גאָט גיט ברויט צו די, וואָס האָבן נישט קיין ציין... — האָט ער זיך דערמאָנט אין אַרגענטינער פאָלקס־ווערטל. — זיין ווייב ליגט איבער דער פּעזע ווי אַ הונט איבער אַ ביין: נישט ער עסט אַליין און נישט ער לאָזט צו אַנדערע הינט... אָבער איצט וועט ער אַ לעב טאָן! פריי, אַ מחיה!... און זאָל די בידנע פלימעניצע וויסן, אַז דער פעטער עלי איז אַ מענטש מיט אַ פריילעך האַרץ און מיט אַן אָפענער האַנט... און זאָל זי דערזען די אמתע וועלט, און שרייבן אַהיים צו זיין ברודער הערש־יאָסלען, דעם בידנעם מלמד, דעם באַנק־קוועטשער!...

פון אַלע זיינע ברידער און שוועסטער איז הערש־יאָסל דער אָרעמסטער און דער שטילסטער. יענע האָבן, גאָט צו דאַנקען, איינפאַר־הייזער, שטיקלעך זאַוואָדן פון זייף, פון בראָנפן. מען לעבט און מען ווייסט פון אַ וועלט! און הערש־יאָסל איז אַ לערנער. אַ כבוד אין דער משפחה... און רוזשקע, זיין ווייב, וויל עס נישט אָנערקענען!...

ער האָט אַ זייטיקן קוק געטאָן צו דער פלימעניצע, אָז ער זי האָט עס נישט באַמערקט.

חוהלע האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל. דאָס וואַרעמע ווינטל האָט געוואַשן אירע ראָזע באַקן און די אַראָפּגעלאָזטע אויגן־דעקלעך. די דריי שפּיצן פון דער רויטער געבלימטער פאַטשיילע אויף איר קאָפּ האָבן געפלאַטערט אין דער לופטן און זיך געטראָגן איניינעם מיט אירע געדאַנקען און מיט איר נשמה.

אָט זיצט זי אין גאָרטן צווישן דיביימער און שטריקט וואָלענע שקאַר־פעטקעס פאַרן טאַטנס וועגן. די זון גיסט זיך אַראָפּ פון די צווייגן, פאַלט אויף איר ווי בורשטינענע פּערל. די געלע ציג מיטן פולן בויך ליגט אויפן גראָז לעבן אירע פיס און דרימלט. דער טאַטע מיט איציקלען זיצן אויף דער פּריזבע און קוקן אַריין אין אַ ספר.

— טאַטע! — פרעגט איציקל אַ דערשראָקענער. — חוהלע וועט טאַקע אַוועקפאָרן פון אונדז? אָן איר וועט דאָ ווערן טראָוועריק...

— יאָ, איציקל! אַזוי איז באַשערט!... די קוזיסטן זענען גרויסע גזלנים, און די מאַמע האָט מורא...

דעם טאַטנס פּנים ווערט ווי אַ בינטל קנייטשלעך און די אויגן ווערן נאָך פרומער, נאָך פולער מיט אומעט און מיט זאָרג.

— וואָס וועט חוהלע טאָן אין אַרגענטינע? זאָל זי בעסער פאָרן אין ציון.

— זי וועט, מיטן אייבערשטנס הילף, קריגן איר זיווג און וועט אונדז אויך אויפריכטן. זי וועט אונדז נעמען צו זיך... דיין פעטער איז אַ גרויסער עושר.

— איך וועל אַ קוועטש טאָן דעם פעטער, און ער וועט העלפן!.. — האָבן סיאַמעס ווערטער אויפגעטויכט אין חוהלען. זי, חוהלע, מוז פאָרן אַהיים, אָדער ברענגען אַהער איר משפּחהלע. און אַז זי וועט רייך ווערן, וועט זי נישט ליגן אויף די טערענאָס ווי עס טוט איר מומע. זי, חוהלע, וועט זיין אַ מענטש און לעבן ווי אַ מענטש. זי וועט פאָרן אויף לוסטרייזעס. זי וועט פאָרן קיין ציון און ווערן אַ פּירערן ביי די גרדוניסטן...

דער פעטער האָט זי צוגעטוליעט צו זיך און מחיהדיק אונטערגע־זיפצט. אַ געפיל פון רחמנות האָט אים פאַרפלייצט. דאָס קינד בענקט, נע־בעך, אַהיים און קיינער וויל עס נישט פאַרשטיין, און קיינער פילט נישט איר ווייטיק... זאָל זי היינט אַ לעב טאָן, זאָל זי זיך פרייען, זיין הערש־יאָסלס אויג אין קאָפּ!...

אויף דער ברייטער אַוועניִדאַ דע מאַזשאָ האָט חוהלע אויפגעמאַכט אירע אויגן, זי האָט געקוקט סיי נאָענט, סיי ווייט, ווי זי וואָלט פּלוצים אַריינגע־פאַלן אין אַ ווונדערלעכן גאָרטן. דער פעטער איז אויסגעשטיגן און זי נאָך אים.

ניין, נישט נאָך דער אַמעריקע האָט זי געבענקט, ניין!... דאָ איז טאַקע שיין, אָבער עס איז פאָרט נישט דאָס. ניין!

דער פעטער האָט געשמייכלט, זי אַנגענומען פאַרן מינדסטן פינגערל

און זי אַריינגעפירט אין אַ לוקסוסדיקן קאַפע. ער האָט אַרויסגערוקט צוויי בענקלעך לעבן אַ הויך טישעלע, צוגעדעקט מיט אַ שטייף געשטריקטן טיש־טוכל. אויפן טישל איז געשטאַנען אַ הויך ניקעלן טעפל מיט ווייסע און ראָזע, פרישע בלימעלעך. חוהלע האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַנגעשפּאַרט דאָס פּנים אויף די הענט און געקוקט אויף די געסט. ביי הויכע שיין־געדעקטע טישעלעך זענען געזעסן עלעגאַנטע הערן און דאַמען און האָבן געזופּט קאַק־טיילס פון געשליפענע באָקאַלן, און צווישן איין זופּ און דעם צווייטן האָבן זיי שטיל געריעדט צווישן זיך און געוואָרפן בליקן צו די אַרומיקע טישלעך.

זי האָט דערפילט אויף זיך עמיצנס בליקן און געוואָרן רויט.

דער פעטער האָט זיך ברייטלעך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן דער פּלימע־ניצע און געפרעגט פריילעך און מיט ברייטקייט:

— וואָס, חוהלע, זאָל איך באַשטעלן? זאָג, וואָס דיין האַרץ גלוסט!...

זי האָט זיך געיישובט, געטראַכט און צום סוף געענטפערט:

— קויף מיר אַ גלאָז סאַכאַרנע מאָראָז!...

דער פעטער האָט איר לאַכנדיק אַ גלעט געטאָן איבער דער באַק:

— דאָ, קינד מיינס, איז אַ לאַנד, וואָס געבוירט השגות... פאַרשטייסט, גרין אוגערקעלע מיינס?... און ווער עס פאַרשטייט עס נישט, וועט בלייבן ביי ליידיקע טאַשן...

חוהלע האָט געשמייכלט און אירע גרויסע ווייסע ציין און די ברוינע אויגן, ווי צוויי צעזונגענע טויבן, האָבן מיטגעשמייכלט און באַוואונדערט דעם גוטן פעטער עלי.

זי האָט אויך מיט וווּנדער געקוקט אויף די שווערע געשטריקטע פראַנדזן איבער די ברייטע פענצטער־פאָרהאַנגען פון טייערן וואָל מיט זיידנס, וועלכע האָבן רחבותדיק און מיט יחסנות אַראָפּגעהאַנגען ביז צום דיל פון טונקעלע גרויסע מאָזאַיקן ווי שפיגלען.

צום טישל איז צוגעקומען אַ הויכער עלעגאַנטער קעלנער אין אַ ווייסן אַנצוג און מיט קויל־שוואַרצע האָר, גלאַט פאַרקאַמטע. ער האָט זיך העפלעך פאַרנויגט און געפרעגט, וואָס די געסט פאַרלאַנגען. עליאַס האָט באַשטעלט צוויי קאָקטיילן מיט שטיקעלעך אייז און מיט צעשניטענע פרוכטן אינע־ווייניק, סאַנדוויטשן פון כאַמאַן מיט קעז און שוואַרצן קאַלטן ביר.

דער קעלנער האָט אויף אַ גרעסערער ניקלנער טאַץ צוגעבראַכט די באַשטעלונג. חוהלע האָט אים צוגעהאָלפן דאָס אויסשטעלן אויפן טישל, און דערביי געזאָגט צום פעטער:

— ווו איז דער סאַכאַרנע מאַראַז? און פיסטאַשקעס וואַרעמע וויל איך אויך...

— מיר פאַר דיינע ביינער! — האָט איר דער פעטער אַ קניפּ געטאָן אין באַק. — ווערסט האָבן אַלץ, וואָס דיין האַרץ גלוסט. וואַרט, וועסט נאָך זען, וואָס דער פעטער עלי וועט דיר היינט נאָך ווייזן!...

— לחיים, פעטער עלי! — האָט חוהלע אויפגעהויבן איר גלאָז קעגן זיינעם. — גאָט זאָל העלפן, מיר זאָלן זיך זען אין ירושלים!...

— אָט אָ דאָ איז דאָס אמתע ירושלים, נשמה מיינע! — האָט דער פעטער צענומען די הענט און געוויזן אויפן אַרום. — וואָס פעלט דיר דאָ ביי מיר? דו ביסט דאָך ערשט אַרויס פונעם היי, און דו ווילסט שוין פליען?... אָ, קינדערלעך, קינדערלעך!... — זענען זיינע אויגן געוואָרן פייכט און באַנגיק. — נוצט, קינדערלעך, אויס דעם פרילינג... אוי, איז עס ביטער, ווען מען באַקלאָגט די אומזיסט פאַרלוירענע יאָרן!...

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע די אַכט־קאַנטיקע יאַרמעלקע, זי אַנגערוקט אויפן קאָפּ און מיט איין זופּ אויסגעטרונקען דעם קאָקטייל, ווי עס וואָלט געווען וויין... ער האָט זיך געקוויקט, מיט דער שפּיץ־צונג באַלעקט די גראָבע ליפּן. ער האָט אָנגעשטעלט דעם אויער און זיך שמייכלענדיק צוגעהערט צו די ווייכע זיסע קלאַנגען פון שטראַוסעס וואַלסן. זיינע באַקן זענען געוואָרן רויט און דער גלאַנץ אין די אויגן — ווייכער און מידער.

אין אַ ווינקל פון קאַפע זענען געשטאַנען אויף אַ הויך בינעלע עטלעכע יונגע עלעגאַנטע מוזיקער אין שוואַרצע פראַקן מיט רויטע וועסטן און האָבן געשפּילט. חוהלע האָט געקוקט אויף זיי. געקוקט אויף דער ווייסקייט פון זייערע קראָכמעלטע העמדער: אַזוי האָט אויסגעזען יענער רייכער אַמעריקאַניעץ, וואָס איז געקומען אין איר דערפל זוכן אַ כלה...

— ניין! נישט דאָס אַמעריקע האָט זי דערוואַרט צו זען!... וואָסי, אין דער היים האָט זי דען נישט געהערט שפּילן?... די גאַנצע וועלט ווייסט, ווער עס זענען די היימישע ציגיינער־קלעזמער!... ווען דער קעניג קאַראָל האָט געמאַכט אַ באַל אין זיין הויף, האָט מען גערופן די ציגיינער פון איר דערפל, זיי זאָלן פאַר אים שפּילן...

— און דער מאַמעס סליוואָניק מיטן ווישניק, וואָס שטייט דאָרט אין קעלער איז דאָך טעם־גן־עדן... פון איין קעלישעקל שלאָפט מען שוין און דאָס לייב און דאָס קול זענען אָנגעהיצט ווי ציגל...

— אינדערהיים איז נישטאָ קיין מומע רוזשע, וואָס באַליידיקט און רעדט ווי צו אַ נאַריש פּיצל קינד... די מומע פאַרשטייט נישט, אַז אַ האַרץ

איז אַן אײדעלער אינסטרומענט... די מומע האָט, ווײסט אויס, קײנמאָל נישט געבענקט... ווײסט זי נישט, אַז אַ מענטשלעך האַרץ איז אפשר נאָך אײדעלער פון די דאָזיקע פידלען!...

אין איר דערפֿל איז איצט אַוודאי נאַכט, עס שמעקט און אַלץ איז אײנגעהילט אין ביימער־ און רויזן־דופֿט און אין בלויער זומערדיקער נאַכט. ווען דער פעטער וויל, שיקט ער זי צוריק אַהײם נאָך אײדער די מומע רוזשע קומט צוריק. ער וואָלט זיך געקויפֿט בײדע וועלטן!... מיט אַזאַ מצווה מעג מען שוין גײן אַהין...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן פעטער. ער איז געווען פאַרטאָן אין עסן, צונויפגעקוועטשט די ווײכע סאַנדוויטשלעך אויפן זעלביקן אופן ווי אײנ־דערהײם פלעגט ער צונויפקנײטשן אַ שטיק ווײסע מאַמעליגע און עס טונ־קען אין קעז און פוטער.

חווהלע האָט באַמערקט, אַז די געסט בײ די טישלעך אַרום האָבן שמײכלענדיק געכאַפּט אַלע ווײלע אַ קוק אויפן פעטער און זיך אָפּט גע־סודעט... זי איז געוואָרן רויט און אַ געפיל פון פּראָטעסט האָט זיך געריסן פון אירע אויגן...

— פעטער עלי! קומט! איך וויל מער נישט זיצן צווישן אַזוינע פּראָס־טאַקעס!...

— וואָס האָסטו צו זײ? — האָט דער פעטער אויפגעהויבן צו איר אַ פאַרפלאָמט, צעשמײכלט פּנים. — וואַרט! מע וועט נאָך עפּעס אַ נאַש טאָן... — און ער האָט אַ קלאַפּ געגעבן מיט דעם לעפעלע אינעם לײדיקן גלאָז. דער קעלנער איז ווידער צוגעקומען, זיך העפלעך פאַרנויגט, אַראָפּ־גענומען פון טיש די אויסגעלײדיקטע כלים און געפרעגט:

— וואָס נאָך פאַרלאַנגט דער סעניאָר?...

עליאָס האָט קוים עפּעס אײנגערוימט דעם קעלנער און דער קעלנער האָט צוגעבראַכט צוויי גרויסע גלעזער מיט אײקרעם און אַ פול שקאַרמיצל מיט הײסע וויסטאַשקעס, אַ צוויי פּאַרציעס טאָרט מיט אַ שיכט פון פוטער פון אויבן, אַרומגעשטעקט מיט ווײנשל און מאַלינעס.

חווהלע האָט זיך געכאַפּט צו די פיסטאַשקעס, און דער פעטער האָט געשמײכלט:

— פריִער גײען די העלאַדאָס, נאָכדעם דער לעקעך, און ערשט צום סוף די מאַניס...

— פעטער! מאַניס איז דאָך אויף שפּאַניש...

— איז וואָס אַרט עס דיך? עס וועט דיר שאַטן צום שידוך, גרין אוגערקעלע מיינס? — האָט ער איר אַ קנופּ געטאָן אין באַק.

זי איז געוואָרן גערירט און אַ פאַרשולדיקטע אַ קוש געטאָן דעם פּע־טער אין האַנט. זי האָט גענומען עסן דעם אייזקרעם, געקייט ווי עס וואָלט געווען אַ פּוטערקוכן און דערביי געטראַכט: דער פעטער עלי האָט אַ ברייט האַרץ און אַן אָפענע האַנט. ער וועט היינט ראַסכאָדעווען אַ הרודע מיט גאָלד. פאַר אַזאַ סומע וואָלט די מאַמע געקענט קויפן אַ זעקל מעל מיט צען פּוד קאַרטאָפל אויפן ווינטער... זיי, דאָרט אינדערהיים, מוזן איצט אַוודאי פילן, אַז זייער איינציק קינד טראַכט וועגן דער היים... זיי מוזן אַוודאי שלוקערצן פון שלאָף...

— יאָ! — האָט זי ווייטער געטראַכט. — סיאָמע וועט אַ קוועטש טאָן דעם פעטער עלי. ער האָט עס איר צוגעזאָגט און ער וועט האַלטן וואָרט... אָבער זי וועט אַלציינס מיט אים נישט חתונה האָבן! זי וועט גיין אין גרדוניה. דאָרט וועט זי געפינען חברים אין אירע יאָרן! סיאָמע איז שוין אַן אַלטער האָן מיט שפּיציקע שפּאָרן... עס רייסט איר דאָס האַרץ, ווען ער וויל ביי איר אויסנעמען!... ער איז דאָך אַזוי קאָמיש!... עס איז אַ רחמנות אויף אַלטע בחורים און אַלטע מיידן!... אָבער זי, חוהלע, וועט נישט פאַר־זיצן, זי ווייסט עס אויף זיכער.

— ווי, ווי! דער פעטער שנאַפּט מיט דער נאָז, און די געסט קוקן שוין ווידער! עס געפעלט זיי נישט דעם פעטערס קאָסטיום מיט די גלאַנצן און פלעקן פון בוימל... אינדערהיים וואָלט מען פון אַזאַ קאָסטיום געמאַכט אַ לייט! די מאַמע וואָלט אים אויסגעפּוצט, איבערגעניצעוועט און אויסגעע־פּרעסט, און דער טאַטע וואָלט אים, געזונט זאָל ער זיין, געטראָגן ביים גיין צום דאַווענען... דער טאַטע האָט נאָך ביז איצט זיין חתונה־סורדוט און דאָס לאַנגע לוסטרינענע רעקל!...

דער פעטער האָט מיט צוויי פינגער צוגערופן דעם קעלנער, באַצאָלט און אים געלאָזט טרינקגעלט. דער קעלנער האָט זיך געבויגט ווי פאַר אַן עכטן אַדלמאַן און האָט אים צוגעהאָלפן ביים אויפשטיין. דער פעטער האָט גענומען חוהלען אַרום דער טאַליע און האָט זי אַרויסגעפירט פון דעם קאַפע, זאָגנדיק גוטמוטיק:

— פייף אויף זייער טאַטן, חוהטשע! די וועלט איז שוין צו פיל מיט די איידעלע לייט!... ליאַלקעס, אָן אַ טראָפּן בלוט און אָן אַ טראָפּן נאַטור, אַזאַ ווי דו פאַרמאָגסט!... די פּעזע, מיין קינד, פאַרדעקט אַלע לאַטעס... האָסט געזען ווי ער האָט זיך געבויגן אין דרייען...

חוהלע האָט דערווייל געקוקט אויף די גרויע פּילשטאָקיקע געביידעס מיט די פאַרהאַנגען איבער די אָפענע פענצטער, און מיט שמאָלע אייזערנע גאַניקלעך. עלעגאַנטע אויטאָמאָבילן האָבן זיך געטראָגן איבער דעם שוואַרצן אָנגעהיצטן אַספאַלט און געלאָזט הינטער זיך דעם ריח פון נאַפט. זי האָט געקוקט אויף דעם עולם ביי די טישלעך אויף די טראָטואַרן לעבן די גרויסע קאַפעען און געגאַפט, אַלץ צוגלייכנדיק צו איר דערפל, פאַרגעסנדיק אַ ווילע אַן פעטער עלי.

— נו, גרין אוגערקעלע מיינס! — האָט דער פעטער אויפגעהויבן צו איר זיינע געטרייע אויגן. — אין דער היים, ביי דיין טאַטן, דעם פּראָשעניע־שרייבער, האָסטו אויך געזען אַזאַ ברייט לעבן, אַ?...

זי האָט געענטפערט מיט אַ קול פול מיט בענקשאַפט:

— אינדערהיים איז שענער, פעטער עלי!... שבת האָבן מיר געטאַנצט אין וואַלד... שמחת־תורה האָבן מיר געטאַנצט מיט די הייליקע ספרים... דאָס דערפל איז געווען פול מיט פרייד. עס איז געווען שיין, פעטער עלי!... אַפילו די גויים האָבן דאַן מורא געהאַט צו וואַרפן שטיינער, אָדער אָנצורייצן זייערע הינט!...

— קום חוהטשע! דער פעטער עלי וועט דיר ווייזן עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס!... נישט אין דיין דערפל און נישט אינעם חלום האָסטו עס זיך וועז עס איז פאַרגעשטעלט! — האָט ער אַ קלאַפּ־געטאָן מיט צוויי פינגער אין דער לופטן, פירנדיק זי צום אויטאָמאָביל...

— פעטער! עס ווערט אַ בערע, עס וועט רעגענען!... קומט, לאָמיר פאָרן אַהיים!...

— זעץ דיך אַוועק לעבן מיר, חוהטשע, און לייג מיר נישט קיין שטיינער אויפן האַרצן.

עס איז טאַקע געוואָרן קיל און אַ שטויביקער ווינט האָט זיך געטראָגן פון די אָפענע ראָגן און האָט אָפּגעקערט דעם הייסן קלעפּיקן אַספאַלט פון דער ברייטער אַוועניו. דער ווינט איז געוואָרן רוגזהדיק. ער האָט אויפגעהויבן די ברעזענטענע דעכלעך איבער די טראָטואַרן לעבן די טישלעך און בענקלעך פון די קאַפעען און געריסן די אָפענע פענצטער פון די שטיבער. פאַרהאַנגען האָבן זיך געפאָכעט אין דער לופטן און נאַסע וועש אויף די טעראַסן.

דער פעטער האָט אַראָפּגעלאָזט די לעדערנע פענצטערלעך פון זיין צעפאַרענעם אויטאָמאָבילטשיקל, זיך צוגערוקט נענטער צו זיין פּלימעניצע:

— איך האָב ליב אַרומצוגיין און אַרומצופאָרן ווען עס רעגנט אָדער

ווען עס איז אַ בערג. איך האָב נאָך ליב די ייִנגלשע זאַכן! — האָט ער צוגעלייגט אַ פּויסט צום האַרצן. — אָט אַ־דאָ, חוהלע, איז עס פאַרשלאָסן. קיינער, חוץ דיר, האָט עס נאָך נישט געהערט פון מיין מויל... פון דיין פעטער עלי וועט קיינער נישט לאַכן, קיינער נישט!...

— אוי! דער פעטער עלי איז טראַווערדיק! — האָט חוהלע אַריינ־געשמייכלט אין זיין אומעטיקן בליק און געטריי געגלעט זיין שווערע אויס־געהאָרעוועטע האַנט. — וואָס־זשע? מענטשן מיט אַ סך פלעצער, מיט שטיבער און מיט סחורה זענען אויך נישט גליקלעך? עס איז אינטערעסנאַ צו וויסן! אָבער זי וועט עס איצט דעם פעטער נישט פרעגן!

ווען איר, חוהלעס, טאַטע האָט נאָר איין ווינקעלע פון פעטערס פאַר־מעגן, וואָלט ער דאָך געווען אַ שטיק ראָטשילד!... ער וואָלט זיך געקויפט אַ נייע קאַפּאָטע און וואָלט געגעבן איינצובינדן זיינע ספרים. די מאַמע וואָלט געקויפט נאָך אַ קיעלע און אַ נייע דאַיניצע, אַ מולטער צום קנעטן ברויט און שיינע אָדיאָזשע פאַר איציקלס וועגן, און אַ האַרמאָניע פאַר אים. ער קען שפּילן איר איציקל, איר טייערער ברודערל!...

ער האָט זי אַריינגעפירט אין יאַפּאַנעזישן פּאַרק. חוהלע איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטע. דאָרטן זענען געווען הונדערטער מענטשן. יונגע פרויען אין ברייטע פיל־קאָליריקע קליידער אוז מיט געבלימלטע פאַטשיילעס אויף די קעפּ, און אָרעם־געקליידטע מענער, שוואַרצע און ווייסע. אַ געמיש פון שפּראַכן, דיאַלעקטן און פריילעכע געשרייען, געלעכטערס האָבן זיך אויס־געמישט מיט די קלאַנגען פון מוזיק.

אויף אַן אימפּאָזאַנטער בינע זענען געשטאַנען עטלעכע מוזיקאַנטן, אָנגעטאָן אין ברייטע פּלודערן מיט רויטע און געלע פּאַסן און אין לאַנגע קאָפּטעס פון אַלערליי קאָלירן, באַפּוצטע מיט זיידענע טראָלדן און געלע שיך און מיט הויכע רויטע מיצן מיט געלע טראָלדן.

די מוזיקאַנטן האָבן געשפּילט אויף טרובעס, קלאַרנעטן, פייפלען און פידלען. איינער פון זיי האָט אויף אַ באַראַבאַן געקלאַפּט מיט צוויי טאָצן און געזונגען.

טויזנטער רויטע און געלע לאַמטערנדלעך פון דורכזיכטיק געקאַרבט פּאַפּיר זענען געהאנגען אויף דינע דראָטן אינדערלופטן און דורכגעפלאָכטן מיט טויזנטער קאָלירן די לענג און ברייט פון דעם פּאַרק.

אַרום אַן אייזערנעם סקעלעט האָבן זיך געדרייט אינדערלופטן רויטע און געלע עראָפּלאַנטשיקלעך. קולות און געלעכטערס פון יונגע פּאָרלעך,

ברייטע זוימען פון דינע קליידלעך און שפיצן פון די קאָלירטע טיכלעך האָבן זיך מיטגעדרייט, געפּאָכעט און געשווינדלט פאַר חוועלעס אויגן.

אין אַן אַנדער ווינקל האָט זי געזען זיך דרייען שיפּעלעך און מיידלעך מיט יינגלעך זענען דאָרט געזעסן אַרומגענומען און געלאַכט.

— יאָ, אָט דאָס מוז געוויס זיין אַמעריקע!... אין דער היים, ווען עס איז געווען דער גוייִשער פּסח, האָט זי מורא געהאַט צו גיין צו דער הוידל־קע... דאָס חיות איז איר אויסגעגאַנגען צו הערן שפּילן און צו זען ווי מען פליט דאָרט אינדערלופטן, פּונקט ווי איצט דאָ... אָבער אין דאָרף האָבן די גויים געשריִען: „כריסטאָס וואָסקרעס!“, געשיכורט און געשלאָגן יידן...

— נו, גרינע אוגערקע! אינדערהיים האָסטו אויך געזען אַזוינע חרי־פּותן?... זע, מיר זענען דאָך אונטערן הימל, קאַראַמבאַ!...

— פּעטער, קויף מיר קאָקאָשעס און קום אַהיים! עס ווערט כמאַרנע!...

— מאַך מיר נישט שווער דאָס האַרץ! — האָט זי דער פּעטער צוגעצ־טוליעט צו זיך. — היינט איז ביי מיר אַ גרויסער יום־טוב... דער סטראַזש־ניק, דער גאָראָדאָוואָי האָט מיך היינט געלאָזט פריי!... — און ער האָט איר אַ קניפּ־געטאָן אין בעקל.

ער האָט איר געקויפט אַ שקאַרמיצל מיט געפּראַזעטע מאַיס און האָט זי אַוועקגעפירט אין אַ גרויסן זאַל. חוועלע האָט זיך דערשראָקן. זי האָט זיך דערזען אין אַ שפּיגל — אַ קורצע און אַ ברייטע, מיט גראָבע מוסקולן אויף די פיסלעך און מיט אַ בוזים ווי אַ מולטער מיט ראָשטשינע. דער פּעטער מיט דער אַכט־קאַנטיקער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ — אַ ביסעלע העכער פון איר, אָבער אַ פּאַרזעעניש!... און אָט אין אַנדערן שפּיגל זענען זיי שרעקלעך לאַנגע, דאַרע מיט שמאָלע לאַנגע פּנימער און מיט גרויסע, פון קאָפּ אַרויסגעזעצטע אויגן. דער פּעטער האָט אָנגעהויבן אונטערצו־העפּקען אויף איין פוס, כדי פריילעך צו מאַכן זיין פּאַרגאַפטער פלימעניצע. זי האָט אים אָנגענומען הינטן אַרום און האָט אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק קרעפּטיק געלעכטער. טרערן זענען איר גערונען פון די אויגן.

— אוי, פּעטער! איך האַלט עס נישט אויס!...

דער עולם אַרום האָט אָנגעהויבן קוקן אויף איר און מיטגעלאַכט. דער פּעטער איז אָנגעצונדן געוואָרן פון פריידן. ער האָט צוגעקלאַפּט מיט די פינגער און געשריִען הויך אויף אַ קול, ווי ער וואָלט זיך געפונען גאָר וויַיט פון איר:

— פריי דיך, חוועטשע! האָב הנאה פון לעבן!...

ער האָט זי נאָכדעם אַריינגעפירט אין אַ זייטיק טונקל זאַלעכל אָנצו־

קוקן אַן עלטערע פרוי מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד און אַ מאַן וואָס האָט געוווּגן דריי הונדערט קילאָ. דער מאַן איז געזעסן אין אַ טיפן שטול און שטיקער שמאַלץ, ווי חזרישע פעטע בייכער, זענען אַראָפּגעהאַנגען פון זיינע פּאַכוועס און ביי די ברוסטן. פון פעטקייט האָט דער מאַן נישט געקענט טאָן קיין שפּאַן. זיינע פיס, ווי אַנגעגאָסענע גומענע זעק, זענען געווען ווי צונויפגעוואַקסן. די פרוי מיט דער באָרד האָט געהאַט רויטע ליפּן און רויט־געפאַרבטע באַקן, מיט גרויע אומעטיקע אויגן. איינער פון די געסט האָט גוט אַרומגעקוקט די באָרד, זי צעווייעט און אַפילו געפּרוּווט זי אַראָפּצור־רייסן. אָבער די באָרד איז נישט געווען קיין צוגעקלעפּטע.

— פעטער, גיב דער פרוי צוואַנציק סענט און לאָמיר גיין. עס רייסט מיר דאָס האַרץ!

עליאַס האָט געגעבן דער פלימעניצע עטלעכע סענט און זי האָט זיי צעטיילט צווישן דעם פּאָרל. אַ פאַרשעמטע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז זי אַרויסגעגאַנגען און עליאַס האָט איר שווייגנדיק נאָכגעשפּאַנט.

— אוי, פעטער, נאָר אין אַמעריקע זעט מען אַזוינע קאַליקעס...

ער האָט געקויפט צוויי צען־סענטיקע בילעטן און איז איינגעשטיגן מיט איר אין אַ באַנדל פון עטלעכע צונויפגעשלאָסענע בענקלעך פאַר צוויי פּערזאָן. דאָס באַנדל האָט זיך מיט אַ קוויטשעריי אַראָפּגעגליטשט אין אַ פינצטערן טונעלכל, געמאַכט עטלעכע אומקרייזן. חוהלען איז געוואָרן נישט גוט און זי האָט אָנגעהויבן ברעכן. דער פעטער האָט געלאַכט און צוגלייך מיט אַלע מיטפאָרער געקלאַפּט מיט די פיס אינעם דיל און הנאה געהאַט פון לעבן...

דאָס באַנדל איז גיך אַרויף צוריק, געמאַכט עטלעכע אומקרייזן אַרום אַ בערגל און ווידער אַריין אין טונעלעכל, אין דער קילער פינצטערניש. ווען זיי זענען אויסגעשטיגן איז חוהלע געווען דורכלויכטיק בלייך און אַ קאַלטער שווייס האָט באַגאָסן איר קערפּער, ווי זי וואָלט געווען אין אַ שוויצבאָד...

אויך דער פעטער איז געווען איינגעטונקען אין שווייס. האָט ער אָנגעהויבן זוכן אין אַלע קעשענעס אַ טיכעלע זיך אַרומצווווישן און נישט געפונען. האָט ער אַראָפּגענומען פון קאָפּ זיין יאַרמעלקע און זיך אָפּגע־ווישט דאָס פּנים. אויך חוהלעס פּנים מיטן ווייסן האַלדז און באַקן האָט ער אַרומגעווישט.

ער האָט זי נאָכדעם צוגעפירט צו אַ ווייס אייזערן טישל, אונטער אַן

אָפּענעם רויטן זונשירעם און באַשטעלט געטראַנקען און הייסע ווינער וווּרשטלעך מיט קרויט און מיט ווייסע בולקעלעך.

חוהלע האָט געטרונקען און צווישן איין זופּ און דעם צווייטן האָט זי אויסגערופן פאַרוווּנדערט:

— פּעטער, עס איז לימאָנאַד מיט זעלצער־וואַסער, פּונקט ווי אינ־דערהיים!... קויף מיר, נאָך איינס... און קויף מיר אַ איריסל!... דאָ איז דאָך פּונקט ווי אינדערהיים!... זי האָט אַמאָל געזען אַ סאָבאָטשע קאָמעדיע. אוי, איז עס געווען שיין!...

— עס חוהטשע, עס איז אַלץ פאַר דיינעטוועגן...

— אוי, פּעטער, דו ראַסכאָדעווּעסט צופיל געלט!...

— חוהטשעניו, דושעלע מיינס!... — האָט ער איר אַ קניפּ־געטאָן אין בעקל און אָנגעקוואָלן.

זי האָט געגאַשט פון יעדן שקאַרמיצל באַזונדער און נישט באַמערקט ווי דער הימל איז געוואָרן גרוי און כמאַרעס, ווי צעשויבערטע וועלף, האָבן זיך געיאָגט, איינגעביסן איינע אין דער אַנדערער. אַ קיל ים־ווינטל האָט זיך אויפגעהויבן, געריסן די זונשירעמס איבער די טישן, אָנגעשטעלטע מיט אַלעם גוטן און אונטערגעהויבן די ברייטע זוימען פון די קליידלעך און שפּיצן, פון פּאָטשיילעס און מיידלשע קעפּ.

די געסט האָבן זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק, געטאַנצט און זיך גע־שטופּט אויף אַ קיילעכדיק שטיק פּלאַץ אינמיטן פּאַרק.

חוהלע האָט זיך אָנגערופן:

— פּעטער, די ברעג ווערט מסוכן שטאַרק!...

ער האָט איר ווידער אַ קניפּ־געטאָן אין באַק און באַנגיק געשמייכלט:

— וואָס איז דאָס איילעניש, וואָסי, מאָרגן קומען זיי ווידער אַהער?

ער, עליע מיטן ווייב זענען דאָ געווען ווען דער גרויסער איז אַלט געוואָרן אַ יאָר. האָט זי מיר דאַן געמאַכט אַ סצענע!... אָ, — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. — אַ שיין שטעטל בוענאָס־איירעס, אַ? — האָט ער גאַוווהדיק געפרעגט. — וועסט כאָטש שרייבן אַהיים, צו מיין ברודער הערש־יאָסל?

— אַ געזונט אין זיין קאָפּ!...

— אַוודאי וועל איך שרייבן!...

ער האָט זיך צעוואַרעמט און אַ געפיל פון בענקשאַפט איז וואַך גע־וואָרן אין אים. ער האָט אָנגענומען חוהלעס האַנט און גענומען טאַנצן מיט איר.

דער הימל איז דערוייל געוואָרן ווי איין שטיק צעדריוולטער קופער

און גרויסע טראָפּנס רעגן האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן. דער עולם האָט נישט אויפגעהערט טאַנצן. ערשט ווען עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ קאַלטער ווינט און שטיקלעך האָגל זענען געשפּרונגען איבער די קעפּ, איז מען זיך צע־לאָפן אויף די גאַלעריעס פון די סאַלאָנען. דער האָגל איז געוואָרן האַס־טיקער און געפאַלן אינאיינעם מיט גראָבע וואַסער־בייטשן און האָט אָנ־געהויבן אַראָפּרייסן שירעמלעך, צעקלאַפּן לאַמטערלעך מיט די לעמפּלעך. טישן, בענקלעך און קוישן מיט נאַשוואַרג האָבן זיך געבאָדן אין אָנגע־רעגנטן טייך און די קעלט האָט געשניטן, ווי עס וואָלט געווען ווינטער. אָט־אָ די נאַטור־ענדערונג האָט געדויערט אייניקע מינוט.

פּעטער און פּלימעניצע זענען געשטאַנען אין אַ ווינקל. שטראָמעלעך וואַסער האָבן זיך געצויגן פון זייערע צעשויבערטע האָר, גערונען איבער די פּנימער און איבער די נאַסע מלבושים. חוהלע האָט אויפגעהויבן אַ שטיקל אייז, עס צעביסן און אַראָפּגעשלונגען אַלס אַ סגולה, אַז דער האָגל זאָל אויפהערן...

דער פּעטער האָט געזאָגט:

— דאָ לייגט מען אַוועק אַ קאָטשערע, הערט גלייך אויף צו האָגלען...

— ווו זאָל איך נעמען אַ קאָטשערע? — האָט חוהלע געלאַכט ציי־טערנדיק פון קעלט. — איך האָב דיך געוואָרנט, פּעטער, און איצט וועלן מיר דאָ מוזן בלייבן, ווער ווייסט ווי לאַנג...

ער האָט אויסגעטאָן דאָס נאַסע רעקל, איינגעהילט זיין פּלימעניצע און מיט דער נאַסער יאַרמעלקע געווישט איר פּנים און איר קאָפּ. זיי זענען נאָכדעם צוגעלאָפן ביז צו אַ שטעל מיט נאַשוואַרג און האָבן זיך פאַר־שטעקט צווישן די קוישן אונטער דעם ברייטן דאַך.

— פון דאַנען איז בעסער צו קוקן — האָט דער פּעטער צעכראַסטעט דעם קאָלנער פון דעם העמד — איך האָב ליב פרישע לופט און פרייהייט... די מומע וועט קומען צוריק, איז אויס מיט די יום־טובים!...

ער האָט באַשטעלט צוויי טעפּלעך הייסע שוואַרצע קאַפע, געזופט, זיך געקוויקט און גערעדט צו דער פּלימעניצע:

— דו וועסט ליב קריגן דאָס לאַנד און מער נישט וועלן פאָרן צוריק אין קעניג קאַרלס מדינה מיט זיינע דזשעגובניקעס... אוי, איז דאָס אַ לענ־דעלע, דאָס אַרגענטינע, אוי!...

— פּעטער, עס איז דאָך ביניזערעס!... אַלע מאָל גיסטו דעם לאַנד אָן אַנדער נאָמען!...

דער פּעטער האָט זיך צעלאַכט און האָט קוועלנדיק געזאָגט:

— בינױזערעס איז דער הויפּט־גאַראַזש פֿון דער גובערניע, דושעלע מײַנס!

דער האָגל האָט אויפֿגעהערט, די כמאַרעס זענען געוואָרן שיטערער און שטיקער בלויער הימל האָבן ווי דורכזיכטיקער זייד זיך געשטרעקט צום האָריזאָנט. באַדינער מיט בלעכלעך אויף די ברוסטן האָבן גיך אָפּגע־קערט די שטיקלעך אײַז. די שטײנדלעך זענען געוואָרן קלאָר אויסגעוואַשן, און דער פּאַרק איז ווידער געשטאַנען אַ פֿרײַער, אַ ברייטער, פֿול מיט מוזיק־קלאַנגען און באַגאָסן מיט רויטע בלוטיקע שטיקער שײַן. די געסט האָבן זיך אַ לאָז־געטאָן פֿון די באַהעלטענישן, געהאָלפֿן די באַדינער אויפֿ־שטעלן אין אַ קרײַז די בענקלעך מיט די טישלעך און זיך ווידער אַוועק־געלאָזט אין אַ טאַנץ.

אַן איבער־מענטשלעכע פֿרייד האָט געשלאָגן פֿון זיי. זייער פֿרייד און די מוזיק־קלאַנגען, וועלכע האָבן זיך צעקוילערט איבער דעם רויט־באַ־לויכטענעם פּאַרק, האָבן אויך אָנגעקלאַפּט אין די הערצער פֿונעם פּעטער מיט דער פֿלימעניצע.

אומבאַזאָרגט און מיט יונגלשער געשיקטקייט האָט ער זי אַ כאַפּ־געטאָן אַרום דער טאַליע און זיך אַרײַנגעשטופּט צווישן טאַנצנדיקן עולם. זיי האָבן זיך געטראָגן לײַכט און געמאַכט אַלערליי קונצן און פֿיגורלעך. עס איז זיי געוואָרן צו ענג, האָבן זיי זיך אַרויסגעדרייט פֿונעם געדראַנג און גע־טאַנצט אַרום און אַרום. אָט איז עס געווען אַ פּאָלקע און אָט אַ קראַקאָוויאַק. דער פּעטער האָט צוגעקלאַפּט מיטן אָפּצאַס פֿון זײַן שווערן שוך, אָפּגעלאָזט די פֿלימעניצע, אָנגעשפּאַרט די הענט אויף די קלובעס און געהעפּעט, זיך געדרייט אויף איין פֿוס און זיך געבויגן הין און צוריק...

חוהלע האָט זיך געוויגט אַנטקעגן אים, צוגעפּאַטשט מיט די הענט און געשריִען:

— פּעטער עלי! זאָל איך קרענקען, צי די יונגעלײַט קענען אַזוי טאַנצן ווי דו!...

פֿאַרלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט פֿאַרגאַפֿטע. עליאַס האָט זיך נאָך מער צעוואַרעמט, ווי ער וואָלט זיך געפֿונען אויפֿן היימישן זשאַק און ער נעמט אויס ביי יונגע פּויערישע מיידלעך און זיי שמייכלען צו אים און באַוווּנדערן זײַן פֿלינקן בייגעוודיקן גוף...

ער האָט אָנגעהויבן טאַנצן אַ קאָזאַטשאָק. ער האָט געדרייט אינדער־לופֿטן מיט דער נאַסער יאַרמעלקע, געקלאַפּט מיט די פֿיס, זיך אַראָפּגע־לאָזט אויף די קני, ווידער אויפֿגעשפּרונגען און זיך געוויגט, געשטיפּט,

ווי ער וואָלט געווען אַ יונג בחורל פון די ערשטע טענצער צווישן היימישע דאָרפס־מענטשן.

חוההלע האָט זיך צעוויגט אַקעגן אים און מיט דעם זעלביקן פייער, מיט פאַרגעסונג אויסגעקלאַפּט און אויסגעטאַנצט אַ קאַזאַטשקע. דאָס רעדל אַרום זיי איז געוואָרן ענגער און אַ האַנט־פּאַטשעריי האָט אויפגעריסן דעם אַרום.

אַ באַגאַסענער מיט שוויס האָט דער פעטער מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שיכּרות. ער האָט גיך אָנגעטאָן אויפן קאָפּ זיין אַכט־קאַנטיקע נאַסע יאַרמעלקע און מיט אַ פאַרשעמטן בליק, זיך זייטיק אַרויסגערוקט פון דעם קרייז אַרום זיי. חוההלע איז אים נאָכגעגאַנגען. דער עולם האָט געפּאַטשט מיט די הענט, געקלאַפּט מיט די פיס און געררופן:

— זאָלן די גרינע אַהערגיין, אַהערגיין!...

— מיר ווילן זיי זאָלן טאַנצן, טאַנצן!...

עליאָס האָט אָנגענומען חוההלען פאַר דער טאַליע און איז גיך אַרויס מיט איר פון פּאַרק.

די הענט־פּאַטשעריי און בראַוואָ־אויסרופן זענען זיי נאָכגעלאָפן.

**
*

אויפן דריטן טאָג האָט זיך רוזשע אומגעקערט אַהיים. זי האָט נישט צווויסן געגעבן דעם מאַן, אַז זי קומט און האָט זיך באַוויזן אומגעריכט ווי זי וואָלט עמיצן באַדאַרפט כאַפּן ביי אַ גנבה. מיטן אַלטן רענצל אין האַנט, אַ פאַרשטויבטע און מיטן קיילעכדיקן היטעלע אויפן קאָפּ, האָט זי אויסגעזען ווי אַן ערשט אָנגעקומענע פון אייראָפּע. זי האָט פאַרריסן דאָס מידע פּנימל און די פלינקע אויגן ווי הונגעריקע פייגל, האָבן געלויערט איבער אַלע ווינקעלעך און געבליבן הענגען איבער אַ קופּע אַלטוואַרג.

— עליאָס! ווו ביסטו? — האָט עס פון איר אַרויסגעצאַרנט. שוין ווידער סאָסיעדאַדן?

סיאָמע, וואָס האָט געהאַלטן אין רעדן צו אַ קונה, האָט זיך אויסגעדרייט און אויסגערופן פאַרוווּנדערט:

— א, רוזשע! וואָס אַזוי גיך?...

— טראָג מיר אַרויף די ביכער מיט אַלע באַלעטאָס! ווו איז חוההטשע? ווי אַזוי איז דיר דערגאַנגען אין דער אַרבעט?

— אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג! — האָט סיאָמע געענטפערט.

ער האָט איבערגעלאָזט דעם קונה, צוגענומען ביי רוזשען דאָס רענצל און איר געהאָלפן אויסטאָן דעם רעגנמאַנטל. זי האָט אַראָפּגענומען פון קאָפּ דאָס צעדרייטע היטעלע און עס אַריינגערוקט אין קעשענע פון מאַנטל און זיך געלאָזט צום קונה, זאָגנדיק צו סיאָמען:

— שטיי נישט ווי אַ נעכטיקער! טראָג אַרויף די זאַכן און קום באַלד צוריק!...

ווען ער איז געלאָפן אַרויף האָט אים רוזשע נאָכגעשריִען:

— ווו איז דאָן עליאָס?

— געפאָרן קויפן סחורה! — איז געקומען סיאָמעס ענטפער, צוזאַמען מיט אַ קלאַפּן אויף די טרעפּ. — קיינער האָט אים נישט סעקוועסטרירט...

— אַ! — האָט רוזשע געכאַפּט אַ קוק צו די קופּעס מיט בליי און בראַנדז — סחורה הייבט זיך ביז צו די הימלען... עס ברענט אַ פייער, די פּעזע פאַלט... מען טאָר גאָרנישט אַרויסלאָזן פון האַנט און מיין מאַן ליגן אין זיבען סאָסיעדאַדן...

דערווייל איז סיאָמע געקומען צוריק און נאָך אים איז געגאַנגען חוהלע, אָנגעטאָן אין אַ רויט־געבלימטער פאַטשיילע אויפן קאָפּ און אין היימישן קליידל פון ציץ. זי האָט געכאַפּט קושן די מומע, זי געדריקט צו זיך:

— וואָס מאַכט דאָס קינד? און רבקהלע מיט דעם דאָקטער?

— סיאָמע, וואָס זאָגסטו נישט צו איר? זי וועט דאָך מיך דערדריקן צום טויט!...

חוהלע האָט פאַרשעמט אָפּגעלאָזט די מומע, געצופּט די שפּיצן פון דער פאַטשיילע און אַראָפּגערעדט צו דער ערד:

— די מומע וועט טרינקען אַ מאַטע?...

— פרעג נישט! — האָט רוזשע אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט.

סיאָמע האָט זיך ווידער פאַרנומען מיט דעם קונה און רוזשע האָט בשעת־מעשה אויפגעשלאָסן די קאַסע, אַרויסגענומען די געשעפט־ביכער, אָנגעהויבן אַריינקוקן אין זיי און חשבונען.

— אָן דער מאַמע איז מען גאָרנישט שבגאָרנישט!... איך האָב געמוזט העלפן אַרויסטרייבן די מאָזלען; וואָס זאָגסטו צו דעם, סיאָמע?...

חוהלע איז אַוועק אין דער אַלטער קיך פון הינטערן הויף און האָט געבראַכט אַ פאַרטיקע מאַטע, אַ טערמאָס הייסע וואַסער מיט אַ שיסעלע וואַרעמע אייער־קיכלעך, וואָס זי האָט נאָר־וואָס אָפּגעבאַקן.

רוזשע האָט זיך צוגעכאַפּט צו די קיכעלעך און שטייענדיק געטרונקען

מאַטע. צווישן איין זופּ און דעם אַנדערן האָט זי אַריינגעקוקט אין חוהלעס אויגן און געבורטשעט:

— וואָס האָט דאָ דער פעטער געגעסן? ער מוז היטן די לעבער און ער פרעסט ווי אַ ביק... קלייבט נישט איבער... און ווער ליידט דערנאָך פון אים, ווער? דאָס ווייב!...

— איך האָב אים געמאַכט וואַרעניקלעך פון קאַשע מיט גריוון און ראָסל מיט וואַרניטשקעס...

— וואָס?!... — האָט רוזשע פאַרבראָכן די פינגער און באַלד אומרויק אונטערגערוקט די האָרשפּילקעס — האָסט דאָך מיך געקוילעט און נישט דערקוילעט. ער וועט עס אויסקרענקען!...

זי איז אַרויסגעלאָפן אין שטוב, צעפּראַלט אַלע טירן פון שאַפע און פון קאָמאָד דורכגעקוקט די שופלאָדן מיט זילבער, וואָס זי האָט געקויפט ווען זי האָט אַ שידוך־געטאָן מיטן זון, איבערגעציילט די טייערע סערוועט־קעס און דאָס טייערע פּאָרצעלאַנענע געפעס. זי האָט אויך דורכגענישטערט די מלבושים, די וועש, וואָס זי האָט נאָר געטראָגן אויף אַ חתונה אָדער ווען זי איז געגאַנגען צום דאָקטער אָדער ווען זי איז געווען קראַנק און געבליבן אין בעט...

אין קיך האָט זי דורכגענישטערט אַלע שפּייז־פּושקעס. נאָכדעם האָט זי נאָך אַראָפּגעוואָרפן איין דעקל נאָכן אַנדערן און אַריינגעקוקט, וואָס עס האָט זיך געקאָכט אין די גרויסע טעפּ.

— וויי! צו וואָס אַזויפיל פּעפער? ווער מעג עס דען עסן?... מאַריאַ, מאַריאַ!...

די דינסט איז אַריינגעקומען, זיך פאַרנויגט און מיט אַ פאַטאַיִנע שמייכעלע אויף די ליפּן געפרעגט:

— וואָס מאַכט די סעניאָראַ? ווי איז געווען די רייזע? וואָס מאַכט דאָס קליינינקע?

— גוט! אָן דער מאַמען קען מען זיך קיין עצה נישט געבן! — האָט רוזשע אויסגערופן מיט גדלות, און מיטן גרויסן הילצערנעם לעפל דורכ־געמישט די זופּ פון אַרבעס מיט גרינוואַרג.

— פאַרן סעניאָר, מאַריאַ, גרייט צו אַ ביסל גרינוואַרג מיט אַליוון־בוימל און אַ טעלער לאָקשן מיט קעז. ער טאָר זיך נישט צורירן צו אַזוינע האַרבע עסנס...

— סי, סעניאָראַ! — זאָגט מאַריאַ געשמייכלט.

— חוהטשע! ווו ביסטו אַהינגעקומען? — האָט רוזשע אַריינגעשטעלט

דעם קאָפּ אין אָפענעם פענצטער פון קיך און גערופן: — טו מיר נאָר אַ קלונג צום אַלמאַסענעראָ! הייס אים קומען! אַ שיינע באַלעבאַטישקייט האָט איר דאָ געפירט, דאָס מזל מיינע שונאים!... אַלע פושקעס זענען ליידיק, און אים ליגן אינזינען סאָסיעדאַדן!...

— מומע, דער באַקאַליייניק וועט באַלד קומען. איך האָב אים שוין גערופן.

— ייִדיש זאָלסטו מיר רעדן, דו גרינע חיה! אַלמאַסענעראָ זאָלסטו זאָגן!...

— מומע רוזשע, עס איז דאָך שפּאַניש! — האָט חוועלע געלאַכט אַ צופרידענע.

— שווייג, דו גרינער נאַר!... דעה־זאָגערין מיינע! איך האָב פיינט מען זאָל מיך איבערשפּאַרן און לערנען ווי צו רעדן!...

— גאָט צו דאַנקען, די מומע איז נישט שלעכט געשטימט... זאָל נאָר מאַריאַ נישט זיין קיין ליגנערקע, וועט, מיט גאָטס הילף, אַלץ זיין גוט... דער פעטער האָט טאַקע ראַסכאָדעוועט עטלעכע קערבלעך, עס איז אָבער געווען כדאי... ער איז געוואָרן אַן אַנדערער. ער האָט אויסגעלאָדן פון זיך אַ ים מיט פרייד... ווער וואָלט עס דען געגלויבט!...

און זי האָט פאַרבראָכן די פינגער און ווי צו אַ תּפילה, אַרויפגעקוקט צו די טרעפּ: — אוי, ווייַ, ווייַ!...

***

— פון וואָס טראַכסטו איצט, חוועטשע? — האָט סיאָמע אַרויפגעלייגט די הענט אויף אירע אַקסלען. — האָסט מורא פאַר דער מומע?...

— איך טראַכט פון יענעם אויפדערנאַכט... — האָט זי סודותדיק געשמייכלט. — געדענק, סיאָמעטשקע, קיין איין וואָרט זאָלסטו נישט דערמאָנען!... עס קאָן ווערן אַ פייער, אַן אומגליק!...

— גיין אַרויף! — האָט סיאָמע געענטפערט און געגלעט דעם זוים פון איר פאַטשיילע. — גיי רויק!... ווייז נישט אַרויס קיין שרעק, וועט זי נישט וואָרטשען...

ווען זי איז אַריין אין קיך איז איר די מומע אַנטקעגנגעקומען, און חוועלע האָט דערפילט, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג. ווען זי האָט נישט רחמנות אויפן פעטער עלי, וואָלט זי אַליין דערציילט דער מומען... אָבער זי טאָר עס נישט טאָן, זי טאָר נישט!...

רוזשע האָט אַריינגענומען אין די הענט חוועלעס קאָפּ און האָט איר־

אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן. נאָכדעם האָט זי אַרויסגענומען פון קע־שענע פון ברייטן פאַרטוך אַ קליין פושקעלע מיט גרויסע אויערינגען, איינגעוויקלט אין געלער וואַטע:

— נאַ, מיין רבקהלע האָט דיר געשיקט אַ מתנה!...

— אוי, מומע! — האָט חוהלע אויסגערופן דערשטוינט, קוקנדיק אויף די אויערינגען — זיי שיינען, זיי זענען פון אמתן גאָלד?...

— גיי!... — האָט די מומע גוטמוטיק געשמייכלט, — וואָס דען האָסטו געמיינט; מיין רבקהלע איז אַ מיזעראַבלע? שעמען מעגסטו זיך, דו גרינע אוגערקע!...

— ווי שיין!... אָבער פאַר דעם געלט, וואָס דאָס קאָסט, וואָלט די מאַמע געקויפט שינדל צו מאַכן אַ לייטישן דאַך. עס רעגנט אַריין! די ווענט זענען נאַס...

די מומע איז אַוועק אין קיך און געאויקעט: — דאָס גרינע קעלבל איז געוואָרן ווי אַ צעוואַקסן ביימל מיט רויזן. אַ בוזימל דאָס האָט!... און רבקהלע, איר איינציק אויג אין קאָפּ איז, נעבעך, הויט און ביינער... און זי גרייט זיך איצט אין קימפּעט. מען גיסט איר גאָלד אין האַלדז אַריין, און עס נעמט זיך אַן ווי אַן אַרבעס אַן אַ וואַנט. געראָטן אין דער מאַמען!...

**
*

ביים אָנבייסן איז עליאָס געזעסן אויבנאָן. אויפן ברעג טיש איז גע־שטאַנען אַ ווענטילאַטאָר און געווייעט אויף אים מיט קילקייט. די טיר און דאָס גרויסע פענצטער זענען געווען צעפּראַלט. די היץ האָט געשרפעט ווי אַ קאַלכאויוון און געברענט דאָס לייב. צווישן די פאַרחלשטע בלעטער פון בוים הינטערן פענצטער זענען געהאנגען שטיקער זון ווי געלע און רויטע קאַנווע און אַריינגעפאַלן אין די טיפע ווינקלען און צווישן דעם געפעס אויפן גרויסן ווייסן טיש. רוזשע האָט געזשמורעט די אויגן. אירע ווי:עס זענען פון דער דאָזיקער היץ און פון נישט געניגג שלאָפן געווען רויט, געשוואָלן און קעגן איר ווילן האָבן זיי זיך צונויפגעצויגן ווי די שוואַכע ליפּן פון אַ פאַרחלשטן...

זי האָט אומרו:יק געקוקט הין און צוריק די טעלערלעך מיט עסן און אַוועקגעשטעלט לעבן מאַן די אידלסטע שפייז, אַלץ גרינוואַרג, דינע לאָקשן פון גרינוואַרג און געקאָכטע פרוכטן. זי האָט אָפט געווישט די גאָפּל־מעסער און אונטערגערוקט אירע האַרנאָדלען.

דער מאַן האָט נישט אויפגעהויבן צו איר קיין בליק, כדי אויסצומיידן

רייד. פון אירע אומרו:קע הענט, אַפילו פון דער איבערגעטריבענער טריי־קייט האָט ער אַרויסגעפילט אַ געצוימטן כעס, וואָס וועט זיך באַלד אויס־גיסן אויף אים און ער האָט דורכויס געוואָלט הנאה האָבן פונעם געשמאַקן אָנבייסן, וואָס דאָס ווייב האָט אַזוי גוט צוגעפּראַוועט, און איצט וויל זי עס קאַליע מאַכן...

דורך דעם אָפענעם פענצטער איז פּלוצים אַריינגעפלויגן אַ גרויסער גומענער באַלעם און האָט זיך צעשפּרונגען צווישן די טעלער, אומגעלאָפן ווי אַ גאַנדז אויף איין פיסל.

— די פּעלאָטאַ! — האָבן חברה אַרויפגעשרי:ען פון גאַס, און אַ קליינ־געריי פון דעם גלעקל ביי דער טיר האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן הויף.

רוזשע איז אויפגעשפּרונגען, אַ כאַפּ־געטאָן דעם באַלעם און צאָרנדיק אַוועקגעוואָרפן אין ווינקל. אָבער דער באַלעם איז אָפּגעשפּרונגען און צו־ריק אַרויף אויפן טיש, גלייך צו רוזשען אין טעלער אַריין.

עליאַס האָט זיך צעלאַכט, גענומען דעם באַלעם און איז אַרויס אויפן באַלקאָן.

— אויף דער גאַס האָבן די אָפּגעריסענע און פאַרשוואַרצטע קינדער, אָנגעהויבן שפּרינגען און שרייען:

— וויוואַ דאָן עליאַס! וויוואַ!...

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן צו זיי דעם באַלעם און די קינדער האָבן אים צוריקגעוואָרפן צו עליאַסן, געליאַרעמט און געשפּרונגען פון דער הויט:

— זאָל דאָן עליאַס שפּילן אַ ביסל!... וויוואַ, וויוואַ!...

רוזשע איז געוואָרן אייפערזיכטיק:

— עליאַס, אַלטער נאַר! — האָט עס פון איר אַרויסגעשרי:ען — ביסט מיר געוואָרן צופיל שפּילעוודיק... גיי, ענדיק דעם מיטיק. די ציט שטייט נישט!... — האָט זי אים געוואָרנט מיט אַ פינגער און געוואָרפן שטיקלעך פּרוכט פון איין באַק צו דער אַנדערער און איר ציינלאָז מויל האָט אונ־טערגעציטערט.

חוהלע איז געזעסן אַקעגן דער מומען און פאַוואָלינקע געקייט, נישט אויפהייבנדיק די בליקן. א־אַ! דאָס איז עס!... די מומע האָט שוין אַן אָנפאַל פון רוגזה... די שוואַרצע מאַריאַ האָט איר שוין אונטערגעטראָגן אַ פּליאָט־קעלע... עס וועט זיך שוין טאָן אויף טיש און אויף בענק... דער פעטער האָט מורא פאַר איר. זי, חוהלע, דערקענט עס שוין פון זיין שטיין אויפן באַלקאָן... צו וואָס טויג אים זיין רייכקייט?... ווען די מאַמע האָט כאָטש אַ צענט חלק פון זיין פאַרמעגן!... אוי, גאָט! פאַרוואָס ביסטו אַזאַ שלעכטער אויסטיילער?...

זעסט גאָרנישט, וועמענס שיסל עס איז אינגאַנצן אַ ליידיקע... איציקל וויל זיך לערנען שפּילן אויף האַרמאָניע, די מאַמע וויל פאָרן קיין יאַסי צום אויגן־דאָקטער...

— זיפּץ מיר נישט ווי אַ נעבעכל! — האָט רוזשע געווישט דאָס טרו־קענע מיילעכל — דיך האָב איך אויך געמאַכט אומגליקלעך, אָדער די ביינער טוען דיר ווי פון צופיל אַרומהולטײַעווען גאַנצע נעכט?...

חוהלע איז געוואָרן רויט ווי בלוט און גאַפּל־מעסער האָבן אונטערגע־ציטערט אין אירע הענט. דער פעטער האָט זיך אויסגעדרייט און אונטער־ברומענדיק זיין באַליבט ניגונדל, האָט ער אָנגעגאָסן קאַלטן ווין אין אַ גלאָז און מיט אַ שמייכל עס צוגעטראָגן צום מויל:

— נו, זאָלן זיין ישועות ביי ייִדן און שמחות!...

רוזשע האָט אַ כאַפּ־געטאָן זיין האַנט מיטן גלאָז און אים דורכגע־שפּיזלט מיט אירע שאַרפע בליקן:

— טרינק נישט אַזוי פיל, דו!... עס צינדט דיר אָן די לעבער, און דאָס כפרה־הינדל איז רוזשע... איך קען שוין מער נישט ליידן אַזויפיל פון דיר!...

ער האָט אַראָפּגענומען איר הענטל פון זיין שווערער האַנט, אַ האַנט ווי אַ לאַפּע פון אַ גרויסן לייב און האָט אַריינגעגאָסן אין זיך דעם ווין. רוזשע האָט זיך אויפגעהויבן, געווישט די הענט אינעם זוים פון איר ברייטן פאַרטוך און אים אַריינגערעדט אין פּנים:

— שעם דיך פאַר דער גרינער, פּראָסטאַק!...

— וואָס האָסטו צו מיר? — האָט ער צעפּירט מיט די הענט. — ווער האָט דיר קאַליע־געמאַכט דעם באָרשטש? אַ מענטש זאָל נאָר מוזן אָפּסמען דאָס לעבן!... טפו!...

— וועסט דיך שוין אָוועקזעצן ביים טיש! איך האָב געמאַכט עסן פאַר דיינעטוועגן!

— און אַז נישט, וועסטו מיך אָפּגטן? — האָט ער געהויבן מיט די אַקסלען און איז געוואָרן ערנסט. — רוזשקע, ברענג מיך נישט אַרויס פון די כלים!...

— סטראַשע מיך נישט, דו הולטאַי! דו! דו!... — האָט זי אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און געוויזן אויף חוהלען. — די גאַנצע וועלט וויסט שוין וועגן דעם!...

עליאַס איז געוואָרן בלייך. זיינע געזיכט־מוסקולן האָבן זיך געשטייפט, ווי עמיצער וואָלט געוויקלט אַ האַרטע זאַך אַרום זיין האַלדז.

— רוזשקע, — האָט ער אויפגעהויבן אַ פויסט — ברענג מיך נישט אַרויס פון די כלים!...

— וואָסי, איך האָב אָנגערירט עמיצנס האָנאָר?...

— שווייג! — האָט ער אַ קלאַפּ־געטאָן מיט דער פויסט אין ברעג טיש. — דו, שלאַנג!...

דאָס געפעס אויפן טיש, דער גראַפין מיטן ווײַן און די גלעזער האָבן אינטערגעטאַנצט. דער געקלאַנג פון גלאָזוואַרג איז געבליבן הענגען אין דער לופט, און רוזשע איז ווי אַן אויסגעקוועטשטער בלאָטער געבליבן אײַנגעפאַלן, שטיל און בלייך. אויך חוהלע איז געוואָרן דורכלויכטיק בלייך.

עליאָס האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט, צוגעוואָרפן אַ מילדן בליק צו דער דערשלאָגענער פלימעניצע און איז אַוועק אין שלאָפצימער.

דאָרט איז געווען האַלב־טונקל. דער רויטער באַפּרעדזלטער פאָרהאַנג איבערן ברייטן אָפענעם פענצטער איז געווען אַראָפּגעלאָזט און אויפן נאַכט־טישל ביים בעט איז געשטאַנען אַ גראַפין מיט פרישע וואַסער־זשאַסמינען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן זוים פון ברייטן בעט, געקרעכצט און אַרײַנגעצויגן דעם מחיהדיקן ריח פון די בלומען. ער האָט אָנגערוקט די אַכטקאַנטיקע יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, זיך אויסגעצויגן ביים ראַנד פון בעט און מיט דעם פויסט צוקאָפּנס געפּרוווט אײַנדרימלען. דער כעס אויפן ווייב איז אים שוין אַריבער, נאָר דער פאַרדרוס האָט אים נישט געלאָזט רוען:

אָט אַ ייִדענע אַ ביסיק!... וואָס האָט זי צו דעם בידנעם מיידל, אי?... די קליינע איז דאָך ריין ווי אַ טויב!... וואָס ווייסט זי, נעבעך, פון הול־טאַיסטווע, וואָס?...

רוזשע איז אַרײַנגעקומען און פונווייטנס אַ קוק געטאָן אויפן מאַנס ברייטער פּלייצע און זײַן פעסטן האַלדז און נאַקן. די אייפערזוכט צוליב זײַן געזונטקייט איז איר געקראָכן אין די ביינער. זי האָט געטראַכט:

— ער כאַליעט שוין!... די וויסטע מאַמע איז געלאָפן העלפן אירע טײַערע קינדערלעך, און ער האָט דאָ געלעבט אַ גוטן טאָג... אַ חרפּה פאַר גאָט און פאַר לייטן!... און אויף וועמענס חשבון האָט מען דאָ געהוליעט, אויף וועמענס?... און ווי קויפט מען עס סחורה און מען פרעגט נישט ביים ווייב, האַ?...

— שטיי שוין אויף, אַלטער נואף! טריפה בלוט דו! וואָס האָסטו צו מײַנע געראָטענע קינדערלעך? אַ מכה דער מאַמען פאַר זיי!... — האָט זי געבראָכן די פינגער און געשריִען.

— שווייג, מרשעת, דו חיה! אָט נעם איך דיך אויף דער לאָפּעטע

און דו פּליסט ביי מיר פון פענצטער... — האָט ער אַריינגעבורטשעט אין ווייסן קאָפּ־קישן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— פאַרוואָס שווייגסטו, דו, דו!... — האָט זיך רוזשע צוגעבויגן און מיט אירע נעגל געריסן זיינע אויגן־דעקלעך.

— אַוועק פון מיר!... — דו האָסט אָנגעוואָרן דעם שכל דיינעם, צלם־קאָפּ דו!...

די חרטה אין זיין קול און די אַנטוישונג אין איר חכמה האָט רוזשען, ענדלעך געמאַכט נאָכגעביקער.

— נו שוין, שוין!... אַ מענטש איז דאָך נישט קיין מלאך!... נאָכן אויסלאָדן די נאַרישקייט, ווערט מען דאָך ווי ניי־געבוירן... — האָט זי זיך נאָכגיביק צעשמייכלט, זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט און געפרעגט:

— וואָס האָסטו היינט איינגעהאַנדלט?

— אַט ווען דו ביסט אַ גוטע, ווערסטו אויך שענער — האָט זיך אויך עליאַס צעשמייכלט און איר אַ גלעט־געטאָן איבערן אַקסל.

— לאָז צורו מיט דיינע יינגלשע שטיק! איך האָב עס פיינט!... מיר מרוקענען די געהירן אין קאָפּ!... — האָט זי געזיפצט און מיטן זוים פון איר פאַרטוך אָפּגעווישט דעם שוויס פון איר פנים — טריפה בלוט!... זע, וואָס אים ליגט נאָך אין זינען...

— מען דאַרף די סחורה איבערקלייבן, וועסטו שוין האָבן אויף נדן פאַר דיינע טעכטערס־וועגן! — האָט עליאַס באַנגיק געשמייכלט. — רעש, רעש, רוזשעלע, קער וועלטן!... דער שוואַרצער יאַר וועט הנאה האָבן...

— לייג מיר נישט אויס צום שלעכטן, עלי!... עס קוועטשט מיר אָט דאָ! — האָט זי צוגעלייגט אַ האַנט צו איר האַרצן. — איך האָב נישט קיין אַפּעטיט...

— רוזשע, איך האָב אַ גוטן קונה אויף דער טערענאַ אין בערנאַל — האָט דער מאַן אַריינגעקוקט אין אירע זשעדנע אויגן. — מיר נייטיקן זיך אין אַ גרויסער סומע געלט צו ענדיקן בויען...

— ווילסט מיך אומגליקלעך מאַכן, קוילען?! נאַ, קוילע, גזלן! — האָט זי אים אונטערגעשטעלט דעם האַלדז — זאַפּ מיין בלוט!...

— רוזשע!... — זענען זיינע האַרטע קנייטשן באַגאָסן געוואָרן מיט אַ באַנגיקן שמייכל — מיר צאָלן דאָך גרויסע פּראָצענטער! וועסט דאָך ברעכן דעם קאַרק, רוזשע!...

— זאָל עס דיך נישט אָנגיין!... די פּעזע פּאַלט, טערענאָס וועלן זיך הייבן ביז צום הימל...

— דו ווערסט הנאה האָבן פון דיין פּאַרמעגן, ווען דאָ וועלן וואַקסן המן־טאַשן!... — האָט ער אַ קלאַפּ־געטאָן מיט זיינע פינגער איבער דער דלאָניע, און האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן, אונטערברומענדיק זיין באַליבט ניגונדל פון „אַ חזן, אַ שיכור"...

זי האָט אים איבערגעלאָזט אַליין און איז אַוועק צווישן די וועגעלעך מיט אַלטוואַרג אונטן, לעבן דער קלייט, זיך געדונגען, געשטעלט פּרייזן, געוויגן, געציילט שטיקער בליי מיט צעבראָכענע באַטעריעס. זי האָט גע־האַלטן אין איין חשבונען און ווי אַ ציטער־שפּילקע אַרומגעלאָפן צווישן די זעקלעך מיט סחורה ביי דער וואָג און אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק צו סיאָמעס הינטער־שטיבל און בורטשענדיק גערעדט צו די סוחרים:

— צען־שעהדיקע סיעסטעס מאַכט ער, דער סיאָמע!... ער איז דאָ מער שגץ ווי איך באַלעבאָסטע... דאָן עליאָס מאַכט פון אים אַ תל... סיעסטאָס, סיעסטאָס...

סיאָמע איז אויפגעשטאַנען, צורעכט־געמאַכט די שיטערע הערעלעך אויפן קאָפּ און מיט אַ זייטיק געגנגלע אַרויף אויפן אויבערשטן שטאָק, אַריינגעקוקט אין עס־צימער און זעענדיק מאַריאַן וואַשן דעם דיל, איז ער אַריינגעלאָפן אין קיך צו חוההלען.

— גיי צוריק, סיאָמע! די מומע איז געקומען אַ זייער נערוויאָזנע, — האָט חוהלע אַריינגערעדט אין דער שיסל מיטן הייסן וואַסער, וווּ זי האָט אײַ־בערגעריבן די זילבערנע לעפל און גאָפּלען.

— איך פייף אויף איר טאָטן! — האָט סיאָמע אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף חוהלעס אַקסל און אַריינגעקוקט אין אירע אומעטיקע אויגן. — דער מומעס כעס איז אַ בליץ: זיך אָנגעצונדן, אויסגעלאָשן און אויס!... איך קען זי בעסער ווי דו, חוהטשעלע!...

און כדי זי אַריינצוברענגען אין אַ גוטער שטימונג האָט ער געפרעגט צווייַדייטיק:

— חוהטשע, וואָס האָסטו פריִער גערעדט מיטן סטראַזשניק?...

— זוך נישט, סיאָמינקע, קיין פּאַדקאָוועס פון אַ געפגרט פערד... איך וויל פאָרן אַהיים!... נאַ, אָט האָסטו דער מומעס מתנה! — האָט זי אַוועק־געלייגט אויפן וואַש־טיש די נייע אוירינגלעך — איך דאַרף זיי נישט!...

סיאָמע האָט גוט באַטראַכט די אויערינגלעך, אַפילו געפּרוווט זיי אײַנ־

בייסן, כדי צו זען, צי זיי זענען טאַקע פון גאָלד און אָנטוענדיק איר זיי, האָט ער באַמערקט:

— יאָ, די מומע וויס וואָס צו קויפן, חוההטשעלע!... זיי פּאַסן דיר. דו וועסט זיין אַ ווייבעלע ווי אַ געשמאַק קוגעלע פון בולבעס מיט ראָזשינ־קעס... דו ביסט גאָרנישט קיין סוחרטע... אַ ווייבערשע מלוכה, חוהלע, איז ווי אַן אַרמיי אָן אַ גענעראַל!... — האָט ער איר אַ קוש־געטאָן אין דער ווייכער פּאַטילניצע.

— גיי פון דאַנען! — האָט זיך חוהלע געבייזערט און מיטן נאַסן האַנטוך אים דערלאַנגט איבערן פּנים. — דו ביסט נישט מיין חתן און האָסט נישט קיין רעכט...

— דו ביסט מיין ספר־תורהלע!... מיין... איך וויס אַליין נישט וואָס!...

מאַריאַ האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער טיר פון קיך און געשמייכלט:

— ליבע איז נישט קיין זינד... מענטשן דאַרפן וויסן, ווי אויסצו־נוצן... ווייל איידער מען קוקט זיך אום איז אויס מיט דער שפּיל!...

— חוהטשע, גיב מיר עפּעס צום קייען! — האָט סיאָמע געקוקט דורך זיינע רויטע, פאַרצויגענע ווי̇עס. — מאַריאַ איז קלוג ווי דער טאָג!...

— פאַרוואָס ביסטו נישט אַרויפגעקומען צום עסן ביים טיש?

— ווייל איך האָב געוואָלט אויסמיידן דעם בליק!... איך האָב עס ביז אַהער! — האָט ער געוויזן מיטן פינגער אויפן האַלדז. — איך וויל עסן און קוקן אויף דיר...

— און איך וויל ער זאָל מיך לאָזן צורו!... און מיר העלפן פאָרן אַהיים!...

זי האָט אויסגעשפּרייט אַ וויס טישטעכל אויף אַ ברעג טיש און האָט אים דערלאַנגט אַ טעלער מיט קאַלטע קאָטלעטן און אַ פלאַש שוואַרצן וויין. סיאָמע האָט געגעסן שטייענדיק און בגנבה געקוקט אויף אירע יונגע ווייסע הענט, וועלכע האָבן פלינק געווישט דאָס זילבער.

מאַריאַ איז געשטאַנען ביים אויוון און אַריינגערעדט אין די פּייערקעס:

— די סעניאָריטא דאַרף זיך צואיילן. אָט וועלן מיר אָנוואַרעמען זייף מיט וואַסער, וועלן מיר וואַשן וועש... די באַלעבאָסטע האָט געבראַכט קויטיקע קליידלעך.

— חוהטשע, אָט זאָל איך אויסגיין אויף דעם אָרט, צי דו וועסט וואַשן!... האָט זיך סיאָמע געוואָרגן מיטן ביסן. — דיין פעטער מעג דיך מאַכן פאַר זיין קאַסירשע, זיין געשעפט־פירערין... אָבער נישט פאַר קיין קעכן, נישט פאַר קיין דינסט!...

— איך וויל פאָרן אַהיים! — האָט חוהלע אַריינגעוויינט אין זיך. — אַהיים!...

***

האַרבסטיקע כמאַרעס און אַ דריבנער איינגעגעסענער רעגן האָבן ווי אייביקער טרויער געהאָנגען איבערן האָריזאָנט. אַ נאַסער ווינט איז ווי אַ היימלאָז חיהלע אַרומגעלאָפן צווישן די קורצע ניי־געשניטענע געסלעך און געברומט מיט קריכעדיקער ציטערניש און געריסן די געל־געוואָרענע בלעטער פון דיביימער ביי די טראָטואַרן און געקלאַפט אין די פאַרמאַכטע לאָדנס פון די פענצטער.

אויך רוזשע איז מיטאַמאָל געוואָרן געל און נאָכגעביק ווי די בלעטער, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט פאַר דער טיר פון איר קלייט און צווישן די הויפנס אַלטוואַרג אין גרויסן הינטערהויף מיט שטיבלעך און קעמערלעך.

אָנגעטאָן אין אַ ברייטן מאַנטל מיט טיפע קעשענעס און מיט אַן אויפ־געשטעלטן קעלנערל פון אויסגעריבענעם פוטער, איז זי געשטאַנען ביים זוים פון טראָטואַר און מיט פאַריסנקייט אַרויפגעקוקט צו דער נייער דריי־שטאָקיקער געביידע פון זעקס דעפּאַרטאַמענטן. געקוקט אויף די רושטאָ־וואַניעס מיט פעסלעך קאַלך, פאַרב און קליי, צעמענט און אַלערליי אַר־בעטס־מכשירים, וואָס האָבן געפוילט אונטערן רעגן שוין אייניקע טעג.

די נייע טירן און פענצטער זענען געווען פאַרקלאַפט מיט גראָבע זעק און די שטאָלענע גאַלעריעס האָבן זיך געוואַשן און געיתומט אין דער נאַסער גרויקייט, זיי האָבן אויסגעזען ווי ליידיקע בעטן פון וועלכע מען האָט נאָר־וואָס אַרויסגענומען די בר־מינני...

רוזשע איז געווען פאַרביטערט נישט אַזוי אויף דער שלעכטער פּאָגאָדע ווי אויף דעם אינזשיניער מיטן קאָנסטרוקטאָר, וואָס האָבן אָפּגעשטעלט די אַרבעט, ווייל זי איז נישט נאָכגעקומען די צאָלונגען לויט דעם אָפּגעשלאָ־סענעם קאָנטראַקט. זי האָט געמוזט וואַרטן ביז די באַנק וועט איר געבן די געבעטענע הלוואה.

זי האָט אויך נישט געוואָלט נאָכגעבן דעם מאַן און פאַרקויפן איינס פון די פלעצער און אַזוי אַרום אַרויס פון די דאגות און ערגערנישן און, איבערהויפּט, פון באַליידיקונגען און בושה. שכנים, ניט־פאַרגינער האָבן זיך שטיל געשושקעט: — דאָן עליאַס מיטן ווייב זענען צו־ווייט פאַרקראָכן, זיי וועלן ברעכן האַלדז און נאַקן...

זי איז נישט קיין טשוואַק און נישט קיין אָנזעצערין... — האָט רוזשע

אומרויִק אונטערגערוקט די האָר־שפּילקעס. — היינט אָדער מאָרגן וועט זי קריגן געלט, און די אַרבעט וועט ווערן פאַרגעזעצט. רוזשע איז אַ סוחרטע, אַ מענטש מיט פּאַרנעם, מיט אַן ערן־וואָרט, און נישט אַבי ווער! זאָלן זיי בילן און זאָלן זיי פּלאַצן פון אייפערזוכט! רוזשע וועט אַלץ בייקומען!... אַלץ, אַפילו די קראַנקייט!...

זי האָט געהאַט אויסצושטיין צרות מיט ערגערנישן אויך צוליב אירע שכנים, וואָס האָבן נישט געצאָלט קיין דירה־געלט. אויף אייניקע פון אירע טערעגאָס האָבן דאַרפסלייט אויפגעשטעלט ביידלעך מיט קיכן און האָבן דאָרט געמאַכט אַ גאַנצע קאָלאָניע. ווען זי מיט איר מאַן זענען, ווי געוויינלעך, זונטיק צוגעפאָרן אַ קוק־טאָן אויף דעם פאַרמעגן, האָט מען זיי באַגעגנט מיט שטיינער און מיט שפּאָט, און זיי האָבן אויפגעהערט קומען.

אָבער זי האָט נישט גערוט. זי איז געלאָפן אין די געריכט־הייזער, געטענהט, געמאָנט מען זאָל איר אָפּגעבן איר אייגנטום, און די שכנים זאָלן צאָלן דירה־געלט. עס איז געווען אַ קריזיס־צייט, אַרבעטער האָבן נישט געהאַט אויף קיין ברויט, האָט די מאַכט געמוזט נעמען אין באַטראַכט די לאַגע און זיי נישט אַרויסגעוואָרפן.

דאַן איז רוזשע אַליין דורכגעקומען מיט יעדן באַזונדער. זי האָט די שכנים געגעבן געלט אויף צו דינגען זיך וווינונגען און אַזוי אַרום אַלעמען געפּטרט, און די שטיבער האָט זי פאַרדונגען צו נייע שכנים, וואָס האָבן איר געגעבן גוטע גאַראַנטיעס.

דער זיג האָט אָבער רוזשען געקאָסט אַ סך געזונט. זי האָט נישט געגעסן און נעכט נישט געשלאָפן. אַלע טאָג איז זי געלאָפן צו אַן אַנדערן אַדוואָקאַט און אין די טריבונאַלן. עס האָט נישט געהאָלפן דעם מאַנס בייזערן זיך און נישט דעם זונס וואָרענונגען, זי זאָל זיך אָפּהיטן, זי זאָל בעסער אַרויספאָרן אויף אַ יאָר צייט ערגעץ אין די קאָרדאָבער בערג, ווו זי זאָל לעבן נאָר צוליב זיך, צוליב איר געזונט.

זי, רוזשע, וועט נישט לאָזן אויף הפקר איר פּראַצע, איר האָרעוואַניע!... עס פעלט שוין נישט קיין סך. אָט־אָט און זי וועט, מיטן אויבערשטנס הילף, לעבן פון רענטע... דאָס נייע הויז וועט שיינען און באַלייכטן די גאַס... זי, רוזשע, וועט זיי ווייזן, וואָס עס הייסט אַרבעטן און האָבן אויסדויער!...

זי האָט זיך געפילט שוואַך, כאַטש נעם און לאָז זיך אַראָפּ אויפן בלאַטיקן באָדן, כדי זיך אָפּצורוען און קומען צו זיך!... עס איז איר געוואָרן קאַלט און ניט־גוט ווי צום חלשן... זי האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן. אירע פלינקע אויגן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין די דאָקטערישע טאָוולען,

וועלכע זי האָט געלאָזט איינמויערן אין די ווענט בײַ די טירן פון די צווײ שטאָק, וואָס אירע קינדער האָבן געדאַרפט פאַרנעמען.

די שילדן האָבן געשיינט און געלויכטן אין אירע אויגן און אין דער אַרומיקער גרויקייט.

— אוי, גאָט, פאַרלאָז מיך נישט! — האָט זי אַריינגעזיפצט אין זיך.
— גיב מיר כוח צו דערשלעפּן דאָס שטיקעלע וועג!... דערפרײַ נישט מײַנע שונאים, שטעל מיך נישט אויס אויף זייער געלעכטער!...

זי האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ גרויס טיכל און זיך געווישט דעם קאַלטן שווייס פון פּנים און פון די אָפּגעשוואַכטע הענט.

— זי וועט באַוואָרענען חוהטשען מיט דעם יונג... — האָט רוזשע געמאַטערט דעם מוח, אַן אָנגעפּיקעוועטן מיט פּלענער און דאגות ווי אַ מילגרוים מיט קערלעך. — זי וועט אויסריכטן פאַר זייערטוועגן איינס פון די בעסערע הינטער־שטיבלעך. דאָרט איז פאַראַן פּלאַץ פאַר זעקס פאַמיליעס און נישט בלויז פאַר איינער. מען דאַרף נאָר איינבייסן די מויד, זי איז אַ ביטערער עקשן, אַן איינגעשפּאַרט פערד, וואָס ווייסט נישט דעם ריכטיקן וועג...

— חוהטשע און סיאָמע זענען איר, רוזשען, צוגעשיקט געוואָרן פון גאָט. זיי וועלן אָפּהיטן דאָס פאַרמעגן אירס. מען טאָר נישט פאַרטאַכלעווען דאָס, וואָס מען האָט מיט שווערער מי, מיט בלוט־צאַפּעניש, קוים אָנגעקליבן...

דער ווינט האָט אויפגעהויבן די פּאָלעס פון איר שווערן מאַנטל. רוזשע איז גיך אַרויפגעלאָפן אויפן צווייטן שטאָק פון דער געביידע. זי איז געוואָרן מיד. האָט זי זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ קעסטל מיט טשוועקעס, שרויפן, זאַוויעסעס און קליאַמקעס צו די נײַע טירן. זי האָט שווער געאָטעמט און דער שווייס האָט ווי אַ קאַלטער קאָמפּרעס אַרומגענומען איר קליינעם אויסגעמאַטערטן גוף.

זי האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ זיס אייער־קיכעלע און געקײַט קליינע שטיקעלעך, צושפּאַרנדיק די פּלייצע צו דער טיר און געקרעכצט ווי אַ געבוינדענע.

זי האָט דערהערט דער גרינערס שטים. חוהלע האָט שפּרינגענדיק אַרויף די טרעפּ זיך שטיל אונטערגעזונגען אַ ניגון פון אַ וואָלעכיש לידל. רוזשע האָט זיך אויפגעהויבן און איז איר אַנטקעגן געגאַנגען.

חוהלע האָט געעפנט דעם טערמאָס מיט הייסער קאַווע מיט מילך, אָנגעגאָסן אין אַ טעפּעלע, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, און עס

דערלאַנגט דער מומען. זי האָט אַרויסגענומען פון אַ ווייסער סערוועטקע אַ פּאָר קליינע סאַנדוויטשלעך מיט קעז און עס אונטערגעטראָגן רוזשען צום מויל:

— מומע רוזשע, נעמט עפּעס אין מויל; איר זעט איצט אויס אַזוי בלעדנע!...

— מאַך נישט אַזאַ נעבעכדיקע צורה!... — האָט זיך רוזשע געבייזערט, אָפּרייסנדיק אַ שטיקל פון סאַנדוויטש. זי האָט אונטערגעגאָסן קאַווע אין טעפּל, געשלונגען און נישט אַרויסגעלאָזט חוהלעס האַנט פון אירער.

עס איז איר געוואָרן וואַרעמער. דאָס געקאַרבטע פּנימל באַשיט מיט טרוקענעם פּודער איז געוואָרן פאַרביק און אויפגעלעבט. אירע אויגן האָבן זיך צעפינקלט. זי האָט אַ פּאָר מאָל אונטערגעהעפּעט אויף איין אָרט, אַזוי אַז די קאַלטע פיס זענען איר געוואָרן לייכט, גרייטע זי צו טראָגן אין דער וועלט אַריין.

זי האָט אָנגעהויבן שפּאַנען הין און צוריק, געקייט זיפצנדיק און גערעדט:

איך וויל, חוהטשע, דו זאָלסט מיך פאָלגן און אים נישט אָפּזאָגן. סיאָמע איז אַן אייראָפּעיִשער בחור און ניט אַבי ווער... ער איז נישט קיין היזיקער טשוואָק!... — איז זי געבליבן שטיין אַנטקעגן דער פלימעניצע און אַריינגעקוקט טיף אין אירע אויגן. — סיאָמע איז אַן עקשן, אָבער ער קאָן מאַכן אַ פּעזע... נעם אים, חוהטשע, ער גייט אויס נאָך דיינע טריט. דו ביסט אַן אָרים קינד...

— איך האָב אים נישט ליב, מומע! — האָט די פלימעניצע אומרויִק גערדרייט די שפּיצן פון איר געבלימלטער פּאַטשיילע אויפן האַלדז.

— איי־איי־איי! יונגע יאָרן — נאַרישע יאָרן! — האָט רוזשע געוואָרנט מיט אַ פינגער. — אַ פרוי דאַרף האָבן אַ פרייגד, אַ חבר און אַ מאַן, וואָס זאָל זי ליב האָבן און שעצן!... און סיאָמע פאַרגעטערט דיך! געדענק, חוהטשע!...

— מומע, — האָט זי איר איבערגעשלאָגן — איך וויל נאָך נישט חתונה האָבן! און אויב סיאָמע איז מיין ריכטיקער זיווג, איז דאָך נישט שייך זיך אויסצובאַהאַלטן!...

— דו האָסט פייגעלעך אין קאָפּ, חוהטשע!... דו ביסט נישט ערלעך נישט צו מיר און נישט צו סיאָמען. זאָג אים דעם אמת!...

חוהלע איז געוואָרן ווי אַראָפּגעזעצטער און עס האָט פון איר אַרויס־געציטערט:

— איך האָב אים שוין צען מאָל געזאָגט און ער מאַכט זיך צום נאַר.

— דאָס געפעלט מיר!... — האָט די מומע געשמייכלט און איר אַ גלעט־געטאָן איבער אַ באַק. — לאָך זיך אויס פון די אַלע ליובקעס!... זיי פראַקטיש!... זאָג אים נישט אָפּ!...

— און פאַרוואָס האָט אייער רבקהלע חתונה געהאַט אויס ליובאָוו?... וואָסי, מיין האַרץ איז דען אַנדערש ווי רבקהלעס? אַן אָרים קינד האָט אויך געפילן!...

— דו האָסט אים ליב, חוהלע... איך בין אַ מבין. — האָט די מומע אַריינגערעדט אין דער פלימעניצעס בלייך־געוואָרענעם פנים. — צוליב וועמען, טעכטערל, לויפסטו אַלעמאָל צו אים? און פאַרוואָס רוימסטו און היטסט זיין צימערל, אויך צוליב מיר?...

— מומע, — האָט חוהלע געקנייטשט דעם שטערן און אומרויִק גע־שטאַמלט — מיר זענען גוטע פריינד און נישט מער!... סיאָמקע שטרעקט פאַר מיר זיין לעבן, און ער איז דאָך אַזוי עלנט, אַזוי זשעדנע נאָך אַ ביסל וואַרימקייט...

— דו ביסט אַ טייער קעלבל, חוהטשע!... ווער פון אונדז איז נישט זשעדנע נאָך אַ ביסל וואַרימקייט?... פונדעסטוועגן גיסטו אָפּ דיין וואַרימ־קייט אַ פרעמדן, נישט אונדז!... עס איז אַ זינד, חוהלע, צו שפּילן זיך מיט יענעמס געפילן! געדענק!... — האָט זי אומרויִק אונטערגערוקט די האָרשפּילקעס. — געדענק!...

— איך ווייס נישט פון קיין צווייִדייטיקייט און סיאָמע איז אַ מבין!...

— נו, געַנוג, גענוג! — איז די מומע געוואָרן ווייכער. — דו ביסט ביי מיר ווי אַן אייגן קינד. איך וויל דיך זען אַ גליקלעכע און אַ געטרייער מאַן, חוהטשע, איז אַ רפואה צו דעם ווייבס חולאתן...

— אָבער אייער רבקהלען האָט איר געגעבן אַ מאַן אַ דאָקטער!... פאַרוואָס האָט זי נישט חתונה־געהאַט מיט סיאָמען?...

— אַט האָסטו דיר אַ פאַרגלייך!... זענען רוזשעס אויגן געוואָרן ברייטער און שטאָלצער. — מיין רבקהלע איז דאָך אַ טייער קינד... אַ געביל־דעטע... זי קען אויפן פאָרטעפּיאַן, קען קיקעגראַפיע, מיליגראַמע, שרייבן מאַשינע, באָרדאַדאָ און וואָס נישט?... אַ געראָטן קינד, אַ מכה דער מאַמען פאַר איר!...

חוהלע האָט אומעטיק געשמייכלט, געגעבן דער מומען דעם לעצטן סאַנדוויטש און איבערגעטראָגן די בליקן צו דער גרויער מאַסע הינטערן פענצטער. — אָ, איצט פאַרשטייט זי שוין, פאַרוואָס דער פעטער עליע

קען אַזוי פיל שווייגן און פאַרשווייגן... ער וואָלט דאָך געקענט זיין אַ גוטער מאַן, אַ פאַרליבטער אין זיין ווייב. אָבער די מומע פאַרשטייט אים נישט. זי האָט ליב צו הערשן, צו באַפעלן און תמיד צו בלייבן אויפן ווערך... סיאָמע זאָגט אַפילו, אַז דער פעטער קריכט צו אַנדערע ווייבלעך... עס איז נישט שיין, אָבער די מומע האָט זיכער אַ גרויסן חלק אין זיינע זינד... אויך אין אירע, חוהלעס צרות, וועט די מומע האָבן אַ גרויסן חלק. זי איז אַ קלוגע סוחרטע, די מומע רוזשע, אָבער אויף האַרץ־זאַכן איז זי נישט קיין מבינטע... די מומע האָט קיינמאָל נישט געזען באַומס ווייסע־איידעלע הענט און זיינע ברוינע ערלעכע אויגן... אַ שאָד, וואָס ער האָט אַ ווייב מיט אַ קינד... אַ שאָד!...

די מומע האָט זי אַנגענומען פאַר די אַקסלען און אויסגעדרייט מיטן פנים צו זיך:

— איך ווייס וועגן וואָס דו טראַכטסט!... חוהטשע, שלאָג דיר אַרויס פון נאַרישן קאָפּ!... נאָום גיט זיין ווייבל און קינד אַ ביסל קלעזמעריי און קדחות אויפן פוד, אָבער נישט קיין ברויט צו דער זעט... אַ מענטש מוז קענען כאַפּן די גוטע געלעגנהייט... שפּעטע חרטה איז אַ פּלאָג פאַרן איי־גענעם געוויסן! און איך וויל דיך זען אַ גליקלעכע! — האָט זיך איר געלבלעך פנים געקנייטשט און געבעטן. — איך וויל דו זאָלסט זיין אַ פריצהטע, אַ שיין ווייבל צו סיאָמען און אַ געטרייע מאַמע צו דיינע קינדער, אם־ירצה־השם!...

חוהלע האָט אָפּגעזיפצט און פאַרטראַכטערהייט געגלעט רוזשעס קאַלטע, טרוקענע הענטלעך, זיי געוואַרימט מיט איר געזונטן, וואַרימען אָטעם. יאָ, ביי דער מומען האָט זיך איצט צום ערשטן מאָל אַרויסגעכאַפּט דער אמת וועגן איר אומצופרידנקייט... אַ רחמנות! די מומע איז, נעבעך, פאַרביי. קיינער גיט זיך נישט קיין רעכענונג וועגן איר צושטאַנד, און זי טוט דער וועלט אויף צו־להכעיס און נעמט זיך נישט ערנסט. און ווען זי וועט שוין יאָ וועלן עפּעס טאָן פאַר זיך, וועט שוין, חלילה, זיין צו שפּעט...

— חוהטשע, חוהטשעלע! — האָט די מומע אַרויסגעכאַפּט אירע דער־וואַרימטע הענט פון לעבן חוהלעס מויל און זיי אַריינגערוקט אין די טיפע קעשענעס פון מאַנטל, ווי וועלנדיק אַנהאַלטן די וואַרימקייט — איך האָב פיינט סודות!... איך וויל אָפענע דיבורים!...

— מומע רוזשע! — האָט חוהלע פאַרלוירן געשמייכלט — איך הויב אייך אָן ליב צו באַקומען... איך טראַכט וועגן אייערע רייד און מיט מער רו!...

— זיס קעלבל! דו ביסט ווערט מיליאָנען!...

— אפשר רופן שימעלען, אַ?... איר זענט דאָך נישט מיט אַלעמען!...

— שווייג, דו, דו... מיינע קינדערלעך זענען פאַרנומען, אַ מכּה דער מאַמען פאַר זיי...

נאָך דעם האָט רוזשע אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ פּאַפּירן פּינפּערל און עס אַריינגערוקט אין מאַנזשעט פון חוהלעס געשטריקט קאָפטל מיטן הויכן קעלנערל:

— נאַ, וועסט שוין האָבן אויף נאַשערייען...

— איך וועל מיר קויפן געפּראַזשעטע וויסטאַשקעס.

— רעד ייִדיש, גרינע אוגערקע, מאַניס זאָגט מען!

— מומע, מאַניס זאָגט מען דאָך גאָר אין שפּאַניש!

— שווייג, שווייג גרין קעלבל דו!... — האָט די מומע זי שטרענג אָפּגעשטעלט. — מיך לערנט מען נישט!... די מומע ווייסט וואָס זי זאָגט!...

**
*

אַ פּאָר טעג שפּעטער, אין איינעם אַ זונטיק, איז רוזשע געבליבן אין בעט. זי האָט זיך נישט געקענט אויפהויבן. לעבן איר איז געזעסן איר איידעם, אַ שמאָלער הויכער יונגערמאַן מיט אַ ווייך איידל פּנים און מיט קליינעברילן אין שמאָלע גאָלדענע רעמלעך. זיינע שמאָלע, שפּיציקע בלאַנדע וואָנצעלעך און זיינע ברייטע ברעמען האָבן זיך מאָדנע אויסגע־טיילט פון דעם קליינעם פּנים, אים צוגעגעבן אַ מער חשובן, אָבער אויך קאָמישן אויסזען.

ער האָט געהאַלטן דער שוויגערס קליין הענטל אין זיינער און דורך האַלב־פאַרמאַכטע ווִיעס געקוקט אויף די קליינע ווייזערלעך פון זיין גאָל־דענעם האַנט־זייגער.

אַרום איז געווען מערקווירדיק שטיל און אויסגעהוילט ווי מען וואָלט נאָר־וואָס אַרויסגענומען אַ קראַנקן פון שטוב. די ריינקייט האָט אַרויסגע־שיינט פון יעדן ווינקל. דאָס ברייטע ניקלנע בעט מיט דער רויטער פּוכע־נער קאָלדרע און מיט די קישנס אין ווייסע אויסגענייטע ציכן, געפּרעסטע און געקראָכמעלטע, די אויסגעהאַפּטענע שפּיצן פון ליילעך, וועלכע האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון בעט, די וואָלענע טעפּיכלעך אויפן פריש־געפּוצטן דיל און דאָס קריגעלע מיט פרישע רויזן אויפן נאַכט־טישל, — אַלץ האָט דאָרט געפּאַסט צו רוזשעס וויסקייט, צו איר ווייסער אויסגעהאַפּטענער קאָפטע מיטן הויכן קעלנערל און צו איר האַלטונג. עפּעס יחסנישעס און קאַפּריז־בעקייט האָט פון איר געשלאָגן, ווי זי וואָלט זיך געשפּילט מיט דער קראַנ־

קייט. אָט האָט זי איר גענומען ערנסט, אָבער באַלד וועט זיך רוזשע אויפ־הייבן און ווידער גיין און ווידער רעשן, באַפּעלן, קויפן, פּאַרקויפן, בויען, צעוואַרפן און גיין איבער אַלץ און אַלעמען, כדי אירס צו דערגרייכן, צו־פירן ביז צום ענדציל.

דער איידעם האָט אַוועקגעלייגט איר הענט, זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן אַרומצוגיין הין און צוריק איבער דער ווייכער וואָלענער סטעזש־קע, וואָס חוהלע האָט געבראַכט אַ מתנה. די שוויגער האָט זיך אויפגע־זעצט, אונטערגערוקט די האָר־שפּילקעס און געקוקט אויף איר איידעמל.

אָ! רבקהלע מיט איר פאַמיליע זענען פון גאַנץ פרי אָן געווען צו־גאַסט ביי דער מאַמען. צוזאַמען מיט חוהלען האָט רבקהלע געפּראַוועט אַ שיינעם אָנבייסן. נאָכן עסן איז חוהלע אַוועק מיט סיאָמען אין אַ קינאָ, און די טאָכטער מיטן מאַן זענען אַוועק אָנקוקן דעם נאָך נישט פאַרענדיקטן דע־פּאַרטאַמענט, וועלכן זיי וועלן פאַרנעמען. די קינדער האָבן שוין אַפילו באַשטימט ווי אַזוי אויסצושטעלן דאָס מעבל און אויסצופּוצן דעם זאַל, ווו עס וועט, מיטן אויבערשטנס הילף, זיין דער שענסטער דאָקטערישער אויפנאַם־צימער. איר, רוזשעס אויפטו איז ווערט מיליאָנען, די קינדער זענען צופרידן. זי האָט עס אַרויסגעפּילט פון דעם איידעמס צוזעצן זיך אויפן ראַנד פון בעט, אין זיין געטריי האַלטן איר שוואַך מיד הענטל, אין זיין איידלער און דאָך זיכערער האַנט פון אַ געניטן דאָקטער.

— טייערע קינדערלעך, גאָלדענע קינדערלעך, אַ מכה דער מאַמע פאַר זיי. זי האָט תמיד געוווסט, אַז דער אַלטער אירער איז אומגערעכט מיט זיינע טענות, מיט די פּרעטענזיעס... וואָס וויל ער, די קינדערלעך זאָלן אים אַרומטראָגן אויף די הענט? אָדער זיי זאָלן אויסשרייען פאַר דער גאַנ־צער וועלט, אַז דער טאַטע איז אַ צדיק? וואָסי, ער איז ברייטהאַרציק?... אַ מענטש זאָל זיך עס אַזוי איינעסן!...

די טאָכטער איז אַריינגעקומען פון עס־צימער, האַלטנדיק אויף די הענט איר קליין יינגעלע, איינגעוויקלט אין אַ הימל־בלוי קאָלדרעכל פון וואָל. מאַרגאַריטקעלע, איר טעכטערל, איז נאָכגעגאַנגען, האַלטנדיק זיך פאַר איר קליידל. דער דאָקטער האָט צו איר אויפגעהויבן דאָס פּנים, און מיט אַ ווונק פון זיינע ערנסטע אויגן האָט ער זיי געהייסן זיין שטיל. די קליינע איז צוגעלאָפן צו אים און, אָנשפּאַרנדיק דאָס בלאָנדע קליינע קעפּל אויף זיינע קני, אויפגעהויבן אַ בעטנדיקן בליק.

— פּאַפּי, איך וויל אויף דער קאָלעסיטאַ!

— שווייג! — האָט זיך רבקהלע אָנגערופן און זיך אַוועקגעשטעלט

לעבן בעט, וואַרטנדיק אַז איר מאַן זאָל זאָגן, וואָס מען קען טאָן, עס זאָל דער מאַמען בעסער ווערן. און זיי, די קינדער זאָלן אויפהערן איינס דאָס אַנדערע צו עסן, באַשולדיקנדיק זיך קעגנזייטיק אין אומטריישאַפט צו דער מאַמען און אין דערלאָזן, אַז זי זאָל אַזוי פיל האָרעווען, לויפן און גרייטן פּאַרמעגנס פאַר זייערט־וועגן.

רוזשע האָט געקוקט אויף איר רבקהלען, געקוקט און געקוואָלן און זיך געגרויסט, אַז זי איז געראָטן אין דער מאַמען. אַ קליין שמאָל ווייבעלע מיט קליינע בריסטלעך און מיט אַ קאָפּ שוואַרצע געדיכטע לאָקן, אויסגע־לייגטע אַרום קאָפּ. רבקהלע האָט אויך געהאַט ברייטע, שוואַרצע, געדיכטע ברעמען ווי האַלבריגגען אַרום די טיפע אויסשניטן פון די קויל־שוואַרצע פלינקע אויגן און די ייִדישלעך לענגלעכע נאָז. יאָ, רבקהלע איז, קיין בייז אויג, אַ פּאַרשוין, אַ מכה דער מאַמען פאַר איר!... ווער וועט עס דען גלויבן, אַז זי איז רוזשעס אָן אָפּבילד? ווער?... צו גיך איז אַוועק די יוגנט... נישט געהאַט געננוג שכל אָפּצוהיטן דעם גילדענעם פרילינג!...

דער איידעם האָט אויפגעהויבן די קליינע און מיט איר אויף די הענט איז ער אַראָפּגעגאַנגען צום קאַרוסעל.

— רבקהלע, גיב מיר בערנאַרדעלען, אַ מכה דער באָבע פאַר אים!... ווען וועל איך אים דאָ נאָך אַמאָל האָבן אַ גאַנצן טאָג, ווען?!...

די טאָכטער האָט שווייגנדיק אַוועקגעלייגט דאָס קינד ביי דער מאַמען אויפן שויס.

— בערנאַרדיטאָ! ווילסט גאָרנישט, מען זאָל דיך פירן אויפן קאַרוסעל?

— האָט זי מיטן פינגער געפירט אַרום זיין אויבערשט גרעבלעך ליפּעלע.

— רעד אַ וואָרט, קריגסטו אַ צענערל...

דאָס קינד האָט זיך צעשמייכלט און זי צום ערשטן מאָל אָנגעקוקט מיט זיינע בלויע רויזקע אייגעלעך.

— אָי, ער איז אינגאַנצן דער זיידע עליע מיט די ביינער, עס זאָל פעלן אַ האָר! — איז די באָבע געוואָרן איפּערזיכטיק.

— מאַמע, דו דאַרפסט רוען... — איז רבקהלע צוגעשטאַנען צו איר.

— רוען, שמועז!... דיין דאָקטערל האָט דיר שוין איינגערעדט אַ קינד אין בויך?... דו ווילסט מיר איינרעדן אַ נייע קרענק, אַ?... — האָט רוזשע נערוועז אונטערגערוקט די האָרשפּילקעס — אָבער איך וועל עס דיר נישט צוליב טאָן, רבקהלע, נאַרישער קאָפּ! די ביינער, טאָכטערקע, וועלן צייט האָבן צו רוען...

— הייבסט שוין אָן צו רעדן פון טויט? איך האָב עס פיינט, מאַמע,

איך קען נישט זיין טריסטע, — האָט רבקהלע פאַרצויגן די ליפּן און גע־שמייכלט מיט אַ טרויעריק מינעלע — איך האָב ליב צו גיין אויף באַלעס און טאַנצן „בוגי־בוגי״! — האָט זי אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פיסלעך אויפן טעפּיך...

— איז ווער, טאַכטערקע, שטערט דיר, חלילה? גיי בעסער, מיין קינד, טו טאַקע אַ שפּיל אויפן פּאַרטעפּיאַן!... — האָט רוזשע אַריינגערעדט אין דער טאַכטערס ברוגז פּנימל. — איך האָב נישט געטאַנצט, נישט געלעבט... און נישט צוגעגרייט מיין אייגן בלוט און פליש זאָלן פאַרשטיין ווי שווער און ביטער מיר איז אָנגעקומען זיי צו מאַכן פאַר מענטשן...

— מיר האָבן עס נישט פאַרלאַנגט!... — האָט רבקהלע זיך אָקעגנ־געשטעלט — אַלע גרינע זענען אַזוינע... זיי קאַרגן אויסצוגעבן אַ פּעזע און נאָכדעם האָבן זיי טענות צו די קינדער... מיר זענען אַרגענטינער און נישט קיין ליטווישע, און נישט קיין באַסוראַבישע...

די שוואַרצקייט פון רוזשעס אויגן האָט זיך ווי אַ פּיאַווקע איינגע־שטאָכן אין דער טאָכטער. רבקהלע איז געוואָרן רויט און פאַרלוירן גע־שטאַמלט:

— נו, שוין, שוין! איך האָב גאָרנישט געמיינט. איך שווער דיר, מאַמיטאַ!... זי האָט איר אַ קוש געטאָן אין שטערן און כדי זי איבערצובעטן און אויסמיידן אַ קריגערייַ איז זי אַוועק אין זאַל.

— בערנאַרדעלע, — האָט רוזשע אַריינגעקוקט אין אייניקלס פּנימל און געטראַכט: — עס איז אויס וועלט... דיין באָבע איז פאַרביי און דיין מאַמע וויל, ווי אַלע זונטיק, פאָרן אין ראַסעדאַל און אין פּאַלערמאָ. זי וויל טאַנצן, דיין מאַמע... און ווי איז איצט דיין פעטער שימעלע מיט זיין ווייב און מיין עלטסט אייניקל, ווו?... זיי פאָרן איצט אַרום אויף דער ברייטער אַווענידע; מען איז גרויסע לייט, און די מאַמע — צאַנקט... און רעדן טאָר מען נישט... דיין מאַמען וועל איך אַרויסמאַרדעווען פונדאַנען, דו הערסט, בערנאַרדיטאָ? — האָט זי אים געוואָרנט מיט אַ פינגער. — איך וויל גאָרנישט, זי זאָל קומען מיך באַדינען... איך וויל נישט זי זאָל מיך מאַכן פריילעך!... אָסור, צי איך בענק נאָך איר און נאָך מיין שימעלען, אָסור!...

רבקהלע איז געקומען צוריק און אַ ברוגזע זיך געווענדט צו איר מוטער:

— מאַמע, איך מוז דיר זאָגן דעם אמת: זינט די גרינע איז געקומען, האָסטו מיך מער נישט ליב...

— איז דאָך גוט... — האָט רוזשע געחוזקט — ווערסטו דאָך האָבן צוליב וואָס צו זיין ברוגז, און קומען אַלץ ווינציקער...

— איך ווייס, מאַמע, אַז ביי דיר איז אַ פרעמדער רוח טייערער פון דיין אייגן קינד. די גרינע גייט דאָ אַרום ווי אין איר שטוב... זי האָט די שליסלען פון דער קאַסע...

— זי איז געטריי ווי אַ הונט! — איז רוזשע געוואָרן אָנגעצונדן פון דער טאָכטערס חוצפּה. — זי ווייסט נישט פון קיין חכמות. זי האָט אַ ריין האַרץ. אָבער דו, און דיין ברודער און איר אַלע — האָט זי אָנגעהויבן קלאַפּן מיט דער פויסט אויף איר קני... — איר נאָגט אויס מיינע ביינער... איר ליידיקגייער! פּוסט־און־פּאַסניקעס!... בוגי־בוגי ליגט אייך אין זינען!...
— האָט זיך רוזשע צעהוידעט — צי האָסטו שוין מיט דיין ברודער אַמאָל געפרעגט, ווי עס גייען די געשעפטן? צי ווילט איר דען פירן די ביכער? פאַרקערט, פאַר מיר מיטן טאַטן וואָלט עס דאָך געווען אַ נחת, אַ גרויסער נחת! — האָט זי צוגעלייגט די הענט צום האַרצן — קינדערלעך, מיינע קינדערלעך!...

רבקהלע האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אַ פאַרשעמטע צוריק אַוועק אין זאַל. באַלד האָבן זיך צו רוזשען דערטראָגן טענער פון: „גרויסער גאָט, דו העלפסט דעם מענטשן" און פון „אַ בריוועלע דער מאַמען"...

רוזשע האָט צוגעטוליעט צו זיך דאָס אייניקל און איינגעם מיט אים זיך געהוידעט הין און צוריק, נאָכברומענדיק וואָרט ביי וואָרט, געווישט די פייכטקייט פון די אויגן.

עס איז געקומען דער זון מיטן ווייב און קינד. רוזשע האָט אַריינ־געכאַפּט דאָס קינד אין אירע הענט, עס געקושט און געהאַלדזט. דער זון מיט דער שנור האָבן געקושט רוזשעס שטערן. זי האָט זיך אָנגערופן:

— אוי, שימעלע, דו זעסט אויס בלייך; אַ מכה דער מאַמע פאַר דיר!...

— און פאַר מיר און פאַר מיין דווידקעלען?... — האָט די שנור פאַרצויגן די ליפּעלעך און מיטן פינגער געוואָרנט די שוויגער.

זי איז געוואָרן אויפגערעגט פון פרייד, וואָס די קינדערס באַזוך האָבן איר פאַרשאַפט.

— שמעון, שימעלע! וואָס קוקסטו מיך אָן אַזוי נעבעכדיק? אַזוי שמאָל האַלט איך שוין?... דו קויף בעסער נאָך אַ פּאָר קינדערלעך; די באָבע האָט שוין צוגעגרייט אַ הימעלע, דאָס מזל צוס אונדז אַלעמען!...

— זאָרג ווינציקער פאַר דיינע קינדער מיט די אייניקלעך! — האָט

דער זון אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט. — טרינק בעסער אַלע טאָג די אייזן־קאַפּליעס און אַ גלאָז בלוט פון קאַלבפלייש...

— אַוודאי! נאָר בלוט פעלט מיר צו טרינקען... — האָט רוזשע אַ מאַך־געטאָן אַ קרומע מינע. — איך ווייס אַליין, וואָס מען דאַרף טאָן...

— רעבעקיטאַ! — האָט דער זון אַריינגעשריִען אין דער אָפענער טיר — הער אויף שפּילן און קום אַהער!...

זי איז אַריינגעקומען, אים אַ קוש־געטאָן, געקושט די שוועגערן מיטן קינד און געפרעגט:

— מיין מאַן האָט צו דיר גערעדט, דו זאָלסט קומען?

— דו מוזט עס נייטיק וויסן? — האָט דער ברודער פאַרריסן געענט־פערט. ער האָט געוווּסט, אַז די שוועסטער איז אייפערזיכטיק אויף דער מאַמעס ליבשאַפט צו אים, אַז זי וויל פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער מאַמעס האַרץ און בלייבן די געקעכלטע בת־יחידה.

— גערטריי טעכטערל! — האָט ער איר אַריינגעקוקט אין פּנים — די מאַמע איז נישט געזונט און זי קלאַפּט איר אין קאָפּ, גרימפּלט אויף דער פּיאַנאָ...

— שמעון, שימעלע! איך האָב עס פאַרלאַנגט פון איר... — האָט די באַמע געהאַלטן אויף אים אַ בעטנדיקן בליק. — ווען וועט איר שוין אויפ־הערן צו פירן אייערע נאַרישע מלחמות, קינדערלעך מיינע?...

— איך וועל קומען אָפּהיטן די מאַמאַ! — האָט די שנור געמאַכט אַ רחמנותדיקע מינע און געגלעט דער שוויגערס לויז־געוואָרענע האָר־קוגעלעך.

— די מאַמע איז, חלילה, נישט אַזוי קראַנק... — האָט איר רבקהלע אַ טרעט־געטאָן אויפן שפּיץ פון שוך. — איך וועל איצט קומען אָפטער. די מאַמע האָט ליב, איך זאָל איר עפּעס שפּילן. נישט אַזוי, מאַמאַ?... אַ טאָכ־טער האָט מער פליכטן ווי אַ שנור, און איך בין די איינציקע טאָכטער...

— אַ מכה דער מאַמען פאַר דיר! — האָט רוזשע אָנגעקוואָלן פון נחת.

— און פאַר מיר? — האָט די שנור געמאַכט אַ ברוגזע מינע — און פאַר מיין מאַן מיט דווידקעלען?...

— גיי, טשוועקל, לערן דיך אויס אַ ביסל ייִדיש!...

די שנור האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט און געפרעגט:

— שוויגער, וואָס הערט זיך מיטן שידוך? די גרינע וועט נאָכגעבן?

— חווהטשע איז אַן איינגעשפּאַרט קעלבל. אָבער זי לאָזט זיך רעדן און דאָס איז אַ גוטער סימן... און צום זון: — שימעלע, דו זעסט מיר אויס

אַ ביסעלע טריסטע... וואָסי, טאַטעלע מיינער, דו אַרבעטעסט איבער די כוחות, אַז? ווילסט מאַכן אַמעריקע?...

— מאַמע, פאַר אַרויס אויף עטלעכע וואָכן, עס וועט דיר מאַכן גוט... פאַרוואָס פאָלגסטו מיך נישט?...

— וואָס מיינסטו, שימעלע, איך וועל דאָ לאָזן אויף הפקר מיין בי־טערע האָרעוואַניע... דער טאַטע דיינער האָט דאָך אין זינען בלויז סאָ־סיעדאַדן... קהלכצן...

— גו, גענוג, גענוג! — האָט דער זון אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און ברוגז געשמייכלט. איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט מיר אַזוי ענט־פערן. עס איז ביי דיר אַן אויסגעחזרט לידל... אַרבעטן, נעגאָסיאָ, נעגאָסיאָ...

— ווען איך אַרבעט נישט, שימעלע, וואָלסטו געדאַרפט פאַרנעמען מיין פּלאַץ... — האָט רוזשע געענטפערט און אומרויִק אַרונטערגערוקט די האָר־שפּילקעס.

— פּאַפּיטאָ, — האָט זיך זיין יינגעלע אָנגערופן — קום, איך וויל אויף דער קאַלעסיטאָ. דאָ בין איך אַבורידאָ!...

— גיי אַראָפּ, וועסט דאָרט געפינען דעם טיִאָ — האָט רוזשע געזאָגט — און גיב אַכטונג, ווי דו לויפסט אויף די טרעפּ... און שלאָג זיך מיט קיינעם נישט!...

רבקהלע האָט אויפגעוועקט איר קינד און אים געגעבן די ברוסט.

— ער איז אַ צו רויִק קינד — האָט זיך שימעלע אָפּגערופן.

— איך ווייס נישט, אין וועמען פון אונדזער פאַמיליע ער איז געראָטן!

— אין מיר! — האָט רבקהלע פאַרצויגן די רויטע ליפּעלעך און אַ דריי־טועַנדיק זיך אויף די הויכע קנאַפּעלעך האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ראַנד פון בעט.

די קינדער האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן פוטבאָל, מאַדעס און אויטאָ־מאָבילן. רוזשע האָט זיך געפילט באַליידיקט, ווי תמיד, ווען די קינדער קומען זיך צונויף און רעדן בלויז צווישן זיך, ווי זיי וואָלטן פאַרגעסן, אַז טאַטע־מאַמע האָבן געוואָרט אויסצודערציילן און אַראָפּצורעדן זיך פון די הערצער... זיך דערקוויקן אַביסל מיט דער ליבשאַפט פון קינדער...

זי האָט זיך אָנגערופן:

— רבקהלע, איך וויל דו זאָלסט קויפן פאַרהאַנגען פון ברוינעם שטאָף מיט גרינע קווייטן... ווייל די זון שטייט תמיד אין די פענצטער פון דיין דעפּאַרטאַמענט....

— מאַמע, דו מיש זיך נישט אין מיינע זאַכן! — האָט די טאָכטער

אומגעדולדיק אַ מאַך־געטאָן מיט אַ האַנט — איך ווייס אַליין ווי אַזוי איינצואָרדענען מיין שטוב...

רוזשע האָט געוואָלט געבן צו פילן, אַז איר מאַכט איז אַ פעסטע, אַז געלט דעצידירט, באַפעלט און פאַרנעמט דעם אויבנאָן, האָט זי אַ זאָג־געטאָן:

— וועסט ווערן ווייכער... די מאַמע ווייסט וואָס זי זאָגט...

— איך, מאַמעלע, וועל גיין מיט מיינע חברטעס און אויסקלייבן אַלץ לויט מיין געשמאַק. דו גיב נאָר אַהער דעם טשעק! — האָט זי אויסגע־שטרעקט די האַנט.

— און דו, „שנירל פערל!" — האָט רוזשע ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו דער שנור, זע ווי מען רייסט שטיקער... ווו איז חוהטשע? אַ? אַן איינפאַל פון אַ קינד: הייבט זיך אויף און לאָזט מיך איבער אַליין!...

די טאָכטער האָט אַ קוק־געטאָן צום ברודער און געזאָגט מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל:

— די מאַמאַ איז נערוויאָסאַ...

ער האָט געפּרוווט דער מוטערס פּולס:

— עס איז גאָרנישט, דער בלוט־דרוק האָט זיך אַביסל געהויבן...

***

רוזשע איז געווען פאַרטאָן מיט דער גרינער פלימעניצע; זי האָט צו איר גערעדט ווי אַ מאַמע און ווי אַ קלוגער און דערפאַרענער מענטש:

— סיאָמע איז אַ סעריע יינגל און נישט קיין היזיקער טשוואַק. די היזיקע האָבן אַ סך דעות... אַ וואָרט איז ביי זיי אַ גאָרנישט מיט אַ נישט... בעסער איז צו זיין דער יחוס, איידער, חלילה, יענער זאָל שטיין העכער פון דיר, און דו זאָלסט דאַרפן צו אים אַרויפקוקן... דו שלעפּסט זיך מיט אים אַרום איבער די גאַסן, און מענטשן האָבן לאַנגע צינגער...

זי האָט אויך איינגעטענהט מיט סיאָמען, ער זאָל אָנהייבן שרייבן אָפּטע בריוו צו דער גרינערס משפחה און שיקן צו ביסלעך געלט... ער האָט אַזוי געטאָן און האָט באַקומען פון דאָרט וואַרעמע ענטפערס און מיט אָנ־דייטונגען פון צופרידנקייט צו האָבן אים פאַר אַן איידעם...

ער האָט אויך געקויפט חוהלען אַ גאָלדן זייגערל, אַ בראַסלעט און אַ פינגערל. ער האָט זי געפירט אין די קינאָס, טעאַטערן, אין פאַלערמאָ און אין כינעזישן פאַרק.

רוזשע האָט אים טויזנט מאָל פאַרזיכערט, אַז חוהלע האָט אַ גוט האַרץ. מען דאַרף אָבער וויסן, ווי אַזוי אַריינצוקריכן אין דעם...

האָט סיאָמע אָנגעהויבן צו דערציילן חוהלען וועגן זיינע בענקענישן נאָך איר, וועגן זיינע שלאָפלאָזע נעכט און — וועגן שלעכטע געדאַנקען...

די גרינע האָט, ענדלעך, אָנגעהויבן טראַכטן, אַז סיאָמע איז ווי אַן אייגענער ברודער, זי איז גרייט צו טאָן פאַר זיינעטוועגן מי יודע וואָס. האָט עס דאָך נישט קיין זין אים צו פאַרשאַפן אומזיסטע צרות. זי האָט זיך אָנגעהויבן פילן גאָר וואַזשנע, וואָס אַלע אין שטוב האָבן גערעדט צו איר ווי צו אַ דערוואַקסענער, צו אַ מענטשן, וואָס איז בכוח גליקלעך אָדער אומגליקלעך צו מאַכן... זי האָט אים געוואָלט זען אַ גליקלעכן.

***

קיין גרויסן יום־טוב האָט רוזשע נישט געפּראַוועט. זי האָט נאָר אָפּ־געבאַקן לעקעכער מיט שטרודל און פאַרבעטן די קינדער און אייניקע־לאַנדסלייט. אין שטוב איז געוואָרן אַ גערודער. שכנים זענען געקומען אָפּגעבן מזל־טוב. רוזשע האָט געטיילט ווישניק מיט צובייסן און זיך גע־פילט ווי אַן אמתע מחותנתטע.

ווען עס איז אָבער אַריבער דער ערשטער רעש, איז אַרום איר ווידער געוואָרן שטיל ווי אין אַ קברים־שטיבל. זי האָט ווידער דערפילט אַלע ווייטיקן אין די געלענקען און איבערן גאַנצן לייב. דערפילט, אַז דער ליט־וואַק נעמט ביי איר אַוועק חוהלען. איז רוזשע געוואָרן פאַרביסן. זי איז ווידער גאַנצע טעג געווען אין קלייט, געקויפט, פאַרקויפט, געגעבן באַפעלן, געזאָגט דעות און מיט ביטערניש זיך צוגעקוקט ווי סיאָמע איז געוואָרן דער גאַנצער אויבערהאַר איבער דער גרינער פּלימעניצע. זיינע שאַרפע בליקן האָבן זיך געשניטן דורך די רויטלעכע וויִעס און געהיט חוהלעס טריט, געהיט, אַז די מומע זאָל זיך ווינציקער שאַפן מיט איר...

רוזשע האָט וועגן דעם נישט איבערגערעדט קיין וואָרט מיט קיינעם פון די שטוביקע. נאָר איצט, אין טאָג פון רו, אין טאָג פון נאַציאָנאַלן יום־טוב, איז זי געבליבן אַליין. אין שלאָפצימער איז געווען שטיל ווי אין אַ מוזיי. דער ברייטער טונקל־רויטער פאָרהאַנג איבערן הויכן פענצטער איז געווען צערוקט און די ווינטערדיקע זון האָט זיך ווי רויטע און געלע פלעדערמייז געשפּילט אויף די שויבן און געוואָרפן אַ מילדע שיין אויף איר איינגעשרומפּן פּנימל און אויף די אַראָפּגעלאָזטע אויגן־דעקלעך ווי דורכזיכטיקע שערבלעך. רוזשע איז האַלב־געלעגן און האַלב־געזעסן אין

בעט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הויכע ווייסע קישנס, זי איז געווען צוגעדעקט מיט אַ שווערער קאָלדרע פון פּוך. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גוף איז אינגאַנצן אָפּגעטיילט פון דעם קליינעם קעפּל, וואָס איז פול מיט טראַכטענישן, מיט פּלענער:

— יאָ, עס איז ערב אַ חתונה, און דער מאַן אירער גייט אַרום צווישן די פּאַיסאַנעס... די גרינע פרײדע איז אים ווי אַ ביין אין האַלדז... וואָס לויפט ער אַזוי פיל צו איר, אַ? אַ געזונטע בעסאַראַבישע קו, און זי וועט אין אים אָנגעצונדן דאָס טריפהנע בלוט!... חוהלע איז אַ נאַרישע קאָזע, זי נעמט אים צו ערנסט, דעם ליטוואַק, און ער איז אומדאַנקבאַר. די מומע האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, פאַר אַ מאַנספּאַרשוין, און ער האָט פאַריסן דעם קאָפּ...

זי האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, און שטייענדיק אויף די קני, אַרויסגעקוקט אין גאַס. די דרויסנדיקע ליכטיקייט האָט פאַרבלענדט אירע אויגן. אויפן קופּאָל פון קאַרוסעל האָט געפלאַטערט אַן אַרגענטינער פאַן און אויף דער קײלעכדיקער פאַרצוימונג — קליינע פענדעלעך, וואָס האָבן זיך געוואַשן אינעם ווינטל, זיך באַוועגט ווי פליגל פון קאַטשקעס איבער די זילבערנע ים־כוואַליעס. די מוזיק האָט געשפּילט. קינדער אויף דער קאַרוסעל האָבן געזונגען. ווייבער אין ווייסע פאַרטוכער האָבן פאַרקויפט נאַשוואַרג און שפּילערייען, געפאַרבטע באַלעמס, מאַלפּעלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף שטריקלעך, אַרויף און אַראָפּ, געשניצטע פערדעלעך און קליינע פענדלעך.

רוזשעס אויגן האָבן געשניטערט צווישן די קינדער אויפן קאַרוסעל. אָבער אָנשטאָט איר איניקל, וועמען זי האָט געהאָפט צו טרעפן, האָט זי דערזען סיאָמען מיט חוהלען. זיי זענען געזעסן אין אַ שיפעלע און האָבן זיך געהאַלטן אַרומגענומענע פאַר די טאַליעס. חוהלע האָט עפּעס געגעסן און סיאָמע האָט איר געקוקט אין די אויגן און געלאַכט, זיך געפרייט. עס האָט איר אַ זעץ־געטאָן אין האַרצן:

— וואָסי, חוץ אים, האָט שוין חוהלע מער קיינעם נישט?... אַ דאַנק דער מומע האָט זי אויפגעהערט ווײנען איבערן קעסטל מיט די ווערימדיקע שמאַטעס, וואָס די מאַמע האָט איר מיטגעגעבן. די מומע האָט איר געהייסן שפּילן אויף רבקהלעס פּאַרטעפּיאַן, כדי זי זאָל פאַרגעסן אין דער נאַגעניש און מאַטערניש, וואָס האָט איר פאַראומערט דאָס לעבן. און איצט לעבט עס אַ גוטן טאָג!... הוליעט און די מומע איז, נעבעך, אַזוי פאַרביי...

רוזשע האָט צעפּראַלט דאָס פענצטער און אַראָפּגעשריען:

— חוהטשע! חוהטשע!...

רוזשע האָט גיך פֿאַרהאַקט דאָס פֿענצטער, זיך צוריק אויסגעצויגן אונטער דער קאָלדרע. די מוזיק האָט זיך אָפּגעשטעלט און באַלד איז די גרינע געקומען צו לויפֿן.

זי האָט נישט אויפֿגעהויבן די פֿאַרשעמטע אויגן, נאָר צופֿנדיק די לאַנגע פֿראַנדזן פֿון דער שוואַרצער וואָלענער פֿאַטשיילע איבער די אַקסלען, האָט זי גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— מומע רוזשע, איר זענט בייז אויף מיר?... אוי, איך האָב גאָר פֿאַרגעסן אַז דער פֿעטער איז נישט אין דער היים.

— ווי שעמסטו זיך נישט צו רייטן דאָרט, אײנײנעם מיט די ברעקלעך קינדער? — האָט רוזשע בייסיק געשמייכלט — דו נאַר!...

— מומע, עס איז דאָך ווי אין אַ שליטעלע... עס האָט מיך דערמאָנט אָן מיין דאָרף!... אוי ווי' מיר!...

— דער ליטוואַק וועט דיך איבערפֿירן!... אַ מיידל אין דיינע יאָרן דאַרף זיין אַביסל ערנסטער... ס'איז ערב דיין חתונה! — איז רוזשע געוואָרן ווייכער — און דו ווילסט נישט פֿאַרשטיין... אַרבעט איז דאָ איבערן קאָפּ און דו פֿאַרלאָזט זיך מיט אַלץ אויף דער מומען...

חוהלע האָט אַריינגענומען אין די הענט דער מומעס קעפּל, אַ קוש־געטאָן אין סאַמע מיטן פֿון שרונט און פֿאַרשולדיקט אַריינגערעדט אין אירע אויגן:

— די מומע רוזשע איז תמיד גערעכט!... איך ווייס, איר האָט פֿיינט צו בלייבן אַליין. איך ווייס!... איך בין אַ ווילדע, אַ נאַרישע... וואָס־זשע זאָל איך טאָן?...

— איך בין נישט אַליין! — האָט די מומע אַרויסגעכאַפּט דעם קאָפּ פֿון חוהלעס הענט, און זי אָפּגעגאָסן מיט אַ שטאָלצן בליק. — איך האָב אַ מאַן מיט טייערע, געטרייע קינדערלעך. אַ מכה דער מאַמען פֿאַר זיי!...

— נו, שוין, שוין!... ערגערט אייך נישט, איר דאַרפֿט דאָך זיין אַ שיינע מחותנתטע.

— שיין־שמיין! ווען דאַרף איך געפֿעלן, אַ?... — האָט איר די מומע איבערגעשלאָגן — איך האָב פֿיינט צופֿיל געטרייקייט...

חוהלע האָט זי אָנגעקוקט און געשוויגן. זי האָט איר געוואָלט זאָגן שיינע ווערטער, מאַכן אַ קאָמפּלימענט, אָבער זי האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי אָנצוהייבן.

— אים, אים! די מומע וואָלט אַוודאי באַדאַרפֿט טון עפּעס צו געפֿעלן

דעם פעטער עליע... זי איז ווי אַ זשאַנדאַר... תמיד שפּיציק, תמיד פול מיט טענות... אַ מענטש מוז דאָך באַגערן צו געפעלן עמיצן...

רוזשע איז אַראָפּ פון בעט, אַריינגעשטעקט די באָרוועסע פיסלעך אין וואַרימע שטעקשיך, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ גראָבן ברוינעם כאַלאַט מיט אויסנייעכצער אויף דעם ברייטן קאָלנער, פאַרצויגן אַרום זיך דעם גאַרטל און איז צוגעגאַנגען צום לאַנגן טיש אין ווינקל. אויפן טיש זענען געלעגן די צונויפגעלייגטע פּעקלעך מיט חוהלעס צוגעשניטענע מלבושים. רוזשע האָט אָנגערוקט די ברילן אויף דער נאָז:

— וואָס שטייסטו ווי אַ נעבכטיקע, אַ?... — האָט זי אַ רוף־געטאָן חוהלען. — קום אַהער!

זי האָט אַרויסגעצויגן אַ נייעם סענטימעטער פון טישקעסטל און אויך אַ העפט מיט פאַרשריבענע מאָסן. חוהלע האָט זיך אויסגעטאָן און אָנגעמאָסטן אויף זיך איין מלבוש נאָכן אַנדערן. די מומע האָט געצייכנט מיט אַ רויטן קרייד, געשטעקט שפּילקעלעך אַרום די נעט, אויסגעשווירן שטיקער פאַכווע, איינגעבויגן ברעגעס, אַרויסגעשלעפּט פּרי׳ערדיקע פאַסטריגעס און געמאַכט נייע:

— אויף דיר דאַרף אַלץ אַראָפּשייבען!...

זי האָט חוהלען אַרומגעדרייט עטלעכע מאָל, ווי מען דרייט אַרום אַ מאַנעקין, געשטעלט פונוויטנס און דורך פאַרצויגענע אויגן־דעקלעך גע־קוקט, געשנאָפּט און געמאָסטן יעדעס פאַלדל, יעדע אָפּצייכענונג. אירע בליקן זענען צוגעזאָגטן געוואָרן צום יונגן געטאָקטן בוזים און צו איר היוכן, ווייסן געטאָקטן האַלדז און באַקן.

— אַ שיינקייט!... אין וועמען איז עס גערעטן, אַ? הלוואי אויף רבקהלען געזאָגט געוואָרן!... יענע איז, נעבעך, הויט און ביין!...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער אַלטער זינגער־מאַשין, וועלכע זי האָט שוין יאָרן־לאַנג נישט גענוצט, זי האָט אויסגעשטעפּט אַ שטיקעלע גראָבן שטאָף, כדי אויסצוריייניקן די ציין פון מאַשין־קאַסטן און אָנגעהויבן אַרבעטן. די שטעפּלעך זענען געוועזן קליינע און גלייכע. רוזשע האָט אונ־טערגעברומט אַ ניגונדל, פאַרגעסן, אַז די קעלט לויפט אַרום אין אירע ביינער; רוזשע האָט געטראַכט וועגן אירע קינדער:

— הלוואי קומען זיי איצט, די צוויי באַרישע געענדז, די ליידיק־גייער־קעס. זאָלן זיי זען, אַז זי לעבט אויס איר מאַמישע פרייד... ווען דאָס אייגן בלוט־און־פליייש פאַרטרייבט דיך, מוז מען דאָך ביי עמיצן אַנדערש זוכן אַ תיקון...

— טו נישט אויס דאָס קליידן! איך וויל דיין חתן זאָל דיך אָנקוקן... ער איז דיך דען ווערט?... — האָט זי זיך געווענדט צו דער גרינער.

חוהלע האָט אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אין פאָרענטש פון בעט, גע־קוקט, געשמייכלט און נישט באַנומען די גרויסע ענדערונג צום גוטן, וואָס איז לעצטנס פאָרגעקומען אין דער מומען...

***

צוליב דער גרינערס חתונה איז רוזשע מיט איר מאַן טאַקע געוואָרן השובער ביי זיך אין די אייגענע אויגן. זיי זענען אַליין געפאָרן אין סאַמע צענטער שטאָט איינקויפן דעם חתונה־אויסשטייער פאַר חוהלען און אויך פאַר סיאָמען. חתן־כלה האָבן גאָרנישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן. רוזשע איז געווען אַ מבינטע און זי האָט נישט איבערגעצאָלט. זי האָט אויך געהאַט אַ גוטן געשמאַק ביים אויסקלייבן קאָלירן.

די מומע האָט אַריינגענומען אין שטוב אַן ערשטקלאַסיקע שניידערין. איר טאָכטער מיט דער שנור זענען אַלע טאָג געקומען, געהאָלפן זוכן מאָ־דעלן אין די זשורנאַלן און געשטאַנען ביים צושניידן און אָנמעסטן.

רוזשע האָט געהיט דעם מאַן. זי האָט זיך געשראָקן פאַר זיין צו־אָפּע־נער האַנט... עס זענען געקומען סאַרווערס, קעלנערס, מוזיקער, חזנים, קצבים, בעקערס און זינגערס. זי איז געזעסן אין דער אַלטער וויגשטול, הינטערן טאָמבאַנק, געווען אָנגעפּעלצט און מיט אַ שאַל אויף די פּלייצעס, געוואָרימט די בלוילעכע הענט איבערן אייוועלע פייער מיטן טשייניק וואַסער אויף אַ מאַטע.

עליאַס האָט געטיילט גלעזעלעך וויִשניק מיט גרויסע שטיקער לעקעך, און רוזשע האָט זיך צוגעהערט צום דינגעניש, לויבעניש און צו די אַלע ווינטשעוואַניעס פון די אָנבאָטער.

— וואָס שווייגט די מחותנתטע רוזשע?

— די מחותנתטע האָט אַ גוטן געשמאַק...

— נישקשה, מענטשן ווייסן עס!...

— אַלץ וועט געטון ווערן לויט דער מחותנתטעס איינזען... זאָל זיין מיט הצלחה, מיט גליק!...

— איר זאָלט דערלעבן ביי די אייניקלעך נישט ערגער!...

רוזשע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך געשטרעקט אין דער שטול, געטרונקען מיט זיי לחיים און געשוויגן.

האָט מען זיך ווידער אַ נעם־געטאָן צו עליאַסן:

— וואָס שווייגט דער מחותן?...

— רב עליאָס האָט, קיין בייז אויג, אַ ברייטע האַנט, אַ ברייט האַרץ...

— אין זכות פון חתונה־מאַכן אָרימע קינדער וועט אייך דער אויבערשטער ממלא זיין. איר וועט האָבן אַ גוטע עלטער...

עליאָס האָט אָנגערוקט די אַכט־קאַנטיקע יאַרמעלקע. אַ ברייטער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיין גרויס מויל און זיינע ווייכע בליקן זענען צוגעפאַלן צום ווייב.

אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט יעדן טאָג. צום סוף, ווען די אָנבאָטער זענען געוואָרן ווינציקער, האָט רוזשע באַשטימט, אַז די חתונה וועט זערן געפּראַוועט ביי איר אין גרויסן הינטערהויף, די סעודה — אין קלייט; זי אַליין וויל זיין ביים צוגרייטן, ביים קאָכן...

עליאָס האָט אויסגענומען מיט די סאַרוועדס, אַז ער אַליין מוז קויפן און צוגרייטן די געהאַקטע פיש, און פריידע, זיין גרינגע קרובה, זאָל באַקן דעם געפּרעסטן פלאָדן מיט האָניק־לעקעכער, זי זאָל צופּראַווען די עסנס...

רוזשע האָט איבערגעלאָזט פאַרן מאַן איינצוקויפן געטראַנקען, און אַליין איז זי ווי אַ וויכער אַרין אין שטוב. אירע פלינקע בליקן האָבן גלייך באַמערקט, וואָס די קינדער האָבן דאָרט געענדערט. זי האָט אויך אָנגעהויבן איבערקוקן, און געהייסן דער כלה אָנמעסטן די האַלב־פאַרטיקע מלבושים, געצייכנט, געשוירן, אַרומגעשטעקט שפּילקעלעך און געבורטשעט:

— די שניידערן איז מיר אַ קנאַפּע אויפטוערן!...

— רבקהלע, דו האָסט מיר שלעכט נאַרייעט... מען דאַרף איר איבערהאַקן די פינגער!...

די שניידערין מאַטילדע, די טונקל־הויטיקע אַרגענטינערין, מיט קויל־שוואַרצע צעפּ און נאָך שוואַרצערע ברייטע צונויפגעוואַקסענע ברעמען, איז געוואָרן רויט און באַלד געל פון אויפרעגונג. אירע בליקן פון די קויל־שוואַרצע אויגן זענען געוואָרן שפּיציק און די שמאָלע ליפּן, די געטאָקטע נאָז — אָנגעשטויסן, ווי צום שיסן...

— מאַמע, וואָס טוט זיך מיט דיר?... — האָט רבקהלע נישט אויסגעהאַלטן, און געזאָגט אין שפּאַניש, כדי די שניידערין זאָל זיך פילן ווינציקער געטראָפן. — מאַטילדע איז אַן ערשטקלאַסיקע פּראָפעסאָראַ...

— איך וועל עס נישט אויסהאַלטן! — האָט רוזשע גערעדט צו זיך אַליין און געטופּעט מיט אַ פיסל. — חוהטשע וועט אויסזען ווי אַן אוקראַינישע שיקסע...

זי האָט אָנגעהויבן אָפּצופּן דאָס אויסנייעכץ אַרום שוואַרצן רעקל מיט

גרינע בלעטער, וועלכעס חוהלע האָט אָנגעמאָסטן אויף זיך. די מומע האָט געצאַרנט:

— אויף אַ צוויט־ביימל הענגען זיי אָן פּאַפּירעלעך!... טפו, ווו איז דער געשמאַק?...

די שנור מיט דער טאָכטער האָבן אַ קוק געטאָן צו דער באַליידיקטער שניידערין און אויף שטום־לשון געבעטן אַנטשולדיקונג. חוהלע, אין רעקל אָן אַרבל, האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זי האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

— די סעניאָראַ האָט נישט קיין רעכט זיך צו מישן אין מיין אַרבעט!...

— האָט די שניידערין בייזלעך געבורטשעט און געוואָרן ווייס ווי צום חלשן.

— אַזוי?... — האָט איר רוזשע אָפּגעגאָסן מיט אַ מאַגענדיקן בליק.

— האָסט מיר דאָ אַריינגעלייגט אין שותפות, אַ?... עס איז דיר אָנגעקומען גרינג, אַ?...

— אָבער, מאַמע! — האָט רבקהלע זיך אַריינגעמישט. — נישט אַזוי באַגייט מען זיך מיט אַ מענטשן!... דו פאַרשעמסט מיך!...

— שוויג, דו אויסבראַנגערן — האָט רוזשע איר בייסיק געענטפערט.

— איך מיטן פּאַפּאַ האָבן געקויפט לויט אונדזער געשמאַק... חוהטשען געפעלט עס אויך, און זי וועט שיינען ווי אסתר המלכה... און שונאים וועלן צעזעצט ווערן!

— גוט, אויב אַזוי, האַלט זיך מיט דער גרינער!... — האָט רבקהלע אַ כאַפּ־געטאָן פון הענגער איר מאַנטל, דעם הוט מיטן בייטל און איז אָן אַ זייט־געזונט אַרויסגעלאָפן.

רוזשע האָט איר נאָכגעשריען:

— ווען דו, רבקהלע, ווייסט דעם טעם פון פאַרדינען אַ פּעזע, וואָלסטו ווייניקער געטשאַסטעט! גראָבער פליגל וואָס דו ביסט!...

די שנור מיט דער שניידערין האָבן גענומען זייערע מאַנטלען און די האַנטבייטלען און זענען אַרויס ברוגזע.

צומאָרגנס האָט זי מיט סיאָמען צוגעשיקט דער שניידערין פאַר די אַרבעטס־טעג און געבעטן, זי זאָל נישט זיין ברוגז...

זי אַליין האָט געוואַרט אויף אַ פּאַסיקן טאָג, ווען זי וועט זיך קענען נעמען אַרויסענדיקן דער כלהס קליידער. עס זענען אַוועק עטלעכע טעג, און דער זון און איידעם האָבן זיך אָנגענומען די קריוודע פון זייערע ווייבלעך און זיך נישט געוויזן אַפילו אַ קוק צו טאָן, וואָס זי מאַכט. רוזשע איז געוואָרן אומרויק. זי האָט נישט געגעסן און איז ווינציק געשלאָפן. עליאָס

איז געוואָרן שטום. זי האָט געפילט, אַז דער כעס ביי אים וועט אויסברעכן, ער וועט זיך צעקריגן מיט די קינדער און זיי אינגאַנצן פאַרטרייבן... רוזשע איז געוואָרן מער באַרעדעוודיק. אין די קאַלטע, פינצטערע נעכט האָט זי געהאַלטן לעבן זיך די גרינע.

חוהלע האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויף דער מומעס אָרעם, געקוקט אין דער פינצטערניש און נישט גערעדט קיין וואָרט. די מומע האָט שטיל, כמעט אויפן אויער, געשעפּטשעט און דערציילט וואָס פאַר אַ גאָלדן האַרץ איר שימעלע האָט... נאָר דאָס ווייבל זיינס האָט אים אינגאַנצן אַריבערגע־צויגן אויף איר זייט... ווען זי איז געוואָרן זיין כלה האָט ער זיך זעלטן אָנגעהויבן ווייזן אין טאַטע־מאַמעס הויז... אַפילו לערנען פלעגט ער ביי כּאַריאַן אין אַן אויבערשט צימערל.

פון אָנהייב האָט עס דער מאַמען אַזוי וויי־געטון. עס איז שוין דאָ אַן אויג, וואָס היט אים, גרייט צו די דאָקטערישע כאַלאַטן, קויפט אים אין ביכער און פּראַוועט אים צו גוטע עסנס. ווען זי מיט עליאָסן האָבן זיך געגעבן רעכענונג איז שוין געווען צו־שפּעט, זייערע טענות זענען איר געקראָכן אין דער לינקער פּיאה... די מויד מיט אירע טאַטע־מאַמע האָבן אַליין באַשטימט דעם זמן־חתונה, אַליין געדונגען דעם רייכסטן סאַלאָן אין סאַמע צענטער פון שטאָט, געקויפט פון דעם שענסטן און בעסטן און אַליין באַשטימט צו מאַכן צוויי „פּיעסטאַס”: איינע פאַר דער אינטעליגענץ, און איינע פאַר טאַטע־מאַמעס מענטשן... עליאָס האָט זיך געבונטעוועט ביים שרייבן די טשעקן... ער האָט אַפילו נישט געוואָלט זיין אויף דער חתונה...

— דיין זון — האָט ער געשריגן — איז אַ גראָבער פּליגל! איך וויל אים נישט קענען, רוזשקע!...

זי האָט אָבער נישט נאָכגעגעבן, זי האָט זיך אויסגעריסן דאָס פלייש פון די באַקן, געבעטן מיט גוטן און געפּאָדערט מיט בייזן:

— עלי, עליאָס, טו עס נישט!... דערפריי נישט אונדזערע שונאים... מיט מאָדערנע קינדער באַדאַרף מען וויסן ווי אַזוי אומצוגיין...

און עליאָס האָט נאָכגעגעבן. ער האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרצן פראַק מיט אַ צילינדער און מיט אַ האַרטן קאָלנער ווי פון בייז. חדשים־לאַנג נאָך דעם האָט ער זי געיאָדעט און זיך געשווירן, אַז צו רבקהלעס חתונה וועט ער גיין אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן אַנצוג און מיט דער יאַר־מעלקע...

און רבקהלע האָט זיך אויך נישט אויפגעפירט ווי אַ קינד מיט אַ קלוג האַרץ... זי האָט זיך סקאָמפּאַניעוועט מיט מיידלעך פון רייכע היימען,

זיי זענען געוואָרן אירע עצה־געבערס, זי געפירט אין „גאַט־אי־טשאַוועס“, פון דאָרט האָט מען אַלע מאָל געבראַכט פּודלעס מיט האָב־און־גוטס...

דער פעטער עליע איז געווען באַליידיקט. ער האָט זיך טאָג און נאַכט געקריגט מיט איר און נישט געוואָלט מער שרייבן קיין טשעקן. אָבער זי, רוזשע, האָט זיך אויסגעקניפּן די באַקן און געוואָרנט:

— עליאָס, איך וועל עס נישט אויסהאַלטן!... רייס נישט איין מיטן קינד. זי איז אַן עקשן און דו וועסט ביי איר גאָרנישט אויספּועלן...

— געראָטן אין דער מאַמען! — ש... מאַט נעבאַך!... — האָט עליאָס געקלאַפּט אין טיש. פּוסטע כלים!...

ניט אין געלט איז עס, ווייזט אויס, געגאַנגען, דעם מאַן אירן, נאָר אין מענטשלעכקייט... אין האָנאָר... ער איז אַ מענטש מיט געפיל...

רבקהלע האָט עס נישט פאַרשטאַנען. זי האָט געוויינט און געטענהט:

— די גרינע זענען מיסעראַבלעס... זיי קענען נישט לעבן ווי מענטשן... זיי מיינען, אַז מען וועט מיטגעבן דאָס געלט... נאָר מען ליגט צווישן מיסט... עס איז איר אַ בושה פאַר די חברטעס!...

דער טאַטע האָט איר דאַן דערלאַנגט אַ פּאַטש איבער דער מאָרדע... איז רבקהלע אויף עטלעכע טעג אַנטלאָפן צום ברודער, און די מאַמע איז דאָ אַרומגעגאַנגען אַ פאַרשעמטע, ווייל די שכנים האָבן וועגן אַלץ געוווסט... אַ סברא, אַז סיאָמע אַליין האָט זיך דערלעבט אַ נקמה און ער האָט דאָס געשעענע צעבלאָזן ווי מיטן ווינט...

אַ טאָכטער איז דאָך אָבער פאָרט נענטער צום אייגענעם האַרצן: זי האָט נאָכגעגעבן נישט צו מאַכן קיין צוויי פּיעסטאָס... אָבער דער פאָטער האָט זיך ווידער געמוזט אויסשטראָנצלען אין ענגן שוואַרצן פראַק מיטן צילינדער, און שכנים, פּשוטע יידן פון דעם זעלבן פאַך, האָבן זיך געשושקעט, געחוזקט; און זי, רוזשע, האָט זיך וואָכן־לאַנג געשעמט צו קוקן אין דעם מאַנס טרויעריקע אויגן...

***

די מומע האָט איצט געוואַרט אויף די קינדערלעך. פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן אַ געזאַנג, צוזאַמען מיט דער מוזיק פון נאַציאָנאַלן הימן. חוהלע האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום, צעפּראַלט דאָס פענצטער און איז אַרויס אויפן באַלקאָן. זי האָט זיך באַהאַלטן צווישן די צווייגן.

די ווינטערדיקע זון האָט זיך ווי אַ גרויסער רויטער פויגל געוויגט

צווישן די פּראַסטיק־טרוקענע צווייגן און ווי פּעכערס פון געלע און ראָזע פּעדערן געפאַלן אויף חוהלעס אַנטבלויזטן האַלדז־און־נאַקן און אויף איר צעשמייכלטן פּנים. אונטן, אויף די ראָגן האָבן טונקל־הויטיקע דינסט־מיידלעך געהיט קליינע קינדער אין פיר־רעדערדיקע וועגעלעך מיט אויפ־געשטעלטע קאַפּושאָנעס פון שוואַרצער צעראַטע. יונגעלייטלעך האָבן זיי נאָכגערעדט. כאַאַקין, דער וועכטער פון דער שול, ווו חוהלע האָט געלערענט, איז געווען איינגעהילט אין אַ שאַל פון ברוינער וואָל מיט שוואַרצע ברעגעס, זיין גרויס ביינערדיק פּנים מיט די לעכלעך, בראָדעווקעס און קנייטשן האָט אַרויסגעשיינט פון אונטערן ברייט־ראַנדיקן אַלטן קאַפּעליוש פון געלן שטרוי מיט אַ רימענדל אַרום הויכן אָדערדיקן האַלדז. ער האָט פאַר־פלאָכטן די אָדערדיקע הענט, ווי צוויי טרוקענע טשערעפּעס און האָט צו איר אַרויפגעשריען:

— עס ווערט ליכטיק אין גאַס און פריילעך אויפן האַרצן, ווען די זון זעצט זיך אָפּ אויפן באַלקאָן!... פרידן צו דיר, מיין ריין מלאכל!...

זי האָט זיך אַריבערגעבויגן און געשריִען, פאָכענדיק מיט די הענט:

— דאָן כאַאַקין! ווי ווונדערלעך עס איז היינט! זייט באַגריסט לכבוד דעם פּאַטערלאַנדישן יום־טובֿ!... זאָלן לעבן די ארגענטינער פּאַטריציער! הוראַ!...

קינדער אַרום קאַרוסעל און דערוואַקסענע האָבן אויפגעהויבן זייערע בליקן, זיי האָבן געזען ווי דער ווינט האָט צענומען די אָפענע פּאַסקעס פון קלייד, געשוויבערט דעם זוים פון איר ראָזעווען אונטערקליידל און געוואַשן אירע הויכע גלייכע פיס ווי אויסגעשניטענע פון ווייסן גראַניט. עס איז געוואָרן אַ שושקעריי, עמעצער האָט אַ לאַך־געטאָן. חברה האָט אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענטלעך און וואַרפן צו איר וואַרעמע וויסטאַש־קעס. חוהלע האָט זיי געשיקט אונטערגעכאַפּט און געוואָרפן צוריק. דאָ האָט זי איינעם אַ קלאַפּ געטאָן אין אַן אויג, אַ צווייטן — אין נעזל און דאָ איז די פּיסטאַשקע גאָר אַריינגעפאַלן אין אַן אָפענעם מויל אַריין.

עס איז געוואָרן אַ געלעכטער. דער אַלטער כאַאַקין האָט מיט די בליקן צונויפגערופן בחורים פון די ראָגן. זיי האָבן געפּאַטשט מיט די הענט, געטופּעט מיט די פיס, זיך געוויגט אַנטקעגן באַלקאָן, שרייענדיק:

— „גרינע גאַלאַנדרינע!"...

ווייבער און מיידלעך אויף די שכנישע באַלקאָנען האָבן זיך צע־שמייכלט, זיך געשטורכעט אין די זייטן און געמורמלט:

— אַ לייכטזיניקע, די גרינע מויד... אַלע מענער לויפן איר נאָך!...

— זי קלייבט נישט איבער!...
— זי טוט זיי אָפּ אַ כישוף...
— דער אַלטער כאַאַקין זיצט אָפּ שעהן און וואַרט, זי זאָל אַרויסקומען...
— אַלע גרינגע פרויען זענען אויסגעלאָסן... זיי גייען אַליין אין גאַס...
— גייען אין קאָפּע!... איי־איי־איי! אַ זינד!... אַ שאַנדע!...

דערוויל האָט דער ברייטער טויער פון דער שול זיך צעפּראַלט, און מחנות קינדער אין ווייסע פּאַרטעכער מיט ווייס־בלויע פענדלעך אין די הענט זענען אין גלייכע רייע אַרויסגעקומען, זינגענדיק דעם נאַציאָנאַלן הימן:

„הערט, איר שטערבלעכע, דעם הייליקן רוף:
פרייהייט, פרייהייט, פרייהייט!"...

חוהלע האָט אַראָפּגענומען די פאַן, וואָס האָט געפלאַטערט איבערן באַלקאָן און האָט מיט איר געפּאַכעט אַהין און צוריק, און זי האָט מיט־געזונגען מיטן קליינוואַרג און מיט די לערער, וואָס זענען געגאַנגען ביי די זייטן.

— חוהטשע, חוהטשע! — האָט סיאָמע ארויפגעשריען — זע ווי די שכנים קוקן און לאַכן...

זי האָט אים אַפילו נישט באַמערקט און נישט דערהערט זיין שרייען. אַ מיטגעריסענע פון דער יום־טובדיקייט איז זי אַריין אין צימער האָט אַ כאַפּ־געטאָן אַ קלאַש מיט רויטע קלאַוועלן, וואָס איז געשטאַנען אויפן נאַכט־טישעלע און צוריק אַרויסגעקומען אויפן באַלקאָן און גענומען וואַרפן די בלומען איינציקווייז אויף די שילער.

אַ שלאַנקער, טונקל־הויטיקער לערער אין אַ ווייסן שול־פאַרטוך האָט איר געשיקט אַ לופט־קוש. זי האָט אים צוריק געענטפערט.

די קאַרוסעל האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דרייען. חברה אויף די פערד־לעך, שיפעלעך און בענקעלעך האָבן געזונגען דעם נאַציאָנאַלן הימן און חוהלע האָט מיטגעזונגען. אירע בליקן האָבן געשפּאָלטן די בלויקייט און זיך געריסן ווייט־ווייט...

סיאָמע איז צו איר אַרויפגעלאָפן, זי אַ כאַפּ־געטאָן פאַרן אַקסל און אַריינגעצויגן אינעווייניק.

חוהלע האָט זיך בייז אַרויסגעריסן פון זיין האַנט און אַ באַגאָסענע מיט אַ צונטער־רויטקייט געקוקט דאָ אויף דער קראַנקער און דאָ אויף דעם דורכלויכטיק בלייכן חתן...

— טו אַ קוק אין שפּיגל און זע ווי דו זעסט אויס, גרינע חיה!... — האָט ער זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ מאָנענדיקן בליק.

— אוי, מומע רוזשע, וואָס האָב איך דען אַזוינס געטאָן?! עס איז דאָך אַזוי שיין צו זינגען: „פרייהייט, פרייהייט, פרייהייט"!... — האָט זי צע־פירט מיט די הענט ווי אַ פויגל צעפירט זיינע פליגל און פּרוווט זיך אויפהייבן צו די בלויע וואָלקנס...

די מומע האָט זיך אָנגערופן:

— גיי, חוועטשע, טו אויס דאָס קלייד און מאַך מיר אַ הייסע מאַטע...

סיאָמע האָט געשריגן:

— שיקט איר נישט אַוועק פון מיר! זי מוז וויסן, אַז דאָ איז נישט איר דערפּל, אַז זי שפּילט זיך נישט מיט איר ציג, מיט דער קו!... וואָס פאַראַ גדולה איז אויף איר?...

חוועלע איז געוואָרן רויט און אומפאַרשטענדלעך געהויבן מיט די אַקסלען. — „פרייהייט, פרייהייט, פרייהייט!" — זענען אירע אויגן געוואָרן גאָלדיק צעשוימט, אָנפילנדיק זיך מיט טרערן. און וואָס האָט ער צו איר גילדן דערפעלע, צום ציגעלע מיט דער קו?... וואָס פאַראַ שלעכטס האָבן זיי אים געטאָן, האַ?... — איך וויל צוריק אַהיים!...

— קאַרלאָס מדינה ליגט איר אין זינען, — האָט דער חתן אַ לאַך־געטאָן — אָדער דעם טאַטנס דלות... דעם חתנס רויזן וואַרפט מען אַוועק, האַ?... אַזוי האָט איר זי צוגעגרייט צום לעבן?...

— זי האָט דיך נישט געוואָלט באַליידיקן! — האָט די מומע אים אָפּגעגאָסן מיט אַ שטרענגן בליק; דו דאַרפסט זיין מער מענטשן־קענער, דו צלם־קאָפּ... דו!...

— פירט איר דאָס רעדל, מומע רוזשע!... — האָט ער זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ קאַלטן בליק און איז אַרויס פון צימער, פאַרקלאַפּנדיק הינטער זיך די טיר.

חוועלע איז אַריין אין זאַל, האָט אָפּירגעשלעפּט איר קעסטל מיט די היימישע מלבושים, וועלכע זי האָט געהאַלטן זאָרגפעליק אַריינגעלייגט אין אַ זעקעלע מיט נאַפטאַלין. זי האָט עס אויפגעמאַכט און אַריינגעוויינט און אַריינגעכליפּעט:

— איך וויל אַהיים, אַהיים! אוי, נאַום, קום, ברענג מיר אַביסעלע טרייסט!...

***

פֿאַרנאַכט האָבן לעצטע שטיקער זון געציטערט צווישן די גרויע פּראָס־טיקע צוויגן. די זון האָט זיך אויך געריסן דורך דעם אָפֿענעם פֿאָרטקעלע פֿון פֿענצטער, זיך געוויקלט אַרום רוזשעס געבויגענער פּלייצע און געפֿאַלן אויף אירע גרויע גרעלע, שמאָלע הענטלעך מיט די שטיקער זייד, וואָס זי האָט געהאַלטן אין אַרומזוימען. אין צימער איז געווען אומעטיק און שטיל. רוזשע איז געווען אומרויק צוליב דער קריגעריי צווישן חתן־כלה. זי האָט געוווּסט, אַז חוהלע וועט נישט אָפּלאָזן דעם שידוך, אָבער דאָס געפֿיל פֿון שולדיקייט, וואָס האָט זיך לעצטנס באַזעצט אין איר, איז היינט געוואָרן שטאַרקער און מאָנענדיקער...

— עס ווייזט אויס, אַז ליבשאַפֿט איז טאַקע אַן ענין און נישט בלויז אַן אויסטראַכטעניש פֿון די פּאָעטן!... די גרינגע בונטעוועט זיך צופֿיל!... און דער טרוקענער ליטוואַק האָט נישט קיין ברעקל שכל. ער ווייסט נישט ווי אַזוי אומצוגיין מיט איר. איין גאָט אין הימל ווייסט, מיט וואָס די גאַנצע שמחה קען זיך פֿאַרענדיקן!... נאָך וואָס איז חוהטשע געלאָפֿן צו איר פֿאַיסאַנקע, צו פֿריידקען מיט די גראָבע ציצן?... און ווו איז עליאַס? אפֿשר איז ער אויך ביי יענער?... און ווו זענען שימעלע און רבקהלע, אַ?... די מאַמע וואָלט באַדאַרפֿט אַ רעד־טאָן מיט זיי. וואָס טוט זיך דאָ, וואָס איז עס פֿאַר אַ וועלט און וואָס זענען עס פֿאַראַ מענטשן, אַ?...

— ניין! זי, רוזשע, וועט זיי נישט רופֿן!... זיי האָבן זיך אַליין אָנגע־ברוגזט און דאַרפֿן זיך אַליין איבערבעטן. זי, וועט זיי נישט אַרויסווייזן דעם מינדעסטן סימן פֿון פֿאַרדרוס. און נישט די מינדסטע ליבשאַפֿט... שוין! אַ סוף זאָל עס נעמען!... זי איז קראַנק און איר עליאַס האָט טריפֿהנע בלוטן... ער האָט האָט אַן אָפֿענע האַנט; מען טאָר אים נישט געטרויען דאָס טיש־קעסטל... און די קינדערלעך ווילן עס נישט פֿאַרשטיין...

שפּעטער איז געקומען דער זון. זי האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט און אים אָקעגנגעשטרעקט אירע הענט:

— אוי, קדישל מיינער, אַ מכה דער מאַמע פֿאַר דיר! אין אַזאַ קרירה קומסטו אָן אַ שאַליק אויפֿן האַלדז? וועסט נאָך, חלילה, כאַפּן די זאַדישקע און מיר אָנמאַכן אַן אומגליק!...

דער זון האָט זיך אָנגעבויגן איבער איר, אַ קוש־געטאָן אין שטערן, נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אויסגעטאָן דעם פּאַלטאָ און דעם הוט, אַלץ אַוועקגעלייגט אויפֿן פֿאָרענטש פֿון דער מאַמעס וויג־שטול, אויפֿגעמאַכט דאָס שופֿלעדל פֿון איר נאַכט־טישל און דורכגעקוקט די פֿלעשעלעך מיט די רפֿואות. פֿאַרמאַכט צוריק דאָס שופֿלעדל, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט

אויפן ראַנד פון בעט, אָנגענומען דער מאַמעס הענטל, אויסגעפּרוווט איר פּולס און דורך פאַרצויגענע וויִעס, קוקנדיק אויף זיין גאָלדענעם זייגער, געציילט די סעקונדעס.

רוזשע האָט פאַרגעסן אַלע עוולות פון אירע קינדער. זי האָט זיך אַראָפּ־געררוקט נענטער צו איר זון, אַזוי, אַז אירע קני האָבן אָנגערירט דעם זונס קליבעס. איר האָט זיך געדאַכט, אַז די וויטיקן אין אירע געלענקען זענען געוואָרן שוואַכער און אַ וואַרימקייט האָט געגלעט איר האַרץ. אַ ראָזע פאַרב האָט אַרויסגעשלאָגן אויף איר גערונצלט פּנימל:

— שמעון, שימעלע!...

דער זון האָט געפילט, אַז די מאַמע איז אומרויִק. עפּעס איז דאָ פאַר־געקומען, און זי באַמיט זיך נישט אויסצוזאָגן. מיסתמא האָבן זיך טאַטע־מאַמע איבערגעווערטלט צוליב דער גרינערס חתונה.. גוט וואָס דער טאַטע איז נישטאָ אינדערהיים. עס איז בעסער נישט אָנצוהייבן זיך מיט די אַלטע לייט, זיי קריכן אַריין אין דער נשמה, זאָגן דעות און שטעלן פאָדערונגען... עס איז אויך בעסער נישט צו רעדן מיט דער מאַמען וועגן איר טאַקט־לאָזיקייט. זאָל זיינס איבערגיין!... אַבי זי שווייגט, די מאַמע, אַבי זי איז צופרידן מיט זיין וויזיט, גאָט צו דאַנקען!... די גרינע הייבט אָן קאַליע צו ווערן, מען האָט זי דאָ צופיל צעבאַלעוועט... ער האָט דאָך שוין טויזנט מאָל געזאָגט, אַז די מאַמע מוז האָבן לעבן זיך אַ פּריינטלעכן מענטשן. זי טאָר נישט בלייבן אַליין אויף קיין איין מינוט, און דאָ איז שטיל ווי אין אַ קבר און די אַלטע גריבלט זיך צופיל...

ער האָט געטריי אַוועקגעלייגט איר הענטל אויף זיין קני און איבער־געריסן די שטילקייט:

— ווו איז די גרינע?

— ביי איר פּאַיסאַנקע.

— און סיאָמע?

— מיסתמא פאַרטאָן, אונטן...

— שטיקלעך בלעך, אַ?... היינט איז דאָך יום־טוב, היינט דאַרף מען פאַרברענגען, זיין צווישן מענטשן...

פון זיין טאָן איז רוזשען געוואָרן נישט־גוט. ער האָט אָנגערירט איר אייגנליבע, די חרטה אויף אַ לעבן פון האָרעוואַניע, פון זאָרג פאַר קינדערס וועגן און פון פאַרגעסן אין זיך אַליין...

זי האָט געוואָלט פרעגן דעם זון, וויפל ער האָט דערלייגט צום טאַטנס

פראָסטער פרנסה, און צי געדענקט ער נישט דאָס גאָלדענע לעבן, וואָס ער מיט רבקהלען האָבן ביי איר געהאַט?

די טענות צו די קינדער האָבן זיך ווידער צעבונדן און וויפל זי האָט זיך באַמיט זיי צו דערשטיקן האָבן זיי זיך געריסן פאַרויס, אַרויסגעשפּאַרט פון די אויגן־לעכער און שטים געמאָנט:

— פאַרוואָס מוז גאָר סיאָמע מיט חוהלען בלייבן מיט שימעלעס קראַנקער מאַמען, אַ?... און ווו איז דאָס אייגענע בלוט־און־פליש, אַ?... ווו איז די טאָכטער, רבקהלע? טאַקע ברוגז מיט דער מאַמען?... און איר שימעלע לאָזט זיך טאַקע פירן פון דעם ווייבל זיינעם, דער יונגער קאָזעלע?... און ווער האָט אים געבעטן קומען היינט?... אַליין, אַז זיי איז איר בעסער. זי קען זיך אָפּגעבן צו דער אַרבעט, צו אירע טראָכטענישן און שוין!...

— ווו איז דער טאַטע? ער האָט היינט אויך געמוזט גיין צו דער גריבער?... — האָט דער זון איבערגעריסן די שטילקייט.

— און ווו איז דווידקעלע? — האָט אים רוזשע טראָציק איבערגעריסן אינמיטן. — איך בענק נאָך מיין זיס אייניקל!...

דער זון האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געשפּאַנט הין און צוריק. רוזשע האָט ווידער געפרעגט:

— דאָס קינד איז, חלילה, נישט געזונט?

— יענע באָבע האָט אַ לומבאַגאָ... נו, איז מיין סעניאָראָ מיטן קינד דאָרטן שוין עטלעכע טעג...

— אַ לייטיש קינד מוז טאַקע אַכטונג געבן אויף אַ קראַנקער מאַמען...

— האָט רוזשע צווייידייטיק געשמייכלט — אָבער דאָס אייניקל האָט מען דאָך געמעגט ברענגען אַהער אויף אַ שעה אָדער צוויי...

דער זון האָט אומגעדולדיק אַ קוק־געטאָן אויף זיין גאָלדענעם האַנטזייגער, אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע אַ גרויסן אַוואַנטי־ציגאַר מיט שוועבעלעך, פאַררויכערט, געשלונגען דעם רויך און אויפגערעגט, אומגעדולדיק, געקוקט צו דער אַרויסגאַנגס־טיר.

אויך רוזשע איז געוואָרן אויפגערעגט:

— וואַרף אַוועק דעם סם, שימעלע, אַ מכה דער מאַמען פאַר דיר!... עס וועט דיר פאַרלייגן די לונגען, בין איך אומגליקלעך!...

זי האָט אומרויק אונטערגערוקט די האָרשפּילקעס, עס האָט זי געהויבן פון אָרט. זי האָט ווידער אָנגעהויבן אַרומצוניִיען דעם ראַנד פון חוהלעס קלייד און געטראַכט:

— וואָס איז עס פּאַר אַ צאָרן מיט אירע קינדער? ניט מען קומט ווי עס פּירט זיך ביי לייטן, און ניט מען האָט חרטה אויף באַגאַנגענע פעלערן... מיט דער מאַמע האָט מען אינגאַנצן ניט וועגן וואָס צו רעדן. ביי די אייגענע קינדער איז מען נישט ווערט קיין שישקע פּולווער... וואָס זענען עס פּאַראַ צייטן און וואָס פּאַראַ מענטשן?... איר קרעכצן און זיפצן פאַלן אויף טויבע אויערן און אויף טויבע ווענט... צו וועמען זאָל זי זיך קערן און ווענדן, אַ?...

— וווהין, שימעלע, איילסטו זיך אַזוי? צו דער שוויגער? וואָסי, די בעסאַראַבישע גויע איז דיר טייערער ווי די אייגענע מאַמע?...

— פון מיינעטוועגן מעג זי גיין צו אַלדי רוחות!... — האָט שימעלע געענטפערט.

עליאָס איז אָנגעקומען פון גאָס. ער איז געבליבן שטיין אין דער טיר מיט אַ פּעקעלע אין האַנט. דאָס פּראָסטיקע פּנים איז געוואָרן רויט און בלייך פון כעס. ער האָט געהאַט חשק אָנצונעמען שימעלען פאַר די האָר, אים געבן מיטן פוס אַ בריק אין הינטן און אים אַרויסוואַרפן פון שטוב, ווי ער האָט עס געטאָן מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען דער זון האָט נישט געוואָלט פאָלגן...

ער האָט זיך אָבער איצט געמוזט רעכענען מיטן ווייבס געזונט־צו־שטאַנד. ער האָט דעריבער דערשטיקט אין זיך זיין כעס. מיט אַ שווערן טראָט איז ער צוגעגאַנגען צום בעט, אַוועקגעלייגט אויפן נאַכט־טישל דאָס פּעקעלע, וואָס ער האָט געבראַכט.

— וואָס מאַכסטו, אַלטער?... — האָט שימעלע געפרעגט. ער האָט אַראָפּגענומען פון נאַכט־טישל אַ שפּאַנישן זשורנאַל און אַריינגעקוקט אין אים.

דער טאַטע האָט זיך געלאָזט צו דער טיר. רוזשע האָט אים נאָכגע־שריִען:

— עלי, עליאָס, האָסט שוין גאָרנישט וואָס צו רעדן מיט שימעלען?..

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר און אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט:

— פּייף אויף זיין טאַטן, רוזשע, מיין ווייב!...

— ווו איז דווידקעלע? ער איז אויך פאַרנומען מיט זיין קליִענטעלע, אַ? — האָט עליאָס זיך געווענדט צום זון.

— ווען איך וועל זיין אַ זיידע, — האָט דער זון אַריינגערעדט אין זשורנאַל, — וועל איך נישט פאָדערן ביי מיינע קינדער, זיי זאָלן אין אַזאַ קעלט מיר ברענגען די איניקלעך...

— גערעכט, קלאָר ווי דער טאָג! — האָט רוזשע אַ וואָרף־געטאָן דעם מאַן. — דו אַלטער נאַר!...

— און ווו איז דער קאַטש, וואָס דער זיידע האָט געקויפט? — איז עליאָס צוגעגאַנגען נעענטער. — און ווו איז די זאָרג פאַר דער בידנער מאַמען, וואָס קען נישט גיין אָנקושן דאָס אייניקל, אַ?... שווייגסט, מערזאַוויעץ ש... מאַט נעכאַי...

— עליאָס, דווידקעלע איז אַ שוואַך קינד, ער קען זיך פאַרקילן...

— רייס מיר נישט אויף דאָס מויל! — האָט ער צוגעלייגט זיין גרויסע פויסט צום האַרצן. — עס ברענט אַ פייער, אָט־דאָ אָ!... און קיין שום רופא וועט עס נישט אויסלעשן. פאַר וועמענס וועגן האָבן מיר סטראַדאַיעט, אַ?...

זיין טאָן איז געווען באַהאַרצט און רירנדיק. דער זון האָט זיך פאַרשעמט, אויפגעהויבן צו אים דאָס פּנים און געזאָגט:

— טאַטע, אַ דאָקטער האָט נישט קיין אייגן לעבן... אַ דאָקטער איז אַ קנעכט צו זיינע קראַנקע... איך בין נישט אין מיינע אייגענע הענט, גלייב עס מיר.

— אָט אין דעם גייט עס דאָך! — האָט דער טאַטע זיך אויסגעגלייכט אַנטקעגן אים. — איך וויל בעסער שטאַרבן אין הקדש איידער אָנקומען צו דיינע רפואות... נאַר זי, די מאַמע...

— איך האָב אַלע טאָג געגרעדט צו דער גרינער, איר געגעבן פאַראָרדענונגען...

— שוויג, דו מערזאַוויעץ! — האָט עליאָס אַ קלאַפּ־געטאָן מיטן פויסט אויפן פאָרענטש פון בעט. — דו פאַרדריפּעטער דאָקטערל! ביסט אַן אומ־מענטש!... ווען נישט די מאַמע האָב איך דאָ יעדן טאָג דריי דאָקטוירים, נישט קיין איינעם!...

דער זון האָט זיך אויפגעהויבן, אַ קוק־געטאָן אויפן האַנט־זייגערל און צו דער מאַמען. רוזשע האָט צונויפגעצויגן דעם פאָרהאַנג איבערן פענצ־טער און אַ געשריי געטאָן:

— עלי, עס איז ערב אַ שמחה, בעט איבער שימעלען און זאָל זיין שלום!... אַזוי וויל איך!...

— און אַז נישט, וועסטו מיך אָפּגטן, אַ? — האָט עליאָס ביטער גע־שמייכלט, — אָדער וועסט אפשר שעלטן שיינע־ריוועס קאַלב?...

— פּרנסה, עליע, שטייט העכער פונעם לעבן!... שימעלע איז אַ יונגער דאָקטער... און טאַטע־מאַמע דאַרפן תמיד זיין פון די לעצטע...

— און איך וויל זיין פון די ערשטע!... — האָט איר דער מאַן אַנט־

קעגנגעטראָגן אַ קריגערישן אַקסל און זיך צעוויגט אויף זיינע הויכע שטאַרקע פיס: — פּרנסה, אַ היץ אין באָד!...

בשעת דער זון האָט געהאַלטן אין אָנציִען די הענטשקע אויף דער האַנט, האָט עליאָס אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ נייעם פּאַפּירענעם פּופּ־ציקער און אים אַריינגערוקט דעם זון אין רעקל־קעשענע:

— נאַ, שימעלע, אַט האָסטו פּאַר צען וויזיטן מיטאַמאָל... ער האָט אים צוגעשטעלט אַ פויסט צו דער נאָז און געברומט באַפעלנדיק:

— צווי מאָל אַ טאָג זאָלסטו באַזוכן די קראַנקע, דו פאַרדריפּעטער דאָקטערל!... מערזאָוויעץ!... אַז דו וועסט מיך נישט פאָלגן, וועל איך דיך!...

די שוואַרצקייט אינעם זונס אויגן איז געוואָרן דראָענדיק ווי כמאַ־רעס פאַרן אויסברוך פון אַ שטורעם. ער האָט אַריינגעשריִען דעם טאַטן אין פּנים: ברוטאַ! ער האָט אַרויסגעצויגן דעם פּופּציקער און אים אַ וואָרף־געטאָן אויפן דיל און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

— שמעון, שימעלע! וועסט קריגן די זאַדישקע און וועסט מיך אומ־גליקלעך מאַכן! — האָט רוזשע געבראָכן די פינגער פון די הענט. — עליאָס! דו האָסט שוין פאַרגעסן, אַ מכה דער מאַמע פאַר אים!...

עליאָס האָט זיך ווי אַ דעמב אַריינגעשטעלט אין דער אָפענער טיר, זיך געוויגט אויף די הויכע שטאַרקע פיס און קרעכצנדיק ווי אַ געבונ־דענער געוואָרנט מיטן פויסט:

— אַנו! זאָל ער סמייען צוצוקומען, דער מערזאָוויעץ!... זיין טריפהנע צורה וויל איך נישט אָנקוקן!...

רוזשע איז ווי אַ הון מיט צעבאַרשטעטע פעדערן אַרונטער פון בעט אַ באָרוועסע, אין איר לאַנג גראָבן נאַכטהעמד. זי האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן מאַן און זון און מיט די עלנבויגנס זיי אָפּגערוקט איינעם פונעם צווייטן און אַריינגעשריִען אין זיך:

— גזלנים, וואָס האָט איר צו מיר? איך בין געזונט!... איך בין שטאַר־קער פון אייזן!... וועגט האָבן אויערן און אויגן מיט שנאה, מיט קנאה... ווי איז צו מיינע יאָרן!...

**
*

פריידעלע איז געזעסן אין ווינקל און אָנגעניִיט קנעפּ אין די אַרבעטס־רעקלעך. אירע גרעבלעכע הענט מיט די טיפע גריבלעך אין די עלנבויגנס זענען געווען אומרויק. זי האָט געאַרבעט גיך און האָט אַלעמאָל צוגעוואָרפן אַ פאַרטיק רעקל צו אַ פּאַק, וואָס איז געלעגן אונטערן גרויסן שניידערישן

טיש. דער צימער איז געווען גרויס און פּירעקיק, ווי אַן אַלטע אכסניה, מיט אָפּגעריבענע ווענט און מיט פלעקן פון שימל אויף דער נידעריקער סטעליע, וואָס הערט נישט אויף צו נעצן און צו טרערן, ווי אַן אייביקע קלאָג־מוטער.

אויך אין פריידען האָט עס געקלאָגט: פאַרוואָס איז איר שיינדעלע נאָך נישט צוריקגעקומען פון שולע? פאַרוואָס ליידט זי צוליב פרעמדע זינד, אַז נאָך אין דער היים, באַלד נאָך איר חתונה מיט זוסיען, האָט זי שוין געפילט איר טעות... ער האָט געליינט אַ סך, האָט דווקא געוואָלט איבערמאַכן די וועלט און איז אַריינגעפאַלן צו דער פּאָליציי. זי, פריידע, איז דאַן געווען מיטן פולן בויך און האָט שוין געמוזט אַרבעטן איבער די כוחות, כדי אים צו העלפן. זי איז אַ פּאָר מאָל געפאָרן קיין בוקאַרעשט ווו זוסיע איז געווען פאַרשפּאַרט. זי האָט זיך אַמאָל דערשלאָגן צו די עלטסטע, גערעדט, געוויינט און געבראַכט באַווייזן, אַז איר מאַן איז אומשולדיק. מען האָט אים צום סוף פאַרמשפּט אויף פופצן יאָר. האָט זי געגעבן געלט די אַנגעשטעלטע פון תפיסה און זיי האָבן איבערגעטאָן איר מאַן אין גלחישע מלבושים. זי אַליין האָט אים צוגעפירט צו דער באַן פון וואַנעט ער איז אַפּגעפאָרן אַהער, קיין אַרגענטינע.

זיינע בריוו האָבן איר אויך קיין פרייד נישט געבראַכט. ער האָט איר געשריבן וועגן אַרבעטסלאָזיקייט אין לאַנד, וועגן קריזיס און אַז יידישע גוטע באַלמעלאָכעס מוזן דאָ ווערן לופט־מענטשן, קליינהענדלער און שווינדלער. ער אַליין, זוסיע, דער בעסטער טאַנדעט־שניידער, האָט נישט געקענט קריגן קיין אַרבעט ביי זיין פאַך און כדי נישט צו ווערן קיין לופט־מענטש — אַ זאַך וואָס איז קעגן זיינע איבערצייגונגען — האָט ער שוין אויסגעפּרוווט אַלערליי פּרנסות: געוואַשן פענצטער אין אַ יאַטקע, געווען אַ קעלנער אין אַ יידישן רעסטאָראַן, געווען אַ פּרעסער און אַפילו געפּרוווט לוסטרירן מעבל. עס וואָלט גוט געווען; זי זאָל וואָס גיכער פאַרקויפן דאָס ביסל האָב־און־גוטס און זיך אַריבערפּעקלען אויף יענער זייט דניעסטער... און ער, זוסיע, וועט מיט דער צייט קומען אַהין, און זיי וועלן זיך באַזעצן אין יידישן לאַנד, אין ביראָבידזשאַן... זי איז געווען אַ גרדוניסטקע, און אויב איבערלאָזן איר דערפל, אירע טאַטע־מאַמע, וואָלט זי בעסער געפאָרן קיין ציון... האָט עס זוסיען אויפגערעגט ביז משוגעת. זיינע בריוו צו איר זענען געוואָרן ווי שטיקער פייער. און אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן דאָס איבערשרייבן זיך יאָרן גאַנצע, און וואָס אַ יאָר אַלס מער איז ביידנס עקשנות געוואָרן פאַרביסענער און נישט־נאָכגיביקער.

דערווייל האָבן גוטע לאַנדסלייט, קרובים און גלאַט פיינע מענטשן אָנגעהויבן שרייבן צו איר געהיימע בריוולעך: איר זיסער מאַן, אין וועמען זי גלויבט, איז גאָרנישט אַזאַ צדיק... און נישט קיין מענטש פון תכלית... ער לייענט ביכער, האַלט רעדעס פאַר די שניידער־אַרבעטער, הייסט זיי שטרייקן... ער מאַכט אַנטירעליגיעזע יום־כיפורס, פאַרקויפט דעם „רויטן שטערן", אַרבעט אין „פּראָקאָר", אין „מאָפּר"... דערצו שלאָגט ער זיך מיט שטרייקברעכער און איז פול אומעטום... זעקס חדשים אין יאָר ליגט ער הינטער אייזערנע גראַטעס, און ווען ער קומט אַרויס פון דאָרטן, איז אים נישט צו דערקענען — הויט און ביין... אָבער ער גייט ווייטער אין יענע גענג, און גאָט ווייסט, צי ער וועט אַמאָל קענען אַהערברענגען ווייב און קינד...

זי האָט זיך געשראָקן אַז זי וועט, חלילה, בלייבן אַן עגונה, אָדער אַז דער גוטער מאַן אירער וועט שטאַרבן ערגעץ הינטער אייזערנע גראַטעס און זי וועט בלייבן אַן אלמנה און שיינדעלע, איר גוראָטן מיידעלע — אַ יתומה... האָט זי גיך אויספאַרקויפט איר פאַרמעגן און זיך געלאָזט מיט איר שיינ־דעלען קיין אַרגענטינע. איר מאַן, זוסיע, איז גראָד דעמאָלט געזעסן, און עס האָט געהאַלטן דערביי מען זאָל אים אַרויסשיקן פון לאַנד...

האָט עליאַס איר געקויפט אַ מתנה: אַ ברייט אייזערן בעט, אַ מאַטראַץ, אַ טיש מיט שטרויענע בענקלעך און אַן אייזערן אויוועלע. ער האָט איר אויך אַריינגעשיקט אַ זאַק קאַרטאָפל, קוילן, ציבעלעס, אַ בלעך בוימל, נאַשוואַרג פאַרן קינד. בשעת פריידע האָט זיך געפּאָרעט ביים אויסשטעלן די זאַכן, האָט ער איר דערלאַנגט אַ גלאָז טיי און זי געטרייסט:

— זיי נישט אַזוי טרויעריק, פריידע־סערדצע, דאָס אַרגענטינע איז טאַקע אַ האַרטע נוס, אָבער דערפאַר אַ געשמאַקע, אַ זיסע! מ'דאַרף זי, די ניס, נאָר לאָזן זיך אויסצייטיקן, אויספּראַזשען אונטער דער היגער פייערדיקער זון... דער אַרגענטינער זאָגט אַ קלוג ווערטל, — האָט ער מיט ליבשאַפט אַריינגעקוקט אין איר פאַראומערט פנים: — „מיט געדולד וועסטו דערגרייכן ביז צו די הימלען"...

— אָבער, עליק, ווו נעמט מען אַזוי פיל געדולד? — האָט פריידע געבראָכן פינגער. — אַפילו אַ שטיין, אַ שטיק אייזן ווערט דאָך אויך אָפּ־גענוצט און צעבראָכן... נישט אַזוי?...

— ש־ש־ש! שלאָג מיר נישט איבער אינמיטן. — איך קען אים, דעם זוסיען. ער איז דאָ אַריינגעשלעפּט געוואָרן פון אַ חברה ליידיקגייער, כיטרע יונגע און זיי נוצן אים אויס, פאַרשטאָפּן מיט אים אַלע לעכער...

— ביי אים איז עס נישט פון איצט! — האָט פריידע ביטער געזיפצט. ער איז איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרץ...

— דו ביסט אַ קלוג ווייבל און אַ געשמאַקע דערצו!... — האָט עליע פאַרלעגן געשמייכלט און זי אַרומגענומען מיט אַ פאַרשמאַכטן בליק. — ווי זאָגט עס דאָרט דער מאָלדאַוואַן: „איין ווייבערישער האָר שלעפּט מער ווי צען פּאָר אָקסן״...

ער איז געוואָרן רויט און געכאַפּט אַ קוק צו דער טיר:

— מען דאַרף זיך, קינד מיינס, צופּאַסן צו דעם היגן נאַראָד... זיי זענען ווי די מוראַשקעס; זייערע צינגער קענען אונטערגראָבן און צעפרעסן אַפילו אַ דעמב...

— און איך, עליק, האָב זיי אין דער ערד, די מוראַשקעס דיינע!... אינדערהיים איז מיין שטוב און מיין גאָרטן תמיד געווען פול מיט פריינד און קיינעם איז גאָרנישט איינגעפאַלן קיין טריפהנער געדאַנק...

— דאָ, פריידע, ווערט דער היימישער מענטש אויפגעפרעסן פון דעם אַרום! — האָט עליע אָפּגעענטפערט. — דער ניי־געקומענער קערט זיך דאָ איבער מיט דעם אונטערשלאָג אויף אַרויף. דאָ רעדט ער איינס און טראַכט עפּעס אַנדערש... דו ביסט אַ ווייבל — אַ פאַרשוין, ווייל איך נישט, אַז דו זאָלסט אָפּקומען אומזיסט און אומנישט...

— עליק, הער אויף מיט דיינע נאַרישקייטן; רעד מיר נישט ווי אַן אַמעריקאַניעץ!... איך וויל, דו זאָלסט זיין צו מיר היימיש און צוגעלאָזט ווי אַ לייבלעכער ברודער; ווייל וועמען חוץ דיך, האָב איך דען אין דעם דאָזיקן לאַנד?

— דאָ, פריידע, מוז דער ניי־געקומענער פּאָקן און מאָזלען ביז ער דערקענט דאָס היגע לעבן. די ערד דאָ — האָט ער, מעשה־פּאַטריאָט, צעפירט מיט די הענט ווי אַרומצונעמען די גאַנצע וועלט און געקוואָלן — די ערד איז ווי אַ קאַפּריזנע מויד, זי האָדעוועט דיך מיט צוזאָגעכצן... עס קומט אָבער אַ טאָג, ווען דו בייסט זי איין, דאַן ווערסטו די כפּרה!... ווען זי זאָל דיך אַפילו טרייבן מיט דרוקעס, וועסטו שוין בלייבן און זיך מער נישט רירן פון אָרט...

— איך רעד מיט אים וועגן מיין ביטערער דאָליע און ער לויבט מיר די ערד!... פיר מיך צום דאַמנא שעף... איך וויל זען מיין מאַן!

***

דעם אַנדערן טאָג האָט זיך פריידע אויסגעפּוצט אין אַ נייעם דריי־פערטלדיקן ראָק פון בלויען שטאָף מיט שוואַרצע סאַמעטקעס אַרום די

אַרבל און אַרום האַלדז און נאַקן. זי האָט זיך אויך אָנגעטאָן אַ קליין ברוין היטעלע מיט אַ דאַשיקל און מיט אַ ווייסער וואַלקע.

שיינדעלען האָט זי אויסגעפּוצט אין אַ קלײדל פון פויערישן לייוונט מיט אויסנייעכצער אַרום האַלדז און אַרום די אַרבל און מיט אַ ווייס פויערשן זשאַקעטל מיט געלע און גרינע קווייטעלעך אויסגענייט און עליאַס האָט זיי אין זיין אויטאָמאָביל צוגעפירט אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

שיינדעלע האָט זיך אײדל פאַרנויגט, אָנגענומען דעם קאָמיסאַרס רעכטע האַנט און געטאָן אַ קוש. נאָכדעם האָט זי זיך אויסגעגלייכט און אויסגערופן אין רומעניש:

— זאָל לעבן דער דאָמנא־שעף!... איך וויל, דער דאָמנאלע זאָל באַפרייען מיין פּאַפּאַ... ער איז אומשולדיק...

עליאַס האָט איבערגעזעצט אויף שפּאַניש אירע ווערטער.

— אַ שיין קינד! אַ שאָד, וואָס זי האָט אַזאַ טאַטן... — האָט דער קאָמיסאַר געזאָגט.

— וואָס האָט דער ערל געזאָגט? — האָט זיך פריידע געווענדט צו עליאַסן. זי איז צוגעגאַנגען ביז צום גרויסן שרייבטיש, ווו ער איז געזעסן און זיך געקילט לעבן אַ גרויסן ווענטילאַטאָר. זי האָט אָנגעהויבן ווייִנען, רעדן האַלב־וואַלעכיש, האַלב־אוקראַיִניש און באַלד צו עליאַסן: — וואָס שווייגסטו, עליק? זאָג דעם דאָמנא־שעף, אַז מיין זוסיע איז כשר, אַז ער האָט נעבעך, קיינמאָל ניט געוווּסט וועגן פּאָליטיקע. זאָג אים אַז איך קען אַפילו שווערן ביי די שוואַרצע ליכט...

— מיר האָבן דאָ בלויז צרות פון די גרינע... וואָס ווילן זיי, מיר זאָלן זיך לאָזן אויפהענגען איינער נאָכן אַנדערן און זיי איבערגעבן דאָס לאַנד?... מיר וועלן זיי אָפּשיקן צוריק אַהין, צום רויטן מאָנסטער! — האָט דער קאָמיסאַר אויסגערופן בייז.

— עליק, זאָג דעם דאָמנא־שעף, אַז איך מיטן קינד וועלן זיך נישט רירן פון אָרט. מע מעג אונדז אַפילו שעכטן! — האָט זי אַ פּיר־געטאָן מיט אַ פינגער ביי זיך און אויך איבערן קינדס האַלדז. — דער דאָמנעלע איז אַ גאָלד, אַ בריליאַנט, און מיין מאַן וועט עס וויסן ווי אָפּצושאַצן און אָפּצודאַנקען...

אַזוי איז עס געגאַנגען צווישן רעדן און איבערזעצן, ביז דער קאָמיסאַר האָט זיך ענדלעך אויפגעהויבן, אַ צערוק־געטאָן דעם שווערן ראָלעט איבערן גרויסן איינציקן פענצטער, און אַ שאַרפע זון האָט אַריינגעשלאָגן פון דרויסן און באַלויכטן די געלע ווענט פון לאַנגן צימער מיט די פּאָליצעס ביכער

און אַרכיוון. ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט, אריינקוקנדיק אין אירע פּאַרוויינטע אויגן:

— זאָל די סעניאָראַ זיין רויק...

שיינדעלען האָט ער אַ קוש־געטאָן אין קאָפּ און געזאָגט:

— דו וועסט שוין זיין אַן עכטע אַרגענטינערין, דו וועסט אונדז נישט פאַראַטן, אַ?...

עליאַס איז געוואָרן רויט:

— דער דאָזיקער געדאַנק וועגן מאַכן פון אַלע לאָקשן איין שטיק טייג, איז נישט נאָר אַ יידישער... עס איז איצט אַ וועלט־מכה...

— עליק, מיט וואָס גייען מיר אַוועק פון דאַנען, אַ, עליק? איך האַלט עס נישט אויס, איך וועל מיך וואַרפן אין ים אַריין!...

— איך גיב דיר מיין ערן־וואָרט, — האָט ער אַריינגערעדט אין אירע ווייכע אויגן — דיין מאַן וועט ווערן באַפרייט...

***

די ערשטע טעג נאָך זיין קומען אַהיים איז פריידע געווען צענומען ביז דעם מאַרך פון אירע ביינער. זוסיע איז געווען קליין, דאַר און פאַר־עלטערט. זי האָט געקאָכט געדיכטע פעטע זופּן פאַר זיינעטוועגן, האָט אים ציגעטיילט אַ בעסערן ביסן פאַר די פאַר פעזעס, וואָס עליאַס, דער ווייטער קרוב, האָט איר „געליִען". דער צימער איז תמיד געווען פול מיט גרינע יונגעלייט און מיטליעריקע מענטשן. זיי זענען אַלע געווען מאָגער, צערעשט און אָפּגעריסן. זיי האָבן זיך געשושקעט צווישן זיך און געקוקט מיט אומ־צוטרוי אויף איר און אויף זוסיען...

שפּעטער האָט זיך פריידן אָנגעהויבן דאכטן, אַז איר מאַן איז צופיל אַריינגעטאָן אין זיינע געענג און אַז ער פריידט זיך גאָר ווינציק מיט איר און שיינדעלעס קומען אַהער. זי האָט מער נישט געקאָנט שווייגן און איז אַרויס מיט טענות: ער האָט זיך דאָ אַרומגעשלעפּט מיט די דאָזיקע באָר־וועסע יונגעץ, אין דער צייט, וואָס אירע לאַנדסלייט האָבן זיך אַרויפגע־אַרבעט. זיי האָבן שוין קליינע פאַבריקלעך און קלייטן פון טאַנדעט. זייערע ווייבער מיט די קינדער לעבן ווי די שררות, זיי גיסן זיך גאָלד אין די העלדזער אַריין... די לאַנדסלייט ווייסן נישט פון קיין קריזיסן, ווייל זיי האָבן שכל צו מאַכן אַ פעזע... זייערע קינדער וועלן זיין דאָקטוירים, אַד־וואָקאַטן און אַקושערקעס, און איר קינד, איר איינציק אויג אין קאָפּ וועט ווערן נישט מער ווי אַ שניידערין, אַ שקלאַפין...

איר מאַן איז באַלד אַרויס פון די כלים. ער האָט געשריִען, געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין פאַרענטש פון אייזערנעם בעט, די אויגן זענען ווי בּרע־נענדיקע קייקעלעך געפלויגן פון זיינע טיפע אויגן־לעכער:

— זי, דאָס ווייב דיינס, איז נישט מער ווי אַ ייִדענע מיט בירגער־לעכע השגות: אים, זוסיען, וועט קיינער נישט פירן פאַר דער נאָז און נישט מאַכן פון אים קיין פאַנטאַפּל־מאַן און נישט קיין אויסנוצער, קיין בלוט־זייגער... און זי, דאָס ווייב זיינס, האָט אים דערנידעריקט מיט איר לויפן און אויסבעטן, אויסוויינען, מען זאָל אים באַפרייען...

צווישן זוסיען מיטן ווייב האָט זיך איינגעשטעלט אַ רוגז, אַ שוויי־געניש, וואָס האָט אָנגעהאַלטן טעג מיט וואָכן. ער פלעגט אויפשטיין פאַר־טאָג, אַריינגיין אין קיך און מאַכן אַ מאַטע, אָפּטרינקען און נאָכדעם באַלד אַוועקגיין קויפן אַ צייטונג, און תמיד איז ער געווען פון די ערשטע היִנ־טער דער טיר פון שניידער־וואַרשטאַט. אָפּגעאַרבעט אַ האַלבן טאָג, און אַמאָל אַ גאַנצן, פלעגט ער גלייך בעטן מען זאָל אים אויסצאָלן דעם לוין. אַהיים פלעגט ער קומען אין די שפּעטע שעהן, אַ מידער און אַן אויסגע־שעפּטער, פלעגט ער אין זיין אָנטועכץ זיך אַ וואַרף־טאָן אויפן ברייטן ווייסן בעט און נעמען לייענען קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל‟ אָדער לענינס און סטאַלינס ווערק. שיינדעלע פלעגט אים צוטראָגן סאַנדוויטשן און אַ הייסע מאַטע, און פריידע פלעגט ווידער אים אָנהייבן צו יאָדען:

— וואָס וועט זיין דער סוף, זוסיע? מען דאַרף אָנהייבן אַרבעטן אין שטוב... ביי יענעם וועסטו בלייבן אַן אייביקער קבצן!...

— אַז איך וויל נישט ווערן קיין גביר! איך וויל נישט זיין קיין באַלעבאָס!... איך וויל אַנטלויפן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן ריח, דו הערסט, צי ניין?...

***

אויף דער עצה פון איר קרוב האָט פריידע אָנגעהויבן קאָכן מיטאָגן פאַר גרינע לאַנדסלייט מיט זייערע באַקאַנטע. זי פלעגט אויפשטיין גאַנץ פרי, נעמען דעם גרויסן שטרויענעם קויש און גיין אין מאַרק זוכן מציאות...

דאָרט, צווישן די ראָגן פון מוניעקאַס, גורוטשאַגאַ, סעראַנאַ און טהאַ־מעס האָט עס געשוויבלט מיט רעש, מיט קולות, מיט אימפּעט און מיט קללות און זידל־ווערטער. אַרום טישן מיט אַלערליי פּרוכטן און גרינצייג האָט פריידע געהערט אַלערליי לשונות, אָבער אַממערסטן האָט זי דאָרט געהערט די פאַרשידענע דיאַלעקטן פון ייִדישן לשון.

צווישן די ווייבער אויפן מאַרק האָט זיך פרײדיע דערוווסט, אַז נישט אַלע ייִדן זענען דאָ געוואָרן גבירים אדירים, אַזוי ווי עס איז געוואָרן איר קרוב עליאַס. זי האָט געהערט זיך באַקלאָגן ווי שווער עס איז צו קריגן אַ דירה; ס׳איז נישטאָ ווו זיך אַהינצוטאָן מיט די קליינע קינדער, ווייל קיינער וויל אַזאַ שכן נישט אַרייננעמען צו זיך...

זי האָט זיך אויך דערוווסט דאָרטן, ווער פון די לאַנדסלייט און סתם גרינע ייִדן האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, זענען געוואָרן באַגליקט; ווער עס האָט געמאַכט דאָס גרויסע געווינס; ווער עס איז געוואָרן אויס שניידער און איז גאָר אַוועק אין אַ קאָלאָניע צו ווערן אַן ערד־אַרבעטער; ווער עס האָט זיך אויפגעמאַכט אַ טאַנדעט־געשעפט ערגעץ אין וויזשאַ־קרעספּאָ אָדער אין אָנסע; ווער עס האָט צוליב דעם קריזיס געמוזט צודעקן די שניידער־מאַ־שינדלעך און ווערן אַ גאַסן־גייער, אָדער גאָר געמוזט אָנזעצן און אָנקומען נאָך שטיצע צו דער חברה־קדישא און עסן ביליקע אָנבייסנס אין הכנסת־אורחים...

זי האָט, גייענדיק איבער יענע ראָגן געהערט דאָס קלאַפּן פון שניי־דערשע מאַשינדלעך ערגעץ אין די צימערן פון גרויסע אַלטע הייף, געהערט ניגונים פון היימישע פּאָלקסלידער. זי האָט געזען גרויסע ייִדישע יאַטקעס און אַלערליי קלייטן און קלייטלעך מיט אַלעם גוטן; אויך קלייטלעך פון בלעכערס, שוסטערס, באָדנערס און זייגער־מאַכערס, שפּיגל־שלייפערס, קאַמאַשן־מאַכערס און טאָקערס; געזען, ווי ווייבער מיט הילצערנע שיך אויף די באָרוועסע פיס זענען געווען באַשעפטיקט מיט צוהעלפן זייערע מענער צו דער פרנסה און אויף קליינע אייזערנע אייוועלעך האָבן זיי גע־קאָכט די אָנבייסנס. דאָרטן איז געווען אַ רעש, אַ באַוועגונג ווי אין אַ בינענשטאָק; קליינוואַרג האָט געזשומעט ווי מחנות פייגל, צעלאָזט אין שפּי־לעריי; די גאָר קליינע זענען זיך געזעסן אויף די נאַכט־טעפּלעך און געטאָן זייערע באַדערפעניש...

מיסטפּירער, וואָס האָבן אַרויסגעפירט פון מאַרק פולע וועגענער מיט אָפּפאַל, האָבן געשריִען און געשאָלטן דאָס קליינוואַרג, וואָס האָט געשטערט דעם פאַרקער. אַ בייטש האָט אַ קנאַל געטאָן אין דער לופטן און קליינוואַרג איז אין בהלה זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן, בכיוון אַריין אין די קאָרידאָרן מיט רויטע פאָרהענגלעך אויף די פענצטער... די קינדער האָבן זיך איבער־געוווּנקען, געלאַכט און אויף שטום־לשון געזאָגט, וואָס עס טוט זיך אין יענע הייזער... און ביי דער זייט, דערביי, איז געווען אַ שול, אַ קלויז און

ייִדן מיט טליתים האָבן זיך געאײַלט אַרײַנצוכאַפּן אַ קדושהלע, זאָגן אַ קדיש...

— אָט דאָס איז אַמעריקע?... — האָט פֿרײדע געזיפֿצט, אַוועקגײענדיק פֿון יענע ווינקעלעך. — אַהער רײַסט זיך עס אַ האַלבע וועלט אַנצוקומען און צו ווערן אַמעריקאַנער, צו ווערן וועלט־מענטשן?... דאָ זענען דאָך טריף אַפֿילו די שטײנער פֿון דער ערד! נישט אומזיסט זענען אַ סך פֿון די גרינע געפֿאָרן צוריק אַהײם!... און אויך זי וועט דעם מאַן אירן מוחל זײַן זײַנע „נײַע האָריזאָנטן”, זײַן בּיראָבּידזשאַן... זי וועט מאַכן אַ קערבל, זי וועט נעמען שײנדעלען און — הײדאַ, צוריק אַהײם!...

⁂

עס זענען אַוועק עטלעכע וואָכן און פֿרײדעס געשמאַקע מאכלים האָבן געקראָגן אַ גוטן שם צווישן די גרינע לאַנדסלײַט. זוסיע האָט אויפֿגעהערט אַרומלויפֿן זוכן אַ טאָג אַרבעט און האָט צוגעהאָלפֿן אין דער הײמישער פּרנסה.

זוסיעס אויגן האָבן געשאַרפֿט פֿון אונטער דעם הויכן שטערן. זײַ האָבן געלויערט איבער זײַנע קעסטניקעס:

— אַנטלויפֿט פֿון קאַפּיטאַליסטישן מיסט!... דאָ וועט איר בלײַבן אָן געדערים, אָן לונגען... די טשיכאָטקע איז געוואָרן אָן אָפּטער גאַסט צווישן די שנײַדער־אַרבעטער... חברים, אויף אונדז וואַרט אַ נײַע הײם, אַ נײַע וועלט! אַ רענעסאַנס אין ייִדישן לעבן! — בּיראָבּידזשאַן! מיר מוזן שיקן מאַשינען, טראַקטאָרס, מיר מוזן!...

די געסט אַרום טיש האָבן אויפֿגעהויבן צו אים די בליקן, פֿול מיט האָפֿענונג. זײ האָבן געשלונגען די סלינע, געווישט דעם שווײס פֿון די מאָגערע פּנימער און זיפֿצנדיק געזוכט, געגראַבלט אין די קעשענעס פֿון די אַלטע הײמישע אָנצוגן און אַרויסגעשלעפּט די לעצטע סענטן, זײ געוואָרפֿן אין דער בלעכענער „בעל־נס”־פּושקע, ווי זוסיע האָט אָנגערופֿן דעם טעלער, וואָס ער האָט זײ אונטערגעטראָגן.

מאַקסעלע „נאָז” מיט די גרויסע טרויעריקע אויגן, האַרטע ווי פֿון גלאָז, איז געווען זוסיעס גרעסטער פֿאַרערער. ער איז געווען פֿון די סאַמע ערשטע געקומענע. מען האָט געשמועסט, אַז ער לײַדט פֿון מרה־שחורה, וואָס איז אים געקומען פֿון דער בענקשאַפֿט אַהײם. ער איז געווען אַ שטילער, אַ שווײַגער, און זײַנע האַרטע בליקן האָבן זיך תּמיד געריסן ערגעץ אין דער וועלט אַרײַן. ווען פֿרײדע האָט אויפֿגעמאַכט דאָס רעסטאָראַנדל איז

מאַקסעלע געווען פון די ערשטע קונדן. קיין געלט צו צאָלן האָט ער נישט געהאַט, האָט ער צוגעהאָלפן פריידן ביים דרייען די פליישן אין דער מאַ־שינקע, טראָגן טאָוועס מיט קנישעס אין בעקעריי, שיילן קאַרטאָפל און שעהן־לאַנג דערלאַנגען מאַטע די אַרבעטסלאָזע גרינע אַרום זוסיעס טישן. ער האָט ליב געהאַט צוצוהערן זיך ווען די גרויסע גליקן וואָס וואַרטן אויף זיי דאָרטן אין ביראָבידזשאַן...

מאיר פּיצוועניק, אַ נידעריק בלייך יינגל מיט לאַנגע אויערן און אומרויקע גרויע אויגן, האָט ליב געהאַט מאַקסעלען, און ווען יענעמס אויגן האָבן זיך געריסן ערגעץ ווייט־ווייט, פלעגט מאיר אים אויפוועקן פון פאַר־טראַכטקייט:

— נו, ווען פאָרן מיר? ווען גייט אָפּ די שיף?...

— שווייג, דו רעאַקציאָנער, דו נאַרישער ציוניסט, דו!...

— די שיפן גייען, זיי גייען! — פלעגט זיך זוסיע אַריינמישן. ער האָט אומרויק אָפּגעווישט די פעטע הענט אינעם זוים פון לאַנגן פאַרטוך. — מיר וועלן פאָרן, דו ביטערער פיצוועניק! און דו וועסט ווי אַ הונט קראַפירן ביי דער „קאַטערינקע“, אַרבעטנדיק זעכצן שעה אַ טאָג. דו וועסט רייך מאַכן די לאַנדסלייט!...

— יידישע וואָגלער, יידישע טרוימער דאַרפן לויפן קיין ציון! — האָט מאיר פיצוועניק געפּאַטשט מיט די גרויסע הענט אין דער לופטן. — איך בין אַ גרדוניסט!... מיר וועלן זיך איינזייגן אין די ערדן פון ציון, זיך אַריינוואַקסן אין איר ווי שטיינער אין די זומפּן... פעלדזן וועלן מיר ווערן!... אַקערבויער!...

— בראַוואָ, מאירל! — האָט עולם געפּאַטשט מיט די הענט, זיך גע־שטורכעט אין די זייטן, צווידייטיק געשמייכלט און געוואַרט, עס זאָל ווי תמיד זיך צעפלאַקערן אַ קריגעריי צווישן אים מיט זוסיען. זוסיעס אויגן האָבן זיך טאַקע אָנגעצונדן, די טשופּרינע האָט זיך גערוקט פון אונטערן ווייסן היטעלע, ער האָט געקלאַפּט מיטן בלעכענעם טעלער אין טיש און געשריען, וואָרענענדיק מיטן פויסט:

— רעד מיר נישט פון רעאַקציע, פון שימל!... פּאַלעסטינע געהערט צו די אַראַבישע מאַסן!...

— דיינע מאַסן שעכטן אויס יידישע אַרבעטער, ישיבה־בחורים!... — האָבן אין מאיר פיצוועניקס אויגן אויפגעבליצט רויטע גאַליקע שפיגעלעך. — פוץ גוט דעם פריצס שטיוול, זוסקע און ער וועט דיר אָנפּייפן!...

— עס איז געווען אַ רעוואָלוציע. באַפרייונג!... — האָט זוסיע געקלאַפּט מיטן טעלער. — דו שאָוויניסט, פּראָוואָקאַטאָר!...

מאיר האָט אים אַריינגעזישעט אין פּנים:

— אַן ערלעכער קריסט אַפילו טאָר נישט פאַרטיידיקן די פּאָגראָמשטשיקעס... ער דאַרף שרייען, רופן צום אמת, — האָט ער געברומט. — דו ביסט אַ פאַנאַטיקער! אַ באָק! וועסט ברעכן האַלדז־און־נאַקן!...

ביראָבידזשאַן איז אונדזער היים, אונדזער צוקונפט!...

— איך פייף אויף דיין טאַטן! — האָט מאיר אַ קלאַפּ־געטאָן אין טיש און איז אַרויס פון צימער. — מיר וועסטו נישט דרייען די...

— מען וועט דיך דאָרט צושטעלן צום וואַנטל, דו קליין מה־יפיתל!...

פריידע איז געווען פאַרטאָן אין קיך, זי האָט אָבער געהאַט אַן אָפן אויג און אָפענע חושים. זי האָט געהערט רעדן וועגן עפּעס אַן ערליך און אַלטער, וועגן יידישע סאָציאַליסטן, וועגן טראָצקין, וועגן באָראָכאָוון און אַן אחד־העם... זי האָט אָבער געוואָלט מאַכן געלט, האָט זי געמאַכט געלעגערס פאַר די גרינע און זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן אין צימער. געשלאָפן זענען זיי אונטער די טישן, צווישן בעט מיט דער גרויסער שאַפע, אויף זייער „געפּעק" און אויף צונויפלייג־בעטלעך. עס האָט זיי געקאָסט ביליק, און דערצו האָט מען לעבן זוסיען מיט פריידען נישט געפילט אַזוי שטאַרק דעם מוראדיקן עלנט און די בענקשאַפט אַהיים...

פריידע האָט אויך געוואַשן און געפּרעסט זייערע היימישע שמאָלע רעקלעך מיט די קורצע הויזן. זי האָט די גרינע ליב געהאַט, געמישט מיט אַ געפיל פון רחמנות; יעדן באַזונדער צוגעטראָגן אַ היימיש ביסל סליוואַניק, זיסן וויין און אַ לאַטקע פון פּאַפּעשויענעם מעל צו פאַרבייסן. זוסיע האָט געוווסט, ווער עס האָט נישט צום באַצאָלן, פלעגט ער אים גוטברודעריש איינרוימען אין אויער:

— נישט געדאגהט! מען וועט אָנהייבן פאַרדינען, וועט מען צו־ביסלעך אָפּצאָלן.

פריידע פלעגט אים פאַרוואַרפן זיין אומפּראַקטישקייט:

— אמת, די בחורים זענען טאַקע עלנט ווי שטיינער און אָרעם ווי די נאַכט, אָבער מען טאָר זיי נישט אויסטאָן פון זאָרג... דער קצב, דער בעקער און דער פּרוכטניק וועלן אויפהערן צו געבן אויף באָרג, זענען מיר אַלע פאַרלוירן, מען וועט דערצו נאָך בלייבן מיט אַ שלעכטן נאָמען אויך...

זי פלעגט אַריינזיפצן אין די גרויסע קאָכעדיקע טעפּ אויף די פייערן, ווישן די טרערן פון די אויגן: — עס רייסט דאָס האַרץ אויף אַזויפיל עלנט,

אַז זוי צו די יאָרן מיט די אַמעריקאַנער גליקן!... ווי איז צו די מאַמעס, וואָס האָבן אַוועקגעלאָזט פון זיך די קינדער אויף אַזאַ לעבן!...

— וויינסט שויז ווידער, מאַמע? מאַכסט מיך טרויעריק... — פּלעגט שיינדעלע אַריינרוקן אַ פינגערל אין מערנצימעס און עס אַרומלעקן:

— אַי, אַ טעם גן־עדן!...

זי האָט געזען הונדערטער ערשט־געקומענע ייִדן, ווייבער און קינדער. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף די ראָגן און געשטאַנען אין רעדלעך, זיך אויסדערציילט אַלע ניסים פון דער רייזע. עס האָט פון זיי געשלאָגן מיט עלנט און פאַרלוירנקייט און אויך מיט ריחות פון היימישע פעלדער, פון סאָד און פון טייך פון הינטערן וואַלד...

פריידען האָט זיך דאַן געדאַכט אַז גאַנצע ייִדישע שטעטלעך זענען אַהער פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן און אין גאָט אין הימל ווייסט, וואָס עס וועט ווערן פון זיי. די גרינע וועלן אויסגיין ווי די ליכט.

***

זוסיען האָט מען ווידער אַרעסטירט און פריידע האָט נישט גערוט, אומעטום געווען, געקלאַפּט אין די הויכע פענצטער און געבעטן זוסיעס באַפרייונג. זי איז אַלע טאָג געפאָרן אין וויזשאַ־דעוואָטאַ אַוועקפירן עפּעס עסן און ציגאַרן פאַר איר מאַן מיט אייניקע קעסטניקעס. זוסיע האָט איר שטרענג פאַרבאָטן צו קלאַפּן אין די הויכע פענצטער צוליב זיין באַפרייונג. ער וועט זיך נישט רירן פון אָרט, אויב צוזאַמען מיט אים וועט מען נישט אַרויסלאָזן אַלעמען, וואָס מען האָט פון זיין שטוב אַרויסגענומען...

צו די פופצן טאָג האָט מען אַלעמען דווקא יאָ באַפרייט, און זוסיע איז דאָרט פאַרבליבן ווי דער אייניציקער געפערלעכער רעוואָלוציאָנער...

עליאַס האָט איר ווידער אַרויסגעהאָלפן: ער האָט איר געגעבן אַ גאַ־ראַנטיע אויף צוויי אַלטע זינגער־מאַשינען און אַ גרויסן שניידערישן טיש מיט צוויי פרעסן. פריידע האָט איינגעפּאַקט אַן אַלטן סערוועט אין אַ פּאַפּיר, פאַרקעמט די ברוינע קרייזלעך האָר און אַוועק אויף קאַנינג זוכן אַרבעט צווישן די קלייטן.

די טירן פון די קלייטן זענען געשטאַנען צעפּראַלטע. באַלעבאַטים האָבן אויף לאַנגע שמאָלע טישן צוגעשניטן רעקלעך, הויזן, העמדער און פּיזשאַמעס. ווייבער, נייטאָרינס, האָבן גענומען און אָפּגעבראַכט פּעק פאַר־טיקע אַרבעט. פריידע איז פון זיי געוווּיר געוואָרן, אַז די אַלע קלייטניקעס זענען נעכטיקע שניידער־אַרבעטער, היטלמאַכערס און גאַסנגייערס. דאָ איז

די אויסנוצעריי צו גרויס אויף צו קענען אַרויפאַרבעטן זיך... דערצו זענען פאַראַן איבעריקע אַרבעטס־הענט. טויזנטער פרויען פון איטאַליע, שפּאַניע און אויך אַרגענטינע, אַרבעטן פאַר האַלב־אומזיסט און זי, פריידע, וועט נישט קענען קריגן קיין אַרבעט: מ׳נעמט נישט צו קיין נייע.

זי איז צופוס אַוועק אין צענטער, זיך לאַנג ארומגעדרייט צווישן די קלייטן מיט פולע פּאַליצעס טאַנדעט. זי האָט געקוקט אויף די פּנימער פון די באַלעבאַטים, וואָס זענען געווען פאַרטאָן ביים אויספּאַקן פאַרטיקע אַרבעט פון שניידערישע שמאַטעס. פריידען האָט זיך געדאַכט, אַז גאַנצע יידישע שטעטלעך האָבן זיך באַזעצט אין יענע לאַנגע שמאָלע גאַסן, נאָר זי מיט איר שיינדעלען און מיט מאַקסעלע „נאַז״ זענען דאָ אַריינגעפאַלן ווי אין אַ קעסלגרוב, נישט מ׳ווערט דערטרונקען און נישט מ׳קען זיך ראַטעווען...

מענטשן זענען געלאָפן פאַר איר און הינטער איר, זי געשטויסן אַהין און צוריק. עפּעס אַן עלטערער הער אין אַ שוואַרצן וויכן הוט און מיט שוואַרצע ווייכע אויגן האָט איר געטאָן אַ גלעט איבערן שולטער און גאָר טיף אַריינגעקוקט אין אירע צעשראָקענע אויגן. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט צו איר גערעדט, אָבער לויט דעם אויסדרוק פון זיין פּנים האָט זי זיך געגעבן רעכענונג, אַז זי דאַרף אָפּציִען און אים צוואַרפן אַ קללה...

— עס זאָלן דיר דאַרן און שקוואַרן דיינע הענט, דו געמיינער יונג!... זאָלסט ווערן זוסיעס כפּרה און מיינע און שיינדעלעס אויך!...

זי איז אַריין אין אַן אָפענער טיר פון אַ טאַנדעט־געשעפט. דער באַ־לעבאָס איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען. זיינע ביר־קאָליריקע אויגן זענען ווי צוגעפאַלן צו איר שטייפן יונגן בוזים, צו די הענט מיט די חן־גריבעלעך אויף די עלנבויגנס... ער האָט ווי עפּעס אָפּגעזיפּצט און אַראָפּגעשלינגען די סלינע...

פריידע האָט זיך אָנגערופן:

— רב ייִד, איר זענט אַ בעסאַראַבער, און איך אויך!...

— איז וואָס ווילט איר, זאָל איך טון? — האָט ער געהויבן די הויכע אַקסלען, און מעשה גרויסער גביר אַריינגערוקט די פינגער אין רעקל־קעשענע און עפּעס געזוכט.

— איך וויל, איר זאָלט מיר געבן אַרבעט און נישט קיין נדבות! — האָט זיך פריידע אויסגעגלייכט קעגן אים, און איר קליין פּנימל און די ברוינע קרייזעלעך האָבן אויסגעדריקט אַ מאָדנע ווייבערשע זיכערקייט און שטאָלץ.

ער האָט זי אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ, און באַלד ווידער ווי עפּעס אַראָפּגעשלונגען:

— נו, גוט!... זייט נישט אַזוי איבערגערעשט! — האָט ער נאָך אַ ווײַלע שווייגן אַ זאָג־געטאָן. — איך וועל אייך שוין געבן... עס וועט אייך שוין גאָרנישט פעלן!...

נאָכדעם האָט מען זיך שוין צונויפגערעדט טאַקע ווי אייגענע מענטשן, ווי לאַנדסלייט. פריידע האָט אים געגעבן איר אַדרעס און ער האָט איר געגעבן אַ ביסל אַרבעט.

אַרויסגייענדיק פון קלייט האָט זי גערעדט צו זיך אַליין: — זאָלסט עס גאָרנישט דערלעבן און נישט דערהאָרן, אַז איך זאָל, חלילה, אָפּנאַרן מיין מאַן... אָסור, צי זוסיע איז אינגאַנצן אומגערעכט, אָסור!... הלוואי וואָלט ער טאַקע אויסגעפירט דאָס זייניקע, הלוואי!... דאָס איז אַן אָפּגרונט צווישן אָרים און רייך. ווו איז דער קריזיס? — דאָרט, צווישן די אַרבעטער, דאָרטן, אין איר הויף...

***

איצט האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער הימל איז אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד; אַז איינס פון יענע הייזער מיט די רויטע פאַרהענגלעך האָט פאַרשלעפּט איר שיינדעלען. זי האָט זיך צעוויינט:

— אוי, גאָט! שיק מיר צוריק מיין שיינדעלען, מיין איינציק אויג אין קאָפּ... איך וועל זיין די גליקלעכסטע, רייכער פון ראָטשילדן...

די קליינע איז אַריינגעקומען, איר אַ קוש־געטאָן און געזאָגט:

— מאַמעלע, איך בין נישט שולדיק... דער פעטער עליק איז געקומען צו דער שקאָלע און האָט מיך געפירט אין אַ ביאָגראַף...

— וואָס הייסט, ער האָט דיך גענומען? — האָט זיך פריידע אָנגעצונדן פון כעס. — וואָס מיינט ער זיך, דער גראָבער יונג, דער באַלעגאָלע, אַז איך בין שוין גאָרנישט קיין מענטש, נישט קיין מאַמע?...

און זי האָט זיך נאָך העכער צעוויינט:

— זאָל ער נאָר קומען אַהער, דיין פעטער עליק, וועל איך אים אָפּשפּילן אַ חתונה, וועט אים ווערן פינצטער און וויסט אין די אויגן!...

שיינדעלע האָט זיך דערווייל אַביסל באַרויִקט. זי האָט אַרויסגעצויגן דעם בלויען באַנד פון די האָר, אויסגעטאָן דעם שול־פאַרטוך און אים אויפגעהאנגען אויף אַ האָקן הינטער דער טיר. זי האָט רחמנות געהאַט אויף דער מאַמען און געשלונגען שטילערהייט די טרערן. אַן אויסצורעדן אַ וואָרט,

איז זי מיט אַ זייטיק געגנגעלע, ווי פון אַ פּרום ווייבעלע, אַוועק אין קיך, געמאַכט אַ מאַטע און געבראַכט דער מאַמען. זי האָט אויך אַריינגעבראַכט אַ טעלער קאַלטע לאַטקעס, געמאַכט פון פּאַפּעשויענע מעל.

פריידע האָט געקוקט אויף שיינדעלען מיט אירע פאַרווײנטע אויגן, פולע מיט אומגלויבן און מיט ימים ליבשאַפט:

— דו, דו... גזלן!...

— טרינק, מאַמע! עס וועט דאָך קאַלט ווערן... — האָט שיינדעלע אַראָפּגערעדט צו די שפּיצן פון אירע ווייסע צו־גרויסע שיכלעך. — דער פּעטער עליק האָט דיר געשיקט אַ גרוס און נאָך עפּעס!... — האָט זי קינדיש געשמייכלט און געוויזן מיטן פינגער אויף דעם פּעקעלע וואָס זי האָט גע־בראַכט און עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

פריידע האָט אָפּגעזיפצט, טראַכטנדיק:

— איך האָב אים טיף אין דער ערד, דעם אויפגעקומענעם גביר! — זיין טאַמעוואַט איינקל וועט ער אויך וואַגן צו נעמען שפּאַצירן, אָן דעם וויסן פון זיין טייער זונדל מיטן שנירל?... און שולדיק איז זוסיע. ווען ער איז אַ לייט, וואָלט דאָך קיינער נישט געהאַט פון מיר ס׳געגאַר...

שיינדעלע האָט איר אַריינגעקוקט אין פּנים:

— טרינק, מאַמע, ס׳ווערט קאַלט!...

שפּעטער איז אָנגעקומען חוהלע, זי האָט פּאַוואָלינקע אַראָפּגעצויגן די הענטשקעס, אויסגעטאָן דאָס קיילעכדיקע היטעלע און עס אַוועקגעלייגט אויפן בייטל. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בייעם מאַנטל פון בוריקעס־קאָליר און מיט אַ פוקסענעם קאָלנער.

פריידע האָט זי באַטראַכט מיט אַ געניטן בליק:

— זי שיינט ווי אַן אמתע פּריצה. ווער, וואָלט זיך דען געריכט, אַז זי וועט ווערן אַזוי באַגליקט?...

חוהלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קליין בענקעלע און האָט אָנ־געהויבן העלפן פריידען צונייען קנעפּ צו די רעקלעך.

— וואָס הערט זיך מיט דיין זוסיען?

— איך זאָל אַזוי וויסן פון מיינע וויטיקן! — האָט זיך פריידע צע־הוידעט אַהין און צוריק. — ער וויל פאַרזאָרגן די וועלט, ער וועט זיך אָנליידן, דער קרומער עקשן!...

— די וועלט האַלט זיך דאָך נישט מער ווי אויף זעקס־און־דרייסיק צדיקים, שרייבט זיך ערגעץ־ווו... — האָט איר חוהלע איבערגעשלאָגן.

— דיר איז גרינג צו פּרעדיקן! דו זיצסט ביים רייכן פּעטער און

סיאָמע שטרעקט פאַר דיר זיין לעבן!... אָבער איך מיט שיינדעלען ווערן דערוויל פאַרשוואַרצט און פאַרפינצטערט...

חוהלע האָט געשמייכלט. זי איז דאָך געקומען אַהער זיך צונויפרעדן מיט פריידען, איר דערציילן, וואָס צווישן איר און איר חתן איז היינט פאָרגעקומען... זי האָט חרטה אויפן שידוך און וואַגט עס נישט צו זאָגן סיאָמען און דער קראַנקער מומען. אָבער פריידעס רייד וועגן איר, חוהלעס, גליק, האָט זי שטום־געמאַכט. אַ מאָדנער עלנט האָט זיך צעבונדן אין איר און די בענקשאַפט נאָך נאַומען איז געוואָרן שאַרפער. חוהלע האָט געאַרבעט גיך און האָט בגנבה אַלע מאָל אַ קוק־געטאָן צו דער טיר און געוואַרט אַז נאַום זאָל אַריינקומען.

זי ווייסט גאָרנישט, פאַר־וואָס נאַום האָט זיך לעצטנס אויפגעהערט צו ווייזן. אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט זי, חוההלען, געוואָלט קושן און זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט. און אפשר איז ער גאָר קראַנק פון בענקשאַפט צו איר? נאַום האָט אַ האַרץ ווי אַ סטרונע פון אַ פידל. טאָ פאַרוואָס האָט ער זי, חוהלען, געוואָלט קושן, ווייסנדיק אַז זי האָט שוין אַ חתן?... און סיאָמע איז פאַרליבט איבער די אויערן. מן־הסתם איז נאַום אויך פאַרליבט אין איר... יאָ! זי האָט עס געזען אין זיינע ווייכע בליקן, אין זייך יעדער באַוועגונג, אַפילו פון זיינע טריט האָט זי עס אַרויס־געפילט... פריידע ווייסט נישט ווי גליקלעך זי איז, ווייל זי האָט ליב איר זוסיען. זי האָט צוליב וואָס צו ליידן און זיך צו פלאגן. אַז מען איז נישט פאַרליבט, ליידט מען דאָך אומזיסט און דאָס האַרץ איז טרויעריק, קאַלט ווי אין אַ פּוסטיניע... און זי, חוהלע, האָט דאָך געגעבן איר וואָרט חתונה צו האָבן מיט סיאָמען, ער שיקט געלט צו אירע טאַטע־מאַמע.

פריידע האָט זי באַטראַכט מיט אַ זייטיקן בליק, אַפילו מיט ווייבערישן איינפאַל. זי האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— חוהלע, וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט, וואָס? די קי אין דער טשע־רעדע זענען דיר פאַרלוירן געגאַנגען? עס פעלט דיר אויף אַ מלבוש? אָדער דו האָסט פליגעלעך אין בעזל?...

— ווער באַקלאָגט זיך דען? — איז חוהלע געוואָרן רויט און נישט געוואַגט אַ קוק צו טאָן אין פריידעס זייט.

פריידע האָט ווידער אָנגעהויבן ברעכן פּיסקעס און דערציילן וועגן שיינדעלעס פאַרשפּעטיקן און וועגן פעטער עליעס העזה, און דאָס אַלץ ווייל זי, פריידע, איז אָרעם... דער מאַן אירער וויל פאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט און נישט דאָס אייגענע ווייב מיטן איינציקן אויג אין קאָפּ... זאָל

חוהלע נישט מיינען, האָט זי געזאָגט, אַז אַלע גרינע ווערן דאָ אויפגעריכט, זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב און ווייסט עס נישט ווי אָפּצושאַצן... און צו שיינדעלען:

— דו האָסט נישט קיין גאָט אין האַרצן. דו ביסט דער טאַטע מיט די ביינער, עס זאָל פעלן אַ פּינטעלע!... און איך וועל אַוועק ווהין די אויגן וועלן מיך טראָגן.

די קליינע האָט אָנגעגאָסן אַ פרישע מאַטע און זי צוגעטראָגן צו דער מאַמעס מויל:

— נאַ, טרינק, עס ווערט קאַלט...

נאָך דעם האָט זי אויפגעבונדן דאָס פּעקעלע און אַרויסגעלאָזט אַן „אוי"! זי האָט פּאַוואָלינקע אַרויסגעצויגן פון דאָרטן אַ פּאָר ווייסע שיכלעך און קורצע זאָקן, אַ ווייס האַנט־בייטעלע, הענטשקעס און אַ שטיק ווייסע זייד אויף אַ קלייד.

פריידע האָט געשנורעוועט די רויטע, גרעבלעכע ליפּן:

— דער פעטער, חוהלע, מאַכט פון איר אַ תל...

— שווייג, פריידע, זאָל דאָס קינד הנאה האָבן! — האָט חוהלע גע־ענטפערט. — טו אַ קוק ווי זי שיינט!...

די קליינע האָט צעטומען דאָס שטיק סחורה און עס אַרומגעוויקלט אַרום זיך. דאַן האָט זי זיך צעוויגט אַנטקעגן דעם געפלעקטן שפּיגל פון דער אַלטער, צעפּאָרענער שאַפע און גערעדט ווי אַ דערוואַקסענע:

— עס פּאַסט מיר צו זיין אַ כלה... מיין חתן וועט זיין אַ דאָקטער!...

דיין חתן, חוהלע, געפעלט מיר נישט: ער האָט קאַלמיצקע אייגעלעך...

חוהלע האָט שמייכלענדיק געפרעגט:

— און נאָום געפעלט דיר, שיינדעלע? זאָג דעם אמת!...

די קליינע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, קוקנדיק פאַרזיכטיק צו דער מאַמען. פריידע האָט איר צוגעוואָרפן אַ קלעצל פּאַדים און גע־שנורעוועט די ליפּן:

— דו, ראַזמאַזונע מוידו! דו!... דו!...

חוהלען איז געוואָרן ענג אין דער ברוסט. זי האָט זיך דערפילט אַליין, און דערצו ווי אָפּגענאַרט. סיאַמע איז איר געוואָרן בענטער... ווייל ער איז דאָך ערנסט און געטריי. ער איז נישט קיין צוויי־פּנימדיקער... אַלץ אין איר האָט זיך איצט געמישט, געוויינט, געבענקט, געליטן און זיך אויפ־געלייזט אין איר עקשנותדיקער באַשטימונג:

— זאָל עס גיין ווי עס גייט! זאָל זיין וואָס עס וויל. זי האָט געגעבן

איר וואָרט, וועט זי נישט צעברעכן סיאָמען און נישט די קראַנקע מומע, וואָס רעשט און גרייט שוין צו די חתונה... נאָך וועמען בענקט זי? נאָכן טאַטנס טשאַכאָטקע, נאָכן דלות זיינעם? צו וועמען וואָלט זי דאָרט אַנגעקומען? זי וואָלט דאָרט געוויס פאַרזעסן, די מויד, אָדער גאָר חתונה געהאַט מיט אַן אלמן, אַ טאַטן פון קליינע קינדער דערצו...

— איי, אַמעריקע, אַמעריקע! — האָט פריידע געזיפצט. טריפה לאַנד וואָס דו ביסט! איינעם הייבסטו אויף ביזן זיבעטן הימל און דעם אַנדערן שטופּסטו אַריין ניין איילן אין דער ערד... דער בידנער זוסיע איז דאָך געוואָרן!... יאָ, אַ סך מענטשן זענען דאָ נתעשר געוואָרן... און פון וואָס?...

***

אין גרויסן זאַל מיט די העלע באַפּרענדזלטע פאָרהאַנגען איבער די ברייטע פענצטער צו דער גאַס האָט זיך געטומלט, געזעשט. טירן האָבן זיך הפקרדיק צעפּראַלט. געסט זענען געקומען, מען איז געלאָפן אַריין און אַרויס. די ווינטערדיקע זון האָט זיך, ווי זילבערנע רייפלעך, צעלייגט און געמיניעט אין די טיפע ווינקלען און איבער די פּעלץ־מאַנטלען, פּאַלטאָס און היטן, וועלכע די געסט האָבן אַנגעוואָרפן אויף די טיפע געבעטע שטולן און אויפן דיוואַן.

אויך אין די טיפע קאַרבן פון פעטערס פּנים זענען געזעסן זון־פּעדים און באַשיינט דאָס שמייכעלע אַרום דעם מויל און אין די אויגן. די אַכטקאַנטיקע יאַרמעלקע איז געזעסן ביי אים אויפן שפּיץ קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געגרייט אַוועקצופליִען ערגעץ. דער שוואַרצער שניפּס ביים ווייסן קאַלנער פון העמד איז געווען צעקנייטשט, ווייל עליאָס האָט אים אַלע ווײַלע געצויגן דאָ אַהין, דאָ אַהער, ער האָט אים געוואָלט אינגאַנצן אַראָפּרייסן, אַוועקוואַרפן אין מיסטקאַסטן... מיט די שלייקעס איבערן ווייסן העמד האָט ער ווי אַ דעמב, אַן אַנגעגאָסענער מיט זון, זיך אַרויסגעהויבן פון צווישן די געסט, וואָס זענען געשטאַנען אַרום צוויי לאַנגע טישן פולע מיט געבעקסן און פלעשער מיט אַלערליי געטראַנקען.

די געסט זענען געווען היימישע מענטשן, אַממערסטן לאַנדסלייט און אייניקע באַקאַנטע סוחרים. מען האָט זיך דאָ געהאַלטן פריי און היימיש, אָפט געביטן דאָס פּלאַץ כדי צו זיין נענטער צום טיש. מען האָט גערעדט אַלע צוזאַמען און הויך אויפן קול, ווי יעדן איינעם וואָלט זיך געדאַכט, אַז מען געפינט זיך צווישן טויבע... מען האָט גערעדט מיט די הענט, מיט די אויגן, דערציילט וויצן, גערעדט וועגן אויפגעקומענע און אָפּגע־

קומענע גבירים... וועגן קויפן און פאַרקויפן הייזער מיט פלעצער צום בויען. דערציילט ווער עס האָט געמוזט פאַר שפּאָט־ביליק פאַרקויפן אַ שטוב כדי צו קענען דעקן אַ חוב און פטור ווערן פון גרויסע פּראָצענטער, און וועמענס שטוב איז געווען אין ליציטאַציע...

ווייבער, באַהאנגענע מיט זייגערלעך, בראַסלעטן און גאָלדענע פינ־גערלעך האָבן גערעדט וועגן מאָדעס, דינסטן און וועגן די געהיימע ליבעס פון זייערע דינסמיידלעך, וועגן פאַלשע פאַמיליע־לעבנס צווישן גאָר נאָענטע מענטשן...

עליאַס האָט אָפט געהויבן זיין גלאָז, דאָ צו די ווייבער און דאָ צו די מענער:

— זאָל זיין מיט מזל, איינגיכן און אויף אַ גוטן אופן ביי אייערע קינדער!...

— אָמן, דאָן עליאַס, אָמן! איר זאָלט דערלעבן ביי אייניקלעך, ביי אור־אייניקלעך!...

ער האָט געשמייכלט. די היימישקייט פון די געסט האָט אים גערירט ביז טרערן. אָט שטייען דאָ אייניקע פון זיינע אַמאָליקע חברים. ווי ערשט נעכטן וואָלט עס געווען, ווען זיי האָבן זיך טאָג־טעגלעך געטראָפן ערגעץ אויף די וועגן פון די הינטערשטעטלעך. אַלע זענען געווען אָרעם, איינ־געטונקען אין בלאָטע און מיסט, מען האָט זיך געשלעפּט אויף אַלטע ווע־געלעך, געקלאַפּט אין טירן און ביי די פלויטן אַרום די ראַנטשאָס און אויס־געכאַפּט איינער ביים צווייטן מציאהלעך... יעדן האָבן דעמאָלט פון מיסט אַרויסגעגראַבלט פּרנסה פאַר ווייב און קינדער. — האָט עליאַס אַ זיפץ־געטאָן. — עס זענען געווען טרעסאַנטנע יאָרן!... עס האָט אים, עליאַסן, אויך געפרייט, וואָס די דאָזיקע יעדן האָבן נישט באַקומען קיין פליטערלעך אין נאָז, ווי עס טרעפט אָפטמאָל מיט די אויפגעקומענע גבירים...

פריידע איז אַרויפגעקומען פון הינטערהויף, וווּ זי איז געווען פאַר־נומען ביים צוהעלפן די סאַרווערנס. אירע ברוינע האָר האָבן געשיינט אַרום דעם קליינעם פאַרפלאַמטן פּנים מיט די גרויסע ברוינע אויגן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער ווייסער קאָפּטע מיט אַ הויך אויסגענייט קעלנערל און מיט אַ שנור אַרום דער טאַליע.

זי איז געבליבן שטיין פונדערווייטנס און געפרעגט:

— עליק, אפשר באַדאַרף איך דאָ עפּעס צוהעלפן?

— קום אַהער, פריידע, פאַזשאַלוסטאַ!... — האָט עליאַס צענומען די הענט ווי ער וואָלט זי געוואָלט אַרומנעמען, און זי צודריקן צו זיך. זיינע

אויערן זענען געוואָרן פאַרפּלאָמט און די אויגן איבערגעצויגן מיט אַ כמאַרקעלע. פריידע איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט קאַלט געגריסט אירע אויפגעקומענע לאַנדסלייט. אַלעמענס אויגן זענען צוגעפאַלן צו איר. עליאַס האָט זי פאָרגעשטעלט פאַר זיינע אַלטע באַקאַנטע:

— דאָס איז מיין קרובה, אַ נאָענטער מענטש, ממש אַ שוועסטער... איך האָב זי געבאָדן און געוויקלט. מיר זענען געווען שכנים...

פריידע האָט דערפילט אויף זיך זשעדנע בליקן פון אייניקע מענער. עס איז איר געוואָרן הייס פון בושה. זי האָט אַ זופּ געטאָן פון דעם ווישניק, וואָס עליאַס האָט איר דערלאַנגט און האָט צוריק געשטעלט דאָס גלעזל:

— עליק, ווו איז דיין רוזשע? און די כלה? זיך נאָך אַלץ נישט אָנ־געטאָן?

— דו קענסט נאָך נישט מיינע? — האָט ער צופרידן געשמייכלט.

— ביי איר מוז דאָך אַלץ זיין פּינקטלעך און אַקוראַט...

פריידע האָט געוווסט, אַז רוזשע האָט נישט געוואָלט צולאָזן, מען זאָל איר העלפן אָנטאָן די כלה, וויל צווישן די געסט וועלן זיך געפינען איי־ניקע פון אירע גוטע פריינט און חברטעס, וואָס האָבן זי תמיד באַרעדט און אויסגעלאַכט איר געשמאַקלאָזיקייט. זיי, די גוטע פריינט, זענען געווען פון די ערשטע אויפצוהערן זי צו באַזוכן ווען זי איז געוואָרן קראַנק. זיי האָבן אַרויסגעבראַכט אַ קלאַנג, אַז זי, רוזשע, איז עפּעס נישט אינגאַנצן ביי די געדאַנקען... זי טרייבט פון זיך מענטשן; קריגט זיך, אָדער זי וויל מען זאָל גאָר איבערליגן ביי איר...

רוזשע האָט געוואַרט אויפן טאָג פון חווהלעס חתונה, כדי צו קענען וויזן אירע פאַלשע פריינט, ווער עס איז מער מענטש, ווער עס האָט אַ גוטן געשמאַק און ווער עס קען חתונה־מאַכן אַן אָרעמע פּלימעניצע... זי האָט זיך טאַקע נישט געאײלט אַריינצוקומען איין זאַל: נישקשה, עליאַס קען זיך אַליין אַן עצה געבן! אַזויגע פריינט האָבן גאָרנישט די ווערט, אַז זי זאָל צו זיי טרינקען „לחיים!"... ווען דער היישעריק וועט זיי אַ ביס־טאָן אין גראָבן פלייש, וועט זי, רוזשע, נישט אַנטלויפן... אַמעריקאַנער פּוסטעקראַטיע, טפו זאָלן זיי ווערן!...

פריידע האָט געוואַרט ביז די טיר פונעם שלאָפצימער האָט זיך ברייט צעעפנט און רוזשע איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. זי האָט פּוב־וויטנס געשמייכלט צו די געסט, העפלעך געגריסט און אַ פאַך־געטאָן מיט דער ווייסער הענטשקע, אַ צייכן, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכס וועט באַלד געשען...

אויף אירע אַקסלען האָט געהאנגען אַ נייער דריי־פּערטלדיקער מאַנטל פון טייערן גרויען פּוטער מיט אַ ווייסן ברייטן קאָלנער. דאָס קלייד פון שוואַרצן סאַמעט און מיט ברייטע קליאָשן איז געווען לאַנג ביז די הויכע אויסגעהוילטע קנאָפּל פון די שוואַרצע זיידענע שיך זי האָט אויסגעזען העכער און עפּעס חשובער ווי אויף די חתונות פון אירע אייגענע קינדער.

באַלד איז זי אַריינגעגאַנגען אין זאַל, און נאָך איר איז געגאַנגען די שוואַרצע מאַריאַ אין אַ ווייס דריי־שפּיציקן פאַרטוך און מיט אַ רויטער רויז אין דעם דעקאָלטע. מאַריאַ האָט געטראָגן פאַר זיך אַ גרויסע טאַץ מיט געפּרעסטן פלאָדן אויף קליינע שעלעכלעך. רוזשע איז געווען מונטער און שאַרמאַנט. אירע טריט זענען געווען לייכטע, שוועבנדיקע. דער לאַנגער שלעפּ פון קלייד האָט זיך פאַרשייט געוויקלט און געדרייט אַרום אירע פיס. זי האָט געפילט אויף זיך די בליקן פון אירע געסט און זיך געמאַכט נישט זעעוודיק.

— מיר זאָלן דערלעבן צו זען ביי זיי אַ געזונטן דור!... — האָט זי אונטערגעטראָגן דעם מאַן אירע צונויפגעשנורעוועטע ליפּן און ער האָט איר אַ קוש־געטאָן און נאָך דעם געענטפערט:

— אָמן !...

זי האָט דערזען פרײדען שטייענדיק אין ווינקל ביים פענצטער, האָט איר אַ זעץ־געטאָן אין האַרצן און דער אָטעם איז איר געוואָרן ווי איבער־געהאַקט.

— אָט שטייט זי דאָרטן, די קאַצאַפּעכע מיט די גראָבע ציצן. עס קריכן איר אַרויס די אויגן, טפו!...

זי האָט צו איר געטאָן אַ פּאָכע מיט דער ווייסער הענטשקע און געשמייכלט.

פרײדע האָט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ איר צוריק געענטפערט און געטראַכט :

— פאַרוואָס קומט עס איר, דער טרוקענער פייג, אַזאַ מאַן און אַזאַ ברייט עשירות? עס פּאַסט איר צו זיין רייך ווי עס פּאַסט דעם חזיר אַ קראַנץ בלומען...

ווייבער האָבן זיך געשטורכעט אין די זייטן און גערעדט שטיל:

— זי זעט גאָרנישט אויס אַזוי גראָוע, די ביטערע ליטוואַטשקע...

— ווייסיך וואָס, נייע מלבושים דעקן צו דאָס פּוילעכץ... זי איז הוילע רעצעפּטן... הוילע סם!... עס איז פונדעסטוועגן אַ רחמנות...

— זי האָט אַן אייזערנעם ווילן. זי וועט איבערלעבן צען געזונטע...

— דעם פגר פון קלויסטער קערט מען נישט אום... זי האָט נישט געוווּסט ווי צו לעבן און וועט אויך שטאַרבן ווי אַ בהמה...

— זי איז אָבער אַ טריסאַנטער טיפּ...

— דער דיאַבלאָ ווייסט איר, דער דאָזיקער ליטוואַטשקע... צען לעבנס טליִען אין איר... זעט, ווי זי דרייט זיך אויפן קאַריק, טפו!... זי האָט אַליין געניית דאָס קלייד. עס זינגט פון איר אַראָפּ... עס שמעקט!... מען קען זי נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט... ניין, ניין!... זי האָט דאָך געניית דער כלהס קליידער!

— ווייסעך, אַז מען קאָכט אין האָניק אַ שווייסיקן שקראַב, ווערט ער אויך זיס...

— אירע קינדערלעך וועלן אוודאי זאָגן נאָך איר אַ רבנן־קדיש... זיי פייפן אויף איר טאַטן!...

— עליאַס זעט אויס ווי אירער אַ זון... נישקשה, אָסור, צי איך וואָלט אים געטרויט אַ יונגע אלמנה...

— זעט, ווי די גרינע קוקט אויף אים. אָוואַ, אָוואַ!...

— עליאַס שטופּט איר אונטער אַ צענערל... ער לייגט נישט היגטערן אויער, ער פאַסט נישט קיין תעניתים...

רוזשע האָט צערוקט דעם פאַרהאַנג איבער דער טיר און חוהלע איז אַריינגעקומען, און נאָך איר דווידקע מיט שיינדעלען.

ווייבער האָבן אַרויסגעלאָזט אַן „אוי”, און זי באַפאַלן מיט קושע־נישן, ווינטשעוואַניעס און באַוווּנדערונג:

— שיין!... דאָס קלייד איז ווי אַריינגעוואַקסן אין איר. אָוואַ!...

— אַ מלאך!...

— אַ פּאַרשוין!...

— אַן אַקטריסע!...

מענער האָבן זיך איבערגעקוקט, געשמייכלט:

— נישקשה, מיט אַזאַ מויד קען מען שוין זיין צען יאָר אַן אַ ווייב...

שיינדעלע אין אַ לאַנג ווייס קלייד מיט אַ וואַל, פּונקט ווי דער כלהס, האָט נאָכגעטראָגן דעם לאַנגן שלעפּ פון חוהלעס וואַל און דווידקע אין אַ שוואַרצן, געפּאַסטן פראַק ביז איבער אַ העלפט פון די שמאָלע הויזן מיט פאַסן פון זייד און אַ שניפּס ביים ווייסן האַרטן קאָלנער פון דעם העמד. ער איז געשטאַנען ביי שיינדעלעס זייט און דערשראָקן געקוקט אויף די געסט.

שיינדעלע האָט אויף אים אַ זייטיקן קוק־געטאָן, געשנורעוועט די ליי־פּעלעך און געמורמלט:

— זיי נישט אַזוי שטייף, דו זעסט אויס ווי אַ סטראַזשניק!...

דווידקע האָט זי אָפּגעגאָסן מיט אַ בייזן בליק, אַ טרעט־געטאָן אויפן שפּיץ פון איר ווייס ניי שיכל און געחוזקט פון איר:

— דיין קלייד געפעלט מיר נישט. זעסט אויס ווי אַ כלה...

זי האָט אים אַ שטורכע־געטאָן אין זייט, געוואָרן רויט און געענטפערט:

— און מיר געפעלט עס יאָ. מיין פעטער עליק האָט מיר געקויפט די סחורה און מיין מאַמע האָט עס אויפגענייט...

— באַ! איך וועל זאָגן מיין זיידן, וועט ער עס אָפּנעמען צוריק...

זי האָט שמייכלענדיק געמאַכט אַ פיגורעלע און אים אַרויסגעשטעקט די צונג.

— ווען איך וועל חתונה האָבן, וועסטו מיר נאָכטראָגן דעם שלעפּ פון וואַל... — האָט זי נאָך אַ ווילע טראַכטן אים איינגערוימט אין אויער.

— דו וועסט טראָגן מיינעם אוידן! — האָט ער גיך געענטפערט

אָבער זי האָט אים איבערגעשלאָגן אינמיטן:

— אַ חתן האָט נישט קיין שלעפּ...

— בוענאָ; וועט עס זיין דער שלעפּ פון מיין סעניאָראַ...

— אײדער מען שטעלט די חופּה איז מען נאָך אַ כלה... אידיאָט!...

זי האָט אַ קוק־געטאָן צו דער מאַמען, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געוואָרן רויט און מיט די בליקן איר געהייסן האָבן געדולד...

דווידקע איז געקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקטן ענטפער:

— איך וויל נישט מיין סעניאָראַ זאָל זיין אַ כלה!... מיר געפעלט עס נישט... און ער האָט איר מיט צאָרן אַ דריגע־געטאָן מיט אַ פוס:

— גיי דיר פון מיין זיידנס שטוב, דו גרינע חיה!...

— און דו ביסט אַן אייזל, אַן עקשן!... דו ביסט געראָטן אין דיין באָבען. זי איז אַ קאַרגע ליטוואַטשקע!... — האָט זי אים אַ קניפּ־געטאָן אין האַרטן פליש און אים געוויזן די פּלייצע. דאָס יינגל האָט זיך צעוויינט, געטופּעט מיט די פיס און געשריִען:

— זאָל די גרינע אַרויסגיין פון דאַנען!...

די געסט האָבן זיך צעשמייכלט; דער קרייז אַרום דער כלה איז געוואָרן ענגער. דווידקע האָט געשריִען:

— אָט וועל איך איר געבן מיט אַ פויסט איבערן בויך און וועל זי דערהרגענען...

רוזשע איז צוגעפאַלן צום אייניקל, אַרומגעצויגן דעם זוים פון פראַק און לאַכנדיק גערעדט ווי צו אַ דערוואַקסענעם:

— ביסט דאָך אַ מאַנספּאַרשוין... האַלט דיך לייטיש, אַ מכה דער באָבען פאַר דיר, דווידקעלע קרוין!...

— אָך אייזל איז ער! — האָט שיינדעלע אַ בורטשע־געטאָן. — ער ווייסט נישט, ווי זיך צו באַגיין מיט אַ דאַמע...

עס איז געוואָרן אַ געלעכטער. רוזשע האָט אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט און זי האָט זיך צעטענצלט אַרום דער כלה. די ברייטע קלאַשן פון איר לאַנג קלייד און מאַנטל האָבן זיך נאָכגעדרייט. עס האָט געשלאָגן פון איר מיט שטאָלץ און מיט מאַמעשער יוירדע.

— ווו איז דער חתן, די אונטערפירער, ווו? — האָבן ווייבער אָנ־געהויבן פּאַטשן מיט די הענט און זיך אונטערהעצקען.

דערווייל איז רוזשע אַרויס אויפן באַלקאָן צו זען, צי די קינדער מיטן חתן קומען שוין.

דרויסן, פאַר דער טיר פון קלייט האָבן זיך ארומגעדרייט יונגעלייט, מיידלעך, קליינוואַרג זענען געקראָכן אויף די פענצטער, אויף די טרעפּ און געשריגן: — ווו איז די כלה?

דער אַלטער כאַאַקין, איינגעהילט אין זיין פּאַנטשאַ, איז געזעסן אויף דער שטיינערנער באַנק, געפּיפּקעט זיין ליולקע און אויך אַרויסגעקוקט אויף דער כלה.

רוזשע האָט פונוויטנס געגריסט די שכנים אויף די באַלקאָנען, גע־פּאַכעט צו זיין מיט די הענטשקעס און מיט פינגער־צייכנס געגעבן צו וויסן, אַז די כלה שיינט, אַ פּראַכט...

ווען זי איז צוריק אַריין אין זאַל האָט זי דאָרט געטראָפן נאַומען. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער גימנאַזיע־בלוזע. דער קאָלנער פון דעם גרויסן געפּאַסטן רעקל מיט צווייי רייען קנעפּ איז געווען פאַר־שפּיליעט ביז אונטער דער גאָמבע און די געדיכטע האָר מיט אַ ברייטן שרונט אין דער מיט זענען געווען צעשויבערט און עטוואָס געלאָקט. אין חוהלעס אויגן האָט ער אויסגעזען ווי מאַקסים גאָרקי, וועמענס אַ בילד, אויסגעשניטן פון אַ צייטונג, זי האָט געהאַט באַהאַלטן.

איר האַרץ האָט געקלאַפּט. איר האָט זיך געגלוסט וויינען... נאַום האָט איידל אָנגענומען די שפּיצן פון אירע פינגער מיט די שמאָלע גע־פאַרבטע נעגעלעך, זיי געקושט, און האָט אויפגעהויבן צו איר זיינע רויקע

בליקן, פולע מיט בענקשאַפט, מיט חלומות, ער האָט איר געוווּנטשן גליק און אייביקע ליבע...

עמיצער פון די געסט האָט איר צוגעטראָגן אַ בוקעט בלומען, צווישן וועלכן עס האָט אַרויסגעבלאַנקט נאָומס אַ וווּנטשקאַרטל. חוולה האָט די בלומען צוגעדריקט צום האַרצן און זיי אַרומגעשמעקט: — אַ! אַ! — און עס איז איר געוואָרן נישט־גוט, ווי צום חלשן.

די שוואַרצע מאַריאַ האָט אַ קוק־געטון צו רזשען; ביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען. רוזשע איז געווען אָנגעכמורעט בייז. מאַריאַ האָט זיך צע־הוידעט און אַריינגעשיפּעט אין זיך:

— אַ בליץ זאָל אים צעשפּאַלטן, דעם ווילגעבוירענעם!... תמיד, ווען ער באַווייזט זיך אַהער, ווערט דאָס מיידל ווי צעמישט, גייט אַרום אַ טרויע־ריקע, אַ פאַרבענקטע... און דער אָרעמער סימאָן אַרבעט ווי אַ טיגער און גרייט צו פּאַר איר מיט דעם „זכר" אַ וואַרימע היים... אַ ברייט בעט... אָרעמער באַהערנערטער...

עליאַס איז צוגעגאַנגען צו דער כלה, אָנגענומען אירע לאַנגע פינגער און זי אַוועקגעפירט אַ טענצל. פון אָנהייב האָט זי זיך ווילנלאָז נאָכגע־דרייט, ווי זי וואָלט געווען מיד און בעסער געוואָלט גיין זיך אויסרוען. אָבער דער פּעטער האָט נישט נאָכגעלאָזט. ער האָט געהויבן דאָ מיט איין אַקסל, דאָ מיטן צווייטן, געמאַכט פיגורן, צוגעקלאַפּט מיט אַן אַפּצאַס און מיט די פינגער אינדערלופטן, באַלד געטופּעט מיט אַ פוס און אַרויסגעלאָזט קוויטשעלעך, ווי ער וואָלט זיך געפונען אויפן „זשאַק" צווישן היימישע פּויערים און געוואָלט אויסנעמען מיט זיינע קענטעניש... און אָט האָט ער אַרומגעוויקלט אַ האַנט אַרום דער כלהס טאַליע און זי אָנגעהויבן מיט־שלעפּן אין אַ רומענישע סערבע. חוהלע האָט זיך צעוויגט. אין איין האַנט האָבן געציטערט די בלומענקעפּ פון בוקעט און מיט דער אַנדערער האָט זי געמאַכט אומקרייזן ווי אַ טויב, זיך באַוועגט, געשוועבט און דורך האַלב־געשלאָסענע ווי:עס געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט... און דאָס ווייסע קלייד האָט געשוועבט אַרום איר.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָט דער עולם געפּאַטשט מיט די הענט, גע־טופּעט מיט די פיס און פאַרלעכוויז זיך אַ לאַז־געטאָן אינעם טאַנץ. ערשט דאַן האָט זיך חוהלע אַרויסגעגליטשט פון פּעטערס האַנט. זי האָט זיך אַ לאָז־געטאָן ווי אַן אָדלער, וועלכן מען האָט נאַרוואַס פריי־געמאַכט זיינע געבונדענע פליגלען.

זי האָט געשוועבט, באַוועגט מיטן קאָפּ, מיט די הענט. דער לאַנגער

שלעפּ פון איר חופּה־קלייד און פון וואָל האָבן זיך ווי ווייסע שמעקעדיקע ווינטן געדרייט אַרום איר.

שיינדעלע האָט איר נאָכגעקוקט און פאַרלוירן געדלובעט מיטן פינ־גער אין דער נאָז, און דווידקע האָט אַראָפּגעריסן דעם שוואַרצן שליף פון זיין קאָלנער:

— וואָס האָט מען מיך דאָ אָוועקגעשטעלט? עס וואַרגט און די נייע שיך קוועטשן מיר די פיס!...

— חוהלע זעט אויס ווי אַ ווייסע נימפע, און זי וויגט זיך צווישן די בלויע כוואַליעס פונעם ים... נישט אַזוי, פרײדע?... — האָט זיך נאָום אָנגערופן. — זי בענקט...

— דו האָסט נישט באַדאַרפט קומען, נאָום! — האָט זי אים איינ־געדרוימט אין אויער. — דער נאַראַד פאַרשטייט אַלץ... דו האָסט אָנגעמאַכט אַ צרה... זע נאָר ווי זיי קוקן...

— דו ביסט אַ קליינשטעטלדיקע יידענע, און קיינער פרעגט נישט ביי דיר קיין עצה...

— מאַך נישט קיין פוילע שטיק, נאָום!... איך האָב עס פיינט. — האָט זי אים איבערגעשלאָגן. — איך ווייס, אַז דו האָסט איר געראָטן נישט אָפּצולאָזן דעם שידוך. באַדאַרף מען דעריבער זיין אויסגעהאַלטן!...

רוזשע, אַ צעפלאַמטע, איז ווידער אַרויס אויפן באַלקאָן און פון דאָרט אַריינגעשריגן אין זאַל:

— עליאַס, אָט קומען די קינדער מיטן חתן; מ׳דאַרף איבערפירן די כלה; וואָס העפּעט זי?... עלי, עליאַס!...

**
*

עליאַס מיט דער אַכט־קאָנטיקער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און מיט די שיך אויף די פיס איז געלעגן אויפן בעט און אויסגעדרייט מיטן רוקן צום ווייב, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַרונטערצוװאַרפן פון ערגעץ.

אין צימער איז געווען פּוסט און אימהדיק שטיל. פון די טיפע קאַלטע ווינקלען האָט געיאָגט אַן עלנט, ווי מען וואָלט נאָר־וואָס אַרויסגעטראָגן אַ בר־מינן. דער ווינט הינטער דעם פענצטער האָט געקלאַפּט איבער די נאַקעט־פראָסטיקע צווייגן פון בוים און אַ רויטלעכע שיין האָט געציטערט איבער די לעצטע טרוקענע בלעטער. די מאָנאָטאָנע מוזיק־קלאַנגען פון קאַרוסעל האָבן זיך אַריינגעריסן אין צימער, אויפרייצנדיק רוזשעס נערוון און דעם נודנעם געמיט־צושטאַנד.

רוזשע איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף די הויכע ווייסע קישנס מיט די אַלערליי אויסגענייעכצער. זי איז געווען איינגעהילט אין אַ גראָבן, געשטריקטן שאַל פון ווייסער וואָל און צוגעדעקט מיטן אויבערבעט. עס איז איר אָבער געווען קאַלט ווי זי וואָלט געלעגן אין פּראָסטיקן דרויסן. אירע פינגער זענען געווען בלוי און געשוואָלן. עס איז איר געווען שווער צו ענדיקן שטריקן אַ ווייסן סוועטער פאַר שימעלעס וועגן. זי האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט, געגעניצט. יאָ, זי איז נאָך אַלץ מיד פון דעם רעש אויף חוהלעס חתונה. אָבער נישט אַלץ אין איר, רוזשעס, לעבן גייט אויף אַן אמתן קאַפּויער, ווי זי פלעגט אַמאָל אין מינוטן פון חשבון־הנפש באַדויערן און טראַכטן פאַר זיך אַליין. אויף חוהלעס חתונה האָט זי איינגעזען, אַז עליאָס האָט גוט געטאָן מיטן אויסשגצן דעם זון, ווייל, סיי שימעלע און סיי רבקהלע זענען זינט דעמאָלט געוואָרן נישט צו דערקענען. שימעלע האָט געטאַנצט מיט דער מאַמען אַ וואַלץ און אַ פּאַקסטראָט, און רבקהלע האָט זי אַרומגענומען און אין דער אָנוועזנהייט פון שווער און שוויגער און פון אַלע לאַנדסלייט איר אַ קוש געטאָן אין מויל און אַריינגעשמייכלט אין פּנים, זאָגנדיק מיט שטאָלץ:

— מיין אַלטיטשקע איז די עלעגאַנטסטע פרוי! עס זינגט פון איר אַראָפּ... איך וועל בעטן דער מאַמען, זי זאָל מיר אויך איינפּניען אַ קלייד. וועסט עס מיר טאָן, אַלטיטשקע?...

— פאַרוואָס דען נישט, מיין קינד? וואָס נאָך קען דען אַ מאַמע זיך ווינטשן?...

ווען זי מיט עליאָסן האָבן געטאַנצט דאָס חופּה־ און ברוגז־טענצל איז דער סאַלאָן געגאַנגען אויף רעדלעך. דער גאַנצער עולם האָט געגאַפט. רבקהלע האָט אַזש געקראָגן טרערן אין די אויגן, און שימעלע האָט געפּאַטשט בראַוואָ און נאָכדעם זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן לעבן טאַטע־מאַמע, געטרונקען צו זיי לחיים, דערציילט די געסט וויצן און ווילדקייטן פון זיינע קינדער־יאָרן. עליאָס האָט אויסגעזען ווי אַ יונגערמאַנטשיק. ער האָט אויסגעטאַנצט אַלע מאַזורקעס און בולגאַרישע טענץ, אַפילו די קאַצאַפּקע מיט די גראָבע ציצן איז אויך געוואָרן אַריינגעדרייט צווישן די טאַנצנדיקע, דערצו האָבן די לאַנדסלייט און באַקאַנטע דערזען, אַז איר מי איז נישט קיין אַרויסגעוואָרפענע.

די קינדער זענען גאָרנישט אַזוי אומגעטריי ווי זי מיט איר מאַן מיינען. דער נייער דור איז געוואַקסן זאָרגלאָז, ער האָט זיין אייגענעם וועג און אייגענעם קוק אויפן לעבן. עליאָס אירער איז אַ פּויער, וואָס רירט זיך

נישט פון אָרט. ער וויל דרייען צוריק דאָס רעדל פון דער וועלט, אָבער עס וועט אים נישט העלפן. ער וויל נישט וויסן, אַז לייטן זענען אים מקנא, און עס איז טאַקע דאָ מיט וואָס... איר, רוזשעס, גוטער געשמאַק איינצו־אָרדענען די חתונה און דאָס אויפנייען די מלבושים פאַר זיך און פאַר דער כלה האָט זיי איבערגעראַשט, די יונגע, נאַרישע צוציקעס... עס איז געווען אַ מחיה צו זען, ווי זיי האָבן זיך באַמיט איר צו געפעלן. זי האָט שוין געמיינט אַז אייביק וועט עס אַזוי אָנהאַלטן. די אַלטע גוטע צייטן זענען געקומען צוריק, די צייטן ווען די קינדער האָבן נאָך ניט געקענט אויסקומען אָן דער מאַמעס עצה, אָן איר מיינונג, אָן איר געטרייער האַנט...

און אָט זענען אַוועק נישט מער ווי צוויי וואָכן און אַלץ איז אַוועק. די קינדערלעך, אַ מכה דער מאַמען פאַר זיי, האָבן ווידער פאַרגעסן אָן איר. די מאַמע איז געוואָרן אַ בעטלערן, אַ נאַרישע און מיט אַ קורצן זכרון דערצו. אין שטוב איז וויסט און פוסט און אויפן האַרצן איז אויך נישט פריילעך...

דער טרוקענער ליטוואַק, אַ רוח אין זיינע יאָרן, וויל נישט וויסן, אַז דאָס געשעפט בייטיקט זיך אין אים. ער וועט דאַרף אָנרעדן אויף דער מומען, ער וועט איבערפירן די פלימעניצע און וועט זי אויסנעקערן און אויסזייגן ביז צום ביין. אַן אויסגעהונגערטער און זשעדנער כלב אָט דער סיאָמע... ווו האָט ער זיך פאַרגונען אַרויסצוּוואַרפן צוויי פּעזעס אויף יענעמס מין!... און חוהטשע איז אַ יונגע קאָזע. זי ווייסט, נעבעך נישט, ווו אויס און ווו איין... אָבער זי איז אַ פויערשער עקשן, און ווען דער טרוקענער יונג וועט איבערכאַפּן די מאָס אין זיין באַנעמונג וועט זי אים פיינט קריגן, און עס וועט זיין שלעכט, זייער שלעכט...

און דער געטרייער פעטער, מ׳שטיינס־געזאָגט, ער האָט אין זינען סאָסיעדאַדן. איצט כראָפּעט ער ווי אַ קאָזאַק נאָכן גלעזל. וואָס גייט אים אָן, דעם גראָבן פליגל, זיין פלימעניצעס לעבן? איר גליק און אפילו די אייגענע פּרנסה, וואָס וועט דאָ גיין צום גרונט...

רוזשע וועט מאָרגן, בלי־נדר, אַוועקשיקן אַ טעלעגראַמע און זיי רופן אַהיים. געננוג זיך געליובעט אין דעם האָניק־חודש... זייער וועג הייבט זיך ערשט אָן, ער איז אַ לאַנגער און אָן אויסגעבעטער פון דער מומעס האָרעוואַניע, אָבער איר, רוזשעס לעבן, איז שוין אַ קורצער און באַדעקטער מיט שטעכעלקעס... ווייי־וויי, ווי גיך אַלץ איז אַוועק!...

און אפשר טאַקע אָנהייבן פונדאָסניי? — האָט רוזשע אַ טראַכט־געטאָן.
— אַריינכאַפּן, וואָס עס וועט זיך לאָזן?... זי וואָלט זיך אָפּגערעכנט מיט

אַלע שונאים און אויך מיט דעם טרוקענעם ליטוואַק. ער איז אַן אומדאַנק־באַרע בריאה. ער האָט שוין פאַרגעסן, ווער עס האָט אים געהאָלפן קריגן חוזהלען פאַר אַ ווייב. אַפילו אַ טעלעגראַמע צו שימעלעס געבורטסטאָג האָט דער געמיינער יונג נישט פאַרשטאַנען צוצושיקן. אויך זי האָט נישט באַוויזן אַרויסצוזאָגן דעם סוועטער פאַר זיינעטוועגן און דער טאַטע, דער גראָבער פליגל, האָט זיך נישט דערמאָנט צו קויפן אַ ביסל בלימלעך און זיי צוטראָגן צום טייערן קינד, אַ מכה דער מאַמען פאַר אים...

ווי לאַנג איז עס דען אינגאַנצן, ווען זי איז אין די קימפעט־טעג געזעסן אין בעט און געשטריקט יאַקעלעך און קליידעלעך פאַרן קינדס־וועגן. זי איז דאַן געווען אַ יחסנטע. ווייבער פון קאָלאָניע האָבן אָנגעהאַנגען שיר־המעלותן אויפן ליילעך איבערן בעט און איבער די טירן מיט די פענצטער. און עליאַס האָט דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ יונגער בער. ער פלעגט אויף די שפּיצן פינגער אַריינקומען אין שטיבל און קוקן דאָ אויף איר און דאָ אויפן קינד, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון שטרויענעם קויש...

ער, עליאַס, האָט עס שוין אַלץ פאַרגעסן. אָט ליגט ער און פּאָפט, כראָפּעט ווי אַן אַלטער שיכור. ער געדענקט נישט דעם נעכטן און טראַכט נישט פון דעם מאָרגן. טויזנט יאָר וועט ער לעבן, דער גראָבער פליגל!... גיב אים נאָר אַ גלעזל ווייַן און...

עס האָט אין איר אַ ברען־געטאָן דער כעס און זי האָט אַ טאָרע־געטאָן דעם מאַנס אַקסל, אויסרופנדיק:

— עליאַס, שטיי אויף! ריר זיך, דו!... עס איז דאָך היינט שימעלעס „קומפלעאַניאָס" !..

עליאַס האָט אַ בורטשע־געטאָן פון שלאָף און מיט אַ פּייפעריי פון די געשלאָסענע ליפּן פאַרגראָבן דאָס פּנים אין קישן, זיך אַביסל אָפּגערוקט פון איר און ווייטער געכראָפּעט, קרעכצנדיק פון הנאה.

רוזשע האָט אים נישט פאַרגונען דעם געזונטן שלאָף. זי האָט געמוזט אָנקומען צו שלאָף־פּילן און איז תמיד געווען צערודערט. זי האָט זיך אָנ־געבויגן איבער אים און מיט די לאַנגע נעגל געפּרווט אויפרייסן זיינע אויגן־דעקלעך:

— ריר דיך, דו, דו!... פון וואָס ביסטו אַזוי מיד, האַ? סיידן פון וואַלגערן זיך ביי דער קאַצאַפּעכע מיט די גראָבע ציצן!...

ער האָט מיט כעס אָוועקגעריסן פון זיך איר האַנט, האָט זיך אומ־ווילק אויפגעזעצט, אַראָפּגעלאָזט די פיס, געגעניצט און מיטן אַרבל פון

דעם סוועטער געווישט דעם שלאָף פון די אויגן. איין באַק איז אים געווען פאַרפלאַמט, צעקנייטשט און די אַנדערע — באַדעקט מיט אַ געזונטער פאַרב:

— וואָס איז געשען, רוזשקע? — האָט ער געפרעגט מיט אַ גרעבלעך פאַרשלאָפן קול. — עס טוט דיר עפּעס וויי? דו ווילסט איך זאָל דיר געבן דעם אָרינאַל?...

— רינאַלן ליגן אים אין זינען, דעם געטרייען טאַטן! — איז רוזשע געוואָרן אויסער זיך פון צאָרן. — היינט איז שימעלעס קומפּלעאַניאָס!...

— וואָס בין איך שולדיק, אַ?... אַ גליק האָט מיך געטראָפן!...

— וואָס הייסט וואָס? דו גראָבער פּליגל! מען דאַרף צוטראָגן אַ ראַמאָ פלאָרעס מיט אַ ווינטשקאַרטע!

— איך פייף אויף זיין טאַטן! — האָט עליאָס אומניחהדיק אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט. — ער איז אַ מערזאַוויעץ!... דיין קדישל האָט דאָ, ביי דיין קראַנקן בעט, געדאַרפט פּראָווען אַ לחיים; מערזאָווצעס, ש. מאַט נעכאַי... אויסנוצערס!...

רוזשע האָט פאַרבראָכן די פינגער פון די הענט, זיך צעהוידעט אויפן געזעס און געזיפט צווישן די בלויע פאַרצויגענע ליפּן:

— עליאָס, דו זינדיקסט קעגן דיין אייגן בלוט און פלייש, און גאָט וועט עס דיר נישט מוחל זיין. לייטן זענען אונדז מקנא...

— אַ יחוס אין באָד! — האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ קרעכץ. — דיינע קינדער וועלן דיר שטעלן אַ גאָלדענע מצבה און זאָגן אַ רבנן־קדיש...

— הער אויף צו רעדן טריסטע זאַכן! איך האַלט נאָך נישט ביים סוף!... שטיי אויף זאָג איך דיר! — האָבן די קליינע הענטלעך מיט די בלויע פינגער געציטערט איינגעם מיט איר הייזעריקלעך קול.

עליאָס האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסמיידנדיג אירע בליקן פולע מיט אומגליק און מיט שטראָף. ער איז געווען בייז, אָבער זאָגן עפּעס דעם ווייב האָט ער מורא געהאַט, ווייל סיי דער זון און סיי דער איידעם האָבן אים טויזנט מאָל געוואָרנט, אָנגעזאָגט נאָכצוגעבן דער מאַמען אין אַלץ, און זיך היטן זי נישט אויפצורעגן אויף קיין האָר. ער האָט זיך דעריבער אָנגעטאָן דעם גראָבן אַלטן פּאַלטאָ מיטן קיילעכיקן היטעלע אויפן קאָפּ און געפרעגט:

— ווילסט עפּעס נעמען אין מויל, רוזשע?

— דו האָסט מיך שוין זאַט געמאַכט, עליאַאַס!... — האָט זי מיט רוגזה געענטפערט!...

— אפשר מאַכן אַ מאַטע?

— עס איז מיר שוין גענוג ביטער!...

ער האָט געשמייכלט, אונטערגעברומט זיין באַליבט ניגודל פון „אַ חזן, אַ שיכור", און נאָך אַ ווײַלע טראַכטן ווידער געפרעגט:

— רוזשע, וועסט אפשר עסן אַ זיסן עפּל? איך האָב היינט געקויפט צוליב דיר...

— עס איז מיר שוין גענוג זיס נאָר פון קוקן אויף דיר! — האָט זי פאַרצויגן אירע ליפּן. — גיי, קויף בלומען און טראָג זיי צו צום קינד. אַזוי וויל איך!...

זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט קאַלטער גרויקייט. ער האָט גע־הויבן די אַקסלען, אָפּגעזיפצט און ווידער אָנגעהויבן אונטערצוברומען זיין באַליבט ניגונדל. עליאָס האָט נישט געקענט פאַרשטיין דעם ווייבס כּוח אים צו קענען באַפעלן אויף אַזאַ שטרענגן אופן, אים הייסן טאָן זאַכן וואָס זענען קעגן זיין אייגענעם ווילן. ער האָט געוואָרט, זי זאָל בעטן עפּעס אַנדערש און האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן.

רוזשע האָט אַרויסגעפילט, אַז איצט וועט ער נישט נאָכגעבן, האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אים און האָט ווידער אָנגעהויבן שטריקן דעם סוועטער. אירע געשוואָלענע פינגער זענען געוואָרן רירעוודיקער, זיי האָבן געקושט דעם סוועטער און האָבן געשאָלטן אַלץ און אַלעמען, וואָס ווילן נישט פאַרשטיין איר גרויסע ליבע צו איר געראָטענעם זון.

עליאָס איז פּאַוואָלינקע אַרויס פונעם שלאָף־צימער. ער איז אַוועק צו פריידען.

— הולטאַי, טריפהנער ביין! — האָט רוזשע אים נאָכגעשריִען נישט מיט איר קול. — די קאַצאַפּעכע מיט די גראָבע ציצן איז דיר טייערער פון דיין אייגן קינד... טפו, זאָלסטו ווערן, אַלטער נאַר!...

***

די מורא, אַז שימעלע וועט היינט נישט האָבן דער מאַמעס מתנה מיט איר ווינטשקאַרטע, איז געוועזן גרעסער און שטאַרקער ווי די מורא פאַר דער שניידנדיקער קעלט, וואָס איז ווי אַ סם געלעגן אין אירע קראַנקע ביינער און זי צוגעשמידט צום בעט. דערצו איז ביי איר אויפגעקומען די אַלטע עקשנות וויי־צו־טאָן איר מאַן, אים מאַכן ווילד צוליב אירע צו־להכעיסן און צוליב איר באַווייזן די קינדער, ווער עס האָט זיי באמת ליב...

זי איז אַראָפּ פון בעט, אַריינגעשטעקט די דאַרע פיסלעך מיט וואָלענע זאָקן אויף זיי אין די ווינטערדיקע שטיוועלעך און זיי פאַרשפּיליעט. זי איז צוגעלאָפן צו דער שאַפע, אַרויסגענומען אַ גראָבן סטאַניק, גראָבע מייטקעס

און אַ לאַנג ווינטערדיק אונטערקלייד. אויף דעם האָט זי אָנגעטאָן אַ ברוין קלייד מיט אַ ווייס קראַגעלע און מיט ווייסע שטייפע מאַנקעטעלעך און אַ גרוי זשאַקעטל פון טייערן וואָל. אויף דעם אַלעמען האָט זי ערשט אַרויפ־געצויגן אויף זיך דעם ווייסן דריי־פערטלדיקן פעלץ, וואָס זי האָט זיך געקויפט צו חווהלעס חתונה, זי האָט צוגעקעמט די האָר־קוגעלעך און זיי באַגאָסן מיט פּערפום, צוגעפאַרבט די ליפּן, די בעקלעך און זיי באַשאָטן מיט פּודער, אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ בלויע געבלימלטע פאַטשיילע און זי אויסגעבונדן אונטער דער גאָמבע. עס האָט פון איר אַ שלאָג־געטאָן מיט נייער ענערגיע און זיכערקייט.

רוזשע האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַרומגעדרייט אַנטקעגן שפּיגל. אירע בעקלעך זענען פון אויפרעגונג געוואָרן פאַרפלאַמט, די אויגן האָבן גע־פינקלט און די נאָז איז געוואָרן פאַרשפּיצט. רוזשע האָט געשמייכלט און גערעדט צו זיך אַליין: אוי, קינדערלעך מיינע, אַ מכה דער מאַמען פאַר אייך. צי זענט איר דען ווערט אַזוי פיל ליבשאַפט, אַ?... צי איז דען דער טאַטע אייערער, דער אכזר, נישט גערעכט מיט זיינע טענות צו אייך, אַ?...

זי האָט פאַרשלאָסן די טירן פון דער שאַפע, פון קאָמאָד, די טירן פון די דערבייאיקע צימערן און פון קיך. דאַן האָט זי פון אונטערן צוקאָפּנס אַרויסגענומען אַ טייסטערל מיט געלט. זי האָט עס אַריינגערוקט אין קעשענע פון איר מאַנטל, אַרויפגעצויגן די וואָלענע הענטשקעס און איז גיך אַראָפּ־געלאָפן, פאַרשלאָסן די טיר, איבערדרייענדיק צוויי מאָל דעם שליסל.

דער קאַלטער ווינט האָט איר פאַרהאַקט דעם אָטעם, איר געקראָכן אין די אויערן, אין מויל און געשמיסן אין פּנים. די שפּיצן פון דער פאַטשיילקע האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צו די שכנישע באַלקאָנען צו גריסן די ווייבער, אָבער קיין איינע איז דאָרטן נישט געווען. פון הינטער דורכזיכטיקע פאָרהאַנגען האָבן צו איר אַראָפּגעקוקט ראָזעווע שטיקער ליכט פון ווינקל־לאָמפּן אונטער רויטע אַבאַזשורן און אַ געמיטלעכקייט.

אַרום דער קאַרוסעל איז געווען שטיל. איבערן קופּאָל האָט גערוט אַ פראָסטיקע לבנה, אַ טיפע, אַ דראָענדיקע. צווישן די שיטערע בלעטער אויף די נידעריקעביימלעך ביי די טראָטואַרן האָבן געציטערט לעצטע שטיקער רויטלכער שיין, געציטערט ווי געקוילעטע טויבן מיט בלוטיקע אַראָפּגע־לאָזטע צעבראָכענע פליגלען.

רוזשע האָט מיט איין האַנט צונויפגעצויגן אַרום זיך די צעפלויגענע פאָלעס פון איר מאַנטל און האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר נישט־פאַר־

ענדיקטער געביידע. די דרויסנדיקע ווענט פון שוואַרצן גראַניט האָבן פאַר־בלענדט איר מידן בליק. עס האָט פון די ווענט געשלאָגן מיט קאַלטער פרעמדקייט, מיט גבורה און מיט אייביקייט... די טיף־איינגעגראַווירטע אותיות פון די דאָקטערישע טאָוולען זענען געווען אָנגעפילט מיט שטויב און מיט זאַמד. רוזשע האָט אַרויסגעצויגן אַ האָרנאָדל פון קאָפּ און האָט געטריי און נישט געאײַלט אויסגערייניקט די אותיות און מיט דעם שפּיץ פון איר טיכל אָפּגעווישט די גרינע פלעקן פון די טאָוולען.

זי האָט אייניקע מאָל איבערגעלייענט די גראַווירטע נעמען, פון איר זון און איידעם מיט זייערע ספּעציאַליטעטן, ווי זי וואָלט זיך נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז אירע קינדער וועלן זיך נישט דאַרפן ווערן שונאים צוליב קאָנקורענץ.

איר שימעלע וועט, מיטן אויבערשטנס הילף, האָבן אַ גוטן נאָמען. ער וועט זיין דער ערשטער קינדער־דאָקטער אין דעם נייעם געגנט. און דער איידעם איז אַן אַקושאָר. ער האָט שוין אַ נאָמען, די שוואַרצע האָבן אים ליב, גאָט צו דאַנקען... זאָל דער היזיקער נישט מיינען, אַז ייִדן זענען נאָר געלטגייציק...

שימעלען וועט די מאַמע שיקן קיין לאָנדאָן אָדער פּאַריז. זאָל ער דאָרט דערקענען די וועלט, זאָל ער נאָך לערנען ביי די גרויסע קענער. ער האָט אַ גאָלדן קעפּל. דאָס קינד האָט אַוועקגעגעבן זיינע יונגע יאָרן, זאָל ער כאָטש נישט זיין קיין געוויינלעך דאָקטערל, וואָס פּגרט אוועק נאָך דעם דרייערל פאַר אַ וויזיט. ניין, נישט דאָס דרייערל איז געווען איר ציל, נאָר די קענטעניש. און זאָלן די נישט־פאַרגינער וויסן, וואָס רוזשעס עקשנות איז ווערט... אַזאַ קעפּל ווי שימעלעס קויפט מען נישט פאַר דריי גראָשן. ניין!... אָ, ווען זי אַליין איז ייִנגער מיט אַ צוויי צענדליק יאָר, וואָלט זי געפאָרן מיט אים. אָסור, צי דער זון וואָלט זיך געהאַט מיט וואָס צו שע־מען!... ער האָט זי גענען אויף חוהטשעס חתונה! זי וואָלט זיך מיט אים אײַנינעם געזעצט אויף דער שולבאַנק. זי וואָלט!... יאָ. עס איז נישט צו שפּעט, עס איז נאָך דאָ צייט!...

זי וועט דערוויי באַשטעלן מעבל פאַר ביידע קאָנסולטאָריעס. נישקשה, עס וועט, מיט דעם אויבערשטנס הילף, נישט ווערן קיין לאָך אין דער קאַסע... די קינדערלעך וועלן זיין לעבן דער מאַמען, זיי וועלן פאַרשטיין, זיך צוגעוווינען... אָט, נאָך אַ קאַפּיטשקע און אַלע אירע צילן וועלן זיין דערגרייכט. עליאַסן ליגן אין זיבעט סאָסיעדאַדן... און די קאַצאַפּעכע מיט די גראָבע ציצן!... יאָ, זי וויסט, זי פּילט, אַז די גרינע האָט אָנגעצונדן

עליאַסעס טריפֿהנע בלוטן... עס וועט זיך דאָ טאָן חושך. די קינדערלעך, אַ מכּה דער מאַמען פֿאַר זיי, וועלן אים אויסהיילן פֿון די פּאַרליבעניש!... ווי ער האָט עס געטאַנצט מיט איר איין פּאָלקע נאָך דער אַנדערער! ער האָט געפֿלאַמט ווי אַ באָד־יונג... און זי — שרפֿהנען זאָלן אירע קוראָווישע אייגעלעך, גאָט אין הימל!...

רוזשע האָט דערפֿילט אַ שטעכעניש אין די גלעלנקען. די פֿינגער זענען געוואָרן פֿאַרשטאַרט ווי ביי אַ טויטן. האָט זי מיט דער פּאַרע פֿון איר מויל זיי אָנגעהויבן וואַרעמען. עס האָט אין איר געריודערט פֿון דער־וואַרטונג, פֿון האָפֿענונג.

זי האָט צו רעדן מיט די קינדער וועגן אַ סך זאַכן. זיי זיצן זיך דאָרט מיט פֿאַרלייגטע הענט און וואַרטן ביז די דעפּאַרטאַמענטן וועלן זיין אויס־געצירט ווי אַ כּלה צו דער חופּה. מען טאָר זיך אָבער נישט פֿאַרלאָזן אויף ניסים. אין אַ ליידיקן טאָפּ איז נישטאָ קיין מזל־ברכה. מען דאַרף וואָס גיכער אָפּדרוקן טאַרכעטלעך און זיי צעשיקן צו די איינוווינער פֿונעם געגנט. מען דאַרף אויפֿמאַכן טיר און פֿענצטער, זאָלן די צימערן זיך גוט אויסלופֿטערן און זיך טרוקענען. מען דאַרף צעאַקערן די ערד פֿון הינ־טערשטן שטאָק און פֿלאַנצן ביימער און בלומען. די קינדערלעך מוזן האָבן אַן אָרט צום שפּילן זיך, צו וואַקסן קרעפֿטיקע און גליקלעכע, און זייערע טאַטע־מאַמע זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט... טפֿו, פֿוילאַקעס, ליידיקגייערס! געראָטן אין טאַטן, דעם ווייסן לעבער!...

— דאָניאַ ראָסאַ! — האָט צו איר געשריִען לאַורא, די שוואַרצהויטיקע בלומען־פֿאַרקויפֿערן מיט די גראָבע רויטע ליפּן. — טראַכט נישט אַזוי פֿיל, עס וועט אייך מאַכן שלעכט!...

רוזשע האָט זיך אַ לאָז־געטאָן צו איר, איז אַריין אין קלייטל און אויפֿגעהויבן דאָס שפּיציק־פֿאַרבלויטע פּנים:

— וואָסי, לאַורא, דו זאָגסט מיר שוין אויך דעות?

— ניין, ניין! — איז דאָס מיידל געוואָרן רויט און נאָכגעביק גע־שמייכלט. — איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז אין אַזאַ פֿראָסטיקן טאָג וואָלט די דאָניאַ ראָסאַ באַדאַרפֿט זיין אין שטוב אין וואַרעמען בעט, הערן די ראַדיאָ, און דאָן עליאַס זאָל סערווירן אַ געשמאַקע מאַטע.

רוזשע האָט זי אָפּגעגאָסן מיט אַ פֿלינקן בליק און טראַציק געענט־פֿערט:

— ווען האָסטו געענדיקט אויף דאָקטער, לאַורא? ווילסט אפֿשר מאַכן קאָמפּעטענץ מיין סימאָנסיטאָן און מיין אידעמל, אַ?...

דאָס מיידל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אַרומגענומען רוזשעס שמאָלע אַקסעלעך און זי צוגעפירט צו אַ בענקל מיט אַ ווייך קישעלע:

— זעצט אייך צו, דאָניאַ ראָסאַ, וועלן מיר אַ ביסל שמועסן.

— מאַך מיר אַ שיינעם בוקעט בלומען! — האָט זיך רוזשע אָנגערופן. — מיין סימאָנסיטאַ איז היינט אַלט געוואָרן צוויי און דרייסיק יאָר!...

— זאָל עס זיין מיט מזל! — האָט לאַוראַ צוגעשאָקלט מיטן ווייסן דריי־שפּיציקן קופּקעלע אויפן קאָפּ און העפלעך געדריקט רוזשעס גע־פּרוירענע הענטלעך אין די וואָלענע הענטשקעס.

לאַוראַ האָט געמאַכט אַ גרויסן בוקעט פון אַלערליי קאָלירן, אַרומגע־וויקלט מיט אַ דין ראָזעווע פּאַפּיר און די שטענגלעך פאַרבונדן מיט אַ רויט זיידן סטענגעלע.

— פריִער האָסטו באַדאַרפט אָנשרייבן אַ ווינטשקאַרטע און זי אַריינ־שטעקן צווישן די רויזן.

— גערעכט, גערעכט, דאָניאַ ראָסאַ! — האָבן דעם מיידלס אויגן אַ שוים־געטאָן מיט נאָכגעביקייט. זי האָט אַרויסגענומען פון טישקעסטל אַ קליין קאַרטל מיט צוויי רויטע בלימעלעך אין די ווינקלען:

— נו, וואָס זאָל איך אָנשרייבן?

רוזשע האָט זיך פאַרטראַכט און אין ייִדיש איבערגעחזרט אייניקע מאָל: שימעלע, מיין טייער קינד, מיין איינציק אויג אין קאָפּ, אַ מכה דער מאַמען פאַר דיר!... איך קום דיך באַגריסן צו דיין קומפּלעאַניאָס, ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָר...

לאַוראַ איז געשטאַנען גלייך ווי אַ ווירע, געקוקט, געשמייכלט און צום סוף זיך אָנגערופן:

— אפשר וויל די דאָניאַ ראָסאַ, איך זאָל איר זאָגן, וואָס מען דאַרף שרייבן?

— ניין! — האָט זיך רוזשע אונטערגעהויבן, ווי עס וואָלט איר עמי־צער געשטאָכן אין גראָבן פלייש. — שרייב: זון מיינער! דיין מאַמע ווינטשט דיר לאַנגע און גליקלעכע יאָר... — האָט זי געטריי איבערגעחזרט אייניקע מאָל און שוין אין שפּאַניש.

— און דער דאָן עליאַס ווינטשט נישט דעם זון?

— אַוודאי, אוודאי ווינטשט ער! — איז רוזשע געוואָרן רויט און נאָכ־געביק...

דאָס מיידל האָט הכנעהדיק געשמייכלט. זי האָט אָנגעשריבן די ווינטש־קאַרטע און זי איבערגעלייענט הויך, אויפן קול.

רוזשע האָט באַצאָלט און אויך אַריינגערוקט אין מיידלס האַנט אַ צוואַנציק־סענטיקע מטבע, זיך פאַרטראַכט, געישובט, באַלד אַרויסגעצויגן פון טייסטערל אַ גרין פאַפירן צענערל און עס אַריינגערוקט צווישן די בלומען, לעבן דער ווינטשקאַרטע.

— אָט דאָס הייסט אַ גוטע מאַמע! — האָט לאַוראַ געזאָגט. — פאַר־וואָס בין איך נישט דער דאַניאַ ראָסאָס אַ טאָכטער!...

— מיינסט עס, טאַקע, ערנסט? און איך זאָג דיר, אַז אַזאַ מאַמע, ווי איך, איז ווערט די תליה!... איך האָב געוואָרט צופיל מיטן אויסשטריקן אַ סוועטער פאַר זיינעטוועגן...

— נו, זאָל זיך די דאַניאַ ראָסאַ נישט נעמען אַזוי צום האַרצן. דאָק־טער סימאָן ווייסט, אַז די מאַמע איז, נעבעך, נישט געזונט...

— ביסט אַ האַרטער קאָפּ! — האָט רוזשע אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט. — וואָס־זשע, איך זע דען אויס אַזוי שלעכט?...

— אָ, ניין, ניין! — האָט זי פאַרלוירן געענטפערט — ווי שיין עס פּאַסט אייך דער נייער מאַנטל!...

זי האָט אָפּגעבראָכן פון שטענגל אַ רויטן קלאַוועל און מיט אַ שפּיל־קעלע אים צוגעשטאָכן צום לאַץ פון רוזשעס מאַנטל.

— פּע! נעם עס אַראָפּ! — האָט זיך רוזשע געבייזערט. — דו טרייבסט איבער! אָבער דו געפעלסט מיר. ביסט אַ וואַזשנע פאַרקויפערן, קענסט נעמען דעם קונה...

— אַ מיליאָן דאַנקען! — האָט לאַוראַ געשמייכלט מיט אַ פולן מויל ווייסע שטאַרקע ציין און לייבלעך אַריינגעקוקט אין רוזשעס אויגן.

— לאָז, איך וועל דיר אַ קוש־טאָן אין באַק. ווילסט, לאַוראַ?...

לאַוראַ האָט זיך אָן ווערטער צוגעבויגן. רוזשע האָט איר אַ קוש־געטאָן אין באַק.

— איך האָב ליב קלוגע מענטשן. דו געפעלסט מיר!... וויפל צאָלט מען דיר אַ חודש, אַ? אָבער נאָר דעם אמת! — האָט זי אַ וואָרן־געטאָן מיטן פינגער. — רוזשען נאָרט מען נישט!...

— דרייסיק נאַציאָנאַלעס! — האָט לאַוראַ אויסגעצויגן די ווערטער. — אַמאָל, ווען עס קומען גוטע קונים, קריג איך טרינק־געלט...

— איך וואָלט געצאָלט פערציק — האָט רוזשע געטראַכט. — ביי מיר וואָלט די מויד געקריגן מתנות. זי וואָלט געגאַנגען אין שקאָלעס זיך לערנען. זי וואָלט געפרעסן און געהאַט פון אַלעם גוטן. זי טויג זיך אויס, שוואַרצע כאַליערע. איך האָב ליב יוגנט, באַוועגלעכקייט, קלוגשאַפט...

— דו האָסט אַ סוחרישן קאָפּ, לאַורע! וואָס וועט פֿון דיר ווערן אין דעם דאָזיקן אָרעמען געשעפֿטל, אַ?...

— מיר געפֿעלט עס; איך האָב ליב בלומען! עס איז ראָמאַנטיש...

— ברויט דאַרף מען האָבן! — האָט רוזשע אַ וואָרף־געטאָן. — ביל־דונג! ראָמאַנטיקלעך ליגן איר אין זינען, דעם האַרטן קאָפּ!...

— קום אַרויף מאָרגן צו מיר, לאַורע, אַרום צען אַזייגער אינדערפֿרי און ברענג מיר אַ ראַמאָ ווייסע זשאַסמינען. — און זי איז אַרויס פֿון קלייטל, אַוועק פֿאָרויס, בורטשענדיק צו זיך אַליין:

— ראָמאַנטיקלעך ליגן איר אין זינען. מכּות מיט קדחות וועט זי האָבן ביי איר באַלעבאָס, דעם נאַרישן לאָקש מיט די גראָבע וואָנצעס. ער וועט איר צוגרייטן אַ „מתּנה" וועט זי זיך מעגן וואָרפֿן אין ריאַטשועלאָ... ראָ־מאַנטיקלעך גלוסט זיך איר, דעם האַרטן קאָפּ!...

זי האָט דאַן אָפּגעשטעלט אַ קאָלעקטיוואָ, און זיך קוים אַריינגעשטופּט צווישן דעם מענטשן־געדרענג. זי האָט מיט איין האַנט געמאַכט אַ רינג אַרום דעם בוקעט און זיך געבייזערט:

— עס איז שימעלעס געבורטסטאָג; פֿאָרזיכטיק, מאַכט מיר נישט קיין תּל פֿון די רויזן!...

מענטשן האָבן זיך אומגעקוקט. אַן עלטערער מאַן מיט אַ ווייס איידל פּנים האָט איר אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ און אַפֿילו באַצאָלט פֿאַר איר די צען סענט פֿאַרן בילעט. זי האָט העפֿלעך באַדאַנקט, אים גוט אָנגעקוקט און אים דערקענט. דאָס איז געווען איינער פֿון אירע אַלטע קליענטן, — אַן אַרכיטעקט.

— דער הער געדענקט אַוודאי מיין סימאָנסיטאָ, דאָס דאַרע יינגעלע מיט די פֿייערדיקע אויגן, אַ? — האָט זי אים געפֿרעגט.

— סי, סעניאָראַ! — זיכער געדענק איך אים.

— נו, היינט ווערט ער צוויי־און־דרייסיק יאָר. ער איז אַ באַרימטער קינדער־דאָקטער. ער האָט שוין אַ גוטן שם!...

— יאָ, איך האָב געהערט וועגן זיינע קענטעניש. — האָט דער אַר־כיטעקט העפֿלעך צוגעגעבן. — מיין פֿרוי וועט אים די טעג רופֿן צו אונ־טערזוכן אונדזער זון.

ער האָט איר דערלאַנגט זיין ווייסע איידעלע האַנט, געצויגן פֿאַר איר דעם שוואַרצן הוט, און ביים ראָג איז ער אויסגעשטיגן פֿון קאָלעקטיוואָ. רוזשע האָט דורכן פֿענצטערל אים נאָכגעקוקט, געפֿאָכעט מיטן הענטל און

געפילט, אַז איר מי איז טאַקע ווערט געווען; איר שימעלע האָט שוין אַ נאָמען, ער וועט זיין די גילדענע קרוין אויף דער מאַמעס קאָפּ.

נישט ווייט פון זונס שטוב איז רוזשע אויסגעשטיגן פון קאָלעקטיוואָ. די שניידנדיקע קעלט איז צוגעפאַלן צו איר און זי אַרומגענומען ווי מיט אַ קאַפּע פון שניי.

זי האָט איצט דערזען אַ שניידנדיקע ליכטיקייט אין די בלויע שויבן פון איר זונס אויפנאַם־זאַל. עס האָט איר אַ קלאַפּ־געטאָן אין האַרצן: אָ־וואַ! דער זון האָט געסט און זי וועט גאָרנישט וויסן, ווו זיך אַהינצוטאָן... זי וועט זיך מוזן שפּילן מיט דזווידקעלען, ווי תמיד ווען זי קומט צום זון, און ער איז פאַרטאָן מיט זיינע קראַנקע אָדער מיט זיינע אינטעליגענטישע פריינט. און זי האָט זיך היינט אַזוי געוואָלט אָנפרייען מיט אים, דערציילן וועגן דער באַגעגעניש מיטן אַרכיטעקט...

ווען זי איז צוגעקומען נענטער האָט זי דערהערט פריילעכע געלעכ־טערס, אַ פּאַטשעריי פון הענט און קלאַנגען פון אַ פידל. זי האָט דערקענט שימעלעס שפּילן. איר איז מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן אין די אויגן און אין האַרצן האָט זיך צעעפנט אַ ווינטיקער חלל. איבערן רוקן איז איר דורכ־געלאָפן אַ שפּיזיקע קעלט און ווי מיט שפּילקעס זיך אריינגעשטאָכן אונ־טער די נעגל און אין בלוט. ווייענדיקע קניפּלעך האָבן איר אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז און אַן איבערמענטשלעכער צאָרן אויפן מאַן, וואָס איז אַוועק און זי איבערגעלאָזט; און איר לויפן אַהער, כדי צוצווזען איר חרפּה, איר נישטיקייט.

זי האָט געוואָלט לויפן צוריק, עס האָט איר אָבער אויסגעפעלט אי כוח און אי ווילן. עפּעס אין איר האָט זיך צעבונדן און זי איז געווען גרייט אָפּצוטאָן דאָס ערגסטע און באַווייזן די קינדער, אַז רוזשען נאַרט מען נישט...

זי האָט פּאַמעלעך אויפגעמאַכט די דרויסנדיקע טיר און איז אַריין אין דעם קליינעם פיר־עקיקן פּאָדערהויז. דאָרט איז געשטאַנען אַן עלעקטריש אייוועלע. עס איז געווען ליכטיק און וואַרעם. די געבעטע שטולן מיטן דיוואַן זענען געווען באַלייגט מיט ווייבערישע פעלצמאַנטלען, היטן און שאַרפּעס.

זי האָט זיך פאַרשטעקט אין ווינקל, הינטערן שווערן פאָרהאַנג און אַליין נישט־וויסנדיק צוליב וואָס, האָט זי געוואָלט הערן וואָס די געסט האָבן גערעדט צו איר איידעם, ווען זי האָט דערזען צווישן זיי.

— איז אייער שוויגער טאַקע ערנסט קראַנק? — האָט זי געהערט אַ נייגעריקע פרויען־שטימע. — זי איז דאָך אַזוי רייך!...

— דאָ וועלן נישט העלפן קיין מיליאָנען אַפילו!... מיר האָבן געטאָן און טוען ביזן היינטיקן טאָג... דאָס אוממעגלעכסטע... מיר האָבן אַריינגעגאָסן אין איר דריי ליטער יונג בלוט, אָבער עס ווערט אויפגעפרעסן; זי האָט לעוסעמיאַ, — האָט דער איידעם געענטפערט.

— איז ווי פאַרגינט מען זיך דאָס צו מאַכן אַ פיעסטאַ? קאַראַמבאַ, אַ מאַמע איז דאָך נישט קיין פרעמדע?...

— מיין שוואָגער האָט קיינעם נישט פאַרבעטן! — האָט דער איידעם אים געפרווט פאַרענטפערן. מיר זענען אָבער אַ גרופּע מענטשן, און יעדעס יאָר, צו יעדנס יום־טוב, קומען מיר איינער צום אַנדערן.

— און די אַלטע ווייסט, אַז מען איז זיך צונויפגעקומען אַהער, אַ?...

— זאָל גאָט היטן! זי וואָלט אונדז אַלעמען אויפגעגעסן לעבעדיקערהייט. די אַלטע איז שטאַרק, שטעלט אַ געוואַלדיקן ווידערשטאַנד, אָבער ביי דער מעדיצין איז זי שוין אַנולירט... עס קאָן געשען היינט, אָדער מיט אַ חודש שפּעטער...

— מ׳זאָגט, אַז זי איז משוגע שטאָלץ און זיכער אין איר חכמה; איז עס אמת?

— באַ, מיר זענען שוין מיד פון אירע „קענטענישן“, — האָט דער דאָקטער אַ לאַך־געטאָן. — זי האָט אָפּגעלעבט איר לעבן ווי אַ בעסטיע. נאָר זי אַרבעט און רייסט איין וועלטן! דער אַלטער איז בעסער פון איר, אָבער ער איז אַ צו־ווייכער מענטש, און דאָס האָט נישט געטויגט פאַרביידן...

— מיינע אַלטע זענען אויך קאַפּריזנע און שטאָלץ... תמיד רעדט מען נאָר פון אַמאָל: דאָרט איז געווען... דאָרט האָט געבליט... דאָרט האָט געשיינט... דאָרט זענען די קינדער געווען געטרייע, לייטישע און ערנסטע...

— רעדט מיר נישט פון טרויעריקע זאַכן! — האָט דער איידעם איבערגעשלאָגן, — און אַז מען האָט דאָ געמאַכט אַ שטיקל לונטש און מען פאַרברענגט אַביסל, וועט עס מיין שוויגער שאַטן צום געזונט? וואָס ווילט איר, מיר זאָלן דרייען דאָס רעדל אויף צוריק?...

— אוי, גאָט אין הימל, גיב מיר צוריק אַ ביסעלע געזונט, אַ ביסעלע יאָרן! — האָט רוזשע זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד — פאַרשעם מיך נישט, שטראָף מיך נישט, אויב איך בין זינדיק קעגן דיר... איך האָב געטיילט צדקה; איך האָב חתונה־געמאַכט אָרעמע יתומים; איך האָב נישט געלעבט פאַר מיר אַליין; ניין! ניין!... די מענטשן האָבן מיך נישט פאַרשטאַנען, אָבער, דו, גאָט אין הימל, דו ווייסט דאָך דעם ריינעם אמת...

די שמינקע אויף איר פנים האָט זיך צעשמירט און עס האָבן זיך באַוויזן געלע פּאַסיקלעך, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט פון די רויטע קרענק־לעכע פלעקן אויף אירע באַקן.

זי האָט זיך דערפילט עלנט און פאַרלאָזט ווי אַן אָפּגעריסן צווייגל, וואָס ווערט געטראָגן פון ווינט. עס האָט זיך אין איר צעשריִען אַן ענד־לאָזע איפּערזוכט צום לעבן, צו דער פרייד און צו דער ליכטיקייט אין זונס שטוב. זי איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ משוגענער בענקשאַפט נאָך די קינדער... איר האָט זיך געוואָלט אָנכאַפּן אין זיי, זיך איינזייגן אין זייער יוגנט, אין זייער זאָרגלאָזיקייט, זיך איינקלאַמערן מיט ציין און נעגל; זיך אָנהאַלטן אַזוי שטאַרק, אַז די קראַנקייט און דער עלנט זאָלן מער נישט האָבן קיין מאַכט איבער איר. זאָל דער אייִדעם פעסטשטעלן, זאָל ער אונ־טערשרייבן איר טויט־אורטייל, אָבער זי וועט זיך נישט לאָזן. ניין און ניין!...

זי דאַרף נאָר האָבן לעבן זיך אירע קינדערלעך, אַ גוט וואָרט פון שימעלען, פון רבקהלען, וועט איר געבן אַ רפואה שלימה. עס וואָלט איר ליכטיק געוואָרן אויף דער נשמה, געגעבן נייעם כוח, נייע האָפענונגען אין באַגערן, אויף צו־להכעיס יעדן איינעם, ווידער צו שאַפן, בויען, סטראָיען און אַלץ פאַר זייערטוועגן... די איינציקע פרייד אירע איז צו זען די קינדער איינגעטונקען אין אַלעם גוטן...

יאָ, יאָ! זי וואָלט זיך געקענט אויפהייבן העכער און גאָר הויך. זי וואָלט פאַרטריבן דעם מלאך־המות... די קינדערלעך דאַרפן איר נאָר צו־העלפן אין דעם.

זי האָט פּאַוואָלינקע אָפּגערוקט דעם פאָרהאַנג איבער דער טיר און מיט אַן אויגן־ווינקל אַריינגעבליקט אין זאַל, כדי צו זען דעם זון. עס האָט זי געצויגן צו אים, ווו ער וואָלט געווען אַ שטיק פון איר אייגן לעבן... זי האָט געזען שימעלען שטיין צווישן צוויי לאַנגע טישן, פולע מיט טע־לערס סאַנדוויטשן, געבעקסן, פלעשער מיט אַלערליי געטראַנקען, קאַראַפינ־קעס מיט פרישע בלומען פון אַלערליי קאָלירן.

די געסט האָבן געהאַט פאַרפלאַמטע פּנימער. מען האָט געלאַכט אויפן הויכן קול, געטרונקען און געגעסן, געהויבן צו אים פולע געשליפענע גלעזלעך און צוגעווינטשן אַלדאָס גוטס.

— אָמן, אָמן!

— ניין, ניין! זי וועט זיך נישט אויסבאַהאַלטן פאַר דעם ריינעם אמת! דאָ וועט זי בלייבן ביז די כוחות וועלן איר אויסגיין. דאָ וועט זי אַוועק־פאַלן ווי אַ קראַנקער הונט. זאָל די וועלט וויסן, אַז טאַטע־מאַמע זענען

נאַראָנים, אַז זייער מי איז אַן אומזיסטע... אַלץ איז נישט מער ווי אויס־נוצעריי, צאַפּענישן ביז דעם ביין!... זאָלן אויך די קינדער וויסן, אַז די מאַמע איז געפאַלן צוליב זיי; זאָלן זיי בלייבן מיט אַ ביטערניש אויפן האַרצן און מיט פלעקן אויף דער נשמה, אויפן געוויסן...

אָבער, ווו איז רבקהלע, — איר איינציק אויג אין קאָפּ? אפשר איז דאָס קינד, חלילה, נישט מיט אַלעמען? זי האָט אַ טבע צו קריגן געשווירן אין האַלדז; מ׳דאַרף איר אויסשניידן די מאַנדלען — אַ מכה דער מאַמען פאַר איר!... וואָס איז רבקהלע שולדיק, אַז דאָס שנירל וויל זיך אויסשטעלן מיט איר מאַנס גוטסקייט?... אַ פאַזשערודאַ איז ער, שימעלע, און נישט קיין מאַנסביל מיט אַ האַרב וואָרט... זי, די שניר, האָט עס אים היינט אויסגע־דרודלט און געמאַכט צו־שפּאָט אין די אויגן פון זיינע פריינט...

דערווייל האָט שימעלע אָנגעהויבן שפּילן „אַ בריוועלע דער מאַמען״ און רבקהלע האָט געזונגען און נאָך דעם אויסגערופן: — עס איז צוליב אונדזער אַלטיטשקער...

דאָס דאָזיקע לידל האָט רוזשע זיי אויסגעלערנט, ווען זיי, די קינדער, זענען נאָך געווען גאָר יונג און האָבן נאָרוואָס אָנגעהויבן זיך צו לערנען מוזיק. אַמאָל אין אַ זונטיק, ווען עס זענען געקומען גרינע לאַנדסלייט, האָבן די קינדער געמוזט שפּילן און זינגען מיט איר איינייגעם „אַ בריוועלע דער מאַמען״... אויך שפּעטער, ווען די קינדער זענען שוין געווען חתונה־געהאַטע און געמאַכט ווען עס איז אַ יום־טוב, האָבן זיי שוין געוווסט, אַז אַן „אַ בריוועלע דער מאַמען״ וועט רוזשע בלייבן אַנטוישט און אומצופרידן. זיי אַליין האָבן שוין די ווערטער און דעם ניגון ליב באַקומען און זיך גע־גרויסט מיט זייערע קענטענישן אין יידיש...

אַזוי שטייענדיק הינטער דער טיר האָט רוזשע גלייך פאַרגעסן, וואָס דער איידעם האָט געזאָגט וועגן איר געזונט־צושטאַנד, פאַרגעסן אין אַלע עוולות, וואָס די קינדער זענען באַגאַנגען קעגן איר. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין די קלאַנגען, זי האָט מיטגעשעפּטשעט, און עס האָט אין איר געראָדערט, געצאַרנט:

— געוואַלד, יידן, וואָס פאַר אַ מאַמע בין איך, אַ?... אַ גזלן, אַ רוצח און אַן אויסוואורף. און אַז יונגע קינדער ווילן אַ קאַפּעטשקע פאַרברענגען, אַז זיי ווילן הנאה האָבן פונעם לעבן, באַדאַרף עס אַ מאַמע ליידן, אויס־קרענקען און אויסטראַכטן אויף זיי ,זויזנט בילבולים?...

אַלע כמאַרעס, אַלע בייזקייטן פון דעם אייפערזיכטיקן האַרץ זענען ווי דורך אַ מאַגישן כוח באַזייטיקט געוואָרן.

עס האָט זיך איר איצט געוואָלט זיין אין איר וואַרעם בעט און מיט אַ הייסער גומי־פלאַש ביי די פיס, און איר „וויעכאַ״ זאָל זי באַדינען, זאָל רעדן צו איר גוטע ווערטער, ווי ער טוט עס אָפט לעצטנס... זי וועט אים מער נישט וואַרפן אין פּנים וועגן דער גרינער מיט די גראָבע ציצן, און נישט וועגן זיין איבערכאַפּן די מאָס אינעם גלעזל...

זי וועט אים איצט מער האַלטן לעבן זיך, איר עליאָסן. נאָך אַלעמען, איז ער דאָך שוין קיין יונגערמאַנטשיק... זאָלן די קינדער זען, אַז די אַלטע לייט לעבן זיך בשלום...

זי וואָלט נאָר איצט וועלן אַ קוש־טאָן די קינדער, און פאַר אַלעמען אין די אויגן זיי זאָגן, אַז גאָט און לייט זענען איר מקנא... זי קען עס אָבער נישט טאָן, זי קען דאָך נישט פאַרשעמען איר אייגן בלוט און פלייש. זי זעט איצט אויס ווי נאָך כל־נדרי, טאַקע אַן אויסגעליכטיקטע, אַ שיינעם דאַנק דעם איבערשטן, אָבער מיט פאַרקלאָגטע אויגן... און מענטשן זענען שוחטים. שימעלעס גוטע־ברידער וואַרטן דאָך אויף דעם, אַז? אַ מכה דער מאַמען פאַר אים!...

זי האָט זיך צוגערוקט צום טישל, אַריינגערוקט דעם בוקעט בלומען אינעם הויכן גרינעם גראַפין, וואָס איז דאָרט געשטאַנען און איז אַרויס־געלאָפן אויפן גאַס. זי איז אַוועק צום ראָג, כדי צו זיין וואָס ווייטער פונעם זונס שטוב, ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַר זיך אַליין, פאַר איר פּלוצים־דיקער גליקזעליקייט, וואָס קען אַמאָל אַנטרינען, און זי וועט ווידער־אַמאָל באַהערשט ווערן פון דעם פאַרדרוס, וואָס נאָגט שוין יאָרנלאַנג דאָס בלוט פונעם האַרצן... און זי קען, חלילה, ווידער ווערן דער עקשן און וועלן אָפּטאָן די קינדערלעך מי־יודע וואָס...

די גרויע נאַכטיקייט האָט אַריינגענומען רוזשען אין די אָרעמס ווי אין אַן ענגן אייזקאַסטן. דער ווינט האָט אונטערגעהויבן די פּאָלעס פון איר ראָק און ווי מיט קאַלטע נאָדלען זיך אַריינגעשטאָכן אין איר. זי האָט זיך באַ־האַלטן הינטער אַ בוים און געוואַרט עס זאָל אָנקומען אַ קאָלעקטיוואָ.

זי האָט מיט דער פאַרע פון מויל געוואַרעמט די שפּיצן פון אירע געפרוירענע פינגער, אונטערגעשפּרונגען, געוויקלט איין פוס אַרום דעם אַנדערן, כדי זיך צו דערוואַרעמען. אָבער די קרירה איז אַריין אין איר, רוזשע האָט מער נישט געקענט איבערטראָגן. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, כדי צו זען, צי איז אויך דאָרטן אַזוי איינזאַם און שרע־קעוודיק ווי אינעווייניק אין איר. אַ בלויע, פּראַסטיקע גלייכילטיקייט האָט צו איר אַראָפּגעקוקט, און רויטע כמאַרעלעך ווי איבערגעברענטער שטויב

האָבן זיך געוועבט צווישן די גרויסע שטערן אַרום אַ טיפּער לבנה ווי אַ שטיק פייער. צי איז דאָרט פּאַראַן אַן אויג, וואָס קוקט און זעט, אַ? אויב יאָ, פּאַרוואָס קומט עס איר, רוזשען, אַזוי פיל צו ליידן? פאַרוואָס אַזויפיל עלנט, אַ?...

זי האָט צונויפגענומען אין זיך אַלע כוחות און אָנגעהויבן לויפן אַהיים. עס איז איר געוואָרן וואַרעמער, אַ שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף איר לייב און אויפן פּנים. זי האָט זיך אָפּט אָפּגעשטעלט, געסאָפּעט, געקרעכצט, געשאָלטן און געבענקט אַהיים, צום וואַרעמען בעט, צו עליאַסן, וואָס וועט זי באַדינען ווי מען באַדינט אַ האַרנטע.

ווען זי איז צוגעקומען צו איר שטוב, איז זי ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים צוגעפאַלן צו דער פאַרשלאָסענער טיר און געקלאַפּט מיט די פויסטן:

— עלי, עליאַס! עפן גיכער! גיכער עס איז מיר נישט גוט! עליאַס, איך בין פאַרביי!...

איר שטים איז געווען שוואַך און הייזעריק. זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער שוועל, שווער אָפּגעאָטעמט. אָבער דאָ האָט זי זיך גאָר דער־מאָנט, אַז דער מאַן איז נישט אין שטוב. אַן אָנגעצונדענע פון כעס האָט זי זיך שווער אויפגעהויבן, אויפגעשלאָסן די טיר און גענומען גיין אויף די טרעפּ, רעדנדיק צו זיך אַליין:

— גראָבער פליגל! סאָסיעדאַדן ליגן אים אינזינען!... די קאַצאַפּעכע...

אין איר צערייצט געמיט האָט זיך צעשריַען דעם איידעמס געשפּרעך מיט זיינע געסט. רוזשע האָט מורא געקראָגן צו בלייבן אַליין; מורא, אַז דער טויט שטייט דאָרטן אין די ליידיקע צימערן און וואַרט... עס האָט איר געשטיקט אין האַלדז און די צונג איז געוואָרן האַרט. פאַר די אויגן האָט זיך פּלוצים צעפּנט אַ פינצטערניש. גרינע און רויטע פייער־פונקען האָבן זיך געדרייט אַרום איר. די פיס האָבן זיך איר אונטערגעבראָכן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, אַראָפּגעריסן די פאַטשיילע פון קאָפּ און צעשפּילעט דעם הויכן קאָלנער פון סוועטער. זי האָט ווי אַ האַלב־דער־שטיקטע געשלונגען די לופט און מיט איין האַנט געטאַפּט דעם וועג, זיך וואַקלענדיק ווי אַ שיכורע.

ווען זי איז אַרויפגעקומען אויבן, איז זי צוגעפאַלן צום פענצטער, עס גיך צעפּראַלט און זיך אַריבערגעבויגן כדי צו שרייען, רופן עמיצן פון די שכנים. די קעלט האָט געשלאָגן איבער די אויסגעשטרעקטע הענט. דער קאָפּ איז איר געווען שוואַך, געפאַלן איבער דעם פאַרענטש פון פענצטער, און דער ווינט האָט געוואַשן, געשויבערט די לויז־געוואָרענע האָר־קוגעלעך...

— אוי, ראַטעוועט מיך, עלי, עליאַאַס!...

ווידער האָבן טרערן אַ פּלייץ־געטאָן פון די האַלב־פאַרשלאָסענע אויגן און געגליווערט צווישן די געלע קאַנאַזוקעלעך אויף די באַקן.

דער ווינט איז אומגעלאָפן ווי אַ ווילד־געוואָרענע חיה, געברומט און פאַרטראָגן ערגעץ ווייט רוזשעס געבעט:

— קינדערלעך, קינדערלעך מיינע, גאָט זאָל אייך מוחל זיין!...

***

די היץ האָט ווידער געברענט ווי אַן אָנגעגליטער קאַלכויוון. דער הימל האָט געהאַנגען זייער נידעריק, ער איז געווען טונקל־רויט, ווי צעשרפהטער קופּער. די לבנה האָט זיך געבאָדן, געטרונקען צווישן גרויע האַמעטנע וואָלקנדלעך און צווישן קליינע האַלב־אויסגעלאָשענע שטערן, ווי אויגן פון שיכורע זקנים.

אין הויף איז געווען טונקל. די שכנים זענען געווען אָנגעשפּיצט און שלעפעריק. זיי זענען האַלב־נאַקעטע, צעשוויסיקטע און צעביסענע פון מאָסקיטאָס און וואַנצן, געלעגן לעבן די צעפּראַלטע טירן פון זייערע היל־צערנע צימערן און מיט פעכערלעך פון קאַרטאָן געטריבן די פליגן און מאָסקיטאָס וואָס האָבן זיך מחנותווייז געדרייט אין די לופטן, צוגעפאַלן צום נאַקעטן קליינוואַרג, וואָס האָט זיך געקנוידערט אין צעפליקטע שמאַטעס אויף פאַרוואַנצטע מאַטראַצן. דאָס קליינוואַרג האָט זיך נישט געקראַצט; זיך אַלע מאָל אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין, געמאָנט וואַסער. די דערוואַק־סענע האָבן געהאַט רויטע, נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן, פולע מיט כעס, מיט קללות, געשאָלטן דעם הייסן זומער, די מאָסקיטאָס, דאָס פאָטערלאַנד, און מער פון אַלץ, — די גרינע, וואָס קלאַפּן דאָרטן אויף די מאַשינען און שטערן דעם אַזוי אויך שווערן שלאָף.

אויך זוסיע מיט פריידען זענען געווען איינגעטונקט אין שווייס און אין דאגות. זיי זענען געזעסן ביי די מאַשינען, איינס אַנטקעגן דעם אַנדערן און אַרויסגעענדיקט די אַרבעט. אַרום זיי האָט זיך געוועבט אַ שטומער רוגז. זוסיעס שמאָלע פיגור מיט בלאָטע אונטער די לאַנגע האַרטע נעגל, פינגער ווי דינע צווענגעלעך האָבן עקשנותדיק איינגעביסן די נעט פון האַרטן צייג און זיי געשטופּט און געדרוקט אונטערן פיסל פון דער מאַשין.

ער האָט אַלע מאָל אַ קוק־געטאָן צום שווייגנדיקן ווייב. ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז זי האָט איינגעשטימט, ענדלעך צו בלייבן אַליין מיטן קינד און ער, זוסיע, וועט טאַקע מאָרגן אַוועקפאָרן קיין ביראָ־

בידזשאַן, פאָרן אײנײנעם מיט אַ גרופּע ייִדישע אימיגראַנטן, וואָס זענען געקומען קײן אַרגענטינע, אורוגווײ און בראַזיל.

פרײדע װידער האָט שלום געמאַכט מיט זיך אַלײן, װײל זי האָט געזען, אַז איר מאַן װעט נישט נאָכגעבן. װען ער איז אָט דאָ נישט לאַנג װידער אַרױס פון תּפיסה איז ער געװען װי אַ שאָטן פון אַ מענטשן און באַלד האָט ער װידער אָנגעהײבן גײן אין זײנע פאַריערדיקע װעגן.

ער איז װידער אַרומגעלאָפן אַגיטירן די שנײדער־אַרבעטער, געשטאַנען אױף די ראָגן פון קאַנינג און קאָריענטעס און אונטער דער נאָז פון דער פּאָליצײ געהאַלטן פײערדיקע רעדעס. זײן שטים און זײנע צעשױבערטע קודלעס האָבן זיך געװאַשן אין װינטל, און פרײדעס האַרץ האָט זיך געבאָדן אין טרערן.

זי האָט געזען, אַז אים האָט זיך נישט אײנגעגעבן צו אָרגאַניזירן די נײטערינס, און עס איז װידער געקומען אַ כװאַליע פון שטרײקן אין שנײדער־פאַך. די שטרײקן האָבן װי אַ שריפה אַרײנגעשלעפּט אױך אַנדערע פאַכן און זוסיע איז געװען װי אַ װינט אין פעלד. זי האָט אים װידער נישט געזען און אַפילו נישט געװוסט, װוּ ער באַהאַלט זיך אױס פון דער פּאָליצײ...

זי האָט נישט געקענט רויִק אַרבעטן. זי האָט נישט געקאָכט, נישט געלעבט. עליאַס האָט זיך אַרומגעפירט מיט שײנדעלען און האָט אױך געבראַכט פּעקלעך עסן פאַר פרײדען. שכנים האָבן זיך געשושקעט: „די גרינע קומען מאַכן רעװאָלוציעס... די גרינע לאָזן נישט די היזיקע זאָלן אָננעמען אַ ביסל אַרבעט און פאַרדינען אױף אַ מאַטע מיט אַ טרוקענעם גאַזשעט”...

פרײדע האָט אין איר צעבראָכענעם שפּאַניש געפּרוּװט אױפקלערן די שכנים, פאַר װעמענס װעגן איר מאַן לײגט אײן די װעלט, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. זי האָט דערפילט, אַז איר מאַן טאָר זיך דאָ נישט געפינען: מעןֹ װעט אים צערײסן אױף שטיקער אָדער פּאָליצײ װעט אים דערשלאָגן צום טױט...

אירע חושים זענען געװאָרן אָנגעשפּיצט. זי איז אומעטום געװען און האָט װעגן אַלץ געװאָלט װיסן. עמיצער האָט איר דערצײלט, אַז ערשט נישט לאַנג האָט מען פון דאַנען אַרױסגעשיקט אַ גרופּע אַרבעטער, און מען האָט די שיף, אײנײנעם מיט די אַרױסגעשיקטע געזונקען אין ים, טאַקע נישט װײט פון לאַנד... ס'האָט איר װײ־געטאָן װאָס אומעטום איז איר מאַן, זוסיע, געװען פון די ערשטע, זיך געשלאָגן מיט ייִדישע אַרבעט־געבער און מיט געװאַלד געזוכט אױפצוקלערן די נײטערינס ביז זײ האָבן אים צוגעזאָגט צו זײן גוט און פרום, — אָבער זײ האָבן אים גענאַרט.

איצט איז פריידע שוין געווען רויִקער, ווייל צווישן איר מיטן מאַן האָבן זיך געענדיקט אַלע קריגערייען. איר ווייבערישער שטאָלץ איז גע־לעגן ווי אַ געבונדענע חיה און האָט זיך שוין מער ניט געווערט קעגן גורל...

אָבער איר שטומקייט האָט זוסיען אַרויסגעבראַכט פון די כלים. דערצו האָבן זיך די פעדים פון נאָדל געהאַלטן אין איין רייסן. ער האָט אַלע מאָל פאַרסילעט אַ נייעם פאָדים, געטון אַ פּאָר שטעפּ און שוין, עס רייסט ווידער... ער איז געוואָרן ווי אָנגעצונדן, אַ קלאַפּ־געטאָן מיט דער פויסט איבערן קעפּל פון דער מאַשין און זיך צעשריִען:

— דו, דו אַלטע נבלה! מ'דאַרף דיך אַריינוואַרפן אין מיסטקאַסטן!...

נאָכדעם האָט ער פאַרשאַרט זיין שוואַרצע טשופּרינע מיט די גרויע האָר ווי ווייסע פּאַסטריגעס און אָנגעהויבן זינגען אַ לידל, וואָס די שניי־דער־אַרבעטער האָבן געזונגען אין תפיסה פון וויזשאַ־דעוואַטאַ:

„עס קומט אַ וועלט אַ נייע,
אַ ליכטיקע, אַ פרייע!
ברודער, איין משפחה,
געוואַקסן איז אין נויט —
אַ וועלט אַ פרייע בויען מיר,
אַ וועלט פון זון מיט פרייד.

עס בליִען שוין די פעלדער,
וואַקסן טוט דאָרט ברויט. —
ברידער, איין משפחה,
אין ים פון פאַרבן רויט . . .

ברידער איין משפחה,
באַאַרבעטן דאָס פעלד, —
עס וועט אַ זון אַ רויטע,
פאַרפלייצן באַלד די וועלט! . . .“

שיינדעלע איז אַריינגעקומען פון קיך. זי האָט אין איין האַנט גע־האַלטן אַ טערמאָס מיט הייס וואַסער און אין דער אַנדערער — אַ בלעכן טעצל מיט טרוקענע פעניצלעך זיסן קוילעטש מיט ראָזשינקעס און מיט ווייסן קעז. זי האָט עס אַלץ אַוועקגעשטעלט אויפן טיש לעבן דער מאַשין

און אָנגעהייבן דערלאַנגען מאַטע די טאַטע־מאַמע. זי האָט זיך אַוועקגע־זעצט. איר פּנימל און די הענט זענען געווען צעביסן פון די מאָסקיטן. זי האָט זיך געקראַצט, געגענעצט, אָנגעשפּאַרט דאָס קעפּל אויף די הענט־לעך, אַ דרימל־געטאָן און זיך ווידער אויפגעכאַפּט.

פּלוצים האָט זי זיך אויפגעהויבן, זיך צוגעטוליעט צום טאַטנס פּליי־צע, פאַרוויקלט אירע הענטלעך אַרום זיין געבויגענעם האַלדז־און־נאַקן און אַריבערגערעדט איבער זיין קאָפּ:

— זאָג מיר, טאַטע, דו האָסט מיך ליב? און די מאַמע האָסטו ליב, אַ? זאָג, זאָג!...

— זוסיע האָט געשוויגן.

— ניין, האָסט אונדז טאַקע נישט ליב! — האָט זי זיך אַליין געענט־פערט. זי האָט פאַרלייגט אַ ליפּל איבער אַ ליפּל און מיט די פינגער גע־שויבערט דעם טאַטנס פאַרשוויצטע טשופּרינע:

— איצט ווייס איך שוין אַלץ, און עס אַרט מיך נישט... דער פעטער עליק האָט מיך יאָ ליב, ער וועט מיך נישט לאָזן אַליין!... זי האָט אַריינ־גענומען דאָס פּנים אין די הענט און געוויינט.

— אַז וויינען זאָל מען נאָך אונדזערע שונאים!... — האָט זיך פריידע אָנגערופן. — מיר זענען חלילה נישט אויפן וואַסער, שיינדעלע!... דיין טאַטע האָט ליב די וועלט, די מענטשהייט, אָבער ער האָט פאַרגעסן אָן זיין ווייב, אָן זיין קינד... נו, זאָל ער וויינען!...

זי האָט מיט דער גרויסער פּרעס־שמאַטע אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים און האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין דער אַרבעט.

שיינדעלע האָט געכאַפּט אויף איר אַ גנבישן קוק און זיך צעשמייכלט:

— דו זעסט אויס, מאַמע, ווי אַ קוימענקערער. ביסט פול מיט סאַזשע!...

פריידע האָט אַ קוק־געטאָן אין שפּיגעלע אויף דער וואַנט און האָט אָנגעהייבן ברעכן פּיסקעס. שיינדעלע האָט מורא געהאַט אַז עס קען ווידער קומען צו אַ קריגעריי צווישן טאַטע־מאַמע און שכנים הערן זיך אונטער און לאַכן...

— מאַמע, טרינק די מאַטע, עס וועט דאָך ווערן קאַלט!...

זוסיע האָט ווידער אַ קלאַפּ־געטאָן מיט דער פויסט איבערן קעפּל פון דער מאַשין און ווייטער געזונגען:

„עס קומט אַ וועלט אַ פרייע,
אַ ליכטיקע, אַ נייע..."

— דיין מאַמע מעג זיין נמאס, שיינדעלע, און דו מעגסט אַרויסוואַקסן פון דיינע היימישע שמאַטעס, נישקשה! — האָט פריידע געדעדט צווישן איין זופּ און דעם אַנדערן און כאַפּנדיק אַ קוק צום מאַן, וועמענס פינגער האָבן, ווי שמאָלע צווענגעלעך, איילנדיק געבויגן און געביסן די נעט פון האַרטן צייג און זיי געדרוקט און געדרוקט אונטערן לאַפּקעלע פון דער מאַשין...

דערווייל איז אַריינגעקומען נאָום. ער איז געווען ערנסט און שווייגנדיק. ער האָט געדריקט זוסיעסביידע הענט און אויך פריידעס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון גרויסן שניידערישן טיש און געוואַרט אַז זוסיע זאָל פאַרדרייען דעם מאָטאָר.

באַלד איז אַריינגעגעקומען מאַקסעלע „נאָז". ער איז געווען פאַרשוויצט. די בלאָנדע שיטערע הערלעך צעשויבערט און אין די בליקן האָט געפּלעמלט אַ פייערל. ער האָט אַוועקגעלייגט אַ פּעקעלע אינעם זאַק, וואָס איז ווי אַ מולטער געווען צוגעקלאַפּט צווישן ביידע מאַשינען און אַנבייגנדיק זיך צו זוסיען אים איינגערוימט אַ סוד אין אויער.

— האָסט עס נישט באַדאַרפט טאָן, מאַקסעלע! — האָט זיך זוסיע געבייזערט.

— וועסט האָבן אויפן וועג צו רויכערן — האָט זיין ברוסט געפּלאָטערט ווי אַ פיש אויף דער וועגדקע. — זאָלסט גריסן די חברה, זאָלסט שרייבן, זוסקע, דו הערסט?...

עס זענען אַריינגעקומען מאיר פּיצוועניק און מיכל דער פּרעסער, דער בונדיסט, פריידעס געוועזענער קעסטניק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעג פון דער מאַשין. זוסיע האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרצויגן דעם לאַנגן גאַרטל אַרום די הויזן, וואָס זענען געהאַנגען לויז אויף זיינע שמאָלע קליבעס, מיט איין האַנט האָט ער אַ קלאַפּ־געטאָן פּיצוועניקן אין פּלייצע און מיט דער אַנדערע מיכל פּרעסערס אַקסל:

— איך האָב געוווסט, אַז עס וועט אייך אָנטראָגן אַהער ווי עס טראָגט אַ בלעזל אויף אַ שטעקן!... און דו, נאָום, ביסט נאָך אַלץ אַן אינטעליגענט?

— האָט ער זיך אָנגערופן האַלב־ערנסט און האַלב־שפּאַסיק. — הער אויף מיט דיין דרימפּלען, נעם דיין יידענע מיט דיין קדישל און — היידאַ!... איל זיך צו איידער די שיף גייט אַוועק!...

מאיר פּיצוועניק האָט געשמייכלט און מיטן עלנבויגן אַ שטורכע־געטאָן אין מיכל דעם פּרעסערס זייט. יענער האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ ווונק, פאַרביסן די ליפּן און אויף אַזאַ אופן אים געהייסן שווייגן...

עס איז געקומען עליאַס. — אַ גוטן אָוונט אייך, קינדער! — האָט ער

אויסגערופֿן און יעדן געדריקט די האַנט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קליין בענקעלע, אַ קוק־געטאָן אויף פריידען און טיף אָפּגעזיפצט, ווישנ־דיק די ריטשקעס שווייס פון פּנים און פון האַלדז.

באַלד זענען אַריינגעקומען חוהלע מיט סיאָמען. זי האָט געבראַכט אַ פּעקל געבעקס פאַר זוסיעס וועגן און סיאָמע האָט געשלעפּט אַ גרויס קעסטל מיט פלעשער ביר, וואָס דער פעטער האָט מיטגעבראַכט אין זיין אויטאָ־מאָביל.

— בראַוואָ, רב עליאָס! — האָט מאירל פּיצוועניק אַ פּאַטש־געטאָן מיט די הענט און מיכל פּרעסער האָט צוגעגעבן:

— אַ רייכן פעטער האָט מען טאַקע פיינט, אָבער זיין ביר וועט דאָ האָבן אַ לייכטן אָפּגאַנג...

פריידע האָט זיך דערווייל צעקושט מיט חוהלען, צוגענומען פון איר האַנט דאָס פּעקעלע און עס אַריינגעוואָרפן אינעם זאַק צווישן די מאַשינען. ביידע האָבן אָנגעהויבן אויסשפּרייטן גרויסע ווייסע בויגנס פּאַפּיר אויפן שניידערישן טיש. פריידע האָט אַרויסגענומען פון אַלטן קאָמאָדל גלעזער, טעצלעך און צוויי פאַרמאַכטע פּושקעס מיט סאַרדינען. זי האָט אַלץ אויס־געשטעלט אויפן טיש און סיאָמע האָט דערלאַנגט די אויפגעעפנטע פלע־שער ביר. זיינע שאַרפע בליקן ווי מעסערלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין חוהלען...

עס האָט איר אַ זעץ־געטאָן אין האַרצן. זי איז אַוועק אין אַ ווינקעלע און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּעקל אַרבעט, לעבן שיינדעלען. די קליינע האָט אָנגעשפּאַרט דאָס קעפּל אויף חוהלעס אַקסל און געקוקט אויפן עולם, וואָס האָט געטרונקען לחיים און צוגעביסן.

מאַקסעלע „נאַז" האָט זיך צעוואַרעמט. ער האָט עפּעס איינגערוימט דעם פעטער עליאָס און יענער האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר פּעזעס און זיי אים דערלאַנגט. מאַקסעלע האָט זיך אַרויסגערוקט און אַ ווילע שפּעטער צוריקגעקומען און געבראַכט אַ פרישע גרויסע מאַטאַמברע, אַריינבלאָזנדיק אין איר ווי אין אַ טרובע.

עס איז געוואָרן אַ געעלכטער. מאיר פּיצוועניק האָט געכאַפּט די מאַ־טאַמברע און מיט דער גרויסער שניידערישער שער זי צעשניטן אויף שטיקלעך און געטיילט דעם עולם.

סיאָמע האָט צוגעבראַכט דעם ווייב אַ גלאָז ביר און האָט זיך שווייגנ־דיק אַוועקגעזעצט לעבן איר, אַרומגענומען אירע אַקסלען און ווי אַ פרעמ־

דער זיך צוגעהערט צו דער דיסקוסיע וואָס איז געוואָרן אַלץ הייסער און עקשנותדיקער.

דער עולם האָט זיך נישקשהדיק צעוואַרעמט און זוסיע האָט געהאַלטן איינע פון זיינע פייערדיקע דרשות. ער האָט גערעדט וועגן יידישן לעבן אין ביראָבידזשאַן, וועגן דעם ביטערן און פינצטערן לעבן פון די יידן אין די אַמעריקעס און האָט געפאָדערט מען זאָל וואָס גיכער פאָרן אַהין, קיין ביראָבידזשאַן, און צום סוף צוגעגעבן:

— חבר לעניז איז דער משה־רבינו און חבר סטאַלין איז די קרוין פון נייעם ירושלים!...

— יאָ, עס איז אַן ענין, ווי איך בין אַ ייד! — האָט עליאָס צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ און אַריינגעוואָרפן עטלעכע פּעזעס אין דעם בלעכענעם טעלער, וואָס מאַקסעלע האָט אים אונטערגעטראָגן.

— נעם, מאַקסעלע און וועסט עס אין מיין נאָמען געבן צושטייער אויף אַ שנייד־מאַשין.

פּיצוועניק איז געוואָרן אַן אַנגעצונדענער. ער האָט זיך אַ לאָז־געטאָן צו עליאָסן, זיך צעוויגט, געגלאָנצט מיט די אויגן און געשילדערט פאַר עליאָסן די שיינקייט פון ירושלים, פון כותל־המערבי און אַן עקזאַלטירטער געשריען: „ציון! דאָס איז אונדזער היים! מיר מוזן העלפן בויען נייע קיבוצים"...

עליאָס איז געוואָרן בלייך, דעם יונגס שילדערונגען זענען געווען געצנוג בילדעריש און איבערצייגנדיק, האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע צוויי פּאַפּירנע פינפערלעך און זיי דערלאַנגט מאַירלען.

— האָסט אַ פייערדיק קעפּל און אַ צינגל אויף שרויפן! — האָט עליאָס געזאָגט. — עס איז אַן ענין, אויף מיין וואָרט... יידישע קינדער ווילן בויען פאַר זיך אַן אייגן ווינקעלע, איז פאַרוואָס טאַקע נישט העלפן?...

— גלויבט זיי נישט, רב עליק! — האָט זוסיע אויסגעשריען און אַ קלאַפּ־געטאָן מיטן פויסט איבערן קעפּל פון דער מאַשין. — עס איז קצבה, שימל... ציוניזם איז רעאַקציע; ציון געהערט צו די אַראַבישע מאַסן...

— טע־טע־טע! — האָט אים עליאָס אַנטקעגנגעשטעלט זיין גרויסע האַרטע דלאָניע און צוגעקלאַפּט מיט דער צונג, ווי ער וואָלט זיך באַלעקט נאָכן אַראָפּשלינגען עפּעס. — און וואָס זוסקע, אַרט דיך, אַז איך וועל זיי יאָ געבן, אַ?...

פריידע האָט אָנגענומען איר מאַן פאַר די שמאָלע אַקסלען און אים אויף געוואַלד אַרויפגעזעצט אויפן שניידערישן בענקעלע.

— זוסיע, זוסיע — האָט זי אויסגערופן — גענוג שוין, גענוג, דו פּאָרסט דאָך שוין אַוועק. זאָל יעדער טראַכטן געזונטערהייט, וואָס זיין האַרץ גלוסט!...

אידל האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַלטערן און ערליכן, יידיש און יידישן סאָציאַליזם...

חוהלע האָט זיך אַריינגעמישט: — גאָרדאָן איז געווען גערעכט! פון ציון וועט אַרויסוואַקסן דער יידישער בוים!...

— איר אַלע זענט פינצטערע באַשעפענישן, מען וועט אייך צושטעלן צום ווענטל... — האָט זוסיע געוואָרנט.

— וואָס רייסט ער זיך אַזוי דעם האַלדז? — האָט עליאָס אָפּגעזיפצט.
— אַ מענטש זאָל זיך אַזוי אַריינלאָזן אין פּאָליטיקע!... ביי אים איז דער לעניך מיט דעם סטאַלינען מער קנאָקרעס ווי עס איז געווען משה־רבינו און אַפילו אליהו־הנביא; טפו, זאָל עס ווערן!... ווילסט אַ פּאָר פּעזעס? — איז פּאָזשאַלויסטאַ, פאַרוואָס דען נישט? — האָט ער צעפּירט מיט די הענט.
— אָבער פאַרבייט מיר נישט די ציצית אויף דעם רוח ווייסט וואָס!... — און ער האָט זיך צעלאַכט.

חברה האָט אים אַרומגערינגלט און מיטגעלאַכט.

חוהלע האָט געפילט אויף זיך נאָומס וייכע פאַרחלומטע בליקן און אַלץ אין איר האָט געטרויערט און זיך שטיל געבונטעוועט קעגן איר גורל.
— יאָ, נאָום איז ווי אַן אמתער פּאָעט, ער איז אַנדערש, שענער און צאַרטער ווי די דאָזיקע אַלע מענטשן. ווען זי איז איצט פריי, וואָלט זי שוין געוווסט וואָס צו טאָן... ער איז טאַקע אַ קבצן אויף דרוקעס, אָבער ליבע שטייט דאָך העכער פון מיליאָנען אַפילו... ווי גוט עס וואָלט איר געווען, ווען סיאָמע פאַרליבט זיך אין אַ צווייטער!... זי ווייסט דאָך. אַז נאָום האָט פיינט זיין וייב. ער האָט עס איר, חוהלען, געזאָגט שוין טויזנט מאָל... מסתמא האָט ער דאָך אַ געוויסן מיין דערביי... אַזאַ מאַן ווי נאָום מוז מען דאָך צוהעלפן אין דער פרנסה. זי, חוהלע, וואָלט געהאָרעוועט ווי אַ פערד, אַבי צו זיין לעבן אים... אָ, ווי ער קוקט עס איצט צו איר, זי פילט שוין וואָס ער מיינט... און ער ווייסט, אַז אַפילו ביינאַכט, ווען זי איז מיט סיאָמען, טראַכט זי פון אים... עס איז ווי אַ כישוף! אוי, גאָט!... אָבער, מעג זי דען האָבן אַזוינע געדאַנקען? זי איז דאָך שוין אַן אשת־איש... און וואָס קען זי טאָן קעגן דעם, אַ?... די בענקענישן האָבן זיך אַריינגעגנבעט צו איר אין האַרצן גלייך ווען נאָום איז נאָר געוואָרן איר לערער. ווי גוט וואָלט

עס געווען, ווען נאָום קען ווערן איר ברודער!... זי וואָלט אים גערופן: נחום, נחומל!...

אין איר שטוב איז איצט פוסט. די מומע רוזשע איז יונג אַוועק. פאַר אירע, חוועלעס, אויגן שטייט נאָך איצט דאָס שוואַרצע קליינע קעסטל מיט די קרענץ בלומען פון אויבן. אוי, וויי! ווי ווייניק עס איז פון דער מומען געבליבן!... דער פעטער עליק איז טאַקע אויסגעזעסן די גאַנצע אַכט טעג שבעה, געזאָגט קדיש און אַפילו אַ פּאָר מאָל געוויינט. רבקהלע מיט שיי־מעלען זענען קיין שבעה נישט געזעסן, זיי האָלט נישט דערפון. וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס גאַנצע לעבן, אויב אַזאַ קלוגע און פעיקע מומע רוזשע איז באַגראָבן געוואָרן אַזוי יונג?... אַלץ איז נישט מער ווי חוזק, אָפּנאַרעריי... און דער פעטער עליק, זאָל געזונט זיין, וואַרפט שוין ממזרישע אייגעלעך אויף פריידען. און גאָט זעט עס און שווייגט. און זי, חוועלע, איז אויך נישט קיין פיינער מענטש!...

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, חוועלע? — האָט זי פּלוצים דערהערט מאַקסעלעס קול. — גיי בעסער און קאָך אָפּ אַ גוט מאַמעליטש־קעלע און איך וועל לויפן ברענגען זויערע אוגערקעלעך מיט ברינדזע.

— ווו האָסטו דאָ אונדזער ברינדזע, אונדזער ערדע מיט ביץ?... דאָ איז עס אַ מין ראָקפאָרט, און עס איז פול מיט ווערימלעך — האָט חוועלע באַדויערט.

— עס איז אָבער געשמאַק! — האָט מאַקסעלע געסמאַטשקעט מיט די ליפּן.

— דו גיב איר נישט קיין אַרבעט! — האָט זיך סיאָמע אָנגערופן. — ווילסט מאַמעליגע, טאָ גיי אין רעסטאָראַנדל אויף סעראַנאָ און מוניעקאָס...

— זי איז אַ פרייער מענטש! — האָט זיך נאָום אַריינגעמישט, און זיין שעלמישער בליק איז אַריינגעפאַלן אין אירן. — חוועלע מעג זיך דער־לויבן צו טאָן, וואָס איר האַרץ גלוסט.

סיאָמע האָט אים איבערגעשלאָגן, רויט־ווערנדיק פון כעס:

— וואָס האָסטו נישט געבראַכט דיין ווייבל אַהער? דיינע איז אַ מאָ־דערנע... דערפאַר האָרעוועט זי ביי דיר ווי אַ קנעכט ביי פּרעהן...

דער עולם האָט זיך צעלאַכט און נאָום האָט רויק געענטפערט:

— מיין פרוי איז אַ נייער מענטש!...

— נישט אמת! — האָט זיך זוסיע צעשריִען און אַ קלאַפּ־געטאָן מיטן פויסט איבערן קעפּל פון דער מאַשין. — דו רעדסט ווי אַן אמתער גראָבער יונג!...

— נו, געוואַלדעווע נישט, זוסקע! — האָט אים סיאָמע אַנטקעגנגע־שטעלט אַ האַנט. — פאַר אונדז, מעגער, איז דער ענין פרייהייט אַ גאָלדן אַרטיקל. מיר האָבן סיי דאָס ברויט און סיי דעם לעקעך, ווי עס זאָגט אַ שפּאַניש פאָלקסווערטל...

— הפקרות איז קאָנטרעוואָלוציע! — האָט זיך זוסיע צעקאָכט און אומרויִק אַרויפגעצויגן די נאָכגעלאָזטע הויזן. — אַן אמתער באָלשעוויק מוז זיין אַ ריינער מענטש... ער מוז זיין אַ ביישפּיל... דאָס געוויסן אַליין!...

— נישט אַלע, זוסיע, זענען דאָך אַזוינע יאָלדן ווי דו!... דיינע חברה בוצן דיך אויס. יאָ, יאָ! מען וועט דיך טרייבן אין קבר אַריין — האָט סיאָמע בייסיק געשמייכלט. — אויף מיין וואָרט, אַז דו וועסט מיך אַמאָל דערמאָ־נען צום גוטן!...

זוסיע האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז ביר און האָט ווידעראַמאָל אָנ־געהויבן:

— אונדזער אידעע איז אַ ניי קריסטנטום!... אַ מענטש מיט צוויי פּני־מער איז טריף ווי חזיר, איז אַ קאָנטררעוואָלוציאָנער, אַ פאַרעטער!... — און צו נאָומען: — אַן אמתער באָלשעוויק וועט קיינמאָל נישט יועלן אָפּטשעפּען אַ נאַריש ווייבל פון איר מאַן!... עס איז אַ זינד, אַ זינד און אַ פאַרברעכן דו הערסט?...

חוהלע איז געוואָרן אומרויִק. זי האָט פאַרשטאַנען וואָס זוסיע האָט דערמיט געמיינט און איז אים געוואָרן אַ דם־שונא...

זוסיע איז שוין ווידער געוואָרן פריילעך. דאָס ביר האָט אים געמישט אין קאָפּ. ער האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף מאַקסעלעס אַקסלען און האָט זיך צעטאַנצט, צעהעפּעט אויף די צעדרייטע אָפּצאַסן פון די שיך... באַלד האָט ער אָפּגעלאָזט מאַקסעלען און האָט זיך איינער אַליין אָנגעהויבן טראָגן הין און צוריק, האַלטנדיק דעם קאָפּ אויף אַ זייט און צוקלאַפּנדיק מיט די פינגער אין דער לופטן האָט ער זיך צעזונגען:

הײַ, ברודער וואָגלער פון דער וועלט!
לאָמיר טרינקען בראָנפן, לאָמיר טרינקען ווײַן!
לעבן זאָל דאָס לאַנד ביראָבידזשאַן!
איי, איי, איי, ביראָבידזשאַן!...

וואָס דאַרפט איר בויען שלעסער, גבירים זיין?
לאָמיר אַלע לויפן קיין ביראָבידזשאַן!
איי, איי, איי, ביראָבידזשאַן!...

ניטאָ דאָרטן קיין ראָסן, קיין ווייסע און קיין שוואַרצע,
עס איז אַן ערד אַ רויטע, עס צינדט מיר אָן מיין האַרץ...
איי, איי, איי, ביראָבידזשאַן!...

מאַקסעלע נאָז האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט און מיטגעזונגען.

שיינדעלע, זעענדיק דעם טאַטן אַזאַ צעטאַנצטן, אַזאַ צעהיצטן, האָט זי זיך דערשראָקן, טאָמער, חלילה, קומט ווידער צו אַ קריגעריי צווישן אים מיט דער מאַמען, האָט זי זיך אויפגעהויבן און אים צוגעטראָגן אַ גלאָז מיט וואַסער:

— נעם, ס'וועט דאָך ווערן קאַלט!...

חוהלע האָט געקוקט אויף זוסיען און געטראַכט: ווי גרויס איז דער אָפּגרונט צווישן אים מיט דער מומעס קינדער. רבקהלע האָט אַרויסגענומען דער מאַמעס געפּרעסטע כאַלאַטלעך, אונטערקליידלעך, פּאַרטעכער מיט דער גאַנצער אונטערוועש און אַלץ אַעווקגעגעבן דער דינסט. נאָר די טייערע סערוועטן, טישטוכער און דעקעס מיט אַלערליי פּאַרהאַנגען, וואָס די מומע האָט אין די גאָר יונגע יאָרן אויסגעהאָפּטן, האָט רבקהלע איינגעבונדן אין אַ גרויסן פּאַק און געהייסן דער שוואַרצער מאַריאַן, זי זאָל אים אָפּטראָגן צו איר, רבקהלען, אַהיים... זי האָט אויך צוגענומען דער מאַמעס צירונג. דער שוועגערין האָט זי געגעבן אַ סאַמאָוואַר, די טעצלעך, די לייכטער און אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס די מומע האָט אַמאָל, אין אַ מינוט פון רוגז אויף די קינדער, צוגעזאָגט זיי אָפּצוגעבן איר, דער גרינער פּלימעניצע...

נאָכדעם האָט זיך רבקהלע צעקריגט מיטן ברודערס ווייבל. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק באַשולדיקט אין פּאַרכאַפּן דעם בעסטן טייל פון דער מומע רוזשעס ירושה... זי, חוהלע, הייבט נישט אָן צו פּאַרשטיין צו וואָס באַדאַרף מען אַזוי פיל? זי וואָלט זיך באַגנוגנט מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט מיט קנאָבל און אַ גלאָז טיי, אַבי צו זיין אַ פרייער מענטש און זיין לעבן נאָומען...

***

עס זענען אַוועק וואָכן און חדשים. זוסיע האָט איצט געשריבן אָפט. פון זיינע בריוו האָט געשלאָגן מיט אימפּעט, פרייד און געזאַנג. ער האָט מיט מייסטערשאַפט באַשריבן די שיינקייט פון יידישן ביראָבידזשאַן און די פרייהייט פון די מענטשן. ער זאָגט דאָ דעם ריינעם אמת, אַפילו דעם סאַמע גרעסטן קאָמיסאַר. ער, זוסיע, איז אַן ערלעכער באָלשעוויק!... און זי, פרייע, מיטן קינד וועלן דאָ ווערן פרייע מענטשן און נישט אונטערטעניקע קנעכט, ווי זיי מוזן זיין אין קאַפּיטאַליסטישן אַרגענטינע. זאָל זי וואָס גיכער צוגרייטן די פּאַפּירן אירע...

צו שיינדעלען האָט ער געשריבן באַזונדער. ער האָט אַזוי לאַנג גע־לויבט און באַזונגען ביראָבידזשאַן, ביז די קליינע האָט אָנגעהויבן בעטן, מען זאָל וואָס גיכער פאָרן צום טאַטן.

פריידע האָט זיך געיִשובט. עפּעס אַ בלינדער פּאָרגעפיל האָט זי אָפּ־געהאַלטן פון אַן איבערגעאיילטן שריט. דערצו האָט זי געקלאַפּט מיט בריוו צו אירע אַלטע טאַטע־מאַמע און געפרעגט, צי זיי ווילן פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן. בריוו זענען געלאָפן הין און צוריק. די אַלטע לייט האָבן געהייסן דער טאָכטער פאָרן צום מאַן, און פריידע האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג אַריין.

דערווייל האָבן פּלוצים אויפגעהערט צו קומען בריוו פון זוסיען. זי האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן קלאַפּן מיט רעגיסטרירטע בריוו. זי האָט געשריבן און געשריבן, אָבער נישט זי האָט געקראָגן אַן ענטפער און נישט עס זענען צוריק געקומען אירע בריוו.

פריידע האָט זיך געווענדט צו אירער אַ קוזינע אין ביראָבידזשאַן, און נאָך עטלעכע מאָל שרייבן, האָט זי ענדלעך געקראָגן אַזאַ מין ענטפער:

— דיין זוסיע איז געווען אַן אַגענט פון דער אַרגענטינער רעאַקציע, און דערצו אַ פּראָוואָקאַטאָר... אַ דאַנק דער גרויסקייט פון חבר סטאַלין, דעם טאַטן פון די פעלקער, איז זוסיע באַצייטנס אָפּגעשטעלט געוואָרן...

דאָס דאָזיקע בריוועלע האָט פריידען אינגאַנצן צעבראָכן. זי האָט גע־גלויבט אין איר זוסיען און נישט געקענט צולאָזן דעם געדאַנק אַז ער איז אין עפּעס שולדיק. זי און איר שיינדעלע האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן מיט פייערדיקע בריוולעך צו דער קרובה אָבער קיין ענטפער האָבן זיי מער נישט געקראָגן... איז פריידע געלאָפן צו איר מאַנס חברים, געקלאַפּט אין טיש, געשריִען, זיי גערופן סדומניקעס...

זייער שווייגן האָט געצונדן אין איר די בלוטן און צעפלאַקערט איר צאָרן. דערצו האָט איר נאָום געזאָגט אָפן, אַז זוסיע איז געווען אַ פּלאַפּ־לער, אַ לומפּן־פּראָלעטאַריער. אָבער פריידע האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. זי האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ ביסל געלט און צו פאָרן אַהיים. אפשר, האָט זי געטראַכט, פון דאָרטן וועט זי לייכטער קענען עפּעס טאָן פאַר איר מאַנס וועגן...

עליאָס האָט אָנגעהויבן צו קומען אָפטער. אַן רוזשעס אַ וואָרט, אַ באַפעל, אַ געשריי איז ער געוואָרן גאָר אַ קנאַפּער סוחר. ער איז געוואָרן צו שטיל, פון זיינע אויגן־ווינקלען האָט אַרויסגעקוקט אַ שטום געבעט... שיינדעלע האָט אים ליב געקראָגן מער ווי פריִער. זי האָט אים גע־

קושט און געהאַלדזט. דאָס קינד האָט ווי עפּעס אָנגעהויבן זעטיקן איר בענקשאַפט־געפיל נאָך אַ טאַטן... עליאַס אַליין האָט זיך דערפילט פריי צו האַנדלען. ער האָט זי געפירט אין כינעזישן פּאַרק, אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, אין יידישן טעאַטער, אין די שענסטע קינאָס און רעסטאָראַנען. עליאַס האָט איצט דערפילט דעם אמתן נחת פון אַ רייכן טאַטן און בעל־דעהניק דערצו... ער האָט נאָך גוט געדענקט יענע צייט, ווען זיינע קינדער זענען געווען קליין. ער איז דאַן געווען פאַרטאָן אין מאַכן אַ פּעזע און האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט זיי. זיין רוזשע איז געווען די רעדל־פירערין. די קינדער האָבן תמיד געמוזט ליגן איבער די ביכער און דערצו זיי גע־לערנט שפּילן פּיאַנאָ און פידל.

זיינע קינדער האָבן נישט געהאַט אין זיך שיינדעלעס וואַרעמקייט, איר טרייהייט און טויזנטער איינפאַלן און שפּיצלעך, וואָס האָבן אים צע־נומען און צוגעבונדן ווי אַ הונט צו אַ באַלעבאָס. ביסלעכווייז איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ שטילע פרייד, וועלכע ער האָט אין דער אַנוועזנהייט פון זיינע קינדער, געפּרוווט דערשטיקן. ער האָט זיך אויך געשראָקן פאַר לאַנדס־לייט, וואָס האָבן אונטערגעטראָגן פּליאָטקעס צו זיינע קינדער... אָבער ער האָט געוואַרט אויף אַ נס, אויף עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל, ענדלעך, מאַכן אַ סוף צו זיין אומבאַשטימטן לעבן.

***

איין מאָל אין אַ האַרבסטיקן טאָג איז חוהלע געשטאַנען אין אַ ווינקל פון איר שטיבל און געהיט דעם פעטערס קלייט.

שוין עטלעכע טעג, אַז דער רעגן האָט נישט אויפגעהערט צו גיסן. די רעגן־טראָפּנס האָבן געקלאַפּט איבער די בלעכענע דעכלעך פון די נידעריקע שטיבלעך מיט אַלטוואַרג און זיך געגאָסן אין די גרויסע דייזש־קעלעך, וואָס מאַריאַ האָט אונטערגעשטעלט, כדי צו האָבן רעגן־וואַסער אויף צו וואַשן די וועש.

אָט ווערט שוין באַלד צוויי יאָר זינט די מומע איז אַוועק. זי, חוהלע, האָט שוין באַוויזן צו געבוירן אַ פּאַרעלע. דעם מיידעלע האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָך דער מומען און דעם יינגעלע, אברהם־יצחקל, נאָך סיאָמעס טאַטן. זי, חוהלע, פאַרנעמט איצט דער מומעס פּלאַץ. זי איז תמיד פאַרטאָן, פאַרהאַוועט. די קעשענעס פון דעם ברייטן פאַרטוך זענען פול מיט פּאַ־פּירלעך, מיט חשבונות און קליינע שרייפּעלעך.

דער פעטער עליק האָט ליב געקראָגן די פרייהייט. ער פאַרט אָפּט אין

יידישן צענטער, כאַפּט זיך אַריין אין „באַר לעאָן", ווו ער שפּילט אַ דאָמינאָ און ער האָט אָנגעהויבן איצט צו רעדן וועגן פּאָליטיק און וועגן ליבע...

און זי, חוהלע, איז געוואָרן אַ יידענע, אַ שווערער מענטש מיט אַ בינטל שליסלען פון אַ פרעמד פּאַרמעגן... זי שטעקט דאָ ווי אַ פלאָקן אין אַ האַרטער וואַנט. נאָומען זעט מען נישט, ער מוז שוין איצט אַוודאי ליב האָבן אַ צווייטע... אָ, ניין, ניין! ער וועט עס נישט טאָן!... זי איז געווען ווי אַ חיה וואָס דערפילט אַז עס רוקן זיך אָן שווערע ווינטערדיקע טעג, און זי מוז וואָס גיכער אויסזוכן אַ זיכער ווינקעלע פאַר זיך מיט אירע קליינע באַשעפענישן...

יאָ, איר סיאָמע איז שוין געוואָרן דעם פעטערס אַ שטיקל שותף. ער איז גליקלעך, ער האָט שוין געקויפט אַ שטיק פּלאַץ, טאַקע דאָ נישט ווייט. מען בויט דאָרט אַ לאָקאַל מיט צוויי אויבערשטע שטאָקן, איינעם פאַר זיך און אַ צווייטן צום פאַרדינגען. סיאָמע איז ביז איבערן האַלדז פאַרבאָדן אין חובות. ער אַרבעט אַ פאַרעקשנטער, האָרעוועט איבער די כוחות און פאַרגינט זיך נישט דאָס לעבן... ער ווייסט גאָרנישט, אַז זיין בויען איז אָן אַ פעסטן פונדאַמענט...

נאָכדעם, וואָס זי, חוהלע, האָט אויפגעהערט רעשן לעבן דער קראַנ־קער מומען און צו ווירקן, אַז דער פעטער זאָל נישט פאַלן פון די פיס, איז זי געבליבן אַליין! אַליין מיט די ברעקלעך קינדערלעך און מיט אַ שווערן עול אויפן קאָפּ...

דאָ איז דאָך אַלץ געבויט אויף אינטערעסן, אַלץ איז נאָכגעקרימט!... יאָ, יאָ!... זי האָט עס שוין טויזנט מאָל נאָכגעטראַכט. ווען דער פעטער עליק וועט זיך געבן רעכענונג, וועט שוין זיין צו שפּעט!...

זי האָט מיט דעם מינדסטן פינגערל אָנגעשריבן אויף דער נאַסער שויב: „נאָום", נאָום" און דערשרעקן פאַר זיך אַליין, האָט זי אויף גיך אָפּגעווישט די פּאַרע און איז אַנטלאָפן אין אַנדערן צימער, ווו עס איז גע־שטאַנען דאָס בעטל מיט אירע קינדערלעך. זיי זענען איצט געשלאָפן, איינס לעבן אַנדערן, אָנגעטאָן אין ווייסע וואָלענע רעקעלעך און צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרעכל פון הימל־בלויען וואָל מיט זייד. אויף זייערע פּנימלעך האָט גערוט זאַטקייט, שמייכל און אומשולד, וואָס האָט חוהלען צענומען ביזן גרונט פון איר לייב און נשמה...

זי האָט געגלעט די צעשויבערטע פייכטע לעקעלעך אַרום די קינ־דערשע אויערלעך און געשמייכלט דורך טרערן... די קינדער האָבן זיך ביידע מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט, עס איז שוין געווען די שעה צו געבן זיי

די ברוסט. חוהלע האָט זיך אָװעקגעזעצט אויפן דיוואַן, האָט אַרויסגענומען איין קינד און עס אַוועקגעלייגט באַקוועם ביי זיך אויפן שויס און אים געגעבן צו זייגן. זי האָט אויך אַרויסגענומען דאָס צווייטע קינד און אים געגעבן די אַנדערע ברוסט. פון חוהלען האָט געשלאָגן מיט חשיבות און מיט אָפּפערוויליקייט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקער מאָנומענט פון מוטערשאַפט...

„קינדער זענען עלטער אַפילו פון קיסר!" — האָט איר אַמאָל געזאָגט די מומע רוזשע, און זי, חוהלע, ווייסט, אַז זיי זענען עלטער אפילו פון גאָט, פון דער גאַנצער וועלט!... יאָ, אַנדערש טאָר עס גאָרנישט זיין... אָבער ביי איר אין האַרצן איז דאָ פּלאָץ פאַר נאָך עמיצנס וועגן... עס וואָלט געווען גוט, ווען זי אָדער ער זאָל אָפּשטאַרבן... דאַן וועט אפשר נעמען אַ סוף צו דער מאַטערניש... סיאָמע איז אַ קאַלטער טאַטע און אַ קאַלטער מענטש, זי פילט עס שוין צופיל... ער האָט ליב בלויז געלט... ער וועט האָבן דער מומע רוזשעס סוף!... יאָ!...

טרערן האָבן אַ פלייץ־געטאָן פון אירע אויגן.

זי האָט נישט געזען און נישט געהערט, ווי נאָום איז צוגעקומען צו איר טיר און האָט זי בייגעריק גענומען באַטראַכטן. ער איז שוין דאָ נישט געווען אַ סך חדשים און האָט נאָך נישט אָנגעקוקט איר צווילינג. אין קעשענע פון זיין שוואַרצן רעגנמאַנטל האָט ער געהאַט אין אַ פּעקעלע צוויי פּאָר וואָלענע שיכעלעך פאַר זייערטוועגן. ער האָט עס אַרויסגענומען, איז צו־געגאַנגען צום דיוואַן און געבליבן שטיין אַנטקעגן איר.

זי האָט ווי אַ חיה דערשנאַפּט דעם ריח פון זיינע האָר, פון זיין מויל און עס האָט מיט איר אַ וואָרף־געטאָן. זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און אַ דערשראָקענע אויסגערופן:

— אוי, נאָום, נחומל, נחום!...

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס פּעקעלע אויף איר שויס און געקוקט אויף אירע ווייסע, געטאָקטע פולע ברוסטן מיט די ראָזעווע וואַרצלען. זי האָט זיך פאַרשעמט, אַוועקגעלייגט אין וויגל אירע קינדער און גיך פאַרשפּי־ליעט די קנעפּ פון איר טונקל־רויטן כאַלאַט, וואָס איז געווען טיף אַריינ־געוואַקסן אין איר געטאָקטער טאַליע.

— ביסט געוואָרן נאָך שענער, חוהלע! — האָט נאָום מיט אַ שמייכל איבערגעריסן די שטילקייט. — עס פּאַסט דיר צו זיין אַ מאַמע... נו, זאָל זיין מיט גליק, מיט צופרידנקייט...

זי האָט מורא געהאַט צו קוקן אין נאָומס זייט, מורא געהאַט פאַר זיך

אַליין, פאַר דעם ווילד־געוואָרענעם האַרץ, וואָס איז געשפּרונגען אין ברוסט־קאַסטן, געוויינט און זיך געפּרייט... זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס פּעקעלע צופוסנס פון בעט און געקוקט פאַר זיך.

נאָום האָט אויסגעטאָן דעם נאַסן רעגנמאַנטל, אים אויפגעהאַנגען אויפן העננער הינטער דער טיר, אויסגעגלעט די ברייט־שרונטיקע נאַסע האָר און זי אַרומגענומען און צוגעצויגן צו זיך. זיין מויל האָט געברענט...

— טו עס נישט, נאָום! — האָט זי מיט אַ האַנט־באַוועגונג אים אָפּ־געשטופּט פון זיך, אַנשטעלנדיק אויף אים אירע קלאָרע אומעטיקע אויגן.
— מיר דאַרפן זיך שעמען פאַר די קינדערלעך; זיי זענען עלטער און ביל־בער אַפילו פון גאָט!...

— ווער נעמט דען עפּעס צו ביי דיר דיינע קינדער? — האָט נאָום געשמייכלט. — איך וויל דיר געבן אַ ביסל גליק, פרייד. דאַן וועלן דיינע קינדער נישט זיין ווי אַ לאַסט אין דיין לעבן...

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער פּיאַנאָ אין ווינקל און אַ פיר־געטאָן מיט די פינגער איבער די קלאַווישן. די קלאַנגען האָבן זיך ווי מחנות פייגל צעטראָגן איבער דעם צימער און זענען ווי אַ סם אַריינגע־דרונגען אין חוואלעס בלוט, געררודערט און געוועקט אין איר די בענקשאַפט נאָך אים...

זי איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ און אויך אָנגעהויבן שפּילן. נאָום האָט אַרויפגעלייגט זיינע פינגער אויף אירע. די קלאַנגען זענען געוואָרן פולער, ווי אָנגעגאָסן מיט זאַפט, מיט טרערן, מיט ווינט און שטורעם און מיטן קלאַפּן פון איר האַרץ...

אַך, ווען זי קען אַ גאַנץ לעבן שטיין אַזוי ביי זיין זייט, פילן די וואַ־רעמקייט פון זיינע פינגער, ווי גליקלעך זי וואָלט געווען!... זי וואָלט זיך באַגנוגנט מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט, מיט אַ ביטערער מאַטע!... נאָך וואָס דאַרף זי פאַרמעגנס?

אָ, ווען אַ פינגער פון אַ געליבטן פריינד קען געבן אַזוי פיל אינהאַלט!...

נאָום האָט אַרויסגעפּילט איר אומרו. ער האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּ־געווישט די פייכטקייט פון זיין פּנים און זי ווידער צוגעצויגן צו זיך. ער האָט אַריינגעקוקט טיף אין אירע אויגן און זיך אָנגערופן:

— דו שפּילסט נישט שלעכט, דו האָסט געפיל...

— און דו קומסט אַהער אַזוי זעלטן... — האָט זי אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— איך האָב אַ סך וואָס צו טאָן... — האָט ער געענטפערט פאַריסן.

— פרעגסט מיך גאַרנישט, וואָס איך מאַך, ווי אַזוי איך לעב? — האָט זי אים איבערגעשלאָגן די רייד. — פאַרוואָס קומסטו נישט אַ ביסל אָפטער? מיר וואָלטן געטרונקען מאַטע און צוגעביסן היימישע אייער־קיכלעך. מיין סיאָמע וועט נישט זיין בייז.

— דו ווייסט גאָרנישט, חוהלע, ווי שטאַרק איך בענק נאָך דיר... איך לייד, דו האָסט אָנגעצונדן מיין בלוט... דערפאַר טאָקע קום איך ווייניק...

זי איז געוואָרן נאָך אומעטיקער און זיך געפילט שולדיק קעגן אים.

— נאָום, זייַ נאָך אַ ביסעלע, עס איז מיר אַזוי סקוטשנע, און דו רעדסט גאָר פון נאַרישע, יינגלשע זאַכענישן...

עס האָט אויף אים אַ שלאָג־געטאָן מיט ריחות פון פריש־צעאַקערטער ערד, מיט ריחות פון זוימען פון יונגע אוגערקעלעך... ער איז געוואָרן רויט, די הענט האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן.

יאָ, עס שמעקט פון איר מיט ווילדגראָז, זי איז קערנדיק, אָבער שרעקעוודיק ווי אַ יונגער האָז... זי איז ערלעך־נאַיִוו, און אין דעם ליגט איר רייץ... אָבער ער, נאָום, וועט זי איינבייסן, דאָס זיסע לעמעשקעלע!... מיט וואָס האָט זיך דאָס סיאָמע פאַרדינט אַזוי פיל טרייהייט, דער טרוקע־נער ליטוואַק?... אַזאַ געלטגייציקער!... און אַזאַ מזל האָט ער עס!... ער, נאָום, וועט אים אָבער אָנפייפן אין טאָטן!... זאָל חוהלע פלאַטערן ווי אַ שמעטערלינג אַרום פייער; נישקשה, אירע זיידענע פליגעלעך וועלן אָפּגע־ברענט ווערן... וואָסי, ווו שטייט עס געשריבן, אַז אַ פרוי מוז זיין ווי אַ שטוב־חיה?... וואָסי, סיאָמע האָט זי אָפּגעקויפט? חוהלע האָט אים, נאָומען, טויזנט מאָל מער ליב ווי איר אייגענעם מאַן... טאָ, פאַרוואָס זאָל זי נישט מאַכן אַ סוף צו די בירגערלעכע נאַרישקייטן?...

ווי גוט און ווי שיין עס איז צו זיין פאַרליבט — האָט חוהלע גע־טראַכט — אָבער פאַרליבט אין דעם געזעצלעכן מאַן; ווען זי, חוהלע, קען זיין כאָטש אַ קאַפּיטשקע פאַרליבט אין איר סיאָמען, וואָלט זי דאָן גע־טאַנצט אין די גאַסן, זי וואָלט זינגענדיק אויסגעקושט יעדעס ביינדעלע זיינס. עס איז דאָך אַזוי גוט צו האָבן אַ ריין געוויסן, אַ ריין האַרץ!... וואָס־זשע, נאָום פאַרשטייט עס נישט?... אוי, כשרע באָבע צייטל, מי דיך פאַר מייַנעטוועגן!... גיב מיר אַ ביסעלע כוחות בייצושטיין דעם נסיון!... נעם צו ביי מיר דאָס בענקעניש, אוי גאָט!...

— דו וועסט ווערן ווי דיין מומע רוזשע. יענע איז געווען אַ געניטע סוחרטע, אָבער פון ליבשאַפט, פון צערטלעכקייט האָט זי נישט געוווּסט. זי האָט געלעבט ווי אַ צוויי־פיסיקע בהמה... דו וועסט מיט דער צייט ווערן

אַ רייכע דאַמע און נישט מער — האָט ער אַ לאַך־געטאָן און זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ הייסן בליק.

— פאַרוואָס באַליידיקסטו מיך, נאָום? — האָט חוהלע אויף אים אָנגעשטעלט אַ רירנדיק פּנים, באַגאָסן מיט אַ צונטער־רויטקייט. — דו ביסט גרויזאַם!...

— אַ פרוי, חוהלע, איז ווי אַ בלום: ווען מען גיט איר נישט קיין וואַסער מיט זון און לופט, ווערט זי פאַרוועלקט... שטעל דיר נאָר פאָר, — האָט ער שוין ערנסט צוגעגעבן — דו דאַרפסט אָפּלעבן מיט דיין מאַן נאָך אַזויגע פערציק אָדער פופציק יאָר! אָן איבּיקייט, אָן עמאָציעס, אָן ווילן, אָן פרייד!... אַ לעבן ווי פון אַ באַצאָלטן שקלאַף...

— אוי, גאָט! נאָום האָט דאָך איצט אַרויסגעזאָגט אירע, חוהלעס, אייגענע געדאַנקען!... אָבער פאַרוואָס לעבט ער מיט אַ פרוי, וואָס ער האָט פיינט? יאָ, אַלע ווייסן דאָס. זיין פרוי מאַכט זיך אָפּט אַבאָרטן און גייט קראַנקערהייט אַרבעטן. זי, חוהלע, וועט עס אים זאָגן. אָבער זי וואָלט טראָץ דעם געלאָפן פאַר אים אין פייער און אין וואַסער, ווען ער וויל עס נאָר... זי וואָלט געהאַרעוועט, געוואַשן פרעמדע פאָלן, אַבי צו זיין לעבן אים. אָבער נישט טאָן יענע זאַך און בלייבן דאָ... און סיאָמע? און די קינ־דערלעך? ווײ און ווינד איז מיר!... אײ, גאָט, שיק מיר דעם טויט! גענוג! איך האָב שוין געזען אַ וועלט, גענוג!...

— נאָום! — האָט עס פון איר אַרויסגעציטערט — פאַרוואָס פירסטו אַ צענפאַכיק לעבן? און דיין פרוי ווייסט ביי דיר פון גליק? דו מיינסט, אַז לייטן זענען נישט קיין מבינים?...

— זי האָט מיך ליב! — האָט ער אָפּגעהאַקט געענטפערט. — נאָך וואָס דאַרף מען זיך גטן? די פאַמיליע־לעבנס זענען אומעטום און אין אַלע צייטן געווען, און וועלן בלייבן, צעפוילט... מען דאַרף לעבן און גיין ווייטער און ווייטער... — האָט ער רויק געצויגן די ווערטער, אַרויפלייגנדיק זיין האַנט אויף איר אַקסל. אַ פרוי, חוהלע, איז שיין, ווען זי האָט אַן אַרטיס־טישע נשמה. אַ פרוי דאַרף זיין לייכט, אַ ביסעלע אַנגרייפעריש... דאַן איז זי אינטערעסאַנט, אַנציִענדיק ביז גאַר... אָן ערנסטע פרוי האָט נישט קיין חן! — האָט ער איר אַ גלעט־געטאָן איבער דער באַק, אַריינקוקנדיק טיף אין אירע אויגן, וואָס זענען געוואָרן פול מיט שרעק און צעמישונג.

נאָום איז שוין צופיל מאָדערן!... — האָט חוהלע געטראַכט — ווי אַזוי האָבן געלעבט די אַמאָליקע ווייבער, אַ?... איר מאַמע, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, האָט זיכער, חלילה, נישט אָפּגענאַרט דעם טאַטן. זי, חוהלע, וואָלט

געקענט שווערן אַפילו ביי שוואַרצע ליכט... אָבער ביי איר אין דערפּל, זי געדענקט עס גוט, האָט זיך הערש־לייב דער קירזשנער געגט מיט זיין ווייב, ווייל ער האָט זי פיינט געהאַט. דאָס פאַרשטייט זי, חוהלע. ער האָט זיך אָפּגעזוכט אַ שיינע יידענע און האָט נאָכאַמאָל חתונה־געהאַט. און זיין פריִער־דיק ווייב, ביילע־חיה די לאַנגע, האָט גענומען פאַר אַ מאַן אַ רייכן אַרענ־דאַר. ווייבער אין דאַרף האָבן דערציילט, אַז ער וואַשט אירע פיס און טרינקט דאָס וואַסער... זי איז גאַר געוואָרן שענער, די לאַנגע ביילע־חיה!...

חוהלע האָט אויפגעהויבן צו אים אירע אומעטיקע בליקן, געקנייטשט דעם שטערן און געזאָגט:

— נאָום, זיי מיר אַ ברודער, אַ פריינד, אַ טאַטע!... דו ביסט דאָך אַ אַ מענטש מיט שיינע חלומות. נישט אַזוי?...

— נו, צוליב דעם דאַרף איך ווערן פאַרשרפעט? — האָט ער איר איבערגעשלאָגן. — דו, חוהלע, האָסט אַ נשמה פון אַ שקלאַף און דו ווילסט, אַז איך זאָל דיר נאָכטאַנצן...

זי האָט שווער אָפּגעזיפצט און מורא געהאַט צו זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים באַליידיקן און ער זאָל ווידער אַוועק אויף לאַנג. זי וועט דאָ אויסגיין פון בענקשאַפט און פון עלנט.

— איך בין אַ מאַמע, נאָום, און אַ ווייב צו אַ מאַן, וואָס שטרעקט פאַר מיר דאָס לעבן און גלויבט אין מיר...

טרערן האָבן זיך געשטעלט אין אירע אויגן.

— אָבער איך, חוהלע, האָב דיך ליב, דו ווייסט עס — האָט ער איר אײדל געגלעט אירע הענט — דו האָסט מיר געגעבן האָפענונגען...

— ביי מיר, נאָום, קומט אַלץ פון האַרצן. אָבער ביי דיר איז עס גאַר עפּעס אַנדערש און איך בין אין דעם נישט שולדיק...

אין איר שטים האָט זיך געהערט זאָרג און מורא.

— דיין מומע רוזשע האָט דיך אויסגעלערנט צו זיין פאַלש צו זיך אַליין — האָט נאָום צו איר אַ זאָג־געטאָן.

— נו, און ווען די מומע רוזשע נאַרט יאָ אָפּ דעם פעטער עליק, וואָלט זי שוין געווען גליקלעך, אַ?... — האָט חוהלע אַריינגעקוקט מיט אַ קינ־דערישער מינע אין זיין ברוגזן פּנים. — אָדער וואָלט זי צוליב דעם גע־לעבט לענגער? אָדער אפשר וואָלט זי איצט געמאַכט אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די מתים, זיך באַרימט מיט אירע ווייבערישע דערפּאָלגן, מ׳שטיינס גע־זאָגט?...

— דיין מומע האָט דאָך אַפילו נישט דורכגעלעבט די אומרויִקייט פון

אַ קו, פון אַ צויג אָדער אַ שקאַפּע!... — האָט נאָום אַ לאַך־געטאָן און אויפ־געהויבן דעם קאָפּ ווי צו האַלטן אַ רעדע. — אַ מענטש, חוהלע, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געזינדיקט, איז ווי אַ טויט באַשעפעניש און איך וויל לעבן, געניסן און גיין אַלץ ווייטער און ווייטער...

— און מיך, נאָום, ציט נישט צו זינדיקן. איך וויל גאָר עפּעס אַנ־דערש...

— וואָס, פּויערל, ווילסטו? — האָט ער אַריינגעגנומען איר קאָפּ צווישן זיינע הענט און האָט אים צוגעדריקט צו דער ברוסט. — דו דאַרפסט טאָן, וואָס איך וועל דיר הייסן, דו וועסט קיין חרטה נישט האָבן...

**
*

דער פעטער איז אַריינגעקומען, מיטברענגענדיק אַ קעלט. נאָום איז גיך צוגעגאַנגען צום טיש און האָט אָנגעהויבן בלעטערן אַן אָפן בוך, וואָס איז דאָרט געלעגן.

חוהלע איז געוואָרן רויט און פאַרלוירן געקוקט אויפן פעטער. ער האָט אָפּגעקלאַפּט די טראָפּנס וואַסער פון די שיך, אַראָפּגענומען פון קאָפּ דאָס קיילעכדיקע היטעלע; אָפּגעווישט דאָס פּנים. כעס האָט זיך אַרויסגע־שפּאַרט פון זיינע ברייטע באַקן:

— מיערזאַוועץ, שאַרלאַטאַן! האָסט דיך אָנגעזעצט אויף אירע בידנע יאָרן!...

ער האָט זיך שווייגנדיק אַראָפּגעלאָזט אויף דעם ראַנד פון דיוואַן און אָנגעהויבן אונטערצוברומען זיין באַליבט ניגונדל.

— וואָס הערט זיך עפּעס נייעס, דאַן עליאַס? וואָס מאַכט איר איך געזונט? וואָס מאַכט אייער פאַיסאַנקע?

עליאַס האָט פאַרצויגן אַן אויג־ווינקל, זיינע ברעמען זענען געוואָרן שפּיציק, עס האָט אין אים אויפגערודערט דער כעס: — ער נעמט מיך אויפן זיכער, דער מיערזאַוועץ... און די נאַרישע קאָזע, די חוהלע, איז בלינד און פאַרפירט...

אָנשטאָט צו ענטפערן האָט עליאַס אַ פרעג־געטאָן:

— וואָס מאַכט דיין סעניאָראַ? איך האָב געהערט זאָגן, אַז זי איז שוין ווידער געלעגן אויף דער בראָכשטול... וואָס פאַר אַ מאַנספאַרשוין ביסטו. קאַראַמבאַ?...

— וואָס מאַכן אייערע געראָטענע קינדער, האַ?... האָט ער געשמייכלט.

— אויף אַלע מיינע ליבע געזאָגט געוואָרן, אַן מיין שאָדן; — האָט

עליאַס געענטפערט. — מיינע קינדער האָבן דאָ אַ גרויסן נאָמען... און וואָס איז מכוח זוסיען, ווייסטו עפּעס?...

— ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר! — האָט נאָום פאַרצויגן די אויגן־דעקלעך ווי אַ גלח, ווען ער רעדט צום פּראָסטן עולם.

— מיר לייגט זיך עס נישט אויפן שכל! זוסיע איז געווען פּויפּסט־לעכער פונעם פּויפּסט, קאַראַמבאַ!... און זיין פריידע סטראַדאַיעט נעבעך! — האָט ער צוגעגעבן פאַרטראַכט. — עס מוז דאָך אַמאָל נעמען אַן עק צו די צרות אירע. אַהער אָדער אַהין... עס איז דיין חוב צו געבן איר, פריידען, אַ קלאָרע תשובה...

— מיר האַלטן נישט פון אָפּגעבן אַ חשבון וועמען עס איז!... זוסיע האָט אַ לאַנגע צונג, און מיר, מיר האָבן צוטרוי צום חבר סטאַלין...

— און איך נישט! — האָט עליאַס אויסגערופן און זיינע ברעמען זענען געוואָרן שפּיציק — איך האָב פיינט מענטשן, וואָס פירן נישט קיין ערלעכע חשבונות און דערצו, ווען עס האַנדלט זיך אין פרעמדע פאַרמעגנס...

נאָום האָט אַ מאַך־געטאָן מיט אַ האַנט. ער האָט איצט געוואָלט אויסמיידן אַ קריגעריי מיטן אַלטן. ער האָט אַראָפּגענומען זיין מאַנטל, אים וווילויונגעריש אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע אַקסלען, זיך געזעגנט מיט עליאַסן און מיט חוהלען און איז אַוועק.

דער פעטער האָט אים נאָכגעקוקט, געזיפצט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

יאָ. זיין ברודער הערש־יאָסלס איינציק אייניקל אין קאָפּ איז אומגליקלעך און ער, דער בידנער פעטער עליק, דער אַלטער באָק, גייט אַרום אַ פאַרליבטער... שמאַט נעכאַי!... און ער טראַכט גאָרנישט, אַז דאָס קינד, נעבעך, שטייט אויפן שייד־וועג... אויך צווישן אים מיט רוזשען איז געווען אַ קידער־ווידער. אָבער יענע איז געווען אַ מענטש מיט ווילן, מיט אַ קאַפּריז... רוזשע האָט געהאַט פון אים ס׳גענאַר... האָט זי געמפּילט — איז ער געווען שולדיק; האָט זי געטראַגן — איז ווידער דער מאַן!... זי האָט אים נישט נאָכגעגעבן, די רוזשע... און ער האָט עס יאָ ליב געהאַט... זי האָט געהאַט אַזאַ ווייס לייב, אַ חנוודיקס... איצט וועט זיך ביי אים אין שטוב איבערחזרן דאָס זעלביקע לידל, אַ?... און דאָ שטייען צווישן איר מיטן מאַן צוויי קליינע שעפעלעך אומשולדיקע נעבעך... חוהלע איז ווי אַן אייזל, — זי וועט שלעפּן אויף זיך גאַנצע פודן, גאַנצע בערג. זי וועט אָבער אויסגלייכן דעם רוקן. זי וועט אַן רחמנות אַראָפּוואַרפן פון זיך די לאַסט. דווקא איר שווייגן, איר

נישט מאַנען גאַרנישט ביים מאַן און ביים פּעטער עלי, — דאָס איז אַ שלעכטער סימן... אוי־ווײ! און דער פאַדליעץ העלפט צעבלאָזן דאָס פייער... נאָום איז אַ יונגערמאַן מיט אַ שאַרף צינגל און ווייבער האָבן עס ליב. סיאָמע איז צופיל פאַרטאָן אין מאַכן אַ קערבל און עס וועט אים אויספּאַלן באַקעם... הלוואי וואָלט די קליינע איינמאָל אָפּגעזינדיקט מיט דעם נאָומען, דאַן וואָלט זי אפשר געעפנט די אויגן...

ער האָט געטאָן אַ הוסטל, ווי עס וואָלט אים עפּעס געבליבן שטעקן אין שלונג.

— חווה, חווהלע! — האָט ער אומעטיק אויסגערופן, — זאָג מיר, אוצרל, וואָס האָסטו צו דיין מאַן?

— פּעטער, עס איז מיר לײדיק אינעם האַרצן!... — האָט זי וויינענדיק געענטפערט. — און ווען אַ מענטש האָט אַ טעות, דאַרף ער דען זיין גאַנץ לעבן צאָלן און אָפּקומען פאַר דעם?...

— מיינסט, חווהלע, אַז דער דאָזיקער מיערזאַוועץ מיטן שאַרפן צינגל וועט דיך נעמען פאַר אַ ווייב? — האָט דער פּעטער געוואָרנט מיטן פינגער.
— וואָלט ער געווען ערנסט, וואָלט איך דיר צוגעהאָלפן, ווי איך בין אַ ייד!... איך רוטשאַיע דיר! — האָט ער צוגעלייגט אַ פּויסט צום האַרצן — אַז ביי דעם יונג און אויך ביי דיר, זאָלסטו מיר מוחל זיין, איז נישט מער ווי תאווה, און דאָס, חווהלע, איז אַ פּאַסקודנע זאַך...

— פּעטער עליק! ביי מיר האָט זיך עס גענומען פון דאַנען, — האָט זי צוגעלייגט אַ האַנט צום האַרצן, — און נישט פון עפּעס אַנדערש...

— יאָ, ער האָט דאָך אָבער אַ ווייב, חווהלע!... אויב דו ווילסט, וועל איך אַליין אַ רעד־טאָן מיט אים — האָט עליאָס צעפּירט מיט זיינע הענט.
— זע ווי ער איז אַנטלאָפן!...

— פּעטער, איך וועל מיך וואַרפן אונטער די רעדער פון אַ פאַיעזד...

— ש־ש־ש!... מאַמע מיינע, טרייב פון דיר די דאָזיקע געדאַנקען! — און אַ טרער איז געבליבן שטעקן אין זיין אויג־ווינקל.

שפּעטער איז סיאָמע געקומען אַהיים. ער האָט מיטגעבראַכט אַ קעלט. פון די צעפלויגענע פאָלעס פון זיין שוואַרצן לאַנגן רעגנמאַנטל און פון די האָר האָבן זיך געצויגן דינע צעפּעלעך וואַסער. ער איז געווען דאַר און אַ ביסל געבויגן. דאָס טרוקענע פּנים איז געווען בלוי פון קעלט און פון זאָרג. ער האָט אויסגעטאָן דעם רעגנמאַנטל, אים אויפגעהאָנגען אויפן טשוואָק, הינטער דער טיר, און איז צוגעגאַנגען צום וויגל אַ קוק־טאָן אויף זיינע קינדער.

ער האָט נאָכדעם אויסגעטאָן די שוואַרצע שטריקענע שיך פון די באָרוועסע פיס, אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן דיוואַן זיינע הויכע גומענע שטיוול און זיי שווערלעך אַרויפגעשלעפּט אויף די פיס.

חוהלע איז אַריינגעקומען פון דרויסן. אונטער דעם ברייטן שאַל האָט זי געבראַכט אַ קוישל מיט פלייש, פּרוכט און צוקער מיט זשערבע. זי איז אַריין אין קיך און געבראַכט דעם מאַן אַ הייסע מאַטע און אַ טעלערל מיט קיכעלעך.

ער האָט אַ קוק־געטאָן אין אירע אויגן און צווישן איין זופּ און דעם אַנדערן, געריעדט ווי צו זיך אַליין:

— ווער איז דאָ היינט געווען, חוהטשע?

זי האָט זיך דערשראָקן, עפּעס האָט זיך אין איר ווי איינגעבראָכן.

— דער פּעטער עליק איז דאָ געווען... — האָט זי אַראָפּגערעדט צו די שפּיצן פון אירע נאַסע שיך.

סיאָמע האָט אומגעדולדיק אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און זיך געבייזערט:

— איך וויל נישט זען דיינע טרערן, חוהטשע!...

זי האָט געשוויגן, אים דערלאַנגט אַ מאַטע און נישט געהאַט וואָס צו זאָגן און וואָס צו פרעגן. אויך סיאָמע איז געווען פאַרטאָן אין זיין וועלט: מען מוז וואָס גיכער זען די שטוב אַ פאַרטיקע און אַ פאַרדונגענע, אויב נישט וועלן די זיבן מאַגערע קי אויפעסן די זיבן פעטע...

דער אַלטער נואף ליגט איבער ביי פריידען, און ער, סיאָמע, איז דאָ ווי אַ געבונדענער. שפּייען זאָל זי מיט בלוט, די גראָבע נקבה, די גרינע חיה! די געדערים זאָלן איר אַרויסקריכן, ווי אים, סיאָמען, קריכן די אויגן פון קאָפּ אַרויס, ביז ער זעט פאַרטיק אַ שטיקל פון זיין אייגן ווינקעלע... איר, דער דאָזיקער פריידען, וועט אַלץ אַראָפּפאַלן ווי פון הימל... און זיין ווייבל הויבט עס נישט אָן צו אַרן. זי שטייט גאָר צווישן אים מיטן פעטער עליק, און זי לאָזט אים, סיאָמען, נישט אויפהייבן דעם קאָפּ. פאַר וועמענס־וועגן טוט ער עס אַלץ? — פאַר איר מיט די קינדערלעך. ער וויל זיי געבן אַ רייך און גליקלעך לעבן, און חוהטשע איז אַן אמתע בהמה...

ווען זי האָט אים דערלאַנגט אַ פרישע מאַטע, האָט ער זיך אָנגערופן:

— חוהטשע, מיר האָבן שוין אַ שיין ביסל אייגענע סחורה, אָבער דיין פעטער טאָר וועגן דעם נישט וויסן. ער וועט קומען קוקן...

— איך דאַרף נישט קיין סחורה און דאַרף נישט קיין רייכקייט!... —

האָט זי געענטפערט. — מיר איז גענוג דאָס ביסל וואָס איך פאַרמאָג... — און זי איז אַוועק אין קיך.

סיאָמעס אויגן האָבן ווי קאַלטע מעסערלעך זיך געשניטן דורך די צוויפגעצויגענע רויטע וויִעס. ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם רעגנמאַנטל, פאַרצויגן דעם גאַרטל אַרום דער טאַליע און אַלץ אין אים האָט געברויזט, זיך געבונטעוועט קעגן וויב. ער, סיאָמע, האָט דאָ אָפּגעשקלאָפּט ביי די דרייצן יאָר, זיין יונג לעבן איז געבליבן צווישן דעם דאָזיקן מיסט. איר פעטער, דער גוי, האָט געמאַכט אַ פאַרמעגן, האָט געגעבן די קינדער אַ שטיק גאָלד, און ער, סיאָמע, נעמט דאָ נישט מער ווי קרישקעלעך... נישקשה, דער פעטער עליק וועט נישט אַוועקגעבן קיינעם גאָרנישט. אָבער דאָ איז איצט אַ שיף אָן אַ רודער: די פּעאָנעס נעמען, די קונים נעמען, די קינדער שלעפּן, זיי טרענען אויף דעם טאַטנס גראָבע קישקע... און מיט וואָס וועט ער, סיאָמע, אַוועקגיין פון דאַנען, אויב ער וועט זיך לאָזן פירן פון זיין ווייבל? ווער וועט אים אָפּצאָלן פאַר זיין געטרייער אַרבעט ביז איצט, ווער? די מומע רוזשע?... ער, סיאָמע, מוז דאָך וויסן, וואָס אין קלייט קומט פאָר, ווייל אַלץ איז איצט אָנגעשפּאַרט אויף זיינע פּלייצעס! צי מוז ער טאַקע צוגרייטן אַ ניי פאַרמעגן פאַרן פעטערס טייערע קינדערלעך?... און ער, סיאָמע, האָט פיינט ווייבער, וואָס ווילן טראָגן דעם מאַנס הויזן!... די חוהטשע זיינע מוז אים נאָכגיין...

— חוהטשע, גיי שוין אַריין אין קלייט און ריר דיך נישט ביז איך וועל צוריקקומען, — האָט ער בעסדיק אַריינגעשריִען אין טירל פון קיך.

זי האָט געמישט די קאַשע מיט מילך, וואָס האָט זיך געקאָכט אויפן פייער און געשוויגן.

— חוהטשע, ווו עס הערשט דער קאַפּיטאַן, הערשן ניט די מאַטראָזן!... און דו וועסט נישט זיין ווי דיין מומע רוזשע איז געווען... — האָט ער נאָך העכער געשריִען.

— איך בין אַ סך ערגער פון איר!... — האָט חוהלע געטראַכט. — די מומע איז דאָך דאָ געשווומען ווי אַ פיש אין וואַסער... די קלייט, די סחורה זענען געווען איר לעבן, איר לופט, און ביי מיר איז עס אַ געצוווּנ־גענע זאַך... איך בין ניט מער ווי אַ חיה, וואָס האָט מורא פאַר דער בייטש!..

— נישט פאַר מיינעטוועגן און אויך נישט פאַר זיך, איז דער סיאָמע אַזאַ אַרבעטער. ער טוט עס אויס ליבשאַפט צו געלט... ער וועט זיין טויזנט מאָל ערגער, קאַרגער פון דער מומע רוזשען...

יאָ. אַזוי האַלטן זיי זיך אין איין אַרומרייסן... זי וועט ווערן מיד, נאָכגיביק. זי וועט גיין גלייך!... אָבער גליקלעך וועלן זיי שוין ביידע נישט זיין.

— גיין שוין אַריין אין קלייט!... — דיינע נאַרישע רייד ליגן מיר שוין אָט־אָ־דאָ!... — האָט ער אַ ווייז־געטאָן מיטן פינגער ביי זיך אויפן גאָרגל און איז אַרויס פון שטוב.

אַרום חוהלען האָט זיך אָפּגעזעצט אַ טויטע שטילקייט. אַ מאָדנע שרעק האָט זיך געריסן פון אירע ברייטע פאַרווייַנטע אויגן. דער ווינט מיטן רעגן היַנטערן פענצטער האָבן געקלאַפּט, געוועקט און צערודערט אין איר די בענקשאַפט נאָך נאַומען.

יאָ, סיאָמע וועט היינט ווידער בלייבן נעכטיקן אין דער געביידע. ער היט, מען זאָל גאָרנישט אַרויסטראָגן פון דאָרטן, און זי, חוהלע, איז אַ געמיינער מענטש... ווי גוט עס וואָלט געווען, צו קענען זיך מקריב זיין פאַרן מאַן מיט די קינדערלעך און אַליין אויך זיין גליקלעך מיטן דאָזיקן קרבן. אָבער זי שרעקט זיך. פּופּציק יאָר אָפּלעבן דאָ, אָן פרייד און אָן חילן!... ווער האָט עס געשריבן אַזוינע געזעצן, ווער?... און ווו זענען זיי די געזעצן? איצט זענען נאָך די קינדערלעך קליין, מוז זי זיין געבונדן. אָבער זיי וועלן ווערן עלטער, און נאָכדעם וואָס?...

איצט האָט זי פיינט סיאָמען, פיינט די שטוב מיטן פּעטערס קלייט, און ווען זי וועט פיינט קריגן דאָס לעבן, וועט זי זיך וואַרפן אונטער די רעדער פון אַ פּאָיעזד...

די קאַשע איז געוואָרן פאַרטיק. זי האָט אָנגעהאָדעוועט די קינדער, זיי געביטן די ווינדעלעך און אַריינשטופּנדיק די גומעלעך אין די פּיסקעלעך האָט זי זיי צוריק אַריינגעלייגט אין בעטעלע און ביטער געזיפצט. זי האָט אַראָפּגענומען פון היַנטערן טירל איר ברוינעם ברייטן פאַרטוך מיט די טיפע קעשענעס, זיך אָנגעטאָן, אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן און עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז שוין הונדערטער יאָרן ראַנגלט זי זיך מיט איר גורל, און אַזוי וועט עס אָנהאַלטן און נישט נעמען קיינמאָל קיין סוף... זי וועט דאָ ווערן אַריינגעפּלאָנטערט ווי אַ שפּין וואָס ווערט דערשטיקט אין איר אייגענע שפּינוועבס־נעץ...

זי איז געגאַנגען אין קלייט. אַ קעלט איז איר פון דאָרט אַנטקעגנגעקומען און אַ פרעמדקייט. דער רעגן האָט געוואַשן די גרויסע פענצטערשויבן. דער אייזערנער שטאָר איבער דער טיר איז געווען האַלב־אַראָפּגעלאָזט. זי האָט אָנגעהויבן אַרויסשאַרן פון די ווינקלען אַלטע שרויפן פון שנייד־מאַשינען און אויטאָמאָבילן. צווישן אַלטוואַרג האָט זי פלוצים דער־

זען דער מומע רוזשעס אַ גומענעם שטיוועלע. זי האָט עס איפגעהויבן און באַטראַכט.

— אַלע האָבן דיך שוין פאַרגעסן, מומע רוזשע! — האָט חוהלע גע־רעדט צו זיך, בלויז דאָס דאָזיקע שטיוועלע איז דיר געבליבן געטריי... עס האַלט אָן דעם מאָדעל פון דיין פיסעלע... דאָ איז אַלץ געבויט אויף אויס־רעכענונג, אויף שקר... און נאָום?... „מען דאַרף גיין אַלץ ווייטער און ווייטער!" — האָבן זיינע ווערטער געברומט אינעם קאַלטן ווינטל, וואָס האָט איניינעם מיט שפּריצלעך רעגן אַריינגעווייעט פון דרויסן.

— אוי, מומע רוזשע! וואָס האָסטו געהאָט צו מיין לעבן, האַ?... וואָלסטו דיין אייגן קינד אויך פאַרשלייערט אויף אַזאַ אופן?... אוי, מומעניו, העלף מיר אַרויסצורייסן דאָס יונגע לעבן פון מיין האַרצן, די בענקשאַפט נאָך טאַטע־מאַמע מיטן ברודערל איציקל... אוי, דער נאָום!... ווײ־ווײ!...

עס האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל, האָט זי אויפגעשלאָסן דאָס טיש־קעסטל און איבערגעציילט דאָס געלט פון טאָג לייזעכץ, עס אַריינגעלייגט צווישן די בלעטער פון אַ בוך און פאַרשריבן די סומע.

אין קלייט האָט זיך פּלוצים אַריינגעשטעלט רבקהלע. זי איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ טייערן רויטן רעגנמאַנטל מיט אַ גאָלדענער שפּילקע אין קנייטש פון דעם רויטן צעראַטענעם היטעלע אויף אַ זייט פון קאָפּ. פון איר האָט געשמעקט מיט פרישן רעגן און מיט טייערן פּערפום.

— חוהלע! — האָט רבקהלע האַסטיק אויסגערופן, — ווו איז מיין פּאַפּאַ? איך מוז מיט אים רעדן! שוין איצט...

— אָט איז ער ביי מיר אין קעשענע!... — האָט זי אַ ווייז־געטאָן אויפן פאַרטוך...

— הער אויף צו חוזקן! — האָט רבקהלע אַ קלאַפּ־געטאָן מיטן פויסטל אויפן ברעג פון פאַרקויף־טיש און זיך אַוועקשטעלנדיק אויף די שפּיצן פון די פינגער אויסגערופן נאָך העכער: — איך רעד צו דיר!...

חוהלען האָט אַ זעץ־געטאָן אינעם האַרצן. אין דער מינוט האָט זי ווידער דערזען די מומע רוזשען...

— איך ווייס נישט ווו דיין טאַטע איז, — האָט זי קאַלט געענטפערט.

— וואָס מיינסטו, רבקהלע, אַז איך היט זיינע גענג, האַ?...

— דו ווייסט יאָ, חוהטשע! דו און דיין מאַן, איר אַלע האָבן נישט קיין גאָט אין האַרצן, און נישט קיין רחמנות אויף מיין מאַמעס שווערער האַ־רעוואַניע.

חוהלע האָט איר געוואָלט ענטפערן, אָבער זי האָט נישט געקענט

אַרויסברענגען קיין קלאַנג... איר שווייגן האָט נאָך מער אויפגעבראַכט רבקהלען. זי האָט אַ געשריי־געטון:

— איצט ווייס איך שוין אַלץ, אַלץ!... דו מיט דער גרינער מאַכן פֿון מיין טאַטן אַ נאַר... אַ פֿאַרליבט יינגל!... עס איז אַ בושה און אַ ווייטיק!... מענטשן לאַכן, חוזקן...

חוהלע האָט זיך צעוויינט.

— גיב אַהער די שליסלען! — האָט רבקהלע אַ געשריי־געטאָן. — איך, איך בין באַלעבאָסטע איבער מיין אָרעמער מאַמעס האָרעוואַניע... איך און מיין ברודער סימאָן!...

חוהלע האָט אַרויסגעצויגן דעם בונט שליסלען פֿון קעשענע, אים אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש און איז אַוועק צו זיך אין הינטער־שטיבל.

רבקהלע האָט אויפגעשלאָסן דאָס טישקעסטל, אַרויסגענומען דאָס געלט, עס איבערגעציילט עטלעכע מאָל און פֿאַרשריבן די סומע. דאָס געלט האָט זי באַהאַלטן אין איר גרויסן האַנט־בייטל. זי האָט אַראָפּגעשלונגען עטלעכע דערלייכטערטע זיפצעלעך און איז אַרויפגעלאָפֿן אין טאַטנס עס־צימער. דאָרט איז געווען האַלב־טונקל און אימהדיק שטיל. מאַריאַ איז געזעסן אין אַ ווינקל און געצערעוועט אַלטע שקאַרפעטן און קאַלנערס פֿון העמדער. רבקהלע האָט זיך אַ שטעל־געטאָן קעגן איר און אויסגערופֿן:

— זאָג מיר, מאַריאַ, ווען קומט אַהער די גרינע פֿאַיסאַנאַ?

די אַלטע האָט גלייכגילטיק געענטפֿערט:

— איך האָב די פֿאַיסאַנאַ נישט געזען זינט דעם טאָג פֿון דיין מאַמעס לוויה.

— זאָגסט מיר דעם אמת? — איז רבקהלע געווען צודרינגלעך. — איך האָב פיינט ליגנס...

— דעם אמת, באַלעבאָסטעלע, דעם ריינעם אמת!...

רבקהלע איז אַריין אין טאַטנס שלאָפֿצימער. דאָרט איז געווען קאַלט און פּוסט. אויף דעם מעבל איז געלעגן אַ דינער שטויב און אַן אומעט. די קישנס מיט די קאָלדרעס אין בריטן בעט זענען געווען צעוואָרפֿן. די נאַסע צווייגן הינטערן פֿאַרהאַקטן פענצטער האָבן געקלאַפּט און געציטערט אינעם רוגזהדיקן ווינט.

זי האָט אַ קוק־געטאָן אויפֿן גרויסן באַרעמטן בילד איבערן בעט. אַ בילד פֿון טאַטע־מאַמע. עליאַס איז ווי אַ יונגער גאַוטש געזעסן אויף אַ פֿערד און רוזשע מיט אַ פֿאַטשיילע אויפֿן קאָפּ און אין אַ פּויעריש גע־בלימט קליידל האָט אים דערלאַנגט אַ קוישל מיט אייער. אויפֿן נאַכט־

טישל איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ באַרעמט בילד פון איר, רבקהלען, מיטן ברודערל. ער האָט געשפּילט אויף אַ קליין פידעלע און זי האָט אים אונ־טערגעטראָגן אַ בינטל בלימלעך.

— ווי גיך אַלץ גייט אַוועק! — האָט רבקהלע אַ קרעכץ־געטאָן און האָט זיך דערשראָקן פאַר אירע אומעטיקע געדאַנקען. — אָרעמע מאַמע מיינע, מיין זיסע אַלטיטשקע! איך וועל נישט דערלאָזן, אַז אַ פרעמדער רוח זאָל דאָ ווערן באַלעבאָסטע... ניין, ניין!...

זי האָט אויפגעשלאָסן די שאַפע מיט די סעקרעטנע שופלאָדן און האָט פּאַוואָלינקע איבערגעקוקט אַלע פּאַפּירן, דאָקומענטן, וועקסלען, אויף וועלכע מען איז איר טאָטן שולדיק געווען געלט. זי האָט אויך איבערגעציילט דאָס ביסל זילבער, וואָס איז נאָך דאָ געבליבן און אַלץ פאַרשריבן אין איר נאָטיץ־ביכעלע. זי האָט צוריק אַלץ פאַרשלאָסן, זיך אויסגעגלייכט און קוקנדיק אויף דער מאַמעס בילד האָבן טרערעלעך זיך געגאָסן פון אירע אויגן...

**
*

עס איז געווען אין אַ שבתדיקן בייטאָג, אין די ערשטע וואָכן פון ווינטער. דער הימל איז געווען צעשיינט, רויק און פרום ווי אַ יונגע, צניעותדיקע פרוי אין די ערשטע טעג פון איר האָניק־חודש. שטיקער זון ווי פּערל מיט בורשטינען זענען געהאָנגען אויף די צווייגן פון דעם הויכן בוים הינטערן פענצטער פון עליאָסעס שלאָפצימער. די זון האָט אויך באַ־שיינט די טיפע ווינקלען און איז ווי אַ וואַרעמער ראָזער וואָל געפאַלן אויף עליאָסעס פּנים, געקראָכן אין די אויגן און נישט געלאָזט אים הנאה האָבן פון בייטאָגיקן שלאָף.

ער האָט ביז איבער די אויגן אַריבערגעצויגן זיין אַכט־קאַנטיקע יאַר־מעלקע, זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און געקרעכצט ווי אַ געבונדענער. ער האָט אינסטינקטיוו אויסגעצויגן זיין רעכטע האַנט אי־בערן לאַנגן קישן און ווי געזוכט אַרומצונעמען עמיצן... אַ גרויסע פליג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין האַנט און אים געטאָן אַ שטאָך. עליאָס האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיט דער צווייטער האַנט אַ קלאַפּ־געטאָן אויפן גע־ביסענעם אָרט. ער האָט זיך אויפגעזעצט, אַראָפּגעלאָזט די פיס, געגעניצט און מיט דער פויסט געווישט דעם שלאָף פון די אויגן. ער האָט געפילט אַ נישט־גוטסקייטביים האַרצן, אויסגעשפּיגן אין הילצערנעם שפּיי־קעסטל, וואָס איז געשטאַנען ביים בעט, קוקנדיק אַרום זיך.

אַ פּוסטקייט איז געווען אין צימער און אין זיין האַרצן. האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַוועק אין קיך. אונטער דעם קאַלטן וואַסער־קראַן האָט ער געוואַשן דאָס פּנים, דעם קאָפּ און זיך לאַנג געווישט מיטן אַלטן האַנטוך, וואָס איז געהאַנגען הינטער דער טיר. מיט די בליקן האָט ער געזוכט מאַריאַן, אָבער זי איז נישט געווען אין שטוב. האָט עליאָס אָפּגעזיפצט איין מאָל אַ צווייטן און נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך. זי, די שוואַרצע, טראָגט אַרויס פון שטוב אַפילו די ווייסלעך פון די אויגן און צום סוף וועט זי נעלם ווערן...

ווי שטיל דאָ איז... אים גלוסט זיך זען די אייניקלעך, — די קליינע מאַרגאַריטקעלע און דווידלען. אָבער ער וועט נישט נאָכגעבן...

שימעלעס ווייבל האָט געבוירן אַ מיידעלע. איז ער, דער זיידע, אַוועק אין שיל, מנדב געווען און דעם קינד אַ נאָמען געגעבן נאָך רוזשען. אָבער ער קען נאָך אַפילו נישט דאָס ניי־געבוירענע אייניקל... רבקהלע האָט אים, דעם טאַטן, אויסגעטאָן פונעם עול... זאָל זי זיך האַלטן מיט די שליסלען. מען וועט שוין זען, ווער וועמען עס האָט אָנגעפייפט אין טאַטן אַריין; ער, עליאָס, קען איצט טאָן, וואָס ער פאַרשטייט... זאָל זי מיינען, אַז דער טאַטע, דער גראָבער יונג, איז אַ יאָלד... זאָלן איצט רבקהלע מיט דער שניר פירן דאָס רעדל, מ׳שטיינס־געזאָגט. דעם ברודער הערש־יאָסלס איינציק אויג אין קאָפּ, וויל שוין אויך מער נישט אַריינגיין אין קלייט. דער פאַרביסענער ליטוואַק מאַכט איר צוליב דעם סקאַנדאַלן. נישקשה, ער דערלייגט נישט צו דעם פעטערס רוגז מיט די קינדער...

אַפילו שימעלע מיטן אײדעם יאָווען זיך אַמאָל צו העלפן זייערע ווייבלעך צו זיין גוטע סוחרטעס, אָבער אַלץ גייט איצט מיט דעם פוטער אויף אַראָפּ... און ער, דער פּראָסטאַק, ער איז געוואָרן אַ פרייער פויגל... שוין גענוג געשלעפּט אויף זיך דעם יאָך, גענוג געפּראַצעוועט!... „טשאַרט ווזיאַל קאַראָוו, נעכאַי טעלא בערע״!...

יאָ, זיין ביטערע דאָליע האָט זיך איצט אַוועקגעזעצט ביי אים אויפן קאַרק און זי דריקט און שטיקט און וויל אַראָפּנידערן ביז צו דער ערד... אָבער ער, עליאָס, איז אַ פויער און נישט קיין לעמעשקע... ער וועט זיך נאָך אַ שפּיל־טאָן מיטן גורל און מיט זיינע קינדער! אך, וועט ער זיי וויזן, אוי, וויי!...

זיי, די קינדער, האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס פריידע האָט אים געבעטן, ער זאָל מער נישט קומען צו איר. זי וויל נישט קיין אומזיסטע

שונאים. זי גרייט זיך דאָך פאָרן אַהיים, און אַלץ פּאַר אירער מיט שיינ־דעלעס האַרעוואַניע, ווי זיי אַרבעטן נעבעך. אוי ווייַ!...

איצט איז ער, עליאַס, געבליבן ווי אַ יתום. זיינע קינדער גייט עס שוין צו־גוט. ש... מאַט נעכאַי!... ער שעמט זיך פּאַר די באַלעבאַטים אין שולכל. מען קוקט אויף אים ווי אויף אַן אָרעמאַן. זיי האָבן אַ ביסל רחמנות, אָבער מען גיט אים שוין נישט אָפּ קיין כבוד ווי אַמאָל... פריידע האָט עס נישט באַדאַרפט טאָן. עס שרייבט זיך אין די ביכלעך, אַז אין האָרץ פּילט דאָס אַנדערע... נו, וואָס? די ביכלעך האָבן אויך טענות צו אים?...

אָבער פריידע איז אויך נישט פּאַר זיינעטוועגן, — האָט ער זיך גע־פּרוווט טרייסטן. — ער, עליאַס, איז שוין זאַט פון די סוחרישע ווייבער, פון די אויסטויגעריגס. ער וועט זיך איצט אָפּזוכן אַ ווייבל ווי עס באַדאַרף צו זיין... ער וויל איצט זיין אַ פּאָלנער מאַנסביל, ער וויל זאָרגן פּאַרן ווייב, זי קושן און האַלדזן... און זאָל דאָס ווייבל זען, אַז ער איז נישט קיין פּאַנ־טאָפל־מאַן... זאָל זי בלייבן אין בעט אַ ביסל לענגער, ער וועט איר צוטראָגן די מאַטע און איר טאָן אַ גלעט, אָט ווי שימעלע מאַכט עס... ער, עליאַס, וויל האָבן אַ ווייב און נישט קיין ברויטגעבערין... ער וועט איר צושטעלן אַלע פּאַרגעניגנס... עך, אָבער די פריידע, נו, זאָל זי פּאָרן אין קעניג קאַראָלס מדינה... ש׳מאַט נעכאַי!... זי בענקט דאָך נאָך איר מאַן און האַלט אין איין באַוויינען זיין דאַליע, די ביטערע... אַוודאי, יענער האָט דאָך איר געגעבן אַזאַ שיין לעבן, דער מיערזאַוועץ!... און אים, עליאַסן, האָט זי טאַקע ניין איילן אין דער ערד. עס הויבט זי גאָר נישט אָן צו אַרן, וואָס ער איז געבליבן מיטן בייטשל...

אפשר וואָלט ער, עליאַס, געדאַרפט כאַפּן אַ קוק אין די ביכלעך? אַ מוזשטשין מוז דאָך יאָ קענען דורכדויבען דאָס האַרץ פון אַ פרוי... מיט רוזשען האָט ער עס פּאַרקוקט, אָבער מיט פריידען איז עס אפשר נאָך נישט צו שפּעט?... עס פעלן אים צו די זעכציק — פינף יערעלעך מיט זעקס וואָכן, אָבער כוח, קיין בייז אויג, פּעלט אים נישט... אָסור, צי ער וואָלט געבליבן פּאַרשעמט אַנטקעגן די היינטיקע שוויצערס, ש׳מאַט נעכאַי!...

ער האָט מיטאַמאָל ווי דערפילט דעם ריח פון פריידעס לייב, פון איר מויל. עס האָט אים באַשלאָגן אַ היץ און אַנגסטן; ער האָט אַנגעהויבן בענ־קען נאָך די שטילע אויפדערנאַכטן, ווען ער איז געזעסן לעבן דער מאַשין און האָט פריידען דערלאַנגט מאַטע מיט טרוקענע פּעניצלעך זיסן קוילעטש. ער וואָלט איצט נאָר געוואָלט פּאַרבייגיין איר שטוב, נישט מער!... אָבער ער וועט זיך נישט נאָכגעבן, ניין!... און פריידע ווייסט עס.

אַ פאַרטראַכטער איז ער דורך די הינטערשטע טרעפּ אַראָפּגעגאַנגען אין קלייט. דאָרט איז געווען טונקל. אַ ריח פון גומי האָט געשטיקט זיין אָטעם. ער האָט זיך פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט און אַרויסגעצויגן אַ פלעשל משקה פון אונטער אַ באַרג אַלטוואַרג. ער האָט געטאָן עטלעכע שלוק, עס צוריק פאַרקאָרקעוועט און באַגראָבן אויפן זעלביקן פּלאַץ. מיט דעם שפּיץ צונג אַרומגעלעקט די ליפּן און פאַרצווייפלט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט:

— דער רוח האָט צוגענומען די קו, זאָל ער אויך צונעמען די טע־לעצע!...

— העי, דו! — האָט ער אויפגעהויבן די בליקן צום דאַך־פענצטער אין דער סטעליע. — דו שלאָפסט, גאָט, אָדער דו רויכערסט?... וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיינע בידנע יאָרן? איך בין דאָך נישט קיין איוב!...

— עלי, עליאַס! — האָט עס מיטאַמאָל אַ שלאָג־געטאָן אויף אים מיט רוזשעס וויינענדיקער שטימע: — כאַפּ נישט איבער די מאָס!... וועסט מיר פאַרשעמען די קינדערלעך, אַ מכה דער מאַמען פאַר זיי!...

— איך, רוזשע, פייף אויף זייער טאַטנס פרעסטאַטן! — האָט עליאַס אַ זאָג־געטאָן און זיך כעסדיק צעהוידעט אויף זיינע הויכע פיס. — וואָסי, זיי האָבן מיך אָפּגעקויפט ווי מען קויפט אָפּ אַ פערד מיט די קאָפּיטעס, האַ?...

און ער האָט אַ פּאָכע געטאָן מיט דער פויסט:

— צלם־קאָפּ מיינער! זיי האָבן דיך באַדריפּעט און מיך — אויך!...

עס איז אים געוואָרן ענג אין האַלדז. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך און איז אַוועק צו דער פלימעניצע. דאָרט האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ראַנד פון דיוואַן, אַריינגענומען זיין פּנים אין די הענט און זיך אבלדיק צעהוידעט אַהין און צוריק...

אין צימער איז געווען שטיל ווי אין אַ קבֿרים־שטיבל. חוהלע איז געזעסן ביים בעטעלע פון אירע קינדער און געשטריקט אַ קליידעלע. זי האָט אַ קוק־געטאָן צום פעטער און דערקענט, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט געזיפצט, געקרעכצט און געוואַרט, זי זאָל אים עפּעס דער־ציילן פון פריידען...

— דו, חוהלע, קענסט דאָך עפּעס פון די ביכלעך, זאָג־זשע מיר, פויערל, וואָס שרייבט זיך דאָרטן וועגן עלטערע מענטשן, וואָס האָבן נאָך אינזינען די קינדערשע זאַכן?...

— ווייל איז צו זיי, פעטערל... און ווי און ווינד איז דעם יונגן, וואָס מוז שלעפּן אויף זיך די אַלטקייט — האָט זי געענטפערט.

— אָ, וואָ! עס איז אַ געדאַנק! — האָט דער פּעטער צוגעקלאַפּט מיט צוויי פינגער אין דער לופטן און ווידער געפרעגט:

— און ווען עמיצער שטעלט זיך אין וועג, האַ? וואָס זאָגן אויף דעם די ביכלעך?...

— עס זאָגט זיך, פּעטער עליק, אַז מען דאַרף פּייפן אויף זייער טאַטנס פּרעסטאָטן!...

— אָבער מיין שימעלע איז דאָך אַ מענטש מיט אַ נאָמען!... ער וועט זיך לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט... — האָט עליאָס פּאַוואָלינקע צעקייעט די ווערטער און מיטן אָפּצאָס אונטערגעקלאַפּט אויפן דיל.

— איז וואָס איז פּאַרט געשען מיט פריידען? זי לאָזט נישט הערן פון זיך!...

— פּאַרוואָס?... — האָט אים חוהלע אָפּגעגאָסן מיט אַ ווייכן בליק.

— נעכטן בין איך געווען ביי איר, האָט זי מיר דערציילט, אַז שיינדעלע האָט שוין אַן אוכאַזשאָר... און פריידע לאָזט דיך גריסן.

דעם פּעטערס ברעמען זענען געוואָרן שפּיציק. ער האָט אומרויִק געשויבערט די האָר אויפן קאָפּ.

— אַזוי?... און וואָס זאָגט פריידע וועגן דעם קינדס ליבענישן, האַ?...

— גאָרנישט. ווי אַלע מאַמעס... — האָט חוהלע געענטפערט. — מען גיט נאָך...

— און וואָס איז מכוח דעם פּאָרן, האַ?...

— ווייסעך וואָס! שיינדעלע וויל גאָר לערנען אויף דאָקטערשע.

— נו, אַז די מאַמע וויל ווערן אַ גבירטע... — האָט דער פּעטער פאַרביטערט געשמייכלט. — איז דאָך נישט שייך... דערצו וואַרט זי דאָך אויף זוסיען, האַ?...

— אוי, פּעטער! דו ווייסט גאָרנישט. עס גייען דאָך אַרום קלאַנגען, אַז ער איז געשטאָרבן אין סיביר...

— ברוך דיין אמת!...

און אַ פאַרשעמט שמייכעלע האָט אָנגעהויבן ציטערן אַרום זיינע גראָבע ליפּן...

**
*

שפּעטער איז עליאָס געזעסן אין פריידעס קליין, וואַרעם קיכעלע און געטרונקען מאַטע. אויף אַ שטיקל בלעך איבער די צוגעדישעטע קוילן

אין אויוועלע איז געשטאַנען אַ טשייניק וואַסער און אַ בלעכן טעלערל מיט זיסע טרוקענע שטיקלעך קוילעטש.

די טיר פון דער קיך איז געווען האַלב־אָפן. פון דרויסן זענען אַריינ־געפאַלן שטיקער שיין און אַ קאַלטער שניידנדיקער ווינט. עליאַסן איז אָבער געווען וואַרעם אין אַלע איברים. פריידע איז געזעסן אַנטקעגן אים. לויט איר אויסזען האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זוסיע איז שוין זיינס איבערגעקו־מען... עס האָט פון פריידען געשלאָגן מיט אומעט און אויך מיט דערלייכ־טערונג, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל אַרויסגעקראָכן פון אַ מוטנעם טייך...

— עס איז אַ סימן צום גוטן... — זענען געדאַנקען געפלויגן ביי עליאַסן אין קאָפּ. — זי וועט, מיטן אויבערשטנס הילף, ווערן נאָכגעביקער... עס איז גאָרנישטאָ דער מלך, וואָס זאָל קענען אָפּצאָלן פאַר דער וואַרעמ־קייט, וואָס שלאָגט פון אירע טיפע אויגן... און ער, עליאַס, איז איצט דער גרעסטער עושר אין דער וועלט!... זאָלן זיינע קינדער באַלעבאַטעווען, זיך דרייען די געהירן און ווערן גרויסע קאַפּעליוש־מאַכערס. ער, עליאַס, דאַרף איצט נאָר דאָס דאָזיקע קיכעלע און מיט פריידען... אָ־וואָ! דאָרטן אין קאַלאַניע איז אויך דאָ אַ גרויסע קיך, און עס איז וואַרעם... ער האָט דאָרט זעקס צימערן ווי די בערן!... אַ ביסעלע סקאָט און עופות, אַ קעלערל צום שטעלן קרויט מיט קוואַסניקעס אויף ווינטער...

זיין רוזשע האָט געוואָלט האָבן געלערנטע קינדער, האָט זי אים, דעם בערעוואַטן מאַן אירן אויף כח אַראָפּגעבראַכט אין שטאָט אַריין. אָבער איצט וועט דער אויבערשטער אים ממלא זיין...

פריידע האָט אויפגעהויבן צו אים אירע אויגן און זיך אָנגערופן:

— עליק, מיין שיינדעלע האָט קיין בייז אויג אוספּעיעט. זי האָט אַן אוכאַזשאָר, אַ יינגעלע ווי אַ ליכט און ער לערנט אויף דאָקטער... און וואָס איז עס געוואָרן מיט דיינע קינדער? וואָס האָבן זיי צו דיר?...

זיינע ברעמען זענען געוואָרן שפּיציק, אין די אויגן האָבן זיך געצונדן גרויע פייערלעך: — עס ברענט אַ פייער אָט־דאָ, פריידע! — האָט ער אַ קלאַפּ־געטאָן מיטן פויסט ביי זיך אויפן האַרצן. — עס ברענט און קיין שום רופא וועט עס מיר נישט קענען לעשן!...

— טרויער נישט, עליק! — האָט זי אים אַריינגעקוקט אין פּנים און געטריי אַ גלעט־געטאָן זיין גרויסע בערעוואַטע האַנט. — וועסט זען, דיינע קינדער וועלן זיך, מיטן אויבערשטנס הילף, אַרומקוקן. זיי מוזן דאָך האָבן אַ ביסל פון דיין גוטער נשמה...

זיין האַרץ האָט זיך אַ הייב־געטאָן ווי אויף פליגל; עס האָט זיך גע־

שפּאַרט פון דאָרט אַ געוויין, געזאַנג, געשריי. ער איז געווען ווי משוגע פאַר פרייד...

דאָס האַרץ זיינס איז געוואָרן ווי אַ לויטערער ברונעם, עס האָט אָפּ־געשווענקט זיין קלייט, די קינדער, רוזשען און אַפילו די גרינע פלימעניצע, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַזוי פיל אומרו. ער האָט פאַרגעסן אַלע צרות און אַלע עוולות, וואָס דאָס לעבן און די געלערנטע קינדער זענען באַגאַנ־גען קעגן אים.

ער האָט פּאַוואָלינקע געפירט מיטן קלענסטן פינגער אינעם שעלעכל צוקער, וואָס איז געשטאַנען אויפן ווייס־געדעקטן קליינעם טישעלע, ער האָט געזאָגט, ווי נאָכדענקנדיק:

— וויפל, פריידע־סערדצע, וויפל דאַרף דען דער אָרעמער מענטש אויף צו זיין גליקלעך?... הנאה צו האָבן פון די בידנע עטלעכע יאָרן, וואָס דער אויבערשטער האָט אים געשענקט, האַ?...

— ביסט טאַקע גערעכט, עליק! מיין זוסיע, ער האָט נעבעך שטענדיק געשריִען, אַז די מענטשן האָבן צו־גרויסע אויגן... — האָט זי זיך אַבלדיק צעהוידעט. — און פאַר זיין ערלעכקייט פוילט ער איצט אין קבר. אַפילו קיין זכר איז פון אים נישט געבליבן...

טרערן זענען איר געקומען אין די אויגן. עליאָס האָט נישט געפונען קיין ווערטער זי צו טרייסטן. עס איז אים געוואָרן ענג אין האַלדז. פאַר אַ טראָפּעלע גליק פון אירעטוועגן וואָלט ער איצט אַוועקגעגעבן אַלע שטיב־לעך מיט אַלטוואַרג, אַלע פלעצער, וואָס רוזשע האָט קעגן זיין ווילן איינ־געקויפט, און אַפילו שימעלען מיט רבקהלען וואָלט ער איצט געקענט אויף אַלע אייביקייטן פאַרלאָזן, אַבי צו זיין לעבן פריידען און זי נישט זען אַזוי דערשלאָגן...

ער האָט אָנגענומען פריידעס מינדסט פינגערל, פאַרלייגט אַ פּוס איבער אַ פּוס, פאַרצויגן די אויגן־דעקלעך און אָנגעהויבן אויספייפן אַ דאַינע, פּריִער פּאַוואָלינקע, ווי ער וואָלט זיך געפונען אַליין אין געדיכטן וועלדל, הינטערן דאָרף, באַלד זענען די קלאַנגען געוואָרן קערנדיקער, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגענומען מיט זאַפט פון דער פעטער ערד...

פריידע איז געוואָרן בלייך. אירע גרויע קרייזעלעך אַרום שטערן זענען געוואָרן אָנגעצויגן שטייף. אירע קיילעכיקע אויגן פול מיט בענקשאַפט...

זי האָט אין איר געדאַנק דערזען איר גרין דערפל, דעם גאָרטן, דעם פאַסטעך מיט זיין טשערעדע אין טאָל, דעם לויטערן טייך, וואָס וויגט זיך אייביק צווישן רייען אַלטע געדיכטע ווערבע־ביימער.

זי האָט עליאַסן נישט איבערגעשלאָגן, ווייל אַזוי האָט ער דאָך אויף זיין אופן איר געזאָגט אַלץ, אויף וואָס זי האָט געוואַרט... האָט זי נאָך טיפער אַריינגערוקט איר פינגערל צווישן זיינע און אַ מיד שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אַרום אירע פאַריתומטע ליפּן.

***

ווען עליאַס איז אַהיימגעקומען איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. ער איז אַריין אין זיין שלאָף־צימער, האָט צעריקט דעם ברייטן פאָרהאַנג איבערן פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. די גאַס איז געלעגן אַ ברייטע, אַ דורכזיכטיקע, אַ ריינע. די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן זיך גע־הוידעט אין דער נאַכטיקער בלויקייט און דער הימל האָט ווי אַ זיידענער דעקטוך מיט ווייס־בלויע קוויטן אַרומגענומען דעם נאַכטיקן חלל.

עליאַס האָט נישט געהערט ווען רבקהלע איז אַרייפגעקומען.

— פּאַפּאַ! — האָט זי אַ רוף־געטאָן, שטייענדיק אויפן שוועל. — פּאַפּאַ!...

ער האָט פאַרצויגן דעם פאָרהאַנג און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו איר.

— וואָס ווילסטו? — האָט ער נאָך אַ ווײַלע טראַכטן איבערגעריסן די שטילקייט.

זיין קאַלטער טאָן האָט רבקהלען באַליידיקט און צעטומלט. זי האָט פאַרגעסן, וועגן וואָס איר מאַן און איר ברודער האָבן זי געשיקט אַהער. זי האָט געהאַט בדעה אים צו זאָגן, אַז זי מיט דער שוועגערן זענען שוין מיד פון שטיין אין קלייט, אַז זיי קענען זיך קיין עצה נישט געבן אָן אים, דעם טאַטן, און אָן חוהלען. ווילן זיי, די קינדער, אַז דער טאַטע זאָל ליק־ווידירן אַלע געשעפטן, פאַרקויפן אַלע פלעצער און מען זאָל אויסבויען עטלעכע דעפּאַרטאַמענטן צום פאַרדינגען. ער, דער טאַטע, איז שוין צו־אַלט. ער קען וווינען אין אויבערשטן צימער אין איר דעפּאַרטאַמענט. אַלע חודש וועט מען אים געבן אַ שיינע פּאָר פעזעס אויף זיינע פּערזענלעכע אויסגאַבן, אָבער זיי, די קינדער, מוזן פאַרוואַלטן מיטן פאַרמעגן.

זי איז צוגעגאַנגען האַרט לעבן אים, האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די שפּיץ פינגער און אויסגערופן:

— פאַרוואָס זעט מען דיך אַזוי ווינציק אין קלייט? פאַרוואָס, פּאַפּאַ, קומסטו נישט צו מיר און נישט צו דיין איינציקן זון? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן מיר דיר געטאָן?...

ער האָט מיט זיין עלנבויגן זי אָוועקגערוקט אין אַ זייט און אַ בורטשע־געטאָן:

— גיי, עס איז שפּעט, איך וויל שלאָפן...

— דו האָסט מיך פיינט? — האָט רבקהלע אָנגעהויבן ברעכן פינגער.

— איך ווייס, דו האָסט פיינט דיינע אייגענע קינדער מיט דיינע אייניק־לעך. דו האָסט ליב די, וואָס צאַפּן אויס מיין מאַמעס הארעוואַניע!... זיי חנפהנען דיך!...

גרויע וואָלקנדלעך האָבן זיך אויפגעהויבן פון זיינע בליקן און אַ דיק חוזק־שמייכעלע האָט זיך צעלייגט אַרום זיין מויל.

— צו וואָס, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, באַדאַרפט איר דעם טאַטנס ליב־שאַפט, האַ?... גיי פון דאַנען און קראַפּיר איינינעם מיט דיין ברודער און מיט זיין דאָקטאָריע!...

רבקהלע האָט זיך צעוויינט און קוקנדיק אויף דער מאַמעס בילד גע־רעדט דורך טרערן:

— איך ווייס, מאַמעלע, דער פּאַפּאַ האָט דיך שוין פאַרגעסן!... מענטשן לאַכן. די גאַנצע וועלט באַשולדיקט גאָר מיך מיט דיין איינציקן זון, מאַמע טייערע!...

— אַרויס פון דאַנען, דו פּאַסקודסטוואָ!... — האָט עליאַס אַ טופּע־געטאָן מיטן פוס. — אויף טיסיאַטשו כפרות דאַרף איצט די מאַמע האָבן דיין שיינעם מיטגעפיל. פּריזער, ביים לעבן, האָט זי אייך באַדאַרפט!... זי איז ווי אַ הונט געלעגן ביי אייערע שוועלן און איר האָט עס אַפילו נישט באַמערקט...

— פּריזער! — האָט ער אויפגעהויבן זיין קול און איז געוואָרן ווילד.

— פּריזער, ווען איר האָט אַ ביסעלע שכל, אַ ביסעלע רחמנות, וואָלט איר געוועזן אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה אין איר צעבראָכענעם גוף... די מאַמע איז צוליב אייך געשטאָרבן, ווי דער גרעסטער אָרעמאַן!...

ער האָט זיך צעהוידעט אויף זיינע הויכע פיס און געמאַכט אַ פיגורל:

— בוגי בוגי! איז אייך געלעגן אין זינען, מיערזאַווצעס! דזשעגוב־ניקעס!...

— נו, גוט! — האָט זיך רבקהלע אויסגעגלייכט, שלינגענדיק די טרערן. — פאַר מיר האָסטו קיינמאָל נישט געהאַט קיין אָפּשיי... קום, דיין זון וואַרט אויף דיר. קום!...

— אַ היץ אין באַד! — האָבן זיך זיינע ליפּן געקרימט. — מיין זון!... גיי, זאָג אים, אַז איך פייף אויף זיין טאַטנס פּרעסטאַטן!...

— געדענק, טאַטע, דו וועסט חרטה האָבן!... — האָט רבקהלע גע־ענטפערט, און איז האַסטיק אַרויסגעלאָפן פון צימער, פאַרהאַקנדיק די טיר הינטער זיך.

אינדרויסן האָט זי געטראָפן דעם ברודער און איר מאַן. ביידע דאָק־טוירים האָבן זי גענומען אונטער די הענט און ווי אַ קראַנקע זי אַרויפ־געפירט אויף די טרעפּ גלייך אין שימעלעס אויפנאַם־זאַל.

אין זאַל איז געווען ליכטיק און וואַרעם. אין אַ ווינקל האָט געברענט אַן עלעקטרישער אויוון. פון די טונקל־גרינע און העל־געפאַרבטע ווענט, פון דעם געבלימטן טעפּיך פון טיפן געשווירענעם פּליוש אויפן פּריש־גע־וועקסטן דיל, פון דעם ניקלנעם דאָקטערישן בעטל און פון די טיפע זוי־בערע ווינקלען האָט געשלאָגן מיט איינגעפונדעוועטער רייכקייט, עלעגאַנץ און זיכערקייט.

שימעלע האָט דערלאַנגט דער שוועסטער אַ שטיקל צוקער, איינגע־טונקט אין חלשות־טראָפּנס. דער מאַן האָט געגלעט אירע איידעלע הענט־לעך, און ווען זי האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט האָט זי אָנגעהויבן שיטן מיט ווערטער:

— דער אַלטער האָט זי נישט געוואָלט אויסהערן. ער זעט גאָר אויס ווי אַ חתן־בחור... ער האָט פיינט זיינע אייגענע קינדער... איצט ווייסט זי שוין, רבקהלע, אַז דער אַלטער וועט טאָקע אינגיכן אַריינברענגען אַהער די גרינע מיט דער מויד... יאָ, יאָ! עס איז אמת, וואָס לאַנדסלייט דערציילן, עס איז אמת!...

און זי האָט זיך היסטעריש צעוויינט און מער נישט געקענט רעדן.

שימעלעס פלינקע אויגן האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען פון די טיפע אויגן־לעכער.

— קיין איין פּעזע וועט ער מער נישט אַרויסנעמען פון קלייט! — האָט ער אויסגערופן. — דער שיכור!...

— איך וויל נישט, ער זאָל זי ברענגען אַהער, אין מיין מאַמעס שטוב. איך וועל עס נישט אויסהאַלטן!... — האָט רבקהלע געבראָכן די פינגער פון די הענט און אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אין ברודערס ברוסט.

— וואַרט, רעבעקיטאַ, וואַרט! — איז דער ברודער צענומען געוואָרן צוליב דער שוועסטערס טרערן. — וואַרט, עס זענען פאַראַן געזעצן; ער איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך, דער אַלטער טינוף...

— וואָס איז דאָס איילעניש? — האָט זיך דער שוואָגער אַריינגע־מישט, פירנדיק פאַר זיך מיט די ווייסע איידעלע הענט. — אַן אונדזער

אונטערשריפט קאָן ער דאָך סיי ווי גאָרנישט פאַרקויפן און גאָרנישט אויפטאָן...

— לאָז עס שוין צו מיר! — איז שימעלע געשפּרונגען פון דער הויט, און אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק. — יעדעס פּיצעלע, יעדעס שרייפל באַזונדער וועט איצט פון מיין אַדוואָקאַט ווערן פאַרשריבן... און דו, רעבעקיטאַ, וועסט זען, אַז פון מאָרגן אָן וועט די קלייט שטיין געשלאָסן... גענוג מיט דעם קאַמבאַלאַטש!...

עס איז אַריינגעקומען שימעלעס ווייבל און אויף אַ זילבערנעם טעצל אַריינגעבראַכט באַקאַלן מיט קאָקטייל. זי האָט עס אַוועקגעשטעלט אויפן שרייבטיש און מיט פאַרשנירעוועטע ליפּעלעך געקוקט אויף דעם מאַן און אויף דער שוועגערן.

יאָ, אויך די שנור איז שוין מיד. דאָ איז געוואָרן אַ מישמאַש. נישט זיי קענען גיין טאַנצן, נישט מען האָט אַ רויקע מינוט. טאָג און נאַכט איז מען צעקאָכטע, צעשראָקענע און פאַרטאָענע אין חשבונות. דער מאַן אירער, דער טייערער שימעלע, וועט נאָך, חלילה, קראַנק ווערן...

און זי, די שנור, זי וועט אירע עלטערן נישט טאָן אַזאַ גרויסע עוולה... מען האָט נישט באַדאַרפט זיך אָנהייבן מיטן אַלטן, נייַן... מענטשן לאַכן, שעלטן... — און מיט אַ טאָן פון אַ זייטיקן האָט זי אַ זאָג־געטאָן: — מען האָט נישט באַדאַרפט הערן, וואָס לאַנגע צינגער זאָגן...

— אוודאי! — האָט זיך רבקהלע אָנגערופן: — ווען עס האַנדלט זיך אין דיין טאַטנס פאַרמעגן, וואָלסטו נישט געווען אַזוי ברייטהאַרציק...

— באַ! — האָט די שוועגערן פאַרצויגן די ליפּן: — פון מיינעטוועגן מעג ער, דיין אַלטער, פּגרן צוזאַמען מיט זיין געלט!...

— שווייג, דו, דו!... — האָט זיך רבקהלע אַ לאָז־געטאָן צו איר ווי זי דורס צו זיין. — דיין טאַטן שעלסטו אויך, האַ?...

— אָ! — האָט די שוועגערן זי אָפּגערוקט פון זיך. זעט נאָר, זעט דאָס געטרייע טעכטערל... ווען נישט דו מיט דיינע פּאַיסאַנעס וואָלט דאָך איינגאַנצן נישט געקומען צו דעם דאַזיקן שגעון...

זי האָט גענומען איר באָקאַל און ביסלעכווייז געזופּט דעם קאָקטייל. רבקהלעס מאַן איז געוואָרן בייז.

— נאָך אַלעמען, איז רעבעקאַ טאָקע גערעכט, — האָט ער צעפירט מיט די הענט און גערעדט צו דער שוועגערן, — עס וואָלט דאָך געווען בעסער, ווען דער אַלטער ווינט דאָ אין אַ צימער... זאָל ער גיין אין זיין שולכל, זאָל ער גיין צו זיינע ייִדן!... נאָך וואָס דאַרף ער זיינע געשעפטן?...

שימעלע האָט זיך אָנגערופן:

— ער וויל דאָך, דער אַלטער, אַז זיינע קינדער זאָלן ווערן פאַרשעמט און באַשפּיגן!... אָ, איך קען אים שוין צו גוט!...

*****

דאָס איז פאַרגעקומען אין טאָג פון אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב. די גאַס איז געשטאַנען אַ ברייטע; אַ צעשיינטע און ווי אויף אומזעבאַרע פליגלען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַס וועט זיך באַלד אויפהייבן אינדערלופטן און וועט שרייען און טאַנצן, זיך מיטפרייען מיט די מענטשן, וואָס האָבן שפּאַצירט אַהין און צוריק אויסגעפּוצטע אין יום־טוב, אין פרייד.

איבער די ווייסע באַלקאָנען פון די הויכע שטיבער און איבערן קופּאָל־דעכל פון קאַרוסעל האָבן געפלאַטערט גרויסע פאַטערלענדישע פענער. מתנות ווייסע טויבן מיט צעווייעטע פליגעלעך האָבן מנוחהדיק אַרומשפּאַצירט צווישן קערנער, וואָס קינדער האָבן זיי צוגעוואָרפן. אַ פאַרשייט ווינטל איז אַרומגעלאָפן צווישן הויפנס געלע בלעטער, וואָס זענען געפאַלן פון די ביימער, און אַ רויטלעכע זון ווי אַ דיגינקער וואָל האָט גערוט איבער זיי.

חוהלע האָט שטופנדיק דאָס קינדער־וועגעלע צעפראַלט דאָס שמאָלע טירל פון דעם לאַנגן קאָרידאָל ביי דער קלייט און איז אַרויסגעקומען. דער שוואַרצער קאַפּושאָן פון וועגעלע איז געווען אויפגעשטעלט, דאָס צענו־מענע הימל־בלויע פאַרהענגעלע מיט זיידענע פרענדזעלעך האָט אַראָפּגע־האַנגען און נישט צוגעלאָזט די קילע לופט צו אירע קינדער. זיי זענען געלעגן קאָפּ צו קאָפּ מיט די ווייסע הענטלעך אויף דער גראָבער צונויפ־געלייגטער וואָלענער קאָלדרע.

חוהלע האָט צונויפגעצויגן דעם קנופּ פון דער שאַלעכל ביי איר אויפן קאָפּ און פאַוואָלינקע אָנגעהויבן פירן דאָס וועגעלע אַהין און צוריק.

קליינוואַרג פון אַרום דער קאַרוסעל זענען צוגעלאָפן, באַפאַלן דאָס וועגעלע און געקוקט אויף איר צווילינגל. קליינוואַרג האָבן אָנגעקוואָלן, גע־סמאָטשקעט מיט די ליפּן און איר פאַוואָלינקע נאָכגעגאַנגען.

שכנים אויף די ראָגן האָבן געקוקט אויף איר און מיט אַ שאָקל פון די קעפּ געגריסט. דער שוואַרצער פאָליציאַנט אויפן ראָג האָט זיך אויסגע־גלייכט, צוגעלייגט אַ האַנט צום היטל און זי באַגריסט. די מוזיק ביים קאַ־רוסעל האָט אויפגעשפּילט דעם נאַציאָנאַלן הימן און קינדער אין ווייסע פאַרטוכער און מיט קליינע וויס־בלויע פענדלעך אין די הענט האָבן מיט־געזונגען.

פון אַלע אָפענע טירן און פענצטער, פון די-ראָגן, פון הימל און דער ערד האָט עס אַ קלאַפּ-געטאָן ווי מיט טויזנט פויקן:

„הערט, איר שטערבלעכע, דעם הייליקן רוף:
פרייהייט, פרייהייט, פרייהייט!״...

איבער חוהלעס לייב האָט זיך דורכגעטראָגן אַ קעלט. זי האָט אַ שטופּ געטאָן דאָס ווענעלע און געוואָלט אַוועק צוריק, אין איר הינטער-שטיבל. דאָרט איז טונקל און שטיל. אַרום איר שטיבל ליגן גרויסע אַלטע מאַשינען, שטיקער פון אויטאָמאָבילן און שטויסן מיט גומענע רעדער; פון יעדן ווינקל יאָגט אַ ריח פון אַלטקייט, פון שימל און דאָס איז גוט פאַר איר... זי הייבט אַליין אָן צו ווערן ווי אַן אַלט ראָד און זי דרייט זיך אַרום אירע קינדערלעך און זי פאַרגעסט דערביי, אַז די גאַס איז זוניק, ברייט, לופטיק און פריי...

אָבער אַנשטאָט צו גיין צוריק איז זי גאָר אַוועק פאַרויס און האָט אָפּגעשטעלט דאָס ווענעלע לעבן דער שטוב פון איר פעטערס קינדער. דאָרט האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שוועל פון דער אָפענער קאָרי-דאָר-טיר און האָט זיך געוואָרעמט אַנטקעגן דער זון. עס האָט זיך צעבונדן אין איר די אַלטע בונטאַרישקייט, וואָס זי האָט כסדר געשטיקט אין זיך. זי האָט געהאַט אַ באַגער צו לויפן אין דער וועלט אַריין, לויפן צו נאָומען און בעטן ביי אים, ער זאָל זי נישט פאַרלאָזן.

זי האָט געוווסט, אַז נאָום קומט צו רבקהלען און צו שימעלעס ווייבל און גיט זיי פּיאַנאָ-לעקציעס. זי האָט שטילערהייט נאָכגעפאָרשט זיינע גענג און דעם אופן פון זיין שלעכט לעבן מיט זיין ווייב. איר פלעגט זיך דאַכטן, אַז זי טראָגט אַ טייל שולד אין זיין אומוואַנדערן איבער שטעט און שטעט-לעך, אָבער זיין נישט ווייזן זיך צו איר בעת ער איז אַזוי נאָענט האָט זי דערנידעריקט און אָנגעפילט מיט פאַרדראָס.

יאָ, ווען זי איז געווען שטאַרק פאַרטאָן אַרום אירע קינדערלעך און מיט שטוב-אַרבעט — האָט זיך איר געדאַכט — שוין! אויס מיט דער בענקשאַפט נאָך אים!... אַזוי איז בעסער. זי וועט ווערן אַן אַלטער שקראַב און אַוועקפגרן ווי אַן עלנטער הונט...

איצט אָבער ווייסט זי, אַז נאָום איז ווידער געקומען צו רבקהלען, און זי, חוהלע, וועט קענען אַ קוק-טאָן אויף אים. טאַקע נישט מער ווי אַ קוק טאָן...

שכנות, ווייבער און מיידלעך, וואָס זענען געשטאַנען אויף די ברייטע באַלקאָנען צווישן רויטע ערדענע בלומענטעפּ מיט ווייסע און רויטע קווייטן,

האָבן געפּאַכעט צו איר מיט קליינע פּענדעלעך, מיט די הענט זי גערופן און געשמייכלט:

— זאָל די סעניאָראַ עוואַ אַרויפּברענגען די קינדערלעך! ווי שיין זיי זענען!

זי האָט זיך אויפגעשטעלט אַהיימצוגיין. דער ווינט האָט צעווייעט די פּאָלעס פון איר מאַנטל, וואָס איז געווען ווי אַריינגעוואַקסן אין איר געמאַקטער טאַליע, צעווייעט די שפּיצן פון שאַלעכל אויף איר קאָפּ. חוהלע האָט געשמייכלט און ביי זיך האָט זי געטראַכט:

— יאָ, יאָ! זיי האָבן אַ ווילדע הנאה פון אירע, חוהלעס ציטערנישן, זיי האָבן שוין דערזען אין אירע אויגן, וואָס עס טוט זיך אין איר נשמה...

זי האָט דערהערט שימעלען שפּילן אויפן פידל און ווי רבקהלע האָט מיטגעזונגען:

— אוי, עס איז דאָך דאָס ליד, וואָס די מומע רוזשע האָט אַזוי ליב געהאַט צו הערן, איצט איז שוין אַלץ נאָך אַלעמען!... זיי, דעם פּעטערס קינדערלעך זענען, קיין בייז אויג, גענוג רייך און גליקלעך... און מיט דעם דאָזיקן שפּילן און זינגען ווילן זיי אויסקויפן די שולדיקייט קעגן דער מומען, אָבער עס וועט זיי העלפן ווי איר, חוהלען, האָט געהאָלפן דאָס וויינען און שרייבן צו טאַטע־מאַמע, זיי זאָלן וואָס גיכער זי אָפּנעמען אַהיים...

דעם פּעטערס קינדער זענען זאַט און רויק, זיי האָבן גענוג געלט און כבוד, אָבער — נישט קיין וואַרעמע הערצער... זיי זאָגן גאָר, אַז זי, חוהלע, האָט צוגענומען אַ שטיק פון זייער טאַטנס גוטס; פון די רעדער און פון די שרייפּעלעך, מ׳שטיינס־געזאָגט!... דעם פּעטערס קינדער זעען גאָרנישט, אַז זי, חוהלע, איז ווי אַ יתומה, ווי אַן איינזאַם בערגעלע, ערגעץ אין אַ פאַרלאָזטן הינטערהויף... זי איז דאָ עלנטער פון די טויטע; צו יענע טראָגט מען כאָטש בלומען אויפן קבר... און אָט שפּילן זיי און זינגען לכבוד דער מומע רוזשען אויך!...

אַך, ווען די מומע קען פילן, אַז איר שימעלע און דאָס איידימל שפּילן שוין אַזאַ גרויסע ראָלע, זיי האָבן שוין נעמען אַלס די בעסטע דאָקטוירים אין דער געגנט. שימעלע איז דערצו טאַקע אַן ערלעכער דאָקטער, נישט קיין געלטגייציקער, געראָטן אין דעם פּעטער עליק, גאָט צו דאַנקען!...

ווען זי, חוהלע, וואָלט געווען אַ גאָט, וואָלט זי פונדעסטוועגן געהאַט אַ ביסל רחמנות אין האַרצן. וואָס הייסט, מען נעמט עס אַ מענטשן און מען מאַכט פון אים אַש און בלאָטע!... מען האַקט אים אָפּ פון לעבן ווי מען האַקט

אָפּ אַ הייפּטל קרויט פונעם שטענגל. דאָס איז דאָך די גרעסטע אומגע־רעכטיקייט!...

די געראָטענע מומע רוזשע ליגט אין אַ קליין קבֿרל — און גאָרנישט; שאַ, שטיל!... אַרום דעם שוואַרצן מצבֿהלע מיט די גילדענע אותיות און מיט די אויסדרוקן פון גרויס ליבשאַפט פון דעם פעטער עליק מיט די קינדער וואַקסן טרייסט־בלימעלעך, ווי בלויע אָפּענע בעכערלעך. ווען זי, חוהלע, גייט אַמאָל אויפן הייליקן אָרט און קוקט אויף די בעכער־בלימע־לעך, וואָס זענען תמיד פול מיט טראָפּנס וואַסער, וואָס דער וועכטער גיסט אויף זיי, דאַכט זיך איר אַז עס זענען גאָר דער מומעס טרערן... זי וויינט דאָרטן אינעם קליינעם קבֿרל און שרייט צו גאָט אַז ער איז פאַלש און אומגערעכט...

די שכנים שושקען זיך כסדר און הערן נישט אויף צו רעדן, אַז שי־מעלע מיט רבֿקהלען האָבן געטריבן אין קבֿר אַריין די בידנע מאַמע זייערע, און אַז איצט האָבן די טייערע קינדערלעך אויף דעם טאַטן צורעכט־גע־מאַכט, אַז דער פעטער האָט געמוזט ווערן אַ בעטלער...

זי, חוהלע, האָט שוין דערקענט דעם מין מענטש, מ׳שטיינס־געזאָגט... די שכנים אַליין וואָלטן דווקא געוואָלט, אַז דער פעטער זאָל טאַקע ווערן אַ בעטלער... אַזוי אַרום וועט דאָך פאַרשוואַרצט ווערן דאָס מזל פון זיינע גליקלעכע קינדער... אָבער דער פעטער פייפט אויף זייער טאַטן! ער האָט זיך אויסגעגלייכט דעם רוקן... ער וועט נאָך מאַכן אַ ברית אויך, דער פאַר־ליבטער חתן־בחור!... נאָר זי, חוהלע, וועט דאָ אויסצאַנקען ווי אַ ליכט און קיינער וועט אַפילו נישט וויסן צוליב וואָס און צוליב וועמען...

ווען זי, חוהלע, וואָלט נישט געהאַט קיין רחמנות אויף סיאָמען מיט דער קראַנקער מומע רוזשע וואָלט איר דאָליע געשיינט ווי אַ גאָלדענע מנורה... זי וואָלט איצט געווען אַ פּאַדראָסטקעלע פון אַ יאָר אַכצן, דערצי־פּול מיט אילוזיעס!...

ווי אַנדערש עס זעט אויס דער דאָזיקער יום־טובֿ ווי צוריק מיט צוויי יאָר. זי איז דאָך דעמאָלט געווען דאָס שיינדל פון דעם דאָזיקן נייעם ווינקעלע. די יינגלעך און דער אַלטער כאַאַקין האָבן זי גערופן „די גרינע גאַלאַנדרינע״!...

דער אַלטער כאַאַקין איז שוין אויך נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. ער איז פאַרטשאַדעט געוואָרן לעבן אַן אויוועלע מיט קוילן. מאַקסעלע „באַז״ איז שוין אויך געשטאָרבן. לאַנדסלייט זאָגן, אַז ער האָט ווי אַ ליכט אויס־

געצאַנקט אַן איינזאַמער אין זיין בוידים־שטיבל, ווייל ער האָט זיך גענומען צום האַרצן זוסיעס אומגליק...

מאיר פּיצוועניקן גייט עס גאָר גוט. צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע יונ־געלייט, גרינע בחורים און מיידלעך, האָט ער זיך דערוואַרט אויף דער קוואָטע קיין צפון־אַמעריקע. איצט זענען זיי אַלע צווישן אייגענע שוועס־טער און ברידער. מיכל דער פּרעסער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שניידערס אַ טאָכטער און איז געוואָרן אויפגעריכט. ער האָט שוין אַליין אַ פאַבריקל פון טאַנדעט.

נאָר זי, חוהלע, איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרעיפּושט וואַסערל. עס גייט איר דאָ ווי פון דער נאָז גלייך אין מויל אַריין... דערצו האָט זיך דער פעטער עליק אַריינגענומען אַ מעלאַנכאָליע אין קאָפּ אַריין: ער וויל פאָרן צוריק אין זיין קאָלאָניע אַריין און זיך ווידער נעמען צו ערד־אַרבעט. ער קויפט שוין צו־ביסלעך פעלד־מכשירים. ער קויפט אויך פון אַלעם גוטן פאַר פריידען און שיינדעלעס וועגן...

און ווו איז איצט איר מאַן, דער איינציקער אויף וועמען זי קאָן זיך אָנשפּאַרן ווי אַ שוואַךביימעלע, וואָס שפּאַרט זיך אָן אין דער וואַנט פון אַן אַלטער שטוב?... יאָ, סיאָמע אַרבעט. ער גייט זיך זיין אייגענעם וועג; ער איז גליקלעך.

און ווו איז נאָום? אפשר האָט דער פעטער עליק אים פאַרטריבן פון דאַנען?... דער פעטער, זאָל געזונט און שטאַרק זיין, איז קלוג ווי דער טאָג: ער ווייסט, אַז זיין חוהלע, איז געוואָרן אַן איבערגעקערטע, און אַז דער דאָזיקער נאָום האָט אין דעם אַ גרויס חלק...

אָבער זי, חוהלע, קען אַפילו שווערן ביי די שוואַרצע ליכט, אַז נאָום וועט ביי איר גאָרנישט פועלן... עפּעס אַ כוח ליגט אין איר און דערלאָזט נישט צו דעם... ווען זי האָט אים שוין געוואָלט לויפן זוכן און איבער־בעטן האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז די מומע רוזשע האָט אויף איר אַרויפ־געגאָסן אַ שעפל קאַלט וואַסער... די מומע האָט זיך געבייזערט און גע־וואָרנט: דו טאָרסט עס נישט טאָן, חוהטשע! פע, נישט דאָס איז דיין וועג... און טאָמער איז עס געווען ווינציק, האָט זי נאָך דערצו דערזען דעם טאַטן, דער מאַמען און די פרומע באָבע צייטל אויך... וויי־וויי! עס האָט זיך איר, חוהלען, דעמאָלט אָפּגעגלוסט אַפילו דאָס לעבן!... זי האָט דעמאָלט פאַר־שטאַנען, אַז דאָס טויפּהגע בלוט איז דעם מענטשנס גרעסטער שונא...

* * *

הינטער איר איז שטילערהייט אונטערגעקומען דווידקעלע, שימעלעס זונעלע. ער האָט איר אַ שלעפּ־געטאָן דעם עק פון שאַלעכל, וואָס זי האָט געטראָגן אויפן קאָפּ, ער האָט זיך צעלאַכט מיט יענער חוצפּה פון קינדער, וואָס ווייסן נישט פון קיין נויט און מיינען, אַז אַלץ איז פאַר זיי באַשאַפן געוואָרן.

— גרינע, קום אַריין צו אונדז און דו וועסט עפּעס זינגען! — האָט ער אויסגערופן און האָט איר אַרויסגעשטעלט אַ פייג.

חוהלע האָט נישט געענטפערט און איז אַוועק. דווידקע האָט אָנגעהויבן פאָכען מיטן שאַלעכל:

„הערט, איר שטערבלעכע, דעם הייליקן רוף:
פרייהייט, פרייהייט, פרייהייט!"...

שימעלע האָט אויפגעמאַכט דאָס פענצטער און איז אַרויס אויפן באַל־קאָן. נאָך אים איז אויך אַרויס רבקהלע. זיי האָבן נאָכגעקוקט דער גרינער, געהויבן מיט די אַקסלען:

— זי דרייט זיך דאָ אַרום ווי אַ נעבעכל, — האָט זיך רבקהלע אָנ־גערופן, — כדי די שכנים זאָלן מיינען, אַז מיר ווילן פון איר נישט וויסן... אַז מיר לאָזן זי אויף הפקר...

— זי איז אַ מאָדנע באַשעפעניש, אַן איינזאַמע... — האָט שימעלע פאַרטראַכט געענטפערט. — זע, זי איז דאָך געוואָרן איינגעבויגן. זי ליידט, ווייזט אויס, פון אַ מעלאַנכאָליע.

— זי פאַרגינט קיינעם נישט דאָס לעבן... זי איז געראָטן אין איר מאַן. וואָסי, די מאַמע, אין גן־עדן זאָל זי רוען, האָט איר ווינציק געגעבן, האַ?... איצט איז זי דאָך די גאַנצע באַלעבאָסטע אין טאַטנס שטוב...

שימעלע האָט אַרויסגעצויגן דעם זוים פון זיין ווייסן דאָקטערישן קאָפּטל מיטן הויכן קעלנערל און מיט אַ האַנט־באַוועגונג געגריסט די שכנים, וואָס האָבן צו אים געדופן פון די אַרומיקע שטאָקן.

רבקהלע האָט אים אַ צי־געטאָן ביי דעם עלנבויגן און געזאָגט שטיל:

— האָב זיי אין קבר; זיי זענען פאַלש און נישט־פאַרגינעריש... זיי זענען אַלע געוואָרן אונדזער שונאים...

— וואָס אַרט עס דיך? — האָט זיך דער ברודער אומגעדרייט מיטן פנים צו איר. — נישט־פאַרגינערישקייט איז אַ מענטשלעכע טבע. ווען עמיץ וואַקסט אַרויס פון פּשוטן עולם מוז מען זיין געגוג קלוג און פול מיט מעלות כדי צו פאַרשטומען די נאַרישע מיילער...

זי האָט אים אַ קוש־געטאָן אין באַק און געענטפערט שוין אַ באַרויִקטע:

— גאָט ווייסט וועמען צוצוטיילן אי כבוד, אי געלט; נישט אַזוי, שימעלע?...

שימעלע האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און געשמייכלט. דווידקע האָט זיי צוגעוואָרפן חוהלעס שאַלעכל און איז אַ פריילעכער אַוועקגעלאָפן צום קאַרוסעל.

***

חוהלע איז אַריין אין שטוב און נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. זי האָט אַוועקגעשטעלט דאָס וועגעלע האַרט לעבן אויוועלע מיט האַלבאויסגעלאָשענע קוילן און האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דעם דיוואַן איר היימיש קעסטעלע מיט די אַלטע היימישע מלבושים. זי האָט עס אויפגעמאַכט און אַריינגעאָטעמט דעם ריח, וואָס האָט איר דערמאָנט אָן דער היים, אָן איר דאָרף, וואַלד און פעלד. שלינגענדיק די טרערן האָט זי אָנגעהויבן רעדן צו זיך אַליין: — הלוואַי עפּנט זיך אַ גרוב פאַר איר מיט די קינדערלעך... ווו וועט זי קענען אָפּוויסטן אַזאַ לעבן פערציק אָדער פופציק יאָר?!... עס איז דאָך דאָ ערגער ווי די קאַטאָרגע!...

דאָס צווילינגל אירס האָט זיך אויפגעכאַפּט. עס איז שוין געווען די שעה פון געבן זיי די בריסט. זי האָט פאַרמאַכט דאָס קעסטל, זיך שווער אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום וועגעלע, אַראָפּגעלאָזט דעם קאַפּושאָן און אַריינגעשמייכלט אין די קינדערשע פּייכטע, צעשראָקענע אייגעלעך. זי האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער זיי און ביידן מיטאַמאָל געגעבן צו זויגן.

— ניין! זי וועט מער נישט טראַכטן וועגן נאַומען!... אויב אים גייט גאָרנישט אָן, ווי אַזוי זי לעבט, איז וואָס פאַר אַ שייכות האָט זי צו אים?... זי, חוהלע, איז טאַקע אַ בהמה, זי טראַכט תמיד ווי אַזוי אים צו מאַכן גליקלעך, ער זאָל זיך ליבן מיט זיין ווייב און צו איר, חוהלען, זאָל ער זיין ניט מער ווי אַ חבר, אַ ברודער... וואָסי, אינגאַנצן איז טאַקע נאָר יענע זאַך?... ניין! די קינדער אין גרדוניה טראַכטן נישט אַזוי. זי געדענקט נאָך אַלץ ווי עס וואָלט געווען ערשט נעכטן. תמיד האָט מען נאָר גערעדט וועגן דער ריינקייט פונעם האַרץ. נו, אַז מען נאַרט אָפּ אַ ווייב, קען דען דער מאַן האָבן אַ ריין האַרץ?... וואָס־זשע, נאָום פאַרשטייט עס דען נישט, האָ?...

שפּעטער האָט זיך חוהלע געפּאָרעט אין קיך ביים צוגרייטן דאָס אָנבייסן. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן פאַרטוך מיט שלייקעס איבער

די אַקסלען און מיט אַ פּאַטשיילע אויפן קאָפּ, אויסגעבונדן ווי אַ טורבאַן. פון איר האָט געשלאָגן מיט שטילער רעגיזנאַציע. אויפן קיכטישל איז גע־שטאַנען אַ קליינער וועקזייגער, עס איז געווען פונקט עלף.

זי האָט דערהערט ווי עמיצער פּאַטשט מיט די הענט און צוגעלאָפן צו דער טיר עפענען. נאָום איז געבליבן שטיין אַנטקעגן איר און גע־שמייכלט. חוהלע האָט פאַרפלאָכטן די נאַסע פינגער אויפן האַרצן און אויסגערופן:

— אוי, נאָום, נחום נחומל!...

ער איז אַריין אין שטיבל און זי אַריינגענומען אין זיינע לאַנגע שטאַר־קע הענט. זי האָט זיך אָנגעהויבן ווערן, אָבער נאָום האָט זי געהאַלטן ווי אין אייזערנע צוואַנגען און געקושט איר מויל, אירע אויגן און איר האַלדז.

חוהלע האָט אויפגעהערט צו ווערן זיך. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אירן אויף זיין אַקסל און זיך צעוויינט. נאָום האָט זי צוגעפירט צום דיוואַן, זי אַוועקגעזעצט און זיך אַליין אַראָפּגעלאָזט לעבן איר. זיינע קני האָבן געציטערט, ער איז געווען אומרויִק און גערעדט מיט אַ הייזעריקלעך קול:

פייניק מיך נישט, חוהלע, מיר האָבן זיך ליב און דאָס איז גענוג!...

זי האָט אַריינגענומען זיין קאָפּ אין אירע הענט און האָט אַריינגעקוקט טיף אין די גרויע רויכעלעך פון זיינע האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן:

— נאָום, נחומללל!...

און איז צוגעפאַלן מיט איר מויל צו זיינעם...

די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז אַריינגעקומען סיאָמע, חוהלעס מאַן. פון זיינע הענט איז אַרויסגעפאַלן דאָס קיישל מיט זיסע רויטע עפּל, וואָס אַ קונה האָט אים געבראַכט. ווי אַ בליץ איז ער צוגעפאַלן צו נאָומען, אים אַ כאַפּ־געטאָן פאַר די אַקסלען און אָפּגעריסן פון חוהלען. נאָום איז אַ דערשראָקענער אויפגעשפּרונגען און זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער טיר. סיאָמע איז אים פאַרלאָפן דעם וועג און אים געפּאַטשט איבער זיינע צוגע־רויטלטע באַקן, איבערן מויל. סיאָמע האָט געפרייכט, געסאָפּעט ווי ער וואָלט געשלעפּט אויף זיך אַ גרויסע משא.

חוהלע איז געבליבן זיצן, דעם קאָפּ באַהאַלטן אין די הענט און גע־וואַרט, אַליין נישט־וויסנדיק אויף וואָס. זי איז געוואָרן אָפּגעטעמפּט פון שרעק און זיך נישט געקענט רירן פון אָרט.

זי האָט נישט געזען ווי נאָום האָט אַ כאַפּ־געטאָן זיין פּאַלטאָ, וואָס

ער האָט פריער געהאַט אָוועקגעלייגט אויף דער פּאָרענטשע פון אַ בענקל און איז קוים אַ לעבעדיקער אַנטלאָפן פון איר שטיבל.

סיאָמע איז דאַן צוגעשפּרונגען צו איר. מיט איין האַנט האָט ער אויפגעהויבן איר פאַרפלאָמט פּנים און מיט דער אַנדערער אָנגעהויבן פּאַטשן. פון איר מויל און נאָז האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען שמאָלע ריטשקעלעך בלוט.

חוהלע האָט זיך נישט געוועריט. דאָס פּנים איז געוואָרן געל און צעקרימט, אָבער זי האָט אַפילו קיין קרעכץ נישט געטאָן.

— דו בליאַד! אויסוווּרף! פאַר וועמענס וועגן האָב איך געשטרעקט מיין לעבן, האַ? גיי דיר, גיי, ק...!

ער האָט ענדלעך אויפגעהערט צו פּאַטשן, אַ שפּיי־געטאָן אין איר זייט און זיך אַ לאָז־געטאָן צום וועגעלע. ער האָט עס אַ הייב־געטאָן אויף די הינטערשטע רעדלעך און זיך געלאָזט מיט דעם צו דער טיר.

ערשט איצט האָט זיך אין חוהלען ווי עפּעס איינגעבראָכן און איר לייב איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט פייער און גבורה פון אַ פאַרצווייפלטן, וואָס ווערט זיך קעגן אַ גזלן. זי איז אויפגעשפּרונגען און איז אים פאַרלאָפן דעם וועג רייסנדיק צו זיך דאָס וועגעלע מיט די קינדער. סיאָמע האָט נישט נאָכגעגעבן. חוהלע האָט אַ געשריי־געטאָן ווי אַ נישט־דערקוילעטע:

— די קינדער זענען מיינע!...

מיט גבורה האָט זי אַרויסגעריסן ביי אים דאָס וועגעלע, זיך אָנגעבויגן איבער אים און ביטער געוויינט. אויך די קינדער האָבן זיך צעיעכצט. זי האָט זיי געגעבן זייגן און דאָס צווילינגל האָט באַלד איינגעדרימלט. זי האָט זיך נאָכדעם אויסגעגלייכט, קוקנדיק שטאַר אויפן מאַן.ביידע האָבן אויסגעזען פאַרעלטערט, צעטראָגן, ווי אַנטלאָפענע פון אַ פּאָגראָם.

סיאָמע האָט זיך, ענדלעך, אויסגעגלייכט און אַ פּאָכע געגעבן צו איר מיטן פויסט:

— דו ביסט נישט ווערט צו זיין אַ מאַמע און צו דערציִען מיינע קינדערלעך...

חוהלע האָט מיט ציטערנדיקע פינגער געדאַנקלאָז געהאַלטן אין איין פאַרשפּיליען און אָפּשפּיליען די קנעפּלעך פון איר וואַלן קאָפטל. אין האַלדז איז איר געוואָרן ענג און געשטאַנען ווי געליימט.

זי האָט אַראָפּגעשלונגען אַ ביסל סלינע און זיך אָנגערופן מיט אַ טרוקן קול:

— די קינדער, סיאָמע, זענען מיינע. ווייטער ביסטו אין אַלץ גערעכט...

— וואָס האָסטו צו מיר, דו הפקר־מענטש, דו ציגיינערן?!...

— גאָרנישט, סיאָמע... איך ווייס, אַז דו ביסט גערעכט... אָבער איך האָב דיך נישט ליב און דו קענסט מיך אַפילו שעכטן דאָ אויפן אָרט גייט עס מיר נישט אָן...

ער איז געוואָרן איינגעשרומפּן און די וויעס נאָך רויטער און נאָך מער צונויפגעצויגן. ער האָט אַ קלאַפּ־געטאָן מיט דער פויסט איבערן ברעג טיש:

— פאַרוואָס האָסטו חתונה געהאַט מיט מיר, דו זונה?...

— דו האָסט דאָך געוווסט, סיאָמע, אַז איך האָב דיך ליב געהאַט ווי אַ גוטן חבר, אָבער נישט מער!...

ער האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און אַרויסגעלאָפן.

אַרום חווהלען איז געוואָרן מוראדיק פּוסט. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין. עס האָט זיך איר גענומען דאַכטן, אַז זי האָט שוין לאַנג צוריק איבערגעלעבט עפּעס ענלעכס, אָבער זי האָט נישט געדענקט ווי אַזוי זי איז דאַן ווידער געקומען צו זיך...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים וועגעלע, געקוקט אויף די קינדערלעך און די שרעק אין איר איז געוואָרן אַלץ שאַרפער און דראָענדיקער. אַזוי איז אַוועק אַ האַלבע שעה און נאָך אַ האַלבע. זי האָט אָנגעהויבן דרימלען. ווען דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוועלף האָט זי זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שווערן חלום. אַלע אברים זענען איר געווען אָנגעווייטיקט און דער עלנט האָט געוויינט אין זיי. זי האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרגלעט אירע צע־שויבערטע האָר, דאַן אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן דיוואַן איר אַלט קעס־טעלע מיט די היימישע מלבושים. זי האָט זיי אַרויסגענומען און אויסגע־לייגט אויפן טיש. דאַן האָט זי זיך אויסגעטאָן, קוים מיט צרות אַרויפגע־צויגן אויף זיך דאָס בלויע ציצענע קליידל מיט ווייסע פּינטעלעך; פון אויבן האָט זי אָנגעטאָן דאָס זשאַקעטל פון גרינלעכן סאַמעט, וואָס די מאַמע האָט איר איבערגעגעבן פון דער באַבע צייטלס אַן אַלטער ראַזוווּלקע.

זי האָט אַראָפּגעצויגן פון די פיס אירע וואַרעמע שיכלעך און זיך אָנגעטאָן די הויכע געלע שטיוועלעך, פאַרשנורעווענדיק זיי ביז אַרויף. זי האָט זיך נאָכדעם אָנגעטאָן אַ פאַטשיילע מיט געלע בלימעלעך און געמאַכט אַ פעסטן קנופּ אונטערן האַלדז. דאָס קעסטל מיטן ביסל היימישן האָב־און־גוטס האָט זי אַוועקגעשטעלט צופוסנס פון בעטל און זיך אַרומגעקוקט.

פון אַלע ווינקעלעך האָבן זיך געטראָגן סיאַמעס קולות: — זונה! גיי פון דאַנען! גייך, גיי!...

זי האָט אַרויסגעפירט אויף דער גאַס דאָס וועגעלע מיט אירע קינדערלעך, געבליבן שטיין ביי דער שוועל הינטער דער טיר, וואָס זי האָט הינטער זיך פאַרהאַקט.

די גאַס איז געשטאַנען אַ שטילע, אָבער אַ פולע מיט פייערלעכקייט און מיט געשמאַקע ריחות פון פריש־געבראָטענע פליישן און געבעקסן. די ווערטער פון נאַציאָנאַלן הימן האָבן אַ שלאָג־געטאָן אין איר:

„הערט, איר שטערבלעכע, דעם הייליקן רוף:
פרייהייט, פרייהייט, פרייהייט"!...

ווהין זאָל זי איצט גיין, האַ? אפשר גאָר צופאָרן צום ים?... און די קינדערלעך און סיאַמע?... און אירע טאַטע־מאַמע מיטן איינציקן ברודער איציקל?... ניין!... זי געהערט נישט צו זיך אַליין!...

אָבער פאַרוואָס ציטערן אַזוי אירע גלידער, דאָס בלוט?... איז עס נישט געווען איר באַגער, אַז סיאַמע זאָל וואַרפן אויף איר אַן אומחן?..

זי האָט אַ קוק־געטאָן אויף אירע הענט, וואָס האָבן פעסט געהאַלטן דאָס הענטל פון פאַיעטאַנדל און עפּעס אין איר האָט זיך אָנגערופן:

— דו האָסט געזונטע אברים. קענסט אַרבעטן און ביסט אַן ערלעכער מענטש. וועסטו ווערן אַן אויפזעערן ערגעץ אין אַ רייך הויז און דיינע קינדערלעך וועלן דאָרט האָבן אַ היים... נאָום איז אַ לייכטזיניקער פחדן. ער האָט גאָרנישט מקריב געווען פאַר דיינע שיינע געפילן און פאַר דיינע און סיאַמעס צרות און באַליידיקונגען...

זי האָט מעכאַניש אויפגעהויבן אַ האַנט און אָפּגעשטעלט אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן. זי האָט אַריינגערוקט דאָס וועגעלע און איינגעשטיגן. זי האָט פאַרמאַכט דאָס טירל פון אויטאָ און געזאָגט דעם שאָפער, וווהין ער זאָל זי פירן.

דער שאָפער האָט אָפּט אַריינגעקוקט אינעם שפּיגעלע אַנטקעגן זיינע אויגן. חוהלעס צעטראָגנקייט, איר צעשראָקן פּנים, האָבן אים אַלץ דערציילט... ער האָט אָנגעהויבן אונטערהוסטן, זיך צעהוידעט אויפן געזעס, פאַררויכערט אַ ציגאַר און אַרויסגעלאָזט דעם רויך דורך זיינע נאָזלעכער, אַזוינע אומרויקע ווי נאָזדרעס פון אַ יונגן אָגער, וואָס דערפילט פּלוצים דעם ריח פון אַ שקאַפּע... ער האָט מיט שפּילעוודיקער פאַך־קענטעניש געפירט דעם אויטאָמאָביל איבער גאַסן מיט יום־טובדיקע מענטשן.

ער האָט אויסגעדרייט צו איר זײַן פּנים; זײַנע שוואַרצע אויגן האָבן זי אויסגעטאָן:

— אפשר וויל די סעניאָראַ עפּעס טרינקען?... איך באַט עס אײַך אָן אָן שום אינטערעס... — האָט ער אַ צעפּיר־געטאָן מיט זײַנע שטאַרקע מענער־רישע הענט.

זי האָט כמורנע אַ בורטשע־געטאָן:

— פּאָרט אויף דעם אַדרעס, וואָס איך האָב אײַך געהייסן!...

זי האָט זיך אָנגעבויגן איבערן וועגעלע און געגלעט די פּייכטע לעַ־קעלעך אַרום רוזשעלעס פּנימל.

זי האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געטראַכט...

ווען דער אויטאָמאָביל איז געבליבן שטיין און חווהלע איז אויסגע־שטיגן האָט זי אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן דאָס פּאַיעטאַנדל מיט אירע קינדער־לעך. צוליב איר אומפּאַרזיכטיקייט, איז איר היימיש קעסטל אַרויסגעפאַלן און זיך צעפּראַלט. די זאַכן וואָס זענען דאָרט געלעגן זענען פונעם ווינטל צעטראָגן געוואָרן. חווהלע האָט פאַרגעסן צו באַצאָלן דעם שאָפער און איז געלאָפן אויפקלייבן די זאַכן.

קליינוואַרג האָבן אַרומגערינגלט דאָס וועגעלע מיט די וויינענדיקע קינדער. ווייבער מיט מיידלעך וואָס זענען געשטאַנען אויף די שוועלן האָבן זיך אָנגעהויבן איבערצווווינקען. עס איז געוואָרן אַ שושקערײַ:

— זי זעט אויס ווי אַ גרינע, דעם קאָמבאַלאַטשניקס ווייבעלע, ווייזט אויס, זי האָט אים פאַרלאָזט...

— אַ ניַיעס! מען האָט געוווסט, אַז זײַער שטוב האָט זיך געהאַלטן ווי אויף הינערשע פיסלעך.

— אַ מצווה אויף איר; זי האָט געוואָלט געלט...

— ניין! זי איז פּשוט אַ בהמה און נישט מער!...

— זאָל זי טאַקע קייען שטרוי!...

חווהלע האָט אויפגעקליבן די זאַכן. קינדער וואָס האָבן זיך געשפּילט, געשפּרונגען איבער שטריק, האָבן אויפגעהערט זיך שפּילן און געלאָפן צוהעלפן חווהלען. איר פּנים האָט געפלאַמט פון בושה, פון באַליידיקונג.

דערווייל איז חווהלע מיט אַ בונט זאַכן אונטערן אָרעם געקומען צוריק. אַ יידענע אין אַ ברייטן קיך־פאַרטוך האָט אַרײַנגעפירט דאָס וועגעלע אין דעם לאַנגן קאָרידאָר און חווהלע איז איר אַ שווייגנדיקע נאָכגעגאַנגען. מחנות קינדער האָבן זיך געדרוקט ביי די ווענט, געלאָפן פאַר און הינטער איר.

שמאָלע אייזערנע טירלעך פון דעפּאַרטאַמענטלעך האָבן זיך צעפּראַלט און ווייבער האָבן אַרויסגעשטעקט צעבאַרשטענע קעפּ און נייגעריקע פּנימער.

אויך שיינדעלע האָט צעפּראַלט דאָס טירל און איז אַרויסגעלאָפן. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַן „אוי״! געוואָרן ערנסט און באַלד זיך פריילעך צעלאַכט:

— זעסט דאָך אויס, חוהלע, ווי אַן אוקראַאינישע שיקסע!...

די ייִדענע אין ברייטן פאַרטוך האָט גיך אַריינגעפירט דאָס וועגעלע אין פריידעס דעפּאַרטאַמענט. חוהלע איז איר נאָכגעגאַנגען און געבליבן שטיין ביי דער שוועל ווי זי וואָלט דערפילט, אַז דאָ איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אירטוועגן מיט די קינדערלעך...

שיינדעלע האָט צעטריבן דאָס אָנגעלאָפענע קליינוואַרג, איז אַריין אין־נעוויניק און פאַרהאַקט הינטער זיך דאָס טירל. חוהלע האָט אַריינגעקוקט אין צימער, זוכנדיק דעם פעטער עליאָס.

אויפן ווייס־געדעקטן טיש איז געשטאַנען אַ נייער גראַפין מיט ווייסע און רויטע מאַגנאָליעס, צוויי פלעשער גאַרנאַטשאַ־ווייַן, אַ פלעשל היימישער וויִשניק און אַ קליין פלעשעלע בראָנפן „אַטשאַ הערמאַנאָס״.

זי האָט דערפילט דעם געשמאַקן ריח פון פריש־געבראָטענעם אינדיק מיט זיסע קאַרטאָפל און קנישעס פון קאַשע מיט געענדזענע גריוון.

— ווו איז דער פעטער עליק, שיינדעלע ?

די קליינע האָט זיך צעטענצלט אויף די הויכע קנאָפּעלעך פון די נייע שיכלעך. די קלאָשן פון איר בלוי סאַמעטן קליידל מיטן ווייסן הויכן קעל־נערל און אירע שטייפע ברוינע צעפּלעך האָבן מיטגעטאַנצט.

די ייִדענע מיטן ברייטן פאַרטוך, האָט צוגעהוידעט די קינדערלעך אין וועגעלע, האָט אַ צופּ־געטאָן שיינדעלען ביי די צעפּלעך:

— דו, דו, קאַלב!... דאָס ווייבל איז דאָך אויס מענטש!...

אין דעם איז אַריינגעקומען דער פעטער און נאָך אים פריידע. פון זיי האָט געשלאָגן מיט יום־טוב, מיט יוגנט. עליאָס האָט אויסגערופן:

— וואָס האָסטו אָפּגעטאָן, דו, דו!...

— האָסט אומגליקלעך געמאַכט דיינע קינדער און מיך מיטן פעטער אויך! — האָט פריידע פאַרבראָכן די פינגער פון די הענט. — דו עקשן, דו פערדאַטש!...

ערשט איצט איז חוהלע געקומען צו זיך. זי האָט אַ כאַפּ־געטאָן דאָס פּאַיעטאַנדל, עס אונטערגעהויבן אויף די הינטערשטע רעדלעך און עס האָס־טיק און מיט ווילדן כח אַ שטופּ־געטאָן צום דרויסן־טירל. דאָס טירל האָט זיך צעפּראַלט און אַט איז שוין דאָס פּאַיעטאַנדל געווען פון יענער זייט.

דער פּעטער איז געוואָרן בלייך, ער איז איר פאַרלאָפן דעם וועג און געפּרוּווט אַרויסרייסן ביי איר דאָס יועגעלע. זי האָט נישט נאָכגעגעבן. אַ ווילדער כוח האָט זיך אויפגעהויבן אין איר. זי האָט מיטן עלנבויגן אָפּגעשטויסן דעם פּעטער. ער האָט אויסגערופן:

— וווּהין, דו בהמה, טראָגסט עס דיך אין אַזאַ ביטערער קעלט? וועסט אומגליקלעך מאַכן די קינדער.

— אין ים אַריין, פּעטער, טראָגט עס מיך!... — האָט זי אַריינגעברומט אין זיין פּנים.

ער האָט אַריינגעשטעלט אַ פוס צווישן די רעדלעך פון וועגעלע און זיך געווענדט צו פריידען:

— ברענג מיר אַהער מיין פּאַלטאָ... מיין שטוב שטייט דאָך אַ ליידיקע...

חוהלעס אויגן, דאָס האַרץ, האָבן אָנגעהויבן ציטערן ווי נישט־דער־קוילעטע פייגל. זי האָט געהויבן קעגן אים די געביילטע פויסטן און געשריִען נישט מיט איר קול:

— ניין, ניין, פּעטער עליק, דו יועסט מיך מער נישט פירן ווי מען פירט אַן אָקס צו דער שחיטה... דו און די מומע רוזשע און פריידע, איר אַלע האָט אַ חלק אין מיין וויסטער דאָליע און אויך אין סיאָמעס...

דער ווינט האָט געשמיסן איבער די פּנימלעך פון אירע קינדער. זיי האָבן אָנגעהויבן יעכצן; עס איז שוין געווען די שעה פון געבן זיי די ברוסט. חוהלע האָט זיך אָנגעבויגן און האָט זיי געגעבן צו זייגן. אירע ברוסטן זענען געווען פול מיט מילך, אַזוי איז אויך געווען איר האַרץ, — פול מיט צרות, עלנט און באַליידיקונג.

***

עליאָס איז היינט צופעליק געקומען אַהיים טרינקען אַ מאַטע. ער איז געזעסן ביים טיש אין אַ ווינקל פון דער גרויסער קיך. לעבן אים איז געשטאַנען אַ טערמאָ מיט הייסע וואַסער און אַ פּושקע מיט צוקער און זשערבע. אַרום אים איז געווען פּוסט. ער האָט געגעניצט, אונטערגעזיפצט און געהאַט דעם געפיל אַז דער אייביקער האַרבסט האָט זיך באַזעצט ביי אים אין שטוב, און ער, עליאָס, וועט דאָ ווערן אַלט און צעבראָכן. די אומבאַשטימטקייט האָט אים געפרעסן. ער האָט געזופּט איין מאַטע נאָך דער אַנדערער און געקוקט צום דרויסן, — ווייל אין שטוב האָט ער זיך נישט געפינען קיין אָרט.

עס איז געווען צווישן טאָג און נאַכט. דורכן אָפענעם פענצטער האָבן זיך אַריינגעסילעט שמאָלע שטיקער שיין. אויך די סטראָגאָרלעך מיט ווייס־

בלויען צוויט אויפן צעוואַקסענעם בוים הינטערן פענצטער זענען געווען באַגאָסן מיט זון ווי גאָלדענע רינגעלעך.

עס זענען שוין אַוועק קנאַפּע פיר חדשים זינט חוהלע איז אַוועק פון דער היים, און קיין אויסגלייך צווישן איר מיט איר מאַן האָט ער, דער בידנער פעטער, נישט געקענט ברענגען, ביידע זענען פאַרביסן ווי די הינט...

פריידען גייט דערוויל גוט ביי שניידעריי, און חוהלע אַרבעט ביי איר; אָבער ער, עליאַס, וויל גאָרנישט זי זאָל ווערן אַ גרויסע פאַרדינערן. דערצו איז פריידע אַן אָפּגעהאַלטענע און נישט קיין אויסגעקינדלטע... זי האָט אַ וואַרעמען בוזים און אַ מויל ווי געשמאַקע פייגן...

יאָ, דער פרילינג איז אַריין אין זייער ביידנס בלוט... זי, פריידע, האָט אים צוגעשטעלט צו דער וואַנט — אַהער אָדער אַהין... אוודאי; וויפל איז טאַקע דער שיער צו זיצן ביי איר אין קיך און דערצו נאָך ציטערן, טאָמער, חלילה, קומט אָן שיינדעלע?...

און זיינע אייגענע קינדערלעך — האָט עליאַס געטראַכט — זיי פירן דאָס רעדל און ער, דאָס אַלטע פערד, וואַרט אויף אַ נס, וואָס זאָל אים אויסשפּאַנען און אַראָפּנעמען פון אים דעם כאָמעט...

דערוויל האָט ער דערהערט קלינגען דאָס טיר־גלעקל. ער האָט זיך שווערלעך אויפגעהויבן און מיט אַן אומניחהדיק שמייכעלע אויפן פּנים, זיך אַרומגעקוקט, זיך געישובט: אפשר איז עס גאָר זיין רבקהלע, וואָס וויל זיך מיט אים ווידער אויסטענהן?... טאַקע צוליב איר אַנטלויפט ער דאָך פון שטוב. זי איז פול מיט חוצפּה, זי מיינט אַז איר יוגנט וועט אייביק דויערן... עט!... ער האָט אָפּגעזיפצט און מיט אַ זייטיק געגנגעלע אַוועק אין קאָרידאָר און פון דאָרט אַראָפּגעגאַנגען די טרעפּ און האָט אויפגעשלאָסן די טיר.

אַ יונגער טונקעלער בריווטרעגער האָט אים דערלאַנגט אַ בריוו.

עליאַס האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט, אַרויסגענומען אַ קליין בריוועלע און עס אָנגעהויבן לייענען איין מאָל און נאָך אַמאָל. זיינע שווערע הענט איינינעם מיטן בריוול האָבן אונטערגעציטערט. אַ ווייכקייט האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיין ברייט מויל מיט די גרעבלעכע ליפּן. ער האָט געגרעדט צו זיך אַליין:

— אַהאַ! דער שכן שמעיה־בער וואָס האָט יאָרנלאַנג אָפּגעהיט זיין ווירטשאַפט אין קאָלאָניע, איז נעבעך געשטאָרבן. איצט וועט ער, עליאַס, ווערן אַ גאַנצער אָרעמאַן און נישט קיין האַלבער... אַלץ איז דאָרט געבליבן אויף הפקר. וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? ווי אַזוי קריכט מען אַרויס פון דעם פּלאָנטער? יאָ, איך מוז ווידער אַ רעד־טאָן מיט חוהלען, איך מוז!...

ער איז אַרויס פון קאָרידאָר און די אומבאַשטימטקייט איז געגאַנגען מיט אים: — ניין, דו טאָרסט נישט איבערלאָזן אויף הפקר דיין ברודער הערש־יאָסלס איינציק אויג אין קאָפּ! — האָט עליאַס בימער געזיפצט. די קליינע ווייסט גאָרנישט אַז דאָס שלעכטע לויערט אויף איר... עס וועט דאָך קומען אַ פאַרשוין און וועט זי, חלילה, איינבייסן... און וואָס וועט דאַן ווערן פון אירע קינדערלעך?... דער פאַרביסענער ליטוואַק, אַ רוח אין זיינע יאָרן, ער ווייסט נישט ווי אַזוי צו דערוואָרעמען איר נאַריש הערצל... צווישן אַלטוואַרג איז ער אַ גאַנצער „יאַ טעבע דאַם", אָבער מיט חוהלען — איז ער אַ טרוקענער באָקסער, אַ טיפּוש און קיין סוף נעמט עס נישט...

אַ באַלאַדענער מיט זאָרג, איז ער אַריינגעקומען אין זאַלכל ווי חוהלע האָט געוווינט. זי איז אים אַנטקעגן געלאָפן:

— וואָס איז געשען? פעטער, דו זעסט אויס שלעכט!...

עליאַס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיוואַן, אַראָפּגענומען פון קאָפּ דאָס קיילעכיקע היטעלע און באַטראַכט דעם ברודערס קינד. ער האָט איר דער־לאַנגט דאָס בריוול. חוהלע האָט עס איבערגעלייענט איין מאָל און נאָך אַמאָל און זיך אַנגערופן:

— פעטער, נעם פריידען, שטעל אַ חופה און פאָר!...

— און דו? און דיינע קינדערלעך?... זיי נייטיקן זיך אין דער ליב־שאַפט פון זייער טאַטן.

— און ווער, פעטער, נייטיקט זיך דען נישט אין דער געטרייקייט פון אַ טאַטן?... און אַז איך האָב דאָ קיינעם נישט, פאַלט דען דער בוידעם צו דער ערד?...

— מיך האָסטו, חוהלע! — האָט עליאַס צוגעלייגט אַ פויסט צו זיין ברוסט. דו ביסט מיין ברודער הערש־יאָסלס איינציק אויג אין קאָפּ... איך בעט דיך, זיי נישט אַזוי געפאַלן, ווייל עס קראַפּירט מיר דאָס האַרץ...

חוהלע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געטראַכט: — מיינס אויך!... מיין גוטער פעטער פאַרשטייט נישט, אַז די פּעטש, וואָס סיאָמע האָט מיר געגעבן, האָבן אויפגעריסן אַן אַלטע מכה, וואָס וואָלט געאייטערט ווער ווייסט ווי לאַנג... און ווען איך וואָלט געהאַט כאָטש איין טראָפּעלע ליבשאַפט צו דעם בידנעם סיאָמען, וואָלט איך שוין לאַנג געמאַכט אַ סוף צו דעם דוגז. איך וואָלט געלאָפן און אים אויסגעקושט יעדן אבר, יעדעס מינדסטע נעגעלע, כדי ער זאָל מיר מוחל זיין און פאַרגעסן די ווייטיקן, וואָס איך האָב אים פאַרשאַפט...

פון דער מומעס טויט איז געבוירן געוואָרן דעם פעטערס נייע וועלט.

ער איז אַפילו גרייט מקריב צו זיין דעם ברודערס קינד און ער אַליין ווייסט עס נישט...

אָבער איך וועל נישט נאָכגעבן!... אָ, ניין! איך וויל נישט ווערן קיין קאַמבאַלאַטשניצע מיט אַ ברייטן פאַרטוך, און ווען די קינדער וועלן אויס־וואַקסן און זיין געלערנטע מענטשן זאָלן זיי זיך דאַרפן שעמען מיט זייער מאַמען די פּראָסטאַטשקע...

יאָ, שיידן זיך מיט אַ מאַן איז אַן אומגליק... אָבער אָפּנאַרעריי איז גע־מיין און נידערטרעכטיק. איך וויל זיין אַ ריינער מענטש און נישט קיין אייביקע אַקטריסע. אויף סיאָמען איז טאַקע אַ רחמנות, אָבער איך וועל אים צושווערן אַפילו ביי שוואַרצע ליכט, צו דערציען די קינדערלעך אין גרויס ליבשאַפט צו אים...

עליאַס האָט זי באַטראַכט און, ווי תמיד, ווען ער קען זיך נישט געבן קיין עצה מיט זיך אַליין, האָט ער אָנגעהייבן אונטערצוברומען זיין באַליבטן ניגונדל.

חוהלע האָט זיך אָנגערופן:

— פעטער, איך האָב דיך שוין טויזנט מאָל געבעטן, דו זאָלסט מער נישט שטערן מיט דיינע נעגל אין מיינע וווּנדן... צי קום איך דען אָן צו דיר וועגן עפּעס, האַ?... איך וועל עסן אַ טרוקן שטיקל ברויט מיט קנאָבל און פאַרטרינקען מיט אַ גלאָז טיי, אַבי נישט צו טאָן קיין אומזיניקייטן... קעגן מיין ווילן!... עס עקלט...

עליאַסן זענען געקומען טרערן אין די אויגן.

— איך בעט דיך, פעטער — האָט חוהלע פאַרגעזעצט — פאָר צו צו סיאָמען און זאָג אים אַז איך לעב מיט נאָומען. אפשר וועט ער אָנהייבן מיך שטאַרקער צו האַסן, און עס וועט אים ווערן גרינגער מיר צו געבן אַ גט.

— האַסן, האַסט ער דיך סיי־ווי! — האָט דער פעטער געזאָגט. — אָבער ער ווערט פאַרשרפעט נאָך דיר און וועט דיך נישט אָפּגטן...

— איז נישט! איך גיי סיי־ווי נישט חתונה האָבן!... אָבער די קינדער־לעך זענען מיינע, מיינע!...

זי האָט אַ קוק־געטאָן צום בעטל ווו די קינדערלעך זענען געשלאָפן און האָט טיף אָפּגעזיפצט.

— נו, גוט, פעטער! גיי שוין צו פריידען, וויז איר דעם בריוו און רעד מיט איר וועגן תכלית, אָבער מיך זאָלסטו מער נישט מוטשען!...

— אוי, חווהניו, קרוינעניו! מיט וואָס וועל איך דיר אָפּצאָלן פֿאַר דיין חכמה, פֿאַר דיין לייטישקייט, האַ?...

— גיי!...

***

אַנשטאָט צו פריידען איז גאָר דער פעטער געפֿאָרן צו סיאָמען.

סיאָמע איז געזעסן אין אַ ווינקל און געגעסן זיין אָוונטברויט. ער האָט אויסגעזעזן טרוקן, איינגעשרומפּן. אונטער די אויגן האָבן זיך געפּעלבלט שמאָלע קנייטשעלעך און זיין מויל איז געווען פֿאַרשטומט, טרוקן ווי אַן אַל־טער צעבויגענער שלאָס.

לעבן אים איז אויף אַ שטיק זאַק געלעגן אַ גרויס קיילעכדיק ברויט, אַ גרויסע ציבעלע און אַן עפּל. עס איז געשטאַנען אַ פלאַש מיט ביליקן ווייַן, אַ קריגל מיט קאַלט וואַסער און אַ גלאָז.

ביי די ווענט זענען געלעגן זעק מיט קאַלך, שטויסן מאָזאַיקעס, ציגל און פּושקעס מיט פֿאַרב, קליי, ברעטער, שטיקער דעמב, לייסטן. אויף די הויפּנס געהילץ זענען געשטאַנען קעסטלעך מיט טשוועקעס, שרויפֿן, זאָוויעסעס און קליאַמקעס.

— דאָ קומען צו נייע שטיבלעך, אָבער זיין שטוב וועט אַרויסוואַקסן פון דעם אָרעמאַנסקען ווינקל. דעם פעטערס טייערע יורשים האָבן אים, סיאָמען, געלאָזט אינדרויסן. אָבער דערפֿאַר האָט ער געקראָגן חן אין די אויגן פון דעם פעטערס בעסטע קונים. זיי האָבן אים אויסגעבאָרגט געלט, און אַלץ וואַקסט דאָ ווי אויף הייוון... ניין, ער, סיאָמע, איז נישט קיין יאָלד! ער קען צולייגן אַ האַנט צו דער אַרבעט. ער האָט טויזנט אויגן. ער וועט ווייזן דעם פעטערס טשינאָווניקעס, ווער עס טויג זיך אויס!... ווער עס ווערט אַ מענטש נישט אויפן חשבון פון דעם רייכן טאַטן. זאָלן זיי דאָרטן ברענען איינער אינעם מיט דעם נאַסן קבר, וואָס די טייערע מומע האָט אים צוגעוואָרפן ווי אַ נדבה!...

אויך חווהטשע, פּונקט ווי דעם פעטערס יורשים, איז אַהערגעקומען אויף אַלעם פֿאַרטיקן. איצט ווייסט זי, די בהמה, וואָס עס הייסט פֿאַרדינען אויפן שטיקל ברויט. דער רייכער פעטער, דער גוי, וועט איר נישט אָוועק־געבן זיין פֿאַרמעגן... נישקשה! שימעלע מיט ו בקהלען זענען אים נאָך אַלץ נענטער און טייערער ווי דעם ברודערס קינד...

און נאָום, דאָס שאַרפֿע צינגל, איז גאָר אַוועקגעפֿאָרן ערגעץ אויף דער פּראָווינץ און שפּילט דאָרט אין אַן אָרקעסטער; חווהטשע האָט נישט גע־

ענטפערט אויף זיינע קורווישע בריוולעך. זי האָסט אים, דערציילט דער גראָבער יונג, דער פעטער... ער טאָקע, דער רייכער פעטער, דער גוי, איז נישט קראַנק צו זאָרגן פאַר דעם ברודערס טאָכטער מיט די אייניקלעך. וואָסי, עס וועט אים נישט קלעקן צו קויפן מתנהלעך דעם גרינעם שטיק פלייש? אָדער די יורשים זיינע וועלן אָרעמער ווערן, וואָס?... ער, סיאָמע, האָט אַ גענוג גרויסן חלק אין דעם פעטערס פאַרמעגן. עס קומט אים אַ סך מער, וויפל ער האָט באַוויזן צוצונעמען...

ער האָט פּלוצים דערשפּירט דעם געזונטן דאָרפישן ריח פון איר געדיכט לייב. ער האָט זיך פאַרהוסט, דער נישט־צעקייטער ביסן איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. עס איז אים געוואָרן הייס און אַ שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף זיין פּנים. ער האָט אַ שטאַרקן זופּ־געטאָן פון פלעשל, זיינע אויגן האָבן ווי שאַרפע מעסערלעך זיך געשניטן, געריסן פון די רויטע מיט בלוט־אָנגעגאָסענע וועס.

— חווה, חוהטשע, אַז ברענען זאָלסטו אויפן פייער!... איניינעם מיט דעם אויסוורף! ביז ווען וועסטו מיך מוטשען?!...

— —

אין אַזאַ צושטאַנד האָט אים געפונען דער פעטער עליאַס. ער האָט פאַרלייגטביידע הענט אויפן האַרצן און האָט זיך אָנגערופן:

— ע־ע־! סיאָמע! דו האַלטסט שוין גאָר וויט, ווי איך זע!... דו ביסט אַן אויסטויגער; יאָ!...

סיאָמע איז געוואָרן ערנסט. ער האָט אים שווייגנדיק אָנגעקוקט. אַ שטילקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אַרום זיי. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ לייכט, וואַרעם ווינטל און ריחות פון אַקאַציע און פון בלומען „די נאַכט־דאַמע". דער הימל איז געווען באַדעקט מיט רויטע און ברוינע קאָלירן און איז געווען מערקווירדיק טיף.

עליאַס האָט זיך מיט אַ קרעכץ אַראָפּגעלאָזט אויף אַ זאַק מיט זאַמד און אַריינקוקנדיק אינעם פייערל האָט ער געזיפצט, זיך געישובט און שפּעטער אָנגעהויבן צו רעדן:

— איך קום איצט פון דאָרטן, סיאָמע. איך האָב מיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט...

— ווער האָט אייך דען געבעטן, האָ?

— די קליינע האָט אַן אומשולדיק הערצל... וואָס קען מען מאַכן? זיי אַ מאַנספּאַרשוין, סיאָמע... זי וויל דיך גאָרנישט... — האָט עליאַס געפירט פאַר זיך מיט די הענט.

— איז דאָך ווידער גוט — האָט סיאָמע אָפּגעהאַקט געענטפערט. —
וואָס־זשע האָט איר צו מיר, פעטער עליק, איך שטער איר דען אין עפּעס?...
זיינע אויערן זענען געוואָרן מאָדנע אָנגעשפּיצט. די הויט פון פּנים האָט זיך אָנגעהויבן צו רינצלען. עליאַס האָט אַריינגערעדט אין זיינע האַלב־געשלאָסענע אויגן:
— ליבשאַפט, סיאָמע, בייגט דעם קאָפּ... און די קליינע איז קאַלט. דו ווייסט דאָך, וואָס איך מיין, האַ?...
— אָט האָסטו דיר אַ נייעם ספּעציאַליסט אויף ליבענישן!... — האָט סיאָמע אַ לאַך־געטאָן. — דאָס האָט איך די גרינע אַזוי אַרויפגעאַרבעט?... איך, פעטער, נייטיק זיך נישט אין חוהטשעס ליבשאַפט. איך קען שלאָפן מיט איר, פּונקט ווי מיט אַ שיינער גאַסנמויד...
— זאָג עס נישט! זי איז די מאַמע פון דיינע קינדער!...
סיאָמע האָט אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט:
— איך וועל האָבן אַן אַנדער ווייב מיט אַנדערע קינדער...
— איז דאָך ווידער גוט! — האָט אַ שיין פון האָפענונג זיך צע־פינקלט אין דעם פעטערס אויגן. — גיב איר אַ ידישן גט און — שוין!...
סיאָמעס שאַרפע בליקן האָבן אָנגעהויבן ציטערן צווישן זיינע צונויפ־געצויגענע ווייעס. ער האָט אויפגעהערט קייען און אַריינגערעדט אין דעם פעטערס פּנים:
— וואָסי, רב עליק? אָן אַ גט וועט אייער ברודערס איינציק אויג אין קאָפּ נישט קענען מחיה־זיין איר אידעאַליסטל, האַ?...
ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעוואָרפן דעם פעטער „אַ גוטע נאַכט״ און איז אַוועק צווישן אַלטוואַרג אין פינצטערן הויף.
אויך עליאַס האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעזיפצט און געקוקט אין אַלע ווינקעלעך. אויף אים האָט געשלאָגן מיט ריחות פון אַלטוואַרג. ער האָט געטאָן עטלעכע הוסטלעך און האָט זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט:
דער טרוקענער ליטוואַק האָט אַהערגעבראַכט אַ שטיק פון רוזשעס האַרעוואַניע... און וואָס קען מען דען מאַכן ביי אַ ווילד־פרעמדן, ווען דיין אייגן בלוט און פלייש מאַכט פון דיר אַש און בלאָטע...

סיאָמע האָט גענומען געלט־זאַכן און שימעלע מיט רבקהלען האָבן צוגענומען דעם טאַטנס פרייד און זיין מענערישע ווירדע... און עליאַס, דער קאַוואַל וועט זיי ווייזן ווער עס איז אַ מענטש... די קינדער האָבן אין אים אָנגעצונדן אַ פייער און קיין שום רופא וועט עס מער נישט קענען לעשן...

אַזוי טראַכטנדיק איז ער אַרויס פון סיאָמעס געביידע און מיט אַ פעסט פויעריש געגנעלע, האָט ער זיך געלאָזט אַהיים. די גאַס איז געשטאַנען אַ ברייטע, אַ פרייע, אַ פולע מיט קולות פון קליינוואַרג, וואָס האָבן זיך געשפילט, געשפּרונגען איבער שטריק, געריטן אײנס אויפן אַנדערן. שכנים אויף די אויבערשטע באַלקאָנען האָבן אים נאָכגעקוקט. ער האָט זיך געמאַכט נישט־ווייסנדיק. עס איז אים געקומען אויפן זינען: איצט האָבן זיי דערלעבט צו זען דעם „רוסאָ“, דעם אויסלענדער — אַן אויסגעשפּיגענעם פון זיין סביבה, פון זיין היימיש ווינקעלע... אָבער עליאַס וועט זיך צוריק אויפהייבן... עליאַס האָט פיינט נדבות און רחמנות... עליאַס וועט!...

ער האָט אַ פאַכע־געטאָן מיטן פויסט און איז אַריין אין קאָרידאָר, געשפּאַנט איבער די טרעפּ. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך, ביים האַרצן האָט אים גענאָגט. ער איז אַוועק אין עס־צימער און האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש.

דאָרט איז געווען אימהדיק פּוסט. אַלץ איז געווען באַדעקט מיט שטויב, מיט אַלטקייט. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פלעשל משקה און אַ גלעזל באַזעצט מיט פליגן־פּינטעלעך און אַ טעצעלע מיט ביסקוויט, באַזעצטע מיט גרויסע פליגן. עליאַס האָט געקוקט אויף דעם און האָט מורא געהאַט צו ברעכן זיין וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן פרײדען, מער נישט צו טרינקען, חוץ ביים עסן.

ער האָט אַריינגעגאָסן אַ ביסל משקה אין דעם אומריינעם גלאָז און געטונקען די דאַרע שטיקלעך ביסקוויט, געקייט און אונטערגעקרעכצט ווי אַ געבונדענער.

דער אַלטער זייגער אויף דער וואַנט איז געווען שטום און צווישן די סטראָגערלעך ווייס־בלויען צוויט פון דעם בוים צווישן די פענצטער האָבן זיך געוויגט דינע שטיקער שיין ווי גאָלדענע אויערינגען. די שיין האָט עטוואָס באַלויכטן זיין פּנים מיט די טיפע האַרטע זקנישע קנייטשן.

אַזוי זיצנדיק האָט ער דערהערט אויפשליסן די קאָרידאָר־טיר און עמיצן לויפן אויף די טרעפּ. עס איז אַריינגעקומען זיין זון שימעלע. פון זיין דאָקטערישן ווייסן כאַלאַט האָט געשלאָגן מיט וואַזשנעקייט. הינטער שימעלען איז אַריינגעקומען אַ הויכער שמאָלער יונגערמאַן, אַן אַדוואָקאַט און זיין זונס אַ נאָענטער חבר.

דער אַדוואָקאַט, דערזעענדיק עליאַסן, האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ סך דינע ווייכע שמייכעלעך אַרום מויל און אַרום די שמאָלע פאַרדרייטע וואַנ־

צעלעך. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ בענקל און האָט אַרויסגענומען פון טעקע אייניקע בויגנס פּאַפּיר, באַשריבן און באַשטעמפּלט און באַ־קלעפּט מיט מאַרקעס. ער האָט די אַלע פּאַפּירן אַוועקגעלייגט לעבן עליאָסן אויפן טיש, ער האָט זיי גיך אָנגעהויבן בלעטערן און מיט זיין וויז־פינגער אָפט געבליבן שטיין אויף אַ פּונקט.

עס איז אויך אַריינגעקומען רבקהלע, זי איז אַוועק אין סאַמע אויבנאָן און מיט קלוגעטשקע אייגעלעך געדעדט צום ברודער, אים געהייסן זיין שטאַרק און נישט נאָכגעביק...

באַלד נאָך איר איז אַריין דער אײדעם מיט דער שנור. זיי זענען געבליבן שטיין לעבן קאָמאָד, ביי דער טיר און מיט געמאַכטער גלייכ־גילטיקייט, זיך צוגעקוקט וואָס דאָ וועט זיך באַלד אָפּטאָן.

דער אַדוואָקאַט האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן געזעצן... וועגן עלטערע לייט, וואָס זענען אומפעיִק צו פאַרוואַלטן מיט זייער פאַרמעגן... ער האָט דערביי אַריינגעקוקט אין עליאָסעס פּנים און איבערגעטראָגן אַ טרייסט־בליק צו די צעשראָקענע קינדער...

וואָס העכער דער אַדוואָקאַט האָט געדעדט און דער קרייז אַרום עליאָסן איז געוואָרן ענגער, אַלץ לייכטער איז אים אָנגעקומען אַראָפּצו־שלינגען די שטיקלעך ביסקוויט וואָס ער האָט אַביסעלע לענגער געהאַלטן אין גלעזל מיט משקה. ער האָט געשלונגען די קניפּעלעך טרערן וואָס האָבן אים געשטיקט אין האַלדז.

שימעלע האָט זיך אָנגערופן:

— טאַטע, מיר טוען עס פאַר דיין טובה וועגן...

— אַוודאי!... — האָט רבקהלע צוגעגעבן. — מיר זענען נאָך נישט אַזוי פאַרדאָרבן ווי מענטשן מיינען... וועסט וווינען ביי מיר אין אוי־בערשטן צימער.

דער אײדעם האָט דערזען אַ געלקייט אונטערן שווערס אויגן, אַ געל־קייט, וואָס האָט אָנגעהויבן צו ווערן ווייס און נאָכדעם בלוילעך. ער איז צוגעגאַנגען נעענטער, האָט צענומען די הענט און זיך אָנגערופן:

— דער שווער איז דאָך אַ רעליגיעזער מענטש. וועט ער קענען גיין אין שולעכל פאַרברענגען מיט זייגע יידן, האָבן אַ רויִקע עלטער...

עליאָס האָט נישט געענטפערט. ער האָט אָפּגערוקט מיטן עלנבויגן די פּאַפּירן און זיך געווענדט צום אַדוואָקאַט:

— איך בין אַ פּשוטער דאָרפסמענטש, סעניאָר. איך פאַרשטיי גאָר־

נישט אין די געשריבענע געזעצן. זאָגט עס מיר דעריבער פשוט און אויף ייִדיש: וואָס דאַרף איך טון, האַ?...

— גאָרנישט, נאָר אונטערשרייבן!...

עליאַס האָט אָנגערוקט די יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און עס איז אים געקומען אויפן זינען: — איי־איי־איי, ווי בידנע זיי זעען אויס, זיינע געלערנטע קינדער!...

דער איבערשטער האָט באַשאַפן דעם בידנעם מענטשן, אים געגעבן גרויסע אויגן, גרויסע השגות, אָבער אַ נשמה, אַ האַרץ האָט ער אים געגעבן קליין ווי אַ לעכל פון אַ נאָדל... און ער, עליאַס, וועט זיי איצט ווייזן, ווער עס איז נישט פאַרקויפט צום גאָלדענעם קאַלב. אפשר וועט דער אויבערשטער עפענען זייערע אויגן, אפשר?...

ער האָט זיך דערפילט אַזוי לייכט ווי אויפצוהייבן זיך צו די וואָלקנס, צו דער לבנה, וואָס רוט צווישן די שטערן, רויט ווי אַ פּעסעלע פון בורשטין און אַ פּולעס מיט אַלטן ווישניק. אפשר איז ער גאָר געוואָרן ווי יענער אַלטער סאָסנע־בוים ביים זוים פון זיין מאַיס־פעלד? די היצן, רעגנס, האָגלען און שטורעמס האָבן אים אָרומגעריסן און ער איז געבליבן אָן דער קאָרע. איצט שטייט ער דאָרטן אַ ווייסער, אַ געלייטערטער און אויפן סאַמע שפּיץ וואַקסט אַ ניי גרין טשופּרינקעלע און דער ווינט מיט דער זון וואַשן און גלעטן עס.

אויך ער, עליאַס, איז געבליבן אַ נאַקעטער און הוילער. אָבער ער האָט דאָך נאָך אַ שטיק קאַמף... ער האָט די פריידיגן, אַ געזונט אין אירע כשרע ביינדעלעך!... איצט שטייט ער דאָ אויף די שטויסן מיט גראָבע ביכער, פון וועלכע זיינע קינדער האָבן געלערנט.

אַזוי טראַכטנדיק האָט ער מיטן עלנבויגן אָפּגעשטויסן פון זיך די טאַכטער. ער האָט אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ בינטל שליסלען, אוועקגעלייגט אויפן טיש און געזאָגט:

— פון איצט אָן, סעניאָר אַדוואָקאַט, האָב איך מער נישט קיין רעכט אַריינצוקומען אַהער. אַלץ געהערט צו זיי... — האָט ער מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף די קינדער. — נו, סיי ווי האָרעוועט מען ווי די בהמות, כדי איבערצולאָזן גרויסע ירושות... און זיי האָבן נישט געהאָט קיין צייט צו וואַרטן ביז דער טאַטע וועט פאַרמאַכן די אויגן, — האָט עליאַס אומעטיק געשמייכלט; — מן־הסתם האָט דער אויבערשטער אַזוי אָנגעצייכנט...

אַרום טיש האָט זיך אָפּגעזעצט אַ טויטע שטילקייט. עליאַס האָט

אָפּגעזיפּצט, האָט אָנגערוקט אויפן קאָפּ זיין קיילעכיק היטעלע און איז אַרויסגעגאַנגען.

— פּאַפּי, פּאַפּי! טו עס נישט! — איז אים רבקהלע נאָכגעלאָפן. אָבער עליאַס האָט איר נישט געהערט. ער האָט זיך געטראָגן איבער די טרעפּ און זיך אַריינגעדרייט אין די שמאָלע, טונקעלע הינטערגעסלעך, געלאָפן ווי פון אַ פייער און מורא געהאַט זיך אומצוקוקן אויף צוריק.

***

פריידע מיט עליאַסן האָבן חתונה געהאַט. ער איז אַוועקגעפאָרן אין קאַמפּ און גערעכנט צו פאַרבלייבן דאָרטן איינציקע טעג און איז דערווייל געבליבן ביזן סאַמע מיטן זומער. פריידע האָט נישט געקענט פאָרן צו אים, ווייל שיינדעלע האָט געמוזט ענדיקן דעם שול־זמן און דערצו האָט זי אויך נישט געוואָלט איבערלאָזן דאָ איר חתן. האָט פריידע געמוזט האָבן געדולד און וואַרטן. זי האָט געהאַלטן אין איין זוכן עפּעס אַן אָנשטענדיקע פאַמיליע, וווּ איר שיינדעלע זאָל קענען בלייבן וווינען און לערנען ווייטער.

דערווייל האָט זיך פריידע אַ נעם־געטאָן צו חוהלען. זי האָט גע־פּרוווט ווירקן מיט גוטן, און ווען אירע רייד האָבן נישט געהאָלפן, האָט זי געשריען, זיך געבייזערט ווי אַ מאַמע און צום טויזנטסטן מאָל אויפ־געוויזן:

— חוהלע, דו מוזט גיין איבערבעטן דיין מאַן. דו האָסט קינדערלעך און דו טאָרסט זיי נישט מאַכן פאַר קיין לעבעדיקע יתומים...

אָבער חוהלע איז געבליבן ביי דעם איריקן. זי האָט געוויינט, געבעטן מען זאָל זי צורו־לאָזן, און ווען פריידע האָט נישט נאָכגעלאָזט, איז חוהלע ווילד געוואָרן און האָט פריידען אָנגענומען ביי די אַקסלען און זי אַרויס־געשטופּט פון זאַלכל:

— גיי דיר פון דאַנען, דו פאַלשע זאַך, דו!...

צו חוהלעס עקשנות האָט מיטגעהאָלפן איר ברודער איציקל, וואָס האָט געשיקט בילדלעך פון זיין נחלה און געשריבן, אַז טאַטע־מאַמע גרייטן זיך שוין צו קומען צו אים. אַ העלפט פון זייער דאָרפישער גרדוביה איז שוין דאָ. זיי וואַרטן אויף איר. דאָ בויט מען. מען גייט אָפּ אין שווייס און בלוט, אָבער מען איז יונג. מען זינגט, מען טאַנצט און מען גלויבט אין אַ נייער און בעסערער געזעלשאַפט...

אויך סיאָמע איז געבליבן פאַרביסן און פאַרעקשנט. נישט ער האָט געוואָלט גיין איבערבעטן זיין ווייב און נישט ער האָט געוואָלט געבן איר

אַ גט. פריידע איז געוואָרן מיד פון איינטענהן מיט זייביידע. האָט זי אָנגעהויבן זוכן אַן אַנדער וועג, אַ געהיימען, אַ וועג, וואָס זאָל זי און עליאָסן באַפרייען פון אַ שווערער לאַסט.

פריידע האָט איצט דערפילט אין זיך אַ נייעם כוח, דעם כוח פון ליבע, וואָס מאַכט פון טויט לעבעדיק. זי האָט דערפילט, אַז עליאָס איז איר אמתער זיווג... זיינע בריוולעך האָבן זי דערהויבן און איר צוריק־געגעבן איר ווייבערישע ווירדע, איר פאַרשעמטן שטאָלץ.

זי האָט דערפילט, אַז חוהלע איז איר ווי אַ שטיין אין וועג. לייטן האָבן שוין אָנגעהויבן מורמלען: דער גראָבער יונג האָט חתונה געהאַט און די פלימעניצע איז, נעבעך, געבליבן נישט אַהין און נישט אַהער. פריידע מיט איר מויד האָבן אים פאַרכישופט, קיין גוטן סוף זאָלן זיי נישט האָבן!...

די טעג זענען געווען ברענענדיק־הייסע. חוהלעס קינדער האָבן אָנ־געהויבן ליידן אויף די מעגעלעך. זי אַליין איז אויך געווען נישט מיט אַלעמען, געהאַט היץ. די עלנט און די אומבאַשטימטקייט האָבן זיך גע־ריסן פון אירע צו־גרויסע דערשראָקענע אויגן.

זי איז טעג און וואָכן נישט אַרויס פון שטוב. מורא געהאַט פאַר מענטשן, ווי זי וואָלט זיך געפונען אַליין אין וואַלד.

פריידע האָט זיך געשראָקן פאַר די שלעכטע פאָלגן, וואָס קענען קו־מען. עליאָס ווידער האָט אין זיינע בריוועלעך צו איר דערמאָנט טויזנט מאָל, אַז דעם ברודער הערש־יאָסלס איינציק אויג אין קאָפּ פאַרשאַפט אים אַ סך זאָרג. מען מוז ביי איר פועלן, אַז זי זאָל דערוויַיל אַרויסקומען אויפן קאַמף. פריידע האָט זיך פאַר דעם נאָך מער דערשראָקן. צו וואָס דאַרף זי אַ שותפטע צו עליאָסעס ליבשאַפט און צום ביסל האָב־און־גוטס, וואָס ער וועט איר געבן?... געגוג! זי, פריידע, וויל מער נישט ליידן!...

זי האָט זיך דערמאָנט אין יענע טעג, ווען מען האָט איר זוסיען, אַ געקאָוועטן אין קייטן אָוועקגעפירט אין בוקאַרעשטער תפיסה. זי איז דאַן געפאָרן אַהין, האָט זיך אומעטום דערשלאָגן, זיך אויסגעלערנט צו מאַכן פון ווייס — שוואַרץ און פון בלוי — אַ געלכל פון אַן איי... זיך אויסגע־לערנט קלאַפּן אין אַ שטיין און אים מאַכן ווייכענדיק...

פריידע האָט געטראַכט: חוהלע איז יונג און גלייבט צופיל אין דער גוטסקייט פון די מענטשן. אַפילו אין נאָומס ליבשאַפט האָט זיך נאָך נישט אויפגעהערט צו גלייבן... און גוטס וועט דערפון נישט אַרויסקומען... מען

מוז וואָס גיכער אויפקניפּן דעם פּלאָנטער און אַוועקשטעלן די זאַכן אויף אַן אָרט, און אַ סוף, אַן עק זאָל עס נעמען!...

אין איינעם אַ טאָג האָט זי אַוועקגעפירט חוהלען צום רומענישן קאָנסול. חוהלע האָט געוויינט, גערעדט צו אים ווי צו אַ טאַטן.

פריידע האָט אויך געבראָכן פּיסקעס, זיך געשוווירן, אַז חוהלעס מאַן איז אַנטלאָפן מיט אַן אַנדער פרוי. מען ווייסט גאָרנישט וווּ ער איז אַהינגעקומען... און חוהלע איז דאָך נאָך אַליין אַ קינד. דער הער קאָנסול מוז איר וואָס גיכער שאַפן סיי די נויטיקע פּאַפּירן און סיי אַ ביסל געלט, זי זאָל קענען פאָרן צו אירע טאַטע־מאַמע. אויב דער קאָנסול וועט נישט האָבן קיין רחמנות, וועט חוהלע, חלילה, אַראָפּ פון זינען. זי קאָן נאָך, חלילה זיך אַרויסוואַרפן פון אַ פענצטער פון קאָנסולאַט...

דער קאָנסול האָט צוגעשאָקלט מיט זיין ווייס־גרויער קאָפּ, צוגעזאָגט צו טאָן עפּעס. אָבער פריידע האָט נישט געוואַרט, מען זאָל זיי רופן. דריי מאָל אין וואָך איז דער וואַרטזאַל געווען פול מיט פריידעס טענות און מיט געוויינען פון חוהלען מיט אירע קינדערלעך...

דער קאָנסול איז געוואָרן מיד. ער האָט זיך נישט געקאָנט פון זיי אָפּטשעפּען. טעלעגראַמעס זענען געפלויגן קיין בוקאַרעשט און פון דאָרטן קיין לאָנדאָן. פון לאָנדאָן צוריק אַהער, און מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט שוין חוהלע געהאַט אַלע וויזעס, אַלע נייטיקע פּאַפּירן און דערצו אַ ביסל געלט אויף צו קויפן אַ שיפסקאַרטע.

איצט איז פריידע געשטאַנען אין קיך און צוגעגרייט וואַרעניקלעך פון קאַשע מיט גריוון און אַ געשמאַק זראַזעלע פאַר איר מאַנס וועגן. שיינדעלע מיט איר חתן זענען געפאָרן צו דער באַן אָפּוואַרטן אים. פריידע האָט אַלע מאָל אַרויסגעקוקט צו דער טיר פון איר דעפּאַרטאַמענט און דערביי געטראַכט:

עליק קומט צום אַרויסבאַגלייטן די פּלימעניצע מיט איר צווילינג, אָבער ער ווייסט נישט, וואָס אַזוינס זי, פריידע, האָט אים צו זאָגן... אַך, ווי אַנדערש זי זעט איצט די וועלט און דאָס לעבן!... עליק האָט זי גליקלעך געמאַכט. ער האָט זי אויפגעהויבן פון בלאָטע און זי וועט אים דערפאַר אָפּצאָלן. ער וועט פאַרגעסן אין זיינע קינדער: זי וועט אים געבן קינדער... אָבער פאַרוואָס איז ער נאָך נישטאָ? אפשר האָט, חלילה, עפּעס געטראָפן? אוי! זי וויל עס גאָרנישט דערלעבן, אַז מיט עליקן זאָל געשען עפּעס שלעכטס... עס דאַכט זיך איר, ווי זי וואָלט גאָר פון קינדווייז־אָן געווען מיט אים אין איין שטוב, אין איין בעט...

שיינדעלע האָט צעפּראַלט די טיר און איז אַריינגעלאָפן אַ צערעשטע, אַ פרייליכע. איר קלייד, פון ראָזן באַטיסט און מיט אַ סך שלאַרקעס, איז געווען איינגעטונקען אין שוויס און צוגעקלעפּט צום לייב. איר פאַרפלאַמט קליין פּנימל, דער אַנטבלויזטער האַלדז און נאַקן זענען אויך געווען באַגאָסן מיט ריטשקעלעך שוויס.

פריידע האָט צוגענומען ביי איר אַ קעסטל מיט גרויסע רויטע וויינשל, צוגעדעקטע מיט גרינע בלעטער און עס אַוועקגעטראָגן אין צימער.

שיינדעלעס חתן האָט אַריינגעבראַכט אַ קעסטל מיט ביס אין די גרינע שאָלעכצער, עפּל און גרויסע פלוימען. אויך ער איז געווען איינגעטונקט אין שוויס און אין שטויב. פון אים האָט געשלאָגן אַ היץ ווי פון אַן אָנגעגליטן ציגל.

ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס שווערע קעסטל און איז געלאָפן צוריק. אָבער עליאָס איז אים שוין אַנטקעגנגעקומען, טראָגנדיק אויף זיינע אַקסלען בינטלעך קעז און שמאָלע לאַדישטשעס, פערטלען פּאַסטראָם פון גענדז, אינדיק און לאַנגע טרוקענע קישקעס.

זיין פּנים איז געווען אָפּגעברענט פון דער זון און באַזעצט מיט שטויב. דאָס גרינע העמדל פון כאַקי איז געווען צעשפּיליעט און צוגעפּאַלן צום נאַסן לייב. אויך די גרינע געקעסטלטע פּלודערן, אַריינגעלאָזטע אין די הויכע כאַליעוועס פון די געלע שטיוול זענען געווען נאַס פון שוויס. ער האָט אויסגעזען ווי איינער, וואָס איז נאָרוואָס אַרויסגעקראָכן פון טייך.

ער האָט געקוקט אַרום זיך, געשמייכלט און אַרויפגערוקט אויפן קאָפּ דעם שטרויענעם קאַפּעליוש מיטן רימענדל אונטערן האַלדז. מיטן בייטש-שטעקעלע האָט ער געטאָן עטלעכע לייכטע קלעפּעלעך איבער דער כאַליעווע פון שטיוול און אַ רוף-געטאָן:

— פריידע, פריידל!...

זי איז אַרויסגעלאָפן פון צימער, געוואָרן רויט ווי בלוט, אַרויסגעלאָזט אַן „אוי". זי האָט געטריי אַראָפּגעצויגן פון אים די בינטלעך, געהאָלפן אים אויסטאָן דאָס פאַרשוויצטע רעקל און זיך אָנגערופן:

— גיי, עליק, אין באָד-צימער. איך האָב דיר שוין אַלץ צוגעגרייט...

עליאָס האָט זי צוגעצויגן צו זיך, זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ געניטן בליק און אָנגעהויבן אונטערצוברומען זיין באַליבטן ניגונדל...

שפּעטער איז ער געזעסן אויבנאָן ביים ווייס-געדעקטן טיש, אַ באַשטעלטן מיט טעלער און מאכלים. עליאָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ נייעם ברוינעם באָדמאַנטל מיט געלע פּאַסן און מיט נייע שטעקשיך אויף די

באַרוועסע פּיס. די קאַלטע באָד, וואָס ער האָט גענומען האָט אים אָפּ־געפּרישט. עס האָט געשמעקט פון אים סיי מיט זייף און סיי מיט יונגן גערשטן און ווייץ. ער האָט מנוחהדיק געשלונגען די וואַרעמע וואַרעניקלעך און פאַרטרונקען מיט ווישניק, וואָס פריידע האָט געשטעלט.

שיינדעלע מיטן חתן, אויסגעבאָדענע און אָנגעטאָנענע אין ווייסע שול־פּאַרטוכער זענען געזעסן אַנטקעגן. פריידע האָט מיט אַ קאַרטאָנען פעכערל געטריבן די גרינע ליכט־פליגעלעך, וואָס האָבן זיך מחנותווייז געדרייט אַרום דעם גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ איבערן טיש. זי איז געווען אויפגערוימט און אומגעדולדיק...

עליאָס איז ביסלעכווייז ווי אַריינגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדערער וועלט. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף פריידעס אַקסל און אונטער־געברומט זיין באַליבטן ניגודל...

— פּעטער עליק! — האָט שיינדעלע אויסגערופן. — איך וויל נישט, דו זאָלסט זיין טרויעריק. וואָס איז דיר שלעכט לעבן מיר מיט דער מאַמען?...

— איך בין דען טרויעריק? — האָט עליאָס פאַרצויגן די אויגנדעק־לעך. — איך האָב נאָר מורא, ווייל עס איז מיר צו־גוט!... און פאַרוואָס איז חוהלע נישט געקומען אַהער?...

— זי גרייט זיך דאָך צו פאָרן, פּאַקט איין אירע זאַכן — האָט זיך פריידע אָנגערופן — מיר וועלן דאָך באַלד צוגיין צו איר.

— פּעטער, חוהלע איז ביי מיר ווי אַ שוועסטער — האָט שיינדעלע צוגעגעבן — זי האָט זיך דאָ אויפגעפירט ווי דאָס איידלסטע קינד...

— פאַרוואָס פאָרט זי אַוועק? — האָט דער חתן געפרעגט. — זי וואָלט דאָ געקענט קריגן אַ רייכן מאַן...

— לאָז צורו! — האָט עליאָס אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט. — זי איז אַ מענטש פון אידעאַלן. זאָל זי אַליין זיך אויסטרעטן איר וועג.

שפּעטער האָט עליאָס גערעדט וועגן זיין פעלד מיט די גאָלדענע ווייצן און קאָרן־זאַנגען, וועגן דער שטוב פון זעקס צימערן, וואָס מען האָט שוין דאָרט צוגעגרייט, גערעדט וועגן זיינע עופות און בהמות און וועגן די געטרייע הינט.

— פּעטער! — האָט זיך שיינדעלע אָנגערופן — איך מיט מיין חתן וועלן זיין ביי דיר איבער די וואַקאַציעס. ווילסט?...

— איך וועל דאָרט צוהעלפן אין דער אַרבעט. ביי מיר וועט עס זיין

אַ פרייד און נישט קיין אָנשטרענגונג — האָט דער חתן צוגעגעבן און אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק פון ליבשאַפט.

— קומט, קינדערלעך, אויף ווי לאַנג איר ווילט, אויף וויפל אייער האַרץ גלוסט! — האָט עליאָס געענטפערט, צענעמענדיק ביידע הענט ווי עמיצן איינצוקלאַמערן. — פאַר וועמענס וועגן, שיינדעלע, איז דען מיין גאַנצע האַרעוואַניע, האַ?...

— דו הייבסט שוין אָן, עליק? — האָט פריידע אים איבערגעשלאָגן און ברוגזלעך פאַרצויגן די גרעבלעכע ליפּן. — פאַר מיינעטוועגן, פאַר דיר האָרעוועסטו!... מיר, עליק, זענען אויך עפּעס ווערט!...

— גערעכט! — האָט דער חתן אויסגערופן, און האָט אַ צי־געטאָן שיינדעלען פאַר אַן אויער. זי האָט אים דערפאַר אָפּגעגאָסן מיט אַ צוויי־דייטיקן בליק, זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין צווייטן צימער. ער איז איר נאָכגעגאַנגען.

פריידע האָט זיך צוגעבויגן צו עליאָסן און האָט אים עפּעס איינ־גערוימט אין אויער. ער האָט געטאָן אַ לענגערן זופּ פונעם ווישניק, אָנ־גערוקט די יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, פאַרצויגן די אויגנדעקלעך און אַרויס־געלאָזט אַ פּאָר קליינע זיפצעלעך.

ער האָט פּאַוואָלינקע אַרומגעוויקלט זיין האַנט אַרום פריידעס טאַליע, אַנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף איר אַקסל, אויסגעשטרעקט די פּיס אויף אַ בענקל און עפּעס ווי אַ באַניטער, אַן אָנגעגאָסענער מיט ענדלאָזער פרייד, אָנגעהויבן אויסצופייפן אַ דאַינע.

פריידען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן פון ערגעץ וויט־וויט. עס איז איר געוואָרן וואַרעם פון אַ זיסער בענק־שאַפט, וואָס האָט זיך געגאָסן פון אירע אברים.

נאָך וואָס און נאָך וועמען בענקט זי איצט, האַ? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט. — נאָך אים, עליקן? נאָך זיינע צערטלעכקייטן, נאָך זיין גע־טרייקייט, נאָך זיין ליבשאַפט?...

שיינדעלע מיט איר חתן האָבן זיך באַוויזן צווישן דעם צוויי־העלפ־טיקן פאַרהאַנג איבער דער טיר. פריידע האָט מיט די בליקן זיי געוואָרנט און אַ מורמל געטאָן:

— ש־ש־ש! שלאָגט נישט איבער זאָל ער זיך אויסזינגען, זאָל ער!...

***

די היץ האָט נישט נאָכגעלאָזט. זי האָט זיך ווי לאַוועס פייער געריסן

פון די בלעכענע דעכער, פון די טראָטואַרן, פון די שטיינערנע ווענט, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג געברענט אונטער דער זון. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט שטיקער כמאַרע, ווי האַלב־אויסגעלאָשענע האָלאָוועשקעס. עס האָט אויסגעזען, ווי די שטאָט וועט באַלד אַראָפּזינקען אין אַ צעגליטן תהום.

דאָס שמאָלע פענצטערל פון דעם זאַלכל, וווּ חוהלע האָט געוווינט, איז געווען צעפּראַלט. די רויזן־שטענגלעך פון דעם גערטנדל זענען געווען פאַרחלשט, באַדעקט מיט אַ דינעם רויטלעכן שטויב און מיט שוואַכע שטי־קער שיין ווי וויינענדיקע שמייכעלעך פון מידע זקנים.

אויך חוהלע האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרחלשט רויזנשטענגל. זי איז געווען איינגעטונקען אין שוויס. די האָר נאַס און צעקלעפּט צו אַנט־בלויזטן האַלדז־און־נאַקן. זי האָט אַ פאַרטראַכטע צונויפגעלייגט אין איר הײמישן קעסטל אַלץ, וואָס זי האָט נאַרוואָס געהאַט אויסגעפּרעסט.

אין זאַלעכל איז געווען אַן אומאָרדענונג. אויפן דיל האָבן זיך גע־וואַלגערט אַלטע צייטונגען, זשורנאַלן, צייטונגס־אויסשניטן און מאָדעלן פון קליידער. דער מאַטראַץ מיט די קישעלעך זענען געלעגן צונויפגע־בונדענע ביי דער טיר און חוהלע האָט געוואַרט, עס זאָלן קומען די אי־בער־פאַרקויפער און עס צונעמען.

אין אירע טיפע אויגן איז געזעסן אַ מאָדנע שרעק, אַן אומזיכער־קייט און אַ מין דערוואַרטונג. זי איז געווען אינגאַנצן צעשויבערט און צעטראָגן. זי האָט אַלע ווײַלע אַ קוק־געטאָן צו דער טיר און אָפּגעזיפצט, טראַכטנדיק דערביי:

— אוי, גאָטעניו, עס זאָל נאָר זיין צום גוטן!... פאַרוואָס איז מיין האַרץ אַזוי אָנגעווייטיקט?... האָב איך דען ניט געוואַרט אויף דער דאָזי־קער גליקלעכער שעה?... און אפשר גרייט זיך איצט סיאָמע צו קומען אַהער און צונעמען ביי איר די קינדערלעך?... אוי־וויי! עס וואָלט געווען אַזאַ גרויס אומגליק! איך וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן!... איך וואָלט מיך געשלאָגן מיט אים, געשלאָגן אויף לעבן און טויט...

— און וווּ איז דער פעטער עליק? — ער ליובעט זיך מיט זיין יונג ווייבל... וואָס גייט אים איצט אָן דעם ברודערס קינד? און אפשר וועל איך נאָך פאַרשפּעטיקן אָנצוקומען צו דער שיף? אוי, איך וואָלט מיך געשאָכטן!... און אפשר איז גאָר דער פעטער, די פרומע נשמה, ווידער צוגעפאָרן צו סיאָמען און אים אויסגעזאָגט דעם אמת?... און אפשר וועט באַלד קומען אַהער נאָום?... רבקהלע זאָגט דאָך, אַז ער איז שוין צוריקגעקומען פון זיין

טור איבער דער פּראָווינץ. ער האָט זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט אויף מיר...
ער זעט אויס, זאָגט זי, שיין, יונג. יאָ, ווי עס ווייזט אויס, האָט ער גאָר־
נישט געליטן צוליב מיין ביטער לעבן!... און אפשר האָט ער גאָר געמוזט
אַוועקפאָרן?... איך וואָלט אים דווקא געוואָלט אָנקוקן, כאָטש נאָך איין מאָל,
נישט מער!...

אַזוי זיפצנדיק און איבערטראַכטנדיק האָט חוהלע אַרויסגענומען פון
דער שאַפע אַ בינטל אויסגעפּרעסטע כאַלאַטלעך, אונטערוועש, און שטיקל
נאָך שטיקל עס אַריינגעלייגט אין איר היימישן קעסטל. צווישן אירע זאַכן
איז אויך געווען אַ שמאָלער שאַרף פון ווייסן וואָל מיט זיידענע פרענדזע־
לעך. דערזעענדיק דעם שאַרף איז חוהלע געוואָרן רויט און פאַרשעמט
געשמייכלט.

— איך וועל דעם שאַרף מיטנעמען פאַר איציקלס וועגן. ער וועט
מיר העלפן דערציִען מיינע קינדערלעך. אַז סיאָמע וועט זיי וועלן זען, זאָל
ער מאַכן אַ רייזע. ער וועט ווערן רייך, ער איז אַן עקשן, אָבער זיין פאַר־
ביסנקייט האָט אים געקאָסט צו טייער.

שכנים האָבן איר דערציילט, אַז סיאָמע האָט זיך דאָ אייניקע מאָל
אומגעדרייט. — נו, זאָל ער מיר מוחל זיין! איך וועל אים שיקן אַ בריוו
און צושווערן, אַז איך וועל דערציִען די קינדערלעך אין ליבשאַפט צו אים.

איר אומרויִק געמיט איז באַהערשט געוואָרן פון אַ מורא, אַז סיאָמע
וועט אָט טאַקע באַלד קומען. אירע חושים זענען געוואָר; אָנגעשפּיצט. זי
איז צוגעלאָפן צום בעטל, ווו אירע קינדערלעך זענען געשלאָפן. זיי זענען
געלעגן נאַקעטע און באַגאָסענע מיט שוויס. זי האָט אויפגעכאַפּט יעדן
שאָרך פון אַ פלאַנץ הינטערן פענצטער, און יעדעס וואָרט פון די שכנים,
וואָס זענען געזעסן אויפן הויף און געכאַפּט לופט.

זי האָט מורא געהאַט אַוועקצוגיין פון די קינדער, און באַשטימט צו
וואַרטן ביז דער פעטער מיט פריידען וועלן קומען און וועלן איר העלפן
מאַכן די פּעקלעך. זי האָט דערהערט אַ קלונג פון דער דרויסנדיקער טיר־
קנאַפּקע.

— אוי, דאָס איז ער, סיאָמע! — האָט חוהלע אויסגערופן און גע־
בראָכן די פינגער. — איך וועל נישט עפענען! ניין! ניין!...

עמיצער פון די שכנים האָט געעפנט די טיר און אין זאַלכל איז
אַריינגעקומען... נאָום. זיין פּנים איז געווען פאַרברענט פון דער זון און
באַגאָסן מיט שוויס. דער קאָלנער פון זיין ווייסן ספּאָרט־העמד איז געווען
אָפן און די האָר צעשויבערט פון דעם לייכטן ווינטל.

נאָום האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף חוהלעס אַקסלען און זי אויסגעדרייט צו זיך מיטן פנים, זאָגנדיק מיט אַ לייכטן טאָן:

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי צעשראָקן? וואָסי, דו דערקענסט מיך נישט? פרייסט זיך גאָרנישט מיט מיין קומען צו דיר?...

חוהלע האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. עס האָט זי געצויגן צו אים צו באַהאַלטן איר פנים אויף זיין ברוסט, וויינען און אויסדערציילן פאַר אים אַלץ, וואָס זי האָט זיך אָנגעליטן, זינט זי האָט איבערגעלאָזט איר היים. אָבער דער פאַרדרוס אויף אים איז געווען שטאַרקער ווי דער באַגער צו זיין צו אים נאָענט.

זי האָט אַראָפּגענומען זיינע הענט פון אירע אַקסלען, געקוקט אויף אים און געשלונגען קניפּלעך טרערן.

— פאַרוואָס, חוהלע האָסטו נישט געענטפערט אויף מיינע בריוו? — האָט נאָום איבערגעריסן די שטילקייט.

— אַלץ, נאָום, האָט זיך אויסגעלאָזט צו זאָלץ אויפן וואַסער!... — האָט חוהלע געענטפערט, ברעכנדיק די פינגער.

ברוגזע שמייכעלעך האָבן זיך צעוויגעט אַרום זיין מויל און אַרום די נאָדלדיקע קנייטשן אונטער די אויגן.

— קיינער, חוהלע, איז נישט שולדיק אין דיין שווער לעבן. — האָט ער זיך פאַמעלעך אָנגערופן. — דו האָסט נישט געטאָרט אַנטלויפן. די שטוב איז דיין פּעטערס, און דו קענסט נאָך פאַריכטן דיין איבערגע־איילטן שריט...

חוהלע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט שטיל ווי צו זיך אַליין:

— איך מוז דאָך אויך טראַכטן וועגן סיאָמען. ער איז ווערט אַ בעסער לעבן... איך קען אים נישט זיין קיין געהעריקע פרוי...

— און וועגן מיינע געפילן טראַכסטו גאָרנישט? — האָט נאָום אויס־געדופן. — דו ביסט אַ דאָן קיכאָט. האָסט צעבראָכן אונדזער גליק...

חוהלעס אויגן זענען מיטאַמאָל געוואָרן מאָדנע טרוקן און אָנגעצונדן. זיי האָבן געציטערט און זיך איינגעביסן אין זיין ברוגזן פנים:

— איך, נאָום, וויל נישט זיין ווי דו ביסט!... — איך בין אַ פּשוטע פרוי; איך מוז זיין ערלעך. אַפילו ווען איך גיב זיך דיר איבער, וואָלט עס קיין סך צייט נישט געקענט אָנהאַלטן...

— מיר וואָלטן געקענט זיין גליקלעך, חוהלע!... — קיין אייביקע ליבע איז נישט פאַראַן, אָבער אַ צייטווייליקע — יאָ!...

— דו, נאָום, גרייטסט זיך צו זיין אַן אייביקער אָפּנאַרער! דו האָסט

פיינט דיך ווייב און דו האַלטסט זי, ווי מען האַלט אַ מילדע שטוב־חיה. די נוצסט זי אויס ביז צום נאַקעטן ביין...

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ ווי צו האַלטן אַ רעדע, אַ לאַך־געטאָן און געענטפערט:

— דו ביסט געוואָרן היסטעריש, חוהלע! איך האָב ביי מיין פרוי גאָרנישט צוגערויבט. זי ווייס עס!...

— דו האָסט ביי איר אַלץ צוגענומען. איר ווילן, איר ווייבערישן שטאָלץ, און איצט ווילסטו מיך אויך איינשפּאַנען אין דיין וואָגן?... מיך עקלט פון דיר, נאָום!...

זי האָט אַריינגענומען איר פּנים אין די הענט און זיך שטיל צע־וויינט. נאָום האָט אַרויסגעלאָזט עטלעכע בייזע בלעזלעך דורך די צעפּאָ־כעטע נאָזלעכער, זיך אויסגעדרייט און שוין זייענדיק אויף יענער זייט טיר האָט ער זיך אָנגערופן:

— מאָרגן, חוהלע, וועל איך זיין ביי דיר!...

גראָד אין דער רגע איז אַריינגעקומען דער פעטער. חוהלע איז אַריינ־געפאַלן אין זיינע געטרייע צעטומענע הענט, באַהאַלטן איר פּנים אויף זיין ברוסט און געוויינט און געלאַכט גלייכצייטיק. דער פעטער האָט געגלעט אירע אַקסלען, איר קאָפּ און גערעדט צו זיך אַליין:

— מיין ברודער הערש־יאָסלס איינציק אויג אין קאָפּ איז מיר, נע־בעך, געוואָרן אַ תל. און דאָס שאַרפע ציינגל אירס... ער האָט אַ ווייסט מזל!... ווען איך קום אַריין אַ ביסעלע פריער, טראָגט מען אים אַרויס פון דאַנען!...

חוהלע האָט זיך ביסלעכווייז באַרויקט. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיטן זוים פון פאַרטוך געווישט אירע טרערן.

— אוי, פעטער, דו זעסט איצט אויס ווי שמואל־לייב דער אַרענדאַר פון אונדזער דערפל! — האָט זי נאָך אַ לענגערן קוקן אויף אים אויס־גערופן. — עס פּאַסט דיר צו זיין אַ דאָרף־מענטש. עס שמעקט פון דיר מיט גערשטן און קיַעשער מילך.

עליאָס איז צוגעגאַנגען צום בעטל, געקוקט אויף אירע קינדערלעך, געזיפצט. ער האָט זיך ווידער געווענדט צו איר:

— חוהלע, דו ווייסט, וואָס אַזוינס דו גייסט נעמען אויף זיך, האַ?..

זי האָט נאָך אַ לענגערן שווייגן געענטפערט:

— פעטער עליק, דו ביסט אַ מאַן, דו האָסט דיר געקענט פאַרגינען אַ לעבן אין נאַרעריי... איך אָבער בין אַ פרוי, אַ מאַמע!...

— דיין שאַרף צינגל האָט דיך געבראַכט צו דעם...

חוהלע האָט פאַרלוירן געשמייכלט, געגלעט זיינע שווערע בערע־וואַטע הענט און גערעדט שטיל:

— פעטער עליק, נאָום איז נישט ווערט סיאָמעס מינדסט נעגעלע... אָבער מיין באַשלוס איז נישט קיין איבערגעאײַלטער. צווינג מיך נישט, פעטער, צו ווערן אַן אָפּנאַרערן... עס זענען פאַראַן געגוג אַזוינע נאָומס און פרויען פאַלן קרבנות...

— דו ביסט מיר איינגעבאַקן אָט־דאָ־אָ!... — האָט עליאַס צוגעלייגט אַ פויסט צום האַרצן און זי אָפּגעגאָסן מיט ימים ליבשאַפט. — ביסט מיין ברודערס איינציק אויג אין קאָפּ...

ער האָט ווידער אָנגעהויבן אונטערצוברומען זיין באַליבטן ניגונדל. דורך די פאַרצויגענע אויגנדעקלעך האָט ער געקוקט אויף אירע קינדער־לעך און געטראַכט: — נו, מן־הסתם איז אַזוי באַשערט. סיאָמע האָט אַ שטאַרקן ווילן, ער איז אַ שטאָלצער, דער געבראָטענער ליטוואַק. דערצו גייט עס אים דורך טיר און טויער. ער וועט ווערן רייך, עס וועט אים נמאס ווערן דאָס זיין אַליין, וועט ער, נעבעך, מוזן נאָכגעבן און שיקן חוהלען אַ גט...

זי האָט אַרויסגענומען פון קעסטל איר ווייס שאַרפּעלע און עס אָנ־געהאנגען דעם פעטער אויפן רעכטן אַקסל:

— זאָלסט עס טראָגן אויפן האַלדז, ווען עס וועט זיין קאַלט. עס איז פון וואָל, פון דער בעסטער וואָל — האָט זי צוגעגעבן באַדייטונגספול.

ער האָט אַ גלעט־געטאָן איר האַנט און אַרויסציִענדיק פון קעשענע אַ פּעקל פינפער פּעזעס האָט ער עס אַריינגערוקט אין קעשענע פון איר פאַרטוך.

— נעם, אפשר וועסטו קענען ערגעץ אויסשטייגן אין איטאַליע, וועסטו דיר קויפן לייטישע מלבושים. זאָל דאָרט מיין ברודער, הערש־יאָסל, נישט ליידן קיין בושות.

ער איז געוואָרן דורכגענומען מיט אַן אויסערגעווײנטלעכן געפיל פון ליבשאַפט צום ברודערס קינד, וואָס פאָרט אַוועק און ווער ווייסט, צי ער וועט זי ווען עס איז זען נאָכאַמאָל. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ראַנד פון דיוואַן, אַרויסגעצויגן זיין נאָזטיכל פון קעשענע און זיך געווישט דעם שווייס פון פּנים, פון האַלדז און נאַקן. חוהלע האָט זיך ווידער געגומען צונויפלייגן דאָס לעצטע ביסל זאַכן און איילק אויסדערציילט דעם פעטער, ווי שווער זי האָט דאָ געלעבט און ווי עלנט זי מיט אירע קינדערלעך זענען.

— דו האָסט נישט באַדאַרפט איבערייסן מיט דיינע שוועסטער־קינ־דער! — האָט עליאַס אַ זאָג־געטאָן און זיינע ברעמען זענען געוואָרן שפּי־ציק און די אויגן — מאָנענדיק.

— רבקהלע פלעגט קומען אַהער... — האָט חוהלע געענטפערט. — זי האָט תמיד געוואָלט וויסן, צי דו פרעגסט זיך נאָך אויף איר און אויף שימעלען...

— שאַ, דערמאָן נישט זייערע טריפהנע נעמען!...

ער האָט צוגעלייגט אַ פויסט צו דער ברוסט און געזאָגט:

— עס ברענט אַ פייער אָט־אָ־דאָ, און קיין שום רופא וועט עס מער נישט אויסלעשן...

— חרטה, פעטער עליק, איז אַ סימן צום גוטן... — האָט חוהלע אַ וואָרן־געטאָן מיטן פינגער. — דיינע קינדער האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון עמיצן, פון נישט־פאַרגינערס... און אפשר, פעטער, איז גאָר אַזוי באַ־שערט געווען?... דיינע קינדערס נאַרישקייטן האָבן דאָך דיך דערנענטערט צו פריידען...

זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים און אים עפּעס איינגערוימט אין אויער. זי האָט זיך נאָכדעם אויסגעגלייכט און געשמייכלט:

— נו, פעטער, ווען דו ליגסט דאָרטן צווישן די קופּעס אַלטוואַרג, וואָלסטו אויך געהאַט אַזאַ גליק?...

— ש־ש־ש! רעד נישט וועגן דעם!... איך וועל אָנזאָגן פריידען, זי זאָל מער קיינעם נישט דערציילן. מענטשן, חוהלע, זענען מעז־זאַוועצעס, נישט־פאַרגינערס, ש... מאַט, נעכאַי!... און איך האָב מורא פאַר אַן עין־הרע...

ער האָט פאַרצויגן די אויגנדעקלעך, זיך גוט אויסגעזיפצט און נאָכדעם אָנגעהויבן סווישטשען אַ דאַינעלע.

— פעטער עליק! — האָט אים חוהלע אַ טאַרע־געטאָן פאַר די אַקסלען. — גיי און ברענג אַהער פריידען. עס ווערט שפּעט.

***

אַנשטאָט צו פריידען איז עליאַס צוגעפאָרן אַ קוק־טאָן אויף זיין שטוב. די ברייטע גאַס איז געשטאַנען ווי אין אַ שוויצבאָד. פון דעם אַספאַלט, פון די טראָטוואַרן האָט געשלאָגן אַ הייסע פייכטקייט. דער הימל איז געווען טונקל־ראָז, און אַ האַלבע לבנה, ווי אַ רינגל פון פייער, האָט זיך געטונקען צווישן צעשרפּהטע ברוינע און רויטע וואָלקנדלעך.

פאָרנט, אין די גערטנדלעך פון די נייע קליינע שטיבעלעך, האָט מען

געשפּילט גיטאַרע, געזונגען. עס האָבן זיך אויפגעהויבן גרויע רויכלעך אײנײנעם מיט געשמאַקע ריחות פון פלײשן, וואָס האָבן זיך געבראָטן איבער צעגליטע פײערלעך.

די קאַרוסעל האָט זיך געדרייט, און קינדער, וואָס זענען געריטן אויף הילצערנע פערדלעך, שליטעלעך און בענקעלעך, האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענטלעך און זיך געפרייט.

עליאַסן האָט אַרומגענומען אַ בענקשאַפט נאָך זיין שטוב, וואָס האָט זוי אַ גרויע מצבה זיך אַרויסגעהויבן פון די אַרומיקע נייע שטיבער און שטיבלעך.

אָט־דאָ, אין דעם ווינקל, איז ער מיט רוזשען אָנגעקומען צוריק מיט צוואַנציק יאָר. דאָ איז געווען אַ וויסטעניש. זיי ביידע האָבן מיט בלוט און שווייס אויפגעבויט אָן אייגענע היים. זיי האָבן אויך געהאָלפן די אַר־בעטער צו ווערן דאָ איינגעזעסענע באַלעבאַטים.

אַזוי פאַרטאָן אין טראַכטענישן, האָט ער נישט געזען, נישט געהערט, ווען אַ גרופּע קינדער איז אָנגעפאָרן מיט זייערע ביציקלעטן און האָט אים אַרומגערינגלט. עס איז געוואָרן אַ געשריי:

— העי, דוויד, קום אַהער! אָט איז דיין זיידע!

עליאַס האָט אָנגעהויבן לויפן צו זיין אַלטן צעפּאַרענעם אויטאָמאָ־ביל, וואָס איז געשטאַנען הינטער דער שטוב. ער איז איינגעשטיגן, אַ נעם־געטאָן דאָס רעדל אין זיינע ציטערדיקע הענט...

די חברה אויף די ביציקלעטן, און צווישן זיי זיין אייניקל האָבן אַרומ־גערינגלט דעם אויטאָמאָביל. דווידקע איז געווען ווי אָנגעצונדן. ער האָט געשריגן:

— זאָל דער זיידע אַרויסגיין!...

חברה האָבן אים אונטערגעהאַלטן:

— אַרויסגיין! אַרויסגיין! אַרויסגיין!...

אויף זייערע קולות און טופּען מיט די פיס, זענען יוי מחנות שעפסן, געקומען צו לויפן ווייבער מיט צעפלויגענע בריסטן אונטער אויסגעשני־טענע דינע כאַלאַטלעך און מענער אין צעפליקטע, צעלעכערטע לייבלעך, צוגעקלעפּטע צום צעשוויסיקטן לייב. די באַסע הענט האָבן זיך געשטרעקט צו אים און עס זענען געפאַלן ווערטער, וועלכע ער האָט נישט געקענט אונטערשיידן זייער באַדייט, אָבער אייניקע האָט ער גוט געהערט און ער

האָט זיך געוווּנדערט און נישט געוווּסט צי זאָל ער זיך פרייען, אָדער טרויערן.

— די גאַנצע וועלט איז אויף איער זייט... — האָט זיין געוועזענער אַרבעטער אויסגעשריגן.

— דער באַלעבעסעלע דאַרף נישט זיין געפאַלן ביי זיך, עס איז דאָ אַ גאָט און ער וועט משפּטן...

— אין מיין ראַנטשאָ איז, גאָט צו דאַנקען, תּמיד פאַראַן אַ וואַרעם ווינקעלע... מיר קענען אָנהייבן אַרבעטן בשותפות... — האָט אַ צווייטער אַרבעטער צוגעגעבן.

עליאַסן איז געוואָרן שווער אויסצוהערן די רייד פון זיינע פריש־געבאַקענע פריינד... ער האָט געקוקט אויף זיי, געשמייכלט דורך טרערן און געטראַכט: ער מיט רוזשען האָבן צוגעהאָלפן איינצואָרדענען די דאָ־זיקע אַרעמעלייט. ער האָט פאַר זייערטוועגן געקויפט דאָס פלאַץ אויף אָוועקצושטעלן שטיבלעך פון ברעטער און אויך שטובזאַכן. אמת, זיי האָבן אים דעם חוב צו־ביסלעך אָפּגעצאָלט; זיי געדענקען, די שוואַרצע, וואָס דער „רוסאָ" האָט פאַר זיי געטאָן. אָבער ער געדענקט, אַז זיי האָבן אים קיין־ווי נישט פאַרגינען די רייכקייט... און תּמיד געווען אומצופרידן...

ער מיט רוזשען זענען אויך געווען אונטערפירער ביי אייניקע פון די דאָזיקע מענטשן און גענומען קוואַטערשאַפט ביי די ערשט־געבוירענע. נו, גאָט צו דאַנקן, אַבי ער האָט נישט איינגעפלאַנצט קיין שלעכטס אין די דאָזיקע מענטשן...

עמעצער פון זיי האָט צעפּראַלט דאָס טירל פון אויטאָמאָביל און אויף גוואַלד אַרויסגעפירט עליאַסן. ער האָט פאַרלוירן געשמייכלט און געזוכט דאָס אייניקל.

אָבער דווידקע איז אַוועק און האָט צו וויסן געגעבן, אַז דער זיידע איז דאָ. ער איז תּמיד בייגעווען די קריגערייען צווישן זיינע טאַטע־מאַמע מיט דער מומע רבקהלען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַן עוולה קעגן דעם גוטן זיידן עלי און אַז איצט זענען די שכנים געקומען דעם זיידן אויסדריקן מיטגעפיל...

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און רבקהלע איז געקומען צו לויפן מיט דווידקען, האַלטנדיק אים פאַר אַ האַנט. עליאַסן האָט אַ זעץ־געטאָן אין האַרצן. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער דער רינג פון מענטשן אַרום איז געוואָרן ענגער, פעסטער. רבקהלע איז געוואָרן קריגערישער און פול

מיט כוח. זי האָט מיט אַן עלנבויגן זיך דורכגעבראָכן אַ וועג צום טאַטן. זי האָט אים אָנגענומען אונטערן אָרים און אויסגערופן:

— קום, וואָס האָסטו זיך דאָ אָוועקגעשטעלט?

ער האָט געפּרוווט זיך באַפרייען פון איר באַצווינגעריש הענטל און האָט געזאָגט אין יידיש, כדי די קריסטלעכע שכנים זאָלן נישט פאַרשטיין:

— שלעפּ מיך נישט, דו רשע! ברענג מיר אַהער מיין טלית און תפילין!

— זאָל דער אַלטער נישט נאָכגעבן! — האָט אַ פּרוי אויסגעשריִען הייזעריק.

— דאָן עליאַס איז נישט קיין יאָלד, ער וועט זיך נישט לאָזן אָפּ־נאַרן!...

אין רבקהלעס פלינקע אייגעלעך האָבן זיך באַוויזן טרערן. זי האָט זיך אָנגערופן אין איר צעבראָכענעם יידיש:

— טאַטע, דיינע נעכטיקע שונאים האָבן רחמנות אויף דיר?... זיי ווילן נאָר, אַז דיינע קינדער זאָלן ווערן געבראָכן...

עמיצער פון די שכנים האָט געהויבן קעגן איר אַ פויסט און זיך געבייזערט:

— זאָל די דאָקטערשע רעדן שפּאַניש! די פאַלשע קאַץ!...

עליאַסן איז געוואָרן נישט גוט. דער מיטגעפיל פון די שכנים און זייער כעס צו זיינע קינדער האָבן אים צעמישט. ער האָט מורא באַקומען פאַר זיין שוואַכקייט.

רבקהלע האָט געציטערט פון אויפרעגונג:

— טאַטע, עס וועט מיר לאָפּנען דאָס האַרץ! טאַטע!...

עליאַס האָט זיך מיטאַמאָל אַ ריס־געטאָן פאַראויס און די שכנים האָבן געפּאַטשט בראַוואָ און זיך געפרייט מיט זיין עקשנות. אָבער גראָד אין דער מינוט איז אָנגעלאָפן שימעלע און אים פאַרשטעלט דעם וועג.

אין זיין גאַנצער אָנגעשטרענגטקייט און צעטראָגנקייט האָט עליאַס דאָך באַמערקט, אַז שימעלעס אויגן האָבן זיך געריסן פון די טיפע אויס־שניטן און זיין פּנים איז באַגאָסן מיט ריטשקעס שווייס. אַ באַווייז, אַז שי־מעלע איז צענומען פון אויפרעגונג.

— קום, טאַטע! — האָט דער זון גוטברודעריש אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף עליאַסעס פעסטן אַקסל. — קום!...

דעם זונס זיכערקייט, דער באַפעל זיינער האָבן ווידער אָנגעצונדן עליאַסעס כעס. ער האָט זיך צעהוידעט אויף זיינע הויכע צענומענע פיס

און זיינע פריש־געראַזירטע באַקן. די ליפּן האָבן אונטערגעציטערט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט געבעטן, מען זאָל אים מיט עפּעס אַרויס־העלפן.

שכנים האָבן אַרויסגעלאָזט בייזע בלעזלעך דורך די צעפּאַכטעטע נאָז־לעכער און מיט זייערע רויטע נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן אים געהייסן שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און געפּרוווט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם זונס אײדל אָבער גענוג־שטאַרקע מענערישע האַנט.

— וואָס מיינט ער זיך, דער פאַרדריפּעטער דאָקטער? — האָט עליאַס געטראַכט און זיך געשטיקט מיט זיין אויפגעברויזטן צאָרן. — דער מיער־זאַוועץ מיט זיין שוועסטערל, ש... מאַט ניעכאַי, מיינען, אַז דער טאַטע איז טאַקע נישט מער ווי אַ גראָבער יונג, אַ קאַמבאַלאַטשניק, מיט וועמען מען קען זיך געבן אַן עצה... יאָרן און יאָרן האָט דער געלערנטער בנאַק מיט זיין שוועסטערל געטראָטן אויף דעם טאַטנס כבוד און אויף זיינער אַ קלוגער עצה. זיי האָבן געמיינט און מיינען נאָך אַוודאי איצט, אַז קיין קליגערס און קיין געראָטענערס פאַר זיי איז נישטאָ... און איך האָב, אַ דאַנק דעם אויבערשטן, געהאַט גענוג כוח צו פייפן אויף זייער טאַטן און אויף מיין פּראַצע... איך האָב געראַטעוועט מיין האָנאָר, איך בין אַ מאַנס־פּאַרשוין מיט אַן אייגענעם שכל, מיט אַן אייגענעם גאַנג אין לעבן, און איך וועל נישט לאָזן, מען זאָל מיך פאַרשעמען... מיך ווידער פאַרשטעקן ביין איילן אין דער ערד...

— דו, דו!... — האָט ער אויסגערופן מיט צאָרן און אַראָפּגעריסן פון זיך דעם זונס באַצווינגעריש הענטל. — שלעפּ מיך נישט ווי מען שלעפּט אַ שיכור... איך האָב נישט וואָס צו טאָן ביי דיר אין שטוב. גיי, ברענג מיר דעם טלית מיט די תפילין.

— טאַטע! — האָט שימעלע אויסגערופן אין ייִדיש און אים אַריינ־געקוקט טיף אין די אויגן. — טאַטע, אַלץ איז געבליבן ווי דו האָסט עס אונדז איבערגעלאָזט. אַלץ איז דיינס!...

— איך האָב שוין אַ היים! איך וויל מער נישט זיין קיין קאַמבאַלאַטש־ניק!... איך האָב מער נישט קיין קינדער צו מאַכן זיי פאַר גרויסע לייט... איך וויל מיר ווערן אַ דאָרפס־ייִד און נישט מער.

דערווייל זענען צוגעקומען דער איידעם מיט דער שנור. זייערע פּני־מער זענען געווען פול מיט ווייכע שמייכעלעך. דער איידעם האָט אַריינגע־

וואַרפן אַ בינטל שליסעלעך אין קעשענע פונעם אַלטנס רעקל און זיך אָנגערופן:

— געוווג! קומט! די אייניקלעך וואַרטן אויף דעם זיידן.

שימעלע האָט צוגעגעבן:

— טאַטע, מיר ביידע, איך און דיין אידעם, זענען יידישע דאָקטוירים. מיר ווינען דאָ צווישן גוים... זיי פאַרשפּרייטן שלעכטע קלאַנגען, און צוליב אונדז ווערן אַלע יידן פאַראַכטעט...

עליאָסן איז געוואָרן ענג אינעם האַרצן. ער האָט נישט געוווסט, צי זאָל ער זיך פרייען, אָדער גאָר באַדויערן, וואָס דער זון האָט אים איצט אַוועקגעשטעלט ווי קעגן אַן אייזערנער וואַנט. דער כעס אין אים איז בעוואָרן שטילער. דערצו האָט זיך אים געדאַכט, אַז רוזשע האָט זיך אַריינגעשטעלט צווישן אים מיטן זון און זי האָט געוואָרנט:

— עלי, עליאָס, ווילסט אויסקוילען מיינע גראַטענע קינדערלעך? אַ מכה דער מאַמען פאַר זיי!... עליאָס, גאָט וועט דיך פאַרשעלטן און איך — אויך...

אין זיין אויג־ווינקל איז געבליבן שטעקן אַ טרער. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ געטרייע האַנט אויף דעם זונס אַקסל און זיך אָנגערופן:

— נו, געוווג, שימעלע!...

ער האָט נאָכדעם צוריק אַרויסגעצויגן פון קעשענע דעם בונט שליסלען און זיי אַריינגעוואָרפן אין דער קעשענע פון דעם זונס ווייסן דאָקטערשן כאַלאַט. ער האָט אַ זאָג־געטאָן אין שפּאַניש:

— איצט, מיין זון, איז שניט־צייט. איך מוז די טעג פאָרן צוריק. נו, וואָס איז די איילעניש? איך וועל מיך, מסתמא, אַראָפּכאַפּן אַהער און מיר וועלן אַלץ דערליידיקן ווי עס פּירט זיך ביי לייטן...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און אַ מאָדנע לייכטקייט, אַ רויקייט האָט אַראָפּגעשיינט פון זיין צעשמייכלטן פּנים. ער האָט געזען די אַנטוישונג אין די אויגן פון זיינע שכנים, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן זיי. אַלץ איז אים פאַרגעקומען ווי אַ חלום. ער איז ביז ערשט געווען ווי אַן אויסגעלאַכטער נאַר און דערצו אַ באַגזלטער. און איצט האָט זיך דאָס רעדל איבערגעדרייט צום גוטן... איי, איי! — האָט עליאָס אַריינגעזיפצט אין זיך און ער האָט באַדויערט, וואָס זיין רוזשע האָט נישט דערלעבט דעם נחת צו זען די קינדער אַזוינע נאַכגיביקע און ביים פולן שכל...

— נו, אפשר איז געווען כדאי דאָס גריזעניש! — האָט ער אַ זאָג־געטאָן ווי צו זיך אַליין און געלאָזט די קינדער זאָלן אים אַריינפירן אין זייער שטוב.

***

חוהלעס קינדערלעך האָבן געוויינט און נישט שיינדעלע און נישט די מאַמע האָבן זיך געקאָנט געבן אַן עצה, ווי אַזוי די קינדער איינצונעמען. עס איז געווען שפּעט, שוין נאָך עלף דעם זייגער. די קינדער זענען געווען שלעפעריק און מיד. דאָס זאַלכל איז געווען פול מיט שכנים, מיט רעש, היץ, פליגן און מאָסקיטאָס. חוהלע האָט זיך געפּאָרעט ביים איינפּאַקן אין אַ קויש פּעקלעך מיט נאַשוואַרג, וואָס ווייבער האָבן איר געבראַכט און אויך לייכטע קליידעלעך פאַר די קינדערס וועגן.

זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרויען רייזע־מאַנטל מיט ווייסע קנעפּ און מיט אַ קיילעכיק היטעלע אויפן קאָפּ. די קינדערלעך זענען געווען אָנ־געטאָן אין ברייטע קימאָנע־מענטעלעך פון זעלבן קאָליר און מיט היטעלעך.

פריידע האָט אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק, געהוידעט אויף די הענט די קליינע רוזשעלע. שיינדעלע האָט געהוידעט דאָס יינגעלע, אים געשטופּט אין מיילעכל אַ ניי גומעלע, אָבער דאָס קינד האָט עס אויסגעשפּיגן און מיט געשוואָלענע וויעס פון וויינען און אַ מידס פאַרגראָבן דאָס קעפּל אין איר ברוסט און געקרעכצט ווי אַ זקן.

חוהלען האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס שלעכטס וועט נאָך היינט פּאַר־קומען מיט איר. דער פעטער עליק האָט דאַרטן צו וויסן געטאָן סיאָמען וועגן איר אַפּפאָרן און איר מאַן וועט באַלד אָנלויפן און צונעמען ביי איר די קינדער און דאַן איז אויס מיט איר דערוואַרטונג און מיט איר לעבן. זי וועט מוזן בלייבן דאָ, אָבער צום מאַן וועט זי נישט גיין צוריק! ניין און ניין!...

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן זי אָנגעפּילט מיט אַ קרענקלעכער שרעק. אַ שוויס האָט באַגאָסן איר פאַרפלאָמט פּנים. זי האָט זיך געווענדט צו פריידען:

— איך וועל מער נישט וואַרטן! די שיף גייט אָפּ צוועלף אַזייגער.

זי האָט אויפגעהויבן איר קעסטל, וואָס איז געווען פאַרשלאָסן מיט דעם קליינעם היימישן שלעסל. זי האָט דאָס קעסטעלע אַרונטערגערוקט אונטערן אָרים און גענומען אין איין האַנט דעם פולן קויש, זיך צום לעצטן מאָל אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך און זיך געלאָזט צו דער טיר.

שיינדעלע מיט פריידען האָבן איר פאַרשטעלט דעם וועג. ווייבער האָבן זיך איבערגעוווּנקען און זי באַפאַלן מיט אַ קושעניש, אַ ווינטשעניש, געווישט די אויגן, די נעז און צום סוף האָבן אַלע אָנגעהויבן וויינען.

פונקט דאַן איז אַריינגעקומען עליאַס. פריידע האָט אָנגעהויבן ברעכן פּיסקעס און ברוגזלעך געפרעגט:

— זוו, עליק, ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן, האַ? דאָס חיות איז מיר שיער אויסגעגאַנגען פון זאַרגעניש!... אַ מענטש גייט אַוועק אויף אַ האַלבער שעה און קומט צוריק אַזוי שפּעט...

עליאַס האָט געדלובעט מיט אַ פוס אינעם דיל און געשמייכלט. חוהלע האָט אים אָפּגעגאָסן מיט ימים ליבשאַפט פון אירע ווייכע בליקן און זיך אָנגערופן:

— פּעטער, דיין רופא האָט שוין אויסגעהיילט דיין האַרץ, האַ?...

עליאַס האָט אַ קוועטש־געטאָן מיטן אויגן־ווינקל, צוגענומען ביים ווייב חוהלעס מיידעלע און איר בגנבה אַ קניפּ־געטאָן אין גראָבן פליש.

פריידע האָט אַרויסגעלאָזט אַן „אוי" און מיטן פינגער אים געוואָרנט.

די ווייבער מיט די מיידן האָבן זיך צעשמייכלט און איינציקווייז זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן פונעם זאַלכל. חוהלע איז זיי נאָכגעגאַנגען און אַ צעשראָקענע גערופן:

— פּעטער! גיכער! גיכער! די שיף וועט אָפּגיין, בין איך אַ פאַר־לוירענע...

**
*

ביים טראַטואַר איז געשטאַנען זיין צעפּאַרענער אויטאָמאָביל. עליאַס האָט זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט ביים רעדל און בשעת די ווייבער מיט שיינדעלען האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די הינטערשטע זיץ־פּלעצער, האָט זיך עליאַס צעזונגען זיין באַליבט ניגונדל. ער האָט מיט איין האַנט אַ דריי געטאָן דאָס רעדל און מיט דער אַנדערער געטוליעט צו זיך די קליינע רוזשעלע.

חוהלע האָט דורך דעם אָפענעם פענצטערל אַרויסגעקוקט אויף די באַלעבטע גאַסן. זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז זי האָט טאַקע דורכגעלעבט אַזוי פיל יסורים, שרעק, בענקעניש און באַליידיקונגען און אַז איצט וועט זי זיין לעבן טאַטע־מאַמע, לעבן איר ברודער איציקל און צווישן אירע חברטעס און חברים.

זי האָט אַ קוק־געטאָן אויף פריידען, אויף שיינדעלען און האָט אַרויס־

געפילט זייערע געדאַנקען. חוהלע איז געוואָרן אומעטיק, זי האָט זיך גע־שראָקן פאַר זיך אַליין.

— סיאָמע איז געבליבן אויפן שיידוועג, — האָט זיך פריידע אָנ־גערופן. — איך האָב אים געוואָרנט, דעם ביטערן עקשן און ער האָט מיך געמאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך.

חוהלען זענען געקומען טרערן אין די אויגן. זי האָט גערעדט ווי צו זיך אַליין: — אוודאי וועט ער ליידן... איך וועל אים שרייבן... איך וועל אים בעטן, ער זאָל מיר מוחל זיין... צו וואָס באַדאַרף מען האָבן אַ ווייב, וואָס קען נישט אַנטקעגנקומען דעם מאַנס באַדערפענישן?... סיאָמע וועט זיין גליק געפינען... איך וועל בעטן גאָט, אַז ער זאָל אים פאַרגיטיקן פאַר אַלע זיינע אומזיסטע ליידן...

— יאָ, אָבער דערווייל איז ער געבליבן אויפן שיידוועג... — האָט פריידע אַ בורטשע־געטאָן און געטאָרעט דעם מאַנס אַקסל.

עליאָס האָט אַן אויפגעלייגטער גערעדט צו דער קליינער רוזשעלע און צוגעסווישטשעט דעם ניגון פון אַ דאַינע. ער איז געפאָרן נישט איילנ־דיק זיך, ווי עס וואָלט אים געווען אַ שאָד אָוועקצולאָזן פון זיך דעם ברו־דערס קינד, צו וועלכן ער האָט זיך צוגעוווינט און גערעדט מיט איר ווי מיט אַ דערוואַקסענעם דערפאַרענעם מענטשן. ער האָט נישט געענטפערט, ווען פריידע האָט זיך אָנגערופן: — עליק, וואָס ביסטו אַזוי צעיאַכמערט, האַ?...

אַז זיי זענען צוגעקומען צום פּאָרט איז שוין געווען נאָנט צו צוועלף. חוהלע מיט דעם קעסטעלע אונטערן אָרים האָט זיך קוים דורכגעשלאָגן אַ וועג צו דער שיף. שיינדעלע האָט איר נאָכגעטראָגן דעם שטרויענעם קויש מיט אירע זאַכן און פריידע מיט עליאָסן האָבן זיך נאָכגערוקט מיט די קינדער אויף די הענט.

זיי זענען געווען באַגאָסן מיט שוויס. פון ים האָט אויף זיי געשלאָגן אַ וואַרעם ווינטעלע, אָן אָנגענעמס מיט ריחות פון ים־וואַסער, פון פיש און איבערגעפוילטע דעמבעס. קליינע שיפלעך האָבן זיך געוויגט אויף די צעקלויצעטע ים־ברעגעס. דער הימל איז, ווי אַ גרויער נעפל געהאנגען גאָר נידעריק און די לבנה, ווי אַ געלער חלול, האָט באַלויכטן די שיין פון די ים־טורעמלעך, וועלכע האָבן געזונקען און זיך ווידער אויפגעהויבן פון די גרויסע פחדימדיקע כוואַליעס.

חוהלע האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער ענגשאַפט אָרום איר. זי האָט געקוקט אין אַלע זייטן און מורא געהאַט, אַז סיאָמע איז פאַר־

שטעקט צווישן דעם געדרענג און ער וועט באַלד אַרויסשפּרינגען און זי פאַרהאַלטן. זי האָט זיך געריסן פאָרויס, פאָרויס!...

ביים בריקל פון דער שיף האָט אַ ציוויל-געקליידטער מאַן זי אָפּגעשטעלט און געמאָנט ביי איר דעם פּאַספּאָרט מיט דער שיפסקאַרטע. חוהלע האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין שטרענגען פאַרשנדיקן בליק און האָט אָנגעהויבן נישטערן אין די קעשענעס פון איר מאַנטל. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל, אויפגעשלאָסן איר קעסטעלע, איבערגעדרייט אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען און די פּאַפּירן נישט געפונען.

זי האָט אַ פאַרצווייפלטע זיך אומגעקוקט צו איר פעטער און געזען, אַז אויך ער איז אומרויִק. עליאָס האָט געהאַלטן אין איין ווישן דעם שווייס פון פּנים און פון האַלדז. ער האָט מיט זיין ווייכן בליק איר געהייסן זיין רויִק, אָבער חוהלע איז געוואָרן צעמישט און טרערן האָבן אָנגעהויבן פליִיצן פון אירע אויגן. מענטשן פון אַרום האָבן זיך איבערגעקוקט און רחמנותדיק געשמייכלט.

שיינדעלע האָט איר צוגעטראָגן דעם גרויסן קויש און ביידע האָבן אָנגעהויבן גיך אַרויסצוואַרפן דאָס נאַשוואַרג, די שמאַטעס, זייף, אַ האַנטוך און הייזעלעך מיט העמדעלעך פאַר די קינדערסוועגן. העט אויפן סאַמע גרונט פון קויש זענען געלעגן די פּאַפּירן מיט דער שיפסקאַרטע. חוהלע האָט זיי דערלאַנגט דעם ציוויל-געקליידטן מאַנספאַרשוין, וואָס האָט פון איר נישט אַראָפּגענומען זיינע פאַרשנדיקע אויגן, ווי ער וואָלט געפילט, אַז זי איז נישט אינגאַנצן כשר...

חוהלע האָט דערוויל פאַרשלאָסן דאָס קעסטל, עס גענומען אונטערן אָרעם און אויך צוגענומען פון שיינדעלעס הענט דעם קויש, וווהין זי האָט צוריק אַריינגעוואָרפן אירע זאַכן.

די שיף-סירענע האָט אָנגעהויבן רעווען, פון די היִיכע קוימענס האָט זיך אָנגעהויבן רייסן אַ הייסע פּאַרע, אַ פייפעריי און אַ בלאָזעניש. חוהלען האָט זיך געדאַכט, אַז די ערד האָט אָנגעהויבן ציטערן, ווי עס האָט געציטערט איר דערשראָקן האַרץ.

אַ יונגער אָפיציר אין אַ ווייסן ספּאָרט-אַנצוג מיט געלע עפּאָלעטן אויף די אַקסלען האָט אַראָפּגעשריִען פון דער שיפס-גאַלעריע:

— גיכער, גיכער! אין דער לעצטער מינוט קומט מען צוגיין און דערצו מיט אַ קעסטל און מיט אַ קויש אין די הענט...

חוהלע האָט ווידער אַ קוק-געטאָן צום פעטער און האָט זיך אַ לאָזגעטאָן אויפן בריקל. זי איז אַריין צווישן די רייזנדיקע, וואָס האָבן זיך

געשפּאַרט צום װענטל פון דער גאַלעריע און אַראָפּגעשריגן צו זײערע פּרײַנט, װאָס זענען געבליבן אונטן:

— צום װידערזען, דזשוליאַ! זאָלסט שרײַבן אָפט!...

— פראַנציסקאַ! פאַרגעס מיך נישט! — האָט אַ מײדל אַראָפּגעשריען צו איר חתן, װאָס איז געפאָרן צוריק קיין איטאַליע.

— אוי, מײנע קינדערלעך! — האָט חװהלע אָנגעהויבן שרײַען. — פּעטער עליק, גיכער!...

זי האָט אַראָפּגעשטעלט דאָס קעסטעלע און אויף דעם דאָס קוישל און זיך געלאָזט לויפן צוריק. עס איז געװאָרן אַ געלעכטער. דער אָפיציר האָט זיך געבײזערט און אַ זאָג־געטאָן:

— אָט װעל איך דיר ברענגען דײַנע קינדערלעך. דו קענסט שוין נישט אַראָפּגיין צוריק.

זי איז געבליבן צעמישט און געזען, װי דער פּעטער האָט זיך געאַמפּערט מיטן אָפיציר און קוים געפּועלט, אַז ער אַליין, עליאַס, זאָל אַרויפברענגען די קינדערלעך און זיך קענען געזעגענען מיט זײַן פּלימעניצע. ער האָט געסאָפּעט, געקרעכצט און שפּאַנענדיק אויפן לײטער האָט ער געבערדט צו חװהלען:

— זאָלסט אַראָפּגיין אין איטאַליע און זיך קויפן אַ לײַטיש מלבוש, געדענק. זאָלסט נישט אויסזען אויף חוזק. קומסט פון אַ רײַך לאַנד, פון אַ רײַכן פּעטערס שטוב...

זי האָט צוגענומען בײַ אים די קינדער און געשמײכלט דורך טרערן. עליאַס האָט צענומען בײדע הענט, זיך צעהוידעט אויף זײַנע הויכע פיס און זיך געגרייט צוצופאַלן צו איר. אָבער דער אָפיציר האָט זיך אַרײַנגעשטעלט צװישן זײ בײדן און האָט געשריען:

— גײ, גײ אַראָפּ, אַלטער! מיר מוזן שוין אָפּטשעפּען דעם לײטער.

עליאַס האָט געמוזט גײן צוריק און נאָך אים זענען געלאָפן מחנות יונגװאַרג, װאָס זענען געקומען אַרויסבאַגלײטן פרײַנט און חברים, אַמערסטן סטודענטן, װאָס זענען געפאָרן קיין פּאַריז און איטאַליע. צװײ פּאָרט־אַרבעטער האָבן אַװעקגענומען דאָס בריקל און װידער האָט זיך דערהערט אַ שנײַדנדיקער פײַף און גרויע װאָלקנס רויך האָבן זיך געטראָגן העט־װײַט...

די שיף האָט געטאָן אַ ציטער, װי אַ מענטש, װעמען מען רײַסט אַרויס אַ צאָן פון מויל. זי האָט זיך צעװיגט און פּאַװאָלינקע אָנגעהויבן אָפּגײן פון ברעג. זי האָט זיך אַרײַנגעשניטן אין די געלע צעברויזטע כװאַליעס.

חוהלע האָט געזען, ווי פריידע מיט שיינדעלען האָבן געפּאָכעט מיט די נאָזטיכלעך. דער פּעטער האָט געפּאָכעט מיט די הענט:

— פאַר־געזונט, חוהלע, און דערציייל דאָרטן מיין ברודער הערש־יאָסל, וואָס מיר האָבן דאָ געהאַט אויסצושטיין צוליב דיר.

— פּעטער עליק!...

זי האָט צוגעטוליעט צו זיךביידע קינדערלעך און אירע בליקן האָבן אָנגעהויבן בלאָנדזשען העט־ווייט. אַ בענקשאַפט האָט אָנגעפילט איר האַרץ, אַ בענקשאַפט נאָך דעם פּעטער, דער מומע רוזשען, פריידען, שיינדעלען און נאָך אַלע די, וואָס האָבן איר אַמאָל געשאָנקען אַ וואַרעמען בליק, אַן ערלעך וואָרט. און מער ווי נאָך די מענטשן האָט זי געבענקט נאָך דער שטאָט, צו וועלכער זי האָט זיך נישט געקענט צובונדן און וואָס האָט איר צעשטערט אַזוי פיל אילוזיעס און האָפענונגען...

דער ווינט איז געוואָרן קילער און צווישן אַלע קולות, וואָס ער האָט נאָכגעטראָגן דער שיף, האָט חוהלע דערהערט דאָס קול פון איר מאַן:

זי האָט אָנגעהויבן וויינען און לאַכן... זי האָט אָנגעשפּיזט די אויגן אין דער ווייטער גרויקייט און האָט אים באַמערקט אַרומלויפן אַרום דעם ראַנד פון ברעג. אונטער איין האַנט האָט ער געטראָגן אַ פּעקעלע און אין דער אַנדערער האָט ער געהאַלטן אַ טוך און געפּאָכעט מיט איר אין דער לופט, שרייענדיק:

— חווה, חוהטשעלע!...

זי האָט צוגעלייגט איר פּנים צו די קעפּלעך פון אירע קינדערלעך און זיך צעכליפּעט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז סיאָמע האָט, ענדלעך, נאָכגעלאָזט זיין רוגז און ער האָט איר געוויס אָפּגעבראַכט דאָס ביסל צירונג, די חתונה־מתנות און האָט מיט דעם געמיינט אָנצוקניפּן מיט איר דאָס איבערגעריסענע לעבן. די שכנים האָבן אים אוודאי געזאָגט, וווהין ער זאָל לויפן זי זוכן...

זי האָט געזען ווי די שיף האָט זיך אַריינגעשניטן צווישן די כוואַליעס. די גרינע און רויטע ליכט ווי אויגן פון די ים־טורעמלעך האָבן זיך גע־וויגט ווי שיכורים. דער עולם ביים ברעג איז געוואָרן שיטערער. נאָר סיאָמע איז דאָרטן געבליבן. ער איז געוואָרן קלענער און גאָר קליין ווי אַ זייפן־בלאָז אין אַ גלאָז וואַסער. נאָר זיין געשריי איז געבליבן הענגען אין דער לופטן, איז נאָכגעלאָפן דער שיף און איז ווי סם אַריינגעדרונגען אין חוהלען. זי האָט געוויינט און געטראַכט:

צו שפּעט האָט איר סיאָמע אַרויסגעוויזן אַ געפיל פון אַ מאַן, וואָס

קען באמת נישט זיין אָן זיין פרוי... אפשר, ווען ער טוט עס פריִער; אפשר וואָלט ער איצט געווען מיט איר דאָ אויף דער שיף; אפשר וואָלט זי געווען געווירקט און געפּועלט, ער זאָל איבערלאָזן די שטיקלעך אייזן און פאָרן מיט איר און ווערן אַן ערד־אַרבעטער?...

איצט איז שוין צו־שפּעט. — סיאָמע איז געבליבן אויפן שייד־וועג.

(סוף)

פון דער זעלבער מחברן:

צווישן קראַנקע (שפּיטאָל־רעפּאָרטאַזשן)
וואָס מיין פריינט האָט דערציילט (דערציילונגען)
בעסאַראַביע 1918 (ראָמאַן)
מיין שטעטל יעדינעץ (ראָמאַן אין צוויי בענד)
צווישן בערג (דערציילונגען)
מלחמה־יאָרן 1918—1914 (ראָמאַן)
די מוטער רחל (ראָמאַן אין צוויי בענד)
אונטער די בלויע אַרגענטינער הימלען (ראָמאַן אין צוויי בענד)
דאָס לעבן פון אַ פּרוי (נאָוועלע)
אויפן שיידוועג (ראָמאַן)
PASCUA SANGRIENTA

אין צוגרייטונג:

צווישן קראַנקע (צווייטע אויפלאַגע).

מיין הארציקן דאַנק דעם בעסאַראַבער לאַנדסלייט פאַראיין און פאָלגנדע פערזאָנען, וועלכע האָבן מיר צוגעהאָלפן צום אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע ווערק:

בעסאַראַבער לאַנדסלייט־פאַראיין:

סימאָן האָרנשטיין
יעקב פערדמאַן
מאַנועל גרינשפון
סאַמועל סטראַסנאָי.

איסאַק באַנדאַר
אין אָנדענק פון זיין פרוי
אירענע

שרה אַבראַמאָוויטש
אין אָנדענק פון איר מאַן
נאָום לעווין

קלאַראַ ראָזנבערג
אין אָנדענק פון איר מאַן
מאַרקאָס

פאַני בערוויקונקין
אין אָנדענק פון איר מאַן
יוסף

אַלטער יחיאל און כעלאַ לופּקאַ
אין אָנדענק פון זייער קינד
מאַלקעלע

פרוי קאַראָלאַ
אין אָנדענק פון איר מאַן
יעקב בערלינער

אברהם סאַנדלער

פאַני גלאַסער
אין אָנדענק פון איר פאָטער,
דעם דיכטער יעקב שטרייכער

יעקב און שיינע־זיסל זילבערמאַן
איסאַק פּאַכאַמאָווסקי
צעשע רוזאַל

קלאַראַ
אין אָנדענק פון איר מאַן
אַדאָלפאָ בראָונשטיין

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright 1958 by:
Golde Gutman (Krimer)
BUENOS AIRES

Hecho el depósito que previene la ley 11.723
IMPRESO EN LA REPUBLICA AGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de junio de 1958, en los Talleres Gráficos "Zlotopioro Hermanos", calle San Luis 3149, Buenos Aires - Rep. Argentina.

GOLDE GUTMAN (KRIMER)

EL CAMINO INDECISO

(OIFN SCHEIDWEG)

ROMANCE

●

BUENOS AIRES
1958